STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07558

KNEKHT ZENEN MIR GEVEN

Avraham Zak

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם זאַק

קנעכט זענען מיר געווען

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

126

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

אברהם זאַק

קנעכט זענען מיר געווען

באַנד איינס

◆

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1956 — תשי״ז

אינהאַלט פֿון באַנד איינס:

אין היימישע שטעט

	זייט
פֿאָרוואָרט פֿון מחבר	7
אויף יענער זייט בוג	13
אין שרייבער־הויז	17
אויף סטאַראָבאָיאַרסקאַיאַ	21
ביי זעליק אַקסעלראָד	24
איבער ביאַליסטאָקער גאַסן	28
אַ באַגעגעניש מיט פּסח קאַפּלאַן	31
אויף די באַזאַרן	35
געסט פֿון לעמבערג	36
אין היימישן גראָדנע	39
דאָס „גליקלעכע לעבן“...	43
איך זוך אַ „תכלית“	47
אין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו“	50
וואָס רעדט מען אין שטאָט?	56
ווידער אין ביאַליסטאָק	59
וואָס שרייבער דערציילן	62
אויפֿן פּאַרס פֿון וואַלן	66
דאָס אומעטיקע ניי־יאָר	68
צווישן די „בלאָנדזשענדיקע שטערן“	71
די ערשטע עשאַלאָנען...	74
די שטאָט איז שטום געוואָרן...	76
דאָס פֿאַרשעמטע ייִדישע לשון	80
עס קומט די פּרעמיערע!	83
ווי זשע לעבט מען?...	88
וואָס זאָגסטו, עליזאַ אָזשעשקאָוואַ?	93
אַ גרוס פֿון „יענער זייט“	97
אין קאַפּעען	101
אשרי יושבי ביתך...	104
די פֿאַרענדערטע שטאָט	108
אַ „גאַסט“ פֿון אוראַל	112
די ניידוס־גאַס	115
מיט דער חברה ציגיינער	120
אַ נאַכט אין דער אכסניה	123
„מיין פּרעמירטער פּאָעט“	126
די „געפֿאַלענע טעמפּעראַטור“...	128
פּליטים קלאָגן...	131
אַ סיורפּריז	134
איך צי „קאָנסעקווענצן“	138
ווען דער ניעמאַן האָט זיך צעגאָסן...	141
„איך האָב מיך אַריינגעדרייט“...	144
אַ פֿאַרשפּעטיקטע „ליבע־דערקלערונג“	147
אַ קאָמעדיע, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ תליה	151
„דאָס גליק איז שוין געווען אַזוי נאָענט“...	157
אין דער אַלטער היים	159
אויף די אַלטע, ליבע געסלעך	167
אַלע וועגן פֿירן צום בית־עולם	174
אין אַ נאַציאָנאַליזירטער אַפּטייק	176
מיין קוזינקע פֿון „מאַסלאָפּראָם“	183
דער אָרעמער יום־טוב־טיש	188
אַ בריוועלע פֿון וואַרשע	190
די מיליץ רופֿט!	192
מען גייט „באַפֿרייען“ ליטע...	194
די בשורה ביים ניעמאַן	196
טעג פֿון מהומה	199
מיינע לעצטע פֿרייע טעג...	204
הינטער די קראַטן	209

זייט

אין די „פיר אותיות" — — — — — 215
אין גראָדנער תפיסה — — — — — — 223
צעלע 16 — — — — — — — — 225
און אַז טאָג איז געקומען — — — 229
געשרייען אין דער נאַכט — — — 233
עס קומט מיין ריי — — — — — — 238
דער אָוונטיקער „אַפּעל" — — — — 241
אַ גרוס פון זלמן רייזען — — — — 243
טעג און נעכט — — — — — — — 246
איך רייד „צו דער לאָמפּ" — — — 253
אַ נאַכט אין תפיסה־קעלער — — — 255
ווידער אין די תפיסה־קעטשלעך — — 258
אין אַרעסטאַנטן־צוג — — — — — 262
אין אומבאַקאַנטן וועג אַריין — — 269
אַ סצענע פון נאַקעטקייט — — — 272
די ערשטע נאַכט אין עשאַלאָן — — 276
אַדיע, ביאַליסטאָק! — — — — — 278
פאַרשוועכטע פּאָנען — — — — — 286
אויף סאָוויעטישער ערד — — — — 288
דער וואַגאָן זינגט — — — — — — 290

זייט

ווידער די קללה: וואַסער! — — — 292
אַ טאָג אויף מינסקער וואָקזאַל — — 297
דורך די ווייסרוסישע פליינען — — 301
סצענעס אין וואַגאָן — — — — — — 305
סאָוויעטישע שטעט דורכן פענצטער — 307
די „אסיפה" אין וואַגאָן — — — — 312
אַ ייד שטאַרבט אין טלית — — — 314
טיפער אויף צפון — — — — — — 318
אין האַרץ פון די לאַגערן — — — 321
אין קאָטלאַסער עטאַפּ־זאָנע — — — 323
נישט אויסגעהאַלטן דעם „עקזאַמען"... 330
וויצן, וואָס מאַכן טרויעריק — — — 334
וואָס אַ בעדער דערציילט — — — — 338
מיט דער וויטשעגדאַ — — — — — — 342
מענטשן פאַרמיאוסן די שיינקייט — 346
קלאַנגען פון אַ פידל — — — — — 348
די נייע „אכסניה" אין אוסטווים — 352
מיר „טאַנצן" אַריין אין קניאַז־פּאַ־
גאָסט — — — — — — — — — 356
מיר זעען די מענטשן אין יאַך — 361

פאָרוואָרט

אין אַ שנייאיקן דעצעמבער־טאָג פון 1939 בין איך אַנטלאָפן פון אָקופּירטן וואַרשע, פון די „ברוינע בעסטיעס". עס האָט געטריבן דער געשפּענסט פון טויט, פון אומקום... כ'בין געלאָפן צום בוג, צו דער גרענעץ, — אויף י ע נ ע ר ז י י ט. אונטערן „האַמער און סערפּ" האָב איך געזוכט און דערוואַרט שוץ פאַרן נפש און אַביסל רו פאַרן צערודערטן געמיט. כ'בין געקומען קיין ביאַליסטאָק, אין מיין היימישן גראָדנע. אין די אַלע היימישע יידישע שטעט האָבן כסדר און פון אַלע זייטן געקלונגען די ווערטער פון לאָקנדיקן ליד:

כ'האָב אַ לאַנד אַזאַ נאָך נישט געקענט גאָר,
וווּ ס'אָטעמט אַזוי פריי דער מענטש...

און ס'האָט זיך אין פלוג געטראַכט: אפשר?... אפשר איז דאָ טאַקע אַזוי ווי עס זינגט זיך אין ליד?...

אָבער גיך, גאָר גיך — ס'איז אַפילו קיין יאָר נישט פאַרביי — און מיינע דערוואַרטונגען האָבן זיך געענדיקט מיט דער טרויעריקער דערפאַרונג:

גראָדנער תּפיסה און קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע טייגעס פון קאָמי...

און אָט דער אומגעריכטער „עפּיזאָד" אין מיין לעבן מיט אַלע זיינע טראַגישע נאָכווייענישן און אויסוויקלונגען האָבן עס גורם געווען דאָס דאָזיקע ווערק. „קנעכט זענען מיר געווען" איז אַזוי־אַרום נישט קיין פּראָדוקט פון שרייבערישן כוח־הדמיון — ס'איז, צו דער חרפּה פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, די טרויעריקסטע וואָר.

כ'בין, בכן, נישט געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד ווי אַ טוריסט. מ'האָט מיך דאָרט נישט אַרומגעפירט וויזן די מוסטער־אַנשטאַלטן אין מאָסקווע צי לענינגראַד, ווי מ'איז זיך געוויינלעך נוהג מיט די

נישט צו־אָפטע אויסלענדישע געסט — פאַר מיר האָט מען אַראָפגענומען אַלע פאָרהאַנגען; מיר האָט מען געוויזן דעם גיהנום אַליין, דאָס מאַקאַברישע „ווערק" פון דער „ג. ק. וו. ד.", דעם עמק־הבכא הינטער שטעכיקן דראָט — די קאָנצלאַגערן, ווו עס לעשן זיך מיליאָנען לעבנס...

די סאָוויעטישע תפיסה און קאָנצלאַגער האָב איך געזען פון אַ י נ ע וו יי נ י ק, ווי איינער פון די מיליאָנען „זע־קאַ", די פאַרשלאָסענע קנעכט. כ׳בין דאָרט געווען ווי אַ היימישער, ווי אַ קנעכט צווישן קנעכט, אַ קרבן צווישן קרבנות; געטראָגן דעם זעלביקן יאָך ווי אַלע; אַדורכגעגאַנגען גלייך מיט אַלעמען דעם זעלביקן „וויאַ דאָלאָראָזאַ" פון סאָוויעטישער קאַטאָרגע. און ווען נישט אַ נס, וואָלט אויך מיין גורל געווען דער זעלבער וואָס פון די אַלע מיליאָנען שקלאַפן: פאַלן לסוף אונטערן יאָך; „אויסגעלייזט ווערן" אין אַ נאָמענלאָזן קבר אונטער אַ יאָלקע אין די שנייאיקע טייגעס פון ווייטן צפון...

דאָס דאָזיקע שלעכטס איז נישט נאָר דער פאַרברעך און די שאַנד פון יענעם ליגנערישן רעזשים, וואָס רעדט כלומרשט אין נאָמען פון באַפליגלטע פרייהייט־ און דערלייזונג־אידעאַלן — דאָס איז אויך, ווי געזאָגט, די חרפה פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, וואָס קוקט זיך צו מיט פאַרלייגטע הענט צו אַזאַ אכזריות־דיקן באַרבאַריזם ביי דער העלער שיין פון דער זון...

עס קאָן שוין איצט קיינס פון די פרייע פעלקער נישט פאַרענטפערן זיך, אַז עס ווייס נישט פון אַזאַ באַרבאַריזם — מער־ווייניקער ווייס שוין די גאַנצע פרייע וועלט וועגן דער עקזיסטענץ פון יענעם גיהנום דורך די על פי נס געראַטעוועטע פון דאָרט. צו אָט די ווייניקע געהער אויך איך, דער מחבר פון דאָזיקן ווערק. מיין אויסלייזונג האָב איך צו פאַרדאַנקען דער קאָנסטעלאַציע פון צופעליקע פאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן געבראַכט די אַזוי־גערופענע „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע" פאַר די פוילישע בירגער.

**
*

אין די קאַשמאַרפולע לאַגער־נעכט, אויף די האַרטע ברעטער פון די נאַרעס אין באַראַק, פלעג איך נישט איין מאָל איבערחזרן פאַר מײַנע שקלאַפן־ברידער:

— כ'וואָלט געוואָלט בלייבן לעבן און אויסגעלייזט ווערן נאָר צוליב איין זאַך — כדי אָנצושרייבן נאָך איין בוך. אַ בוך, וואָס זאָל דערציילן דער וועלט וועגן דעם גרויזאַמען פאַרברעך איבער מיליאָנען לעבנס.

און אַז דער נס איז געשען, און אַז כ'בין געבליבן לעבן און בין אויך אויסגעלייזט געוואָרן — האַלט איך וואָרט. איך האָב דאָס דאָזיקע בוך אָנגעשריבן. געשריבן נישט מיט טינט, נאָר מיט בלוט פון האַרצן. נישט ביי איין קאַפּיטל האָב איך, שרייבנדיק, נאָכאַמאָל איבערגעווייטיקט און איבערגעליטן יענעם קאַשמאַר. איצט בין איך שוין רואיק פּיי לגבי מיין אייגענעם געוויסן, פּיי לגבי מיינע געוועזענע שקלאַפן־ברידער, ווען איך האָב געגעבן מיין נדר. אגב: אַ גאַנצע ריי פון זיי האָב איך אָנגערופן מיט זייערע אויטענטישע נעמען, גלויבנדיק, אַז דאָס וועט זיי שוין נישט ברענגען קיין שאָדן, ווייל איך בין זיכער, אַז דער טויט האָט זיי שוין אויך „אויסגעלייזט"...

איך האָב דאָ דערציילט אַ סך, אָבער נאָך נישט אַלץ. איך האָב נאָר געשילדערט אַ טייל פון יענעם גרויסן שלעכטס — צי איז דען מעגלעך פאַר אַ יחיד אויסצושעפּן אַזאַ ים פון טרערן און פּיין?...

מיטן איבערגעבן דער עפנטלעכקייט די דאָזיקע טראַגישע מגילה איז דער מחבר דאַנקבאַר זיין שרייבערישער השגחה: זיינע ליידן און יסורים אינעם גיהנום פון קאַמי זענען נישט געגאַנגען לאיבוד...

***

„קנעכט זענען מיר געווען" דערשיינט אין צוויי בענדער: באַנד I — „אין היימישע שטעט" און באַנד II — „אין די טייגעס פון קאָמי". ביידע בענדער צוזאַמען זענען, לויט דער טעמאַטיק, אַ

זעלבשטענדיק ווערק און גלייכצייטיק בילדן זיי דעם צווייטן טייל פון דער טרילאָגיע „אַ וועלט גייט אונטער". דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע איז „וואַרשע 1939" (אויך אַ זעלבשטענדיקע אַר־בעט) און דער דריטער טייל, וואָס נעמט אַרום מיין רוסישן פּע־ריאָד נאָכן קאָנצלאַגער, וועט דערשיינען אויך ווי אַ באַזונדער ווערק אין אַ שפּעטערדיקן טערמין.

בכן, אַלע דריי טיילן פון דער טרילאָגיע זענען זעלבשטענדיקע ביכער און זענען נאָר כראָנאָלאָגיש געבונדן מיט די אויפטרייס־לונגען אין די טראַגישע יאָרן 1939—1945, ווען אַ וועלט האָט זיך געראַנגלט מיט אונטערגאַנג...

דער מחבר

בוענאָס איירעס, 1955.

I

אין הײמישע שטעט

1

אויף יענער זייט בוג

כ'בין דעם ערשטן טאָג אויף „יענער זייט". מיט וויפל בייזער דער־וואַרטונג און אַנגסטן איז עס אָנגעקומען דאָס אַריבערשמוגלען זיך ביי־נאַכט דעם גרעניץ־טייך — דעם בוג.

סטאַנציע סעמיאַטיטש.

די אכסניה און די שענקן אַרום דער סטאַנציע זענען פול מיט אַנגע־פלויגענעם עולם. מענער און פרויען. דאָס רוב יונגוואַרג. ווער עס האַלט נאָך דעם „פלעצאַק" אויף די פּלייצעס און שיידט זיך נישט מיט אים; ווער עס האָט אים שוין אויסגעטאָן און געמאַכט פון אים אַ „בענקל" צום זיצן, ווייל די שטולן און בענקלעך פון דער אכסניה זענען שוין פאַרנומען פון אַנדערע. ווער עס שוינט דעם רוקזאַק — צוליב דעם אינהאַלט זיינעם — זיצט מיט איינגעקאַרטשעטע פיס אין אַ ווינקל פשוט אויף דער פּאָד־לאָגע. ווער עס קאָנסומירט נאָך פון זיינע „רעזערוון": אָנגעשניטענע פּע־נעצלעך ברויט מיט סאַרדינען, קעז און וווּרשט — מיטגענומענע פון יענער זייט, צוגעגרייטע פון אַ ליבער האַנט: פון אַ מאַמען, שוועסטער אָדער פרוי... ווער עס קייט שוין היגן ברויט מיט דאַרן טיי־וווּרשט, געקויפטע אין די פּאָר באַלאַגערטע שפּייז־געוועלבלעך אַרום דער סטאַנציע.

אין דרויסן אַרום די הייזער, ווי אינעווייניק אין דער אכסניה, צי אין די שענקן — אומעטום אַן אָנגעלויף פון מענטשן. אַ שטופּעניש, אַ שטויסעניש. מען שטויסט זיך איינער אָן אַנדערן, מען טרעט זיך אויף די הינעראויגן און מען זאָגט אַפילו נישט קיין „פּשעפּראַשאַם"...

פּליטים! יידישע פּליטים! אומעטום זענען זיי דאָ. אין די הונדערטער, הונדערטער. אַנטלאָפענע פון די דייטשן ווי פון אַ שרפה, ווי פון אַן אונ־טערגייענדיקער שיף. אומעטום, וווּ מ'גייט און וווּ מ'שטייט — פּליטים. די מענטשן מיט „פלעצאַקעס" אויף די פּלייצעס. די דאָזיקע „פלעצאַקעס" האָבן אויסגעזען ווי אַ צוגעקומענער ווילדער אבר צום גוף, ווי אַ הויקער.

די אַלע מענטשן וואַרטן עס אויף דער באַן, וואָס דאַרף פירן קיין ביאַליס־טאָק. דאָ איז די ערשטע באַן־סטאַנציע אויף דער סאָוויעטישער זייט ביי דער גרענעץ. דער צוג קומט נאָר איין מאָל אין מעת־לעת און נעמט אויף די אָנגעזאַמלטע מחנות פון יענער זייט. קיין באַשטימטע שעה האָט נישט דער צוג. ער קומט, ווען ער קומט, און אַז ער קומט שוין מיט מזל, גיבן זיך די מחנות מענטשן אַ וואָרף אויף די וואַגאָנעס ווי הייסעריקן. אין געציילטע רגעס ווערן די וואַגאָנעס אָנגעפילט און איבערגעפילט. מ׳שטייט שוין אין די קאָרידאָרן, אויף די בופאָרן צווישן די וואַגאָנעס, מ׳הענגט אויף די טרעפּ, מ׳קריכט ממש אויף די דעכער פון די וואַגאָנעס. אַ ליאַ־רעם, אַ געפּילדער, אַ בהלה. אַזוי קומט ער, דער צוג, יעדן טאָג אַ ליידי־קער און אַזוי גייט ער אָפּ פון דאַנען מיט אַ טומלדיקער לעבעדיקער מאַסע — אַהין, אַהין, קיין ביאַליסטאָק!

איך זיץ פאַרנאַכט אין דער אכסניה און קוק זיך צו צום אומבאַקאַנטן עולם. ביי אַ טישל זיצן עטלעכע בחורים מיט אַ מיידל. דאָס מיידל, זעט אויס, איז אַ היימישע, פון דער אכסניה. צווישן זיי וואַרפט זיך אין די אויגן איינער אַ רויט־באַקיקער פאַרשוין אין אַ לעדערנער קורטקע. אַפּנים, דאָס איז אַ מענטש פון „דאָרטן": ער רעדט מיט אַ סך רוסיפיציזמען און דערמאָנט אַלע ווײַלע די „סאָוויעטסקאַיאַ וולאַסט׳"... די צוהערער האַלטן אים, זעט אויס, פאַר אַן אויטאָריטעט און שטעלן אים כסדר פראַגן. יענער ענטפערט, דערציילט:

— ביי אונדז — זאָגט ער, — האָט מען די אַנטיסעמיטן טיף אין דער ערד. ביי דער סאָוויעטסקער וולאַסט׳ האָבן זיי מורא דעם קאָפּ אויפ־צוהייבן. אַ־האַ, ס׳איז נישט ווי ביי אייך אין פּאָלשאַ... פּאָנימאַיעטיע? (איר פאַרשטייט?).

— זענען טאַקע אַלע אין רוסלאַנד געוואָרן אוהבי ישראל?... — פרעגט ווער.

— טשטאָ טאַקאָיע?... (וואָס איז דאָס?), — פרעגט איבער דער מענטש אין דער לעדערנער קורטקע, נישט פאַרשטייענדיק דעם פרעגער.

— כ׳מיין יידן־פריינד.

— פאַרן סאָוויעטסקי זאַקאָן זענען אַלע גראַזשדאַנעס גלייך. פּאַ־נימאַיעטיע? יידן זענען קאָמאַנדירן אין דער רויטער אַרמיי. יידן זענען גרויסע נאַטשאַלניקעס, אַזוי ווי ביי אייך אין פּאָלשאַ מיניסטאָרן, פּאָני־

מאַיעטיע? און יעזשעלי עס געפינט זיך אַן אַנטיסעמיט, וואָס אים קרענקט עס, איז האָט מען אים אין דער ערד... פּאַנימאַיעטיע?

אויפן טישל זענען געשטאַנען פלעשער ביר. דער „סאָוויעטסקי טשעלאָוויעק" (סאָוויעטישער מענטש) האָט כסדר געטרונקען. אויסגעליי־דיקט איין פלעשל, האָט ער באַלד באַשטעלט אַ צווייטס, גלייך ווי זיין דורשט וואָלט שוין לאַנג נישט געשטילט געוואָרן פון אַזאַ משקה, אין אַן אומבאַגרענעצטער מאָס...

— גוטער ביר ביי אייך, יעי באָגו... — באַלעקט ער זיך...

— ביי אייך שווערט מען זיך מיט גאָט?... — ריזיקירט מיט אַ פראַגע איינער אַן אונדזעריקער „לץ" ביים טישל.

— אָט, עס רעדט זיך אַזוי...

— פאַראַן נאָך ביי אייך פרומע יידן? — איז יענער אַלץ טשיקאַווע צו וויסן.

— אַ קאַק זשע? (ווי דען?) פאַראַן סינאַגאָגעס... אַ ראַווין...

— און „קאָצקער" חסידים? און „גערער"?...

— ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן...

— און מען פראַוועט ביי אייך „רביישן טיש"?...

— אַ קאַק זשע!...

— אַזוי ווי אין ירושלים... — באַמערקט ווער מיט באַהאַלטענער איראָניע.

דער עולם ביים טישל איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. אויך דער ביר־טרינקער האָט זיך גוט געפילט, רעדנדיק, דערציילנדיק זיינע גוזמאות פאַר זיין „אוידיטאָריע" און צוטרינקענדיק אַלע ווילע פון דער משקה מיט אַזאַ מתיקות, מיט אַזאַ באַלעקן זיך.

עס קומט אַריין אין דער אכסניה אַ „פּאָגראַניטשניק" (גרענעץ־וועכ־טער) מיט אַ שאַרפן רויטן שטערן אויפן באַראַנקאָוון היטל, מיט אַ ברייט־ביינערדיק פנים און קליינע אויגעלעך. לויטן אויסזען אַ קאַלמיק. ער גייט צו גלייך צום בופעט:

— כאַזייקאַ, פאַראַן ביר?

— פאַראַן.

— דערלאַנג!

די פרוי פון בופעט עפנט אים אויף אַ פלאַש ביר און דערלאַנגט אים.

— נאָך אַ פלאַש...

ער גייט צו מיטביידע פלעשער צום טיש און פאַלט צו צום טרינקען ווי אַ פאַרחלשטער פון דורשט צו אַן אַזיס אין מדבר...

די פּליטים ביי דער זייט קוקן זיך צו און ווינקען זיך שטום איבער מיט אַ שמייכל.

— מסתמא זענען זיי קיינמאָל נישט די משקה פאַר די אויגן... — באַמערקט איינער אין דער שטיל.

פאַרנאַכטלעך בין איך אַרויס אַביסל אויף דער גאַס. אומעטום האָבן זיך אַרומגעדרייט „ביעזשענצעס". מ'האָט געשמועסט, מ'האָט דערציילט איינע די אַנדערע די „נסים", ווי אַזוי מ'איז מ'איז אַריבער די גרענעץ. יעדער מיט זיינע „נסים", מיט זיינע פּרטים. ס'איז געווען אַ לינדער פאַרנאַכט. אין דער מערב־זייט איז דער הימל געווען ראָז. די זון האָט געהאַלטן אין זינקען. דאָרט אין מערב־זייט איז דאָך וואַרשע. די פאַרלאָזענע היים... די פאַרלאָזענע מענטשן... די נאָענטע... דער הימל האָט נישט קיין גרענעצן. דער הימל נעמט אַרום אַלע שטחים, אַלע טיילן: די דייטשישע, די סאָוויעטישע — די גאַנצע וועלט!...

איך קוק פאַרבענקט אין מערב־זייט. וואַרשע, וואַרשע! פאַרלאָזענע היים! —

ביינאַכט גענעכטיקט אויף אַ פּאַדלאָגע אין דער אכסניה מיטן „פּלעצאַק" צוקאָפּנס. נישט געווען קיין אָרט צומאָל, כדי צו קאָנען אויסציען ווי עס געהער צו זיין די פיס. פון ביידע זייטן און פון פאָרנט זענען געלעגן מענטשישע גופים, אַ סך מענטשישע גופים. כ'בין געלעגן לאַנג מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וועגן מיין געדוימען וויס־וואַרעם בעט אין דער פאַרלאָזענער היים.

אין מיטן נאַכט פּראַלט עמיץ אויף די טיר און עס דערהערן זיך קולות:

— דער צוג!

— דער צוג!

— דער צוג קיין ביאַליסטאָק!

געשטויסן זיך, געשטופּט זיך מיט אַלע כוחות און מיט נסים זיך דורכגעריסן דורך אַ צונויפגעפּרעסטער מחנה.

כ'בין אינעווייניק. כ'בין אין וואַגאָן. איך פאָר!

נישט אַזאַ גרויסע שטרעקע; אָבער געדויערט האָט עס לאַנגע שעהען.

דער צוג מיט דער מענטשן־מאַסע איז געקראָכן און געקרעכצט ווי אַ זקן. פאַרביי שוין טשערעמכאַ.

און אין פרימאָרגן איז דער צוג צוגעפאָרן צו דער גרויסער, אויסגע־שפּרייטער יידישלעכער שטאָט —

ביאַליסטאָק!

2
אין שרייבער־הויז

מיטן רוקזאַק אויף די אַקסלען לאָז איך זיך גיין איבער דער שטאָט. איך האָב אַן אַדרעס: שענקעוויטש־גאַס 42. צום „דאָם פּיסאַטיעליאַ", צום שרייבער־הויז. די ביאַליסטאָקער גאַסן אין פרימאָרגן זענען שוין דער־וואַכט. אַ באַוועגונג פון מענטשן. ציווילע און מיליטער־לייט. רויטאַר־מייער. איך קוק זיך צו צו אַלץ אַרום מיר מיט בייגעריקע בליקן. פון אַ סך געביידעס הענגען אַראָפּ רויטע פאָנען מיט דער עמבלעם פון האַמער און סערפּ. אין פאַרשיידענע פּונקטן טראָגן זיך שטימען פון ראַדיאָ־היל־כערס. אַז איין הילכער בלייבט מיר פון הינטן, מיט אַן אַלץ שוואַכערן אָפּקלאַנג — דערנענטערט זיך פון אַנטקעגן די שטים פון אַן אַנדער ראַ־דיאָ־הילכער, וואָס וואַקסט אַלץ שטאַרקער און העכער און פאַרהילכט די לופט. און אַזוי כסדר. אַלץ זעט דאָ אויס יום־טובדיק. מסתמא גייט דאָס לעבן דאָ יום־טובדיק און אינטערעסאַנט. אַ שטענדיקער יום־טוב.

איך גיי פּאַמעלעך, נישט געאיילט, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט די גאַסן, די מענטשן. דער עיקר שמידן זיך צו מיינע אויגן צו די מיליטער־לייט, צו די רויטאַרמייער — צו די הויפּט־מחותנים פונעם יום־טוב...

ווי גוט, ווי גוט, וואָס איך קאָן גיין איבער די גאַסן פראַנק און פריי, אָן דער „געלער לאַטע", אָן אַ מגן־דוד.. קיינער כאַפּט נישט... קיינער פאַרפאָלגט נישט...

ס'איז טאַקע גוט, וואָס איך בין אַוועק פון „דאָרטן", פון וואַרשעווער גיהנום, און ס'איז אַ שאָד, וואָס אויך זיי, מיינע באַעקטע, זענען נישט מיט מיר. זיי וואָלטן דאָך איצט אויך געפילט דאָס זעלבע וואָס איך.

„וירא כי טוב"... —באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ — עס איז גוט.

מיט די דאָזיקע זיסע מחשבות בין איך אָנגעקומען אויף שענקע־וויטש־גאַס 42.

אַ ציגל־געביידע. געציילטע טרעפּ פירן מיך אַרויף אויפן הויכן פּאַרטער.

איך עפן די טיר און דערזע:

אַ גרויסער לאַנגער זאַל, וואָס זעט אויס ווי אַ באַראַק, מיט איי־זערנע בעטלעך לענגאויס די ווענט. ווי כ׳וואָלט שפּעטער געוויר, איז דאָ געווען אַ טאַנץ־זאַל, אָבער איצט טאַנצט מען שוין דאָ נישט...

ביי מיין דערשיינען מאַכט מען מיר אַ רוישיקן „ברוך הבא". פריי־דיקע אויסרופן פון קאָלעגן פון „טלאָמאַצקיע 13". פון אַלע זייטן שטעקט מען מיר שלום־עליכמס. איך בין ווי בגילופין. מען ווייזט מיר אָן אויף אַ ליידיק בעטל, אַ פאַרבעטעס און פאַרצויגן מיט אַ טונקעלן קאָץ. איך צי אַראָפּ פון זיך דעם „פּלעצאַק" און זעץ זיך אַנידער אויף „מיין" בעטל.

אַרום מיר אַ גאַנצער רעדל. אַלץ היימישע. יינגערע און עלטערע שרייבער: משה זילבורג, יוסף רובינשטיין, ש. זאַראַמב, ב. פּאָמעראַנץ, בער מאַרק, זישע באַגיש, ש. וואָלמאַן, פּנחס קאַץ, מאַרק ראַקאָווסקי און נאָך אַנדערע. אויך וויסענבערגס יינגערע טאָכטער, פּערל, איז דאָ פאַראַן.

מען פאַרשיט מיך מיט פראַגן:

— נו, זאָגט, רעדט, דערציילט. וואָס הערט זיך „דאָרטן"?

ווען אויסרועט זיך נאָך די אויסטערלישע פאַר טעג איז גאָר קיין רייד נישט געווען. מ׳איז פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. כ׳האָב זיך נאָר צו־געלייגט אַביסל אין די מלבושים אויפן בעטל, אַרומגערינגלט פון היי־מישן עולם. כ׳האָב זיי געמוזט דערציילן פּרטים פון די לעצטע וואָכן אין וואַרשע; ווי עס לעבן דאָרט אונדזערע שרייבער; וועגן דעם און וועגן יענעם.

— זאָגט מיר, חברים, ווער איז אַלץ דאָ פאַראַן פון אונדזער שריי־בער־משפּחה? — פרעג איך.

און מען נעמט מיר אויסרעכענען אַ גאַנץ צעטל:

— משה בראָדערזאָן, לעאָ פינקלשטיין, אפרים קאַגאַנאָווסקי, מיכאל בורשטין, ש. בערלינסקי, י. אָקרוטני, משה גראָסמאַן, חיים לייב פוקס, יצחק יאַנאַסאָוויטש, משה קנאַפּהייס, בינעם העלער, דוד ספּארד.

— קיין עין־הרע, אַ שטיק טלאָמאַצקיע! — זאָג איך.

— וואַרט, וואַרט, איר זייט נאָך נישט פאַרטיק.

און מען רעכנט ווייטער. יעדער פון די אָנוועזנדיקע דערמאָנט עט־לעכע נעמען:

— חיים סעמיאַטיצקי, לייזער וואָלף, דוד מיצמאַכער, יחיאל האָפּער, ברוך אָליצקי.

— ישראל עמיאָט, מלך טשעמני, א. פּטאַשקין, ישראל טראַנק, צ. זאַקאַליק, משה וואַלדמאַן, בער קוטשער, מרדכי אָלעי.

מען האַלט נאָך אין רעכענען ווייטער און איך רייס איבער מיט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר, צי אַלע וווינען דאָ אינעם שרייבער־הויז?

— צום גליק, נישט אַלע. ווער עס קאָן זיך אַן עצה געבן, וווינט פּריוואַט. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען אַלע שרייבער וואָלטן געמוזט דאָ וווינען אינאיינעם, אַ קנאַפּע „אידיליע" וואָלט עס געווען...

שפּעטער איז אַריינגעקומען לעאָ פינקלשטיין — דער תמיד פריילע־כער שמועסער — און די שטימונג איז געוואָרן אַ מער הייטערע. פינקל־שטיין וווינט נישט אינעם שרייבער־הויז. ער האָט, זאָגט ער, אַ דירהלע ביי אַ פאַמיליע, ווו ער וווינט צוזאַמען מיט זיין מירען (זיין פרוי) און קומט נאָר אַהער אַמאָל אַביסל „קיבעצן" מיט די חברים־שרייבער. עס ווייזן זיך אויך די „נשים", די פרויען פון שרייבער, וואָס האָבן זיך דע־צידירט צו גיין איבער דער גרענעץ צוזאַמען מיט די מענער, מיט קינד און קייט.

— איר האָט דאָ אויך אַן „עזרת נשים"? — פרעג איך אין שפּאַס.

— דאָרט אין צווייטן חדר זענען די „נשים" — טוט מען מיר אַ ווייז, — דאָ לעבן פּאַרפעלקער סעפּאַראַט...

— אין געצוווּנגענער „סעפּאַראַציע"?...

— נישט איין מאַן מסתמא איז צופרידן פון דער געצוווּנגענער „סע־פּאַראַציע"... — וואַרפט אַריין אין לייכטן טאָן לעאָ פינקלשטיין.

די ווייבער פילן זיך געטראָפן און אייגע ענטפערט:

— איר אַליין זייט אַ פאַרקערטער ביישפּיל: אָט האָט איר גראָד זיך אַריינגעצויגן אין אַ פּריוואַטער דירה, כדי אויסצומיידן די „געצוווּנגענע סעפּאַראַציע"...

— גערעכט! גערעכט! — רופט אויס אַ שמייכלענדיקער פינקלשטיין.

— אָבער דאָס איז געשען אַדאַנק די וואַלאַרן פון מיין „צווייטער העלפט"...

עס ווייזט זיך באַלד אויך אַ פּוילישע שרייבערין — יאַנינאַ בראָ־

ניעווסקאַ. זי איז דאָ די איינציקע, וועלכע רעפּרעזענטירט דאָס פּוילי־שע פאָלק... פון די ווייסרוסישע שרייבער איז דאָ קיינער נישטאָ, הגם, ווי מען אינפאָרמירט מיך, זענען פאַראַן איצט אין ביאַליסטאָק די באַ־קאַנטע ווייסרוסישע שרייבער יאַקאָב קאָלאַס, פיליפּ פעסטראַק, יאַנקאַ קופּאַלאַ און אַנדערע; אָבער זיי זענען דאָך נישט קיין פּליטים און זענען נישט געצוווּנגען דאָ צו וווינען — אַזוי אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער „דאָם פּיסאַטיעליאַ“ איז פּאַקטיש כמעט אין הונדערט פּראָצענט אַן אכסניה פאַר יידישע שרייבער־פּליטים.

שפּעטער אַביסל טיילט זישע באַגיש — דער באַאַמטער פונעם שריי־בער־הויז — טאַלאָנען אויף מיטיק. אויך איך באַקום אַזאַ טאַלאָן. דער עולם לאָזט זיך אויף מיטיק אויף סטאַראָבאָיאַרסקאַיאַ — אין דער ספּע־ציעלער קיך פאַר אינטעליגענץ.

איך גיי איבער די גאַסן צוזאַמען מיט לעאָ פינקלשטיין. ער אַליין עסט נישט אין יענער קיך. ער באַגלייט מיך נאָר אַביסל.

— נו, ווי זעט עס דאָ אויס? — פרעג איך.

— אַ באַלאַגאַן... — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט.

— סטייטש! היתכן?!

— אַזוי איז עס. איר וועט שוין זען.

— וואָס טוט דאָ אונדזער שרייבער־עולם?

— טייל פּאַסן זיך צו... פּרוּוון אַנגיין מיט זייער „פּראָגרעסיווקייט“... טייל ווידער לעבן פון דערווייטנס... אין שאָטן... זענען צופרידן, וואָס מ׳זעט זיי נישט, מ׳באַמערקט זיי נישט...

— איך וויל אייך נישט פרעגן, — זאָג איך — איך פאַרשטיי אַליין, אַז איר געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע...

— גוט, וואָס איר פאַרשטייט... — ענטפערט לעאָ פינקלשטיין. — מיט מיין בונדיזם טאָר איך זיך נישט וואַרפן אין די אויגן... אַפילו אין שרייבער־הויז בין איך אַ זעלטענער גאַסט... פאַראַן דאָרט עטלעכע פאַר־שוינען, וואָס שאַרפן שוין די ציין... געהערט פריער אין גאַס, אַז איר זייט דאָ, בין איך אַרויפגעקומען.

— טשיקאַווע, פאַראַן טאַקע אַזעלכע פאַרשוינען?

— פאַראַן, פאַראַן. איך ראָט אייך, זייט פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט... איבער דער גאַס ציט דורך אַ ראָטע רויטאַרמייער. סאָלדאָטן פאַר־

שיידנהויטיקע, פאַרשיידנשטריכיקע. עס הילכט זייער געזאַנג. אַ שיינע, מיטרייסנדיקע מעלאָדיע:

יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ...

— פאַרוואָס זינגען זיי וועגן מלחמה? — „זיי" האָבן דאָך געשלאָסן מיט די דייטשן אַ פריינטשאַפטס־בונד?...

— נישט אַזוי לייכט צו דערקלערן „זייערע" וועגן און הינטער־וועגן...

— ענטפערט פינקלשטיין, — פאַר אונדז זענען זיי תמיד אַ ספינקס...

3

אויף סטאַראָבאָיאַרסקאַיאַ

אין דער „סטאָלאָווקע" אויף סטאַראָבאָיאַרסקאַיאַ איז אַ געדראַנג פון מענטשן. אַרום לאַנגע טישן זיצט אין גרויס ענגשאַפט אַ פאַרשיידנאַרטיקער עולם: שרייבער, זשורנאַליסטן, סטודענטן, לערער. איטלעכער קומט מיט אַ טאַלאָן פון זיין אָרגאַניזאַציע. כ'האָב אַ היפּשע צייט געוואַרט ביז ס'האָט זיך באַפרייט אַ פּלאַץ און כ'האָב זיך ווי עס איז אַריינגעקוועטשט צווישן עולם עסער. דער מיטיק איז באַשטאַנען פון איין געריכט: אַ טעלער זופּ, און אין דער זופּ האָט זיך געזען אַ שטיקל פלייש — מער ביין ווי פלייש, — וואָס האָט מיט זיין גרויס דערמאָנט אַ „זרוע" פון אַן אָרימען סדר־טיש... צו דער זופּ האָט מען אויך צוגעגעבן אַ באַשיידענע פּאָרציע ברויט. דער אָפּצאָל איז געווען אַ קליינער, כמעט אַ סימבאָלישער. די עטלעכע דערלאַנגעריננס האָבן געטראָגן אויף די קעפּ ווייסע שוועסטער־טיכלעך. דאָס זענען געווען קלויסטערישע „גבאיטעס", וואָס האָבן געטאָן זייער אַרבעט ווי אַ ווילטאַט. כ'האָב לכתחילה נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומען זיי דאָ אַהער גראָד אין דער איצטיקער צייט? שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע „סטאָלאָווקע" איז פריער, פאַר דער מלחמה, אויך געווען אַ ווילטעטיקע. זי איז געווען ווי אַ פונדאַציע פון קלויסטער, און דערפאַר איז דער דינער־פּערסאָנאַל פון די „זאַקאָנניצעס" (קאַטוילישע שוועסטער) געבליבן ווי געווען אויף זייערע פלעצער אויך ביי דער סאָוויעטישער מאַכט.

און ווייל פון אַזאַ מיטיק האָט מען נישט געקאָנט זאַט ווערן, האָט יעדער איינער געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי ער זאָל נישט מוזן זיין אַ סטאַבי־

לער גאַסט אויף סטאַראָבאָיאַרסקאַיאַ... ס׳איז געווען אַ סימן פון שלימ־מזלדיקייט, אויב מען האָט צו־לאַנג געמוזט דאָרט אָנקומען נאָך אַ מיטיק. סיי־ווי־סיי האָט מען נאָך יענעם מיטיק געפילט כמעט דעם זעלבן הונ־גער, וואָס פאַרן עסן... די דאָזיקע „סטאָלאָווקע" האָט מיר דערמאָנט די „דזשאָינט"־קיכן אין איצטיקן וואַרשע אונטער די דייטשן. דער אונטער־שייד איז נאָר, וואָס דאָרטן, אין דער שרייבער־קיך אין וואַרשע, אַ שטיי־גער, עסט מען אין אַ נערוועזער שטימונג, מ׳רעדט בלחש, מיט שטענדי־קער פאַרבאָרגענער שרעק — און דאָ עסט מען טומלדיק, מ׳רעדט הויך און ס׳איז אַ גוואַלטיקע ענגשאַפט. דער הצד השווה פון ביידע טיפּן קיכן איז, אַז אַרויסגייענדיק פון זיי, דאַרף מען ערשט זוכן אָפּצועסן אַ מיטיק... און היות ווי איך האָב נאָך געהאַט מזומנים, געבראַכטע פון וואַרשע, האָב איך זיך מיט דער דאָזיקער „סטאָלאָווקע" באַנוצט נאָר עטלעכע טעג — און דאָס, אייגנטלעך, כדי זיך אַרומצוקוקן און צו טרעפן זיך מיט מענטשן.

באַלד דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָרט געטראָפן אַ היימישע פון וואַרשע — די פוילישע איבערזעצערין פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר דער וואַרשעווער פויליש־יידישער פרעסע — אַנקאַ וועלטשערווונאַ. צו איר געהערט עס די פוילישע איבערזעצונג פון זלמן שניאורס „נח פּאַנ־דרע" אין „נאַש פשעגלאָנד". אגב, איז זי אויך די איבערזעצערין פון מיינע עטלעכע נאָוועלן. דעריבער האָבן מיר זיך ביידע דערפרייט פון דער באַגעגעניש אויפן פרעמדן באָדן און האָבן זיך חבריש צעקושט.

— ווו זענט איר? ווו וווינט איר? ווען זענט איר געקומען? — פאַר־שיט זי מיך מיט פראַגן.

— טאַקע היינט געקומען. דערווייל בין איך אין „דאָם פּיסאַטיעליאַ".

— וואָס טויג עס אייך? איר דאַרפט דינגען אַ צימער פּריוואַט.

— עס טויג טאַקע נישט. עס זעט דאָרט אויס ווי אַ באַראַק. אדרבה, אפשר ווייסט איר פון אַ צימער?

— יאָ, איך ווייס. ביי מיין באַלעבאָסטעס זון איז פאַראַן אַ צימער.

— אויסגעצייכנט! ווי גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן!

אין אַ ווײַלע אַרום פרעג איך זי:

— נו, און ווי איז עס ביי אייך מיט „תכלית"? מיט פרנסה? אַרבעט איר ערגעץ?

— זעט איר, מיט אַרבעט איז שוין אַביסל ערגער... קיין פּריוואַטע צייטונגען זענען דאָך נישטאָ...

— וואָס הייסט? און זייערע צייטונגען ווערן נישט געמאַכט דורך מענטשן?

— יאָ, אָבער דורך זייערע מענטשן... איר פאַרשטייט?... אָבער פאַראַן אַ סך צו רעדן... לאָמיר עס אָפּלייגן אויף שפּעטער...

— דאָך...

— איך האָב פאַרשיידענע פּלענער... דערווייל אָבער פּלענער... פאַרשטייט זיך, אַז מען איז אַ „זייעריקער״, איז אַנדערש. אָבער... אין אַ צייטונג איז שווער פאַר אַ „נאַש בראַט״ צו באַקומען אַרבעט... — זאָגט זי סקעפּטיש.

— טאָ פון וואַנען לעבט איר?

— טאַקע נישט אַזוי פריילעך... שוין פאַרקויפט עטלעכע „שמאַכטעס״, וואָס כ׳האָב מיר מיטגעבראַכט פון דער היים...

— אייער ערשטער גרוס איז אַ שלעכטער... — באַמערק איך.

— אַזוי איז עס, צום באַדויערן...

כ׳בין אַוועק מיט איר צו איר באַלעבאָסטע מכוח דעם צימער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און אָן שוועריקייטן. שוין צומאָרגנס האָב איך פאַרנומען אַ פיין צימער ביי איר זון — דעם טעקסטיל־פאַבריקאַנט קאַפּלאַן. יענער האָט מיר אָפּגעטראָטן דאָס צימער נישט צוליב פאַרדינסט, נאָר כדי צו באַוואָרענען פון רעקוויזיציע זיין צו־גרויסע דירה...

אַזוי אַרום איז מיר אויסגעקומען צו נעכטיקן בלויז איין נאַכט אין דער שרייבערישער „אָבשטשעזשיטיע״ (קאָלעקטיווע וווינונג) אויף שענקעוויטש־גאַס 42, וווּ מ׳האָט מער גערעדט, מער געקיבעצט ווי געשלאָפן...

בשכנות פון מיין אייזערנעם בעטל אין „דאָם פּיסאַטיעליאַ״ איז געלעגן דער דיכטער און עסייאיסט ש. זאַראַמב. איך האָב פון ערשטן אויגנבליק באַמערקט אין אים אַן אויסדרוק פון קאַלטער צוריקגעצויגנקייט, פון רעזערווירטקייט. אים דאַרף איך נישט איבערפרעגן. איך פאַרשטיי פאַרוואָס דאָס איז: איז ער דאָך אין פּוילן געשטאַנען פּאָליטיש נאָענט צו די רעכטע פּועלי־ציון און ס׳איז גלייכער צו זיין אין שאָטן...

— נו — פרעג איך אים ביינאַכט, פון בעט צו בעט, — אַרבעט איר נישט מיט אין „ביאַליסטאָקער שטערן״?

— כ׳האָב זיך פיינט צו שטופּן... — פאַלט אַן ענטפער.

— פאַרוואָס עפּעס „שטופּן זיך״?

— ווייל פאַראַן נעגטערע, בילכערע... מיר זענען דאָך נישט אין וואַרשע... נישט אויף „טלאָמאַצקיע"... דאָ גילטן אַנדערע מנהגים...

זאַראָמב באַמיט זיך צו רעדן שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן. ער בייגט זיך כמעט אַריבער איבערן ראַנד פון בעטל, כדי צו זיין נענטער צו מיר און כדי ער זאָל נישט דאַרפן רעדן העכער...

— און איך האָב געמיינט, אַז מ׳וועט דאָ אויפכאַפּן אַלע שרייבער... פאַרשטייט זיך, אויב אַ שרייבער זאָל וועלן דורך „זיי" אויפגעכאַפּט ווערן...

— ערשטנס, געהער איך נישט צו די, וואָס וואָלטן עס געוואָלט. והשנית, אונדזערע היימישע לינקע פון „טלאָמאַצקיע" זענען די בעלי־יועצים... זיי זאָגן אונטער וועמען יאָ און וועמען נישט... זיי האַלטן זיך דאָ פאַר די אמתע מחותנים...

— ס׳איז דאָך טאַקע זייער חתונה...

— אָט לאָמיר קוקן און זען, וואָס ווייטער וועט זיין... ס׳איז גלייכער צו זיין אַ זייטיקער באַאָבאַכטער... בעסער און געזינטער...

4

ביי זעליק אַקסעלראָד

הגם כ׳בין שפּעטער נישט געשלאָפן מער אין „דאָס פּיסאַטיעליאַ", פּונדעסטוועגן פלעג איך זיך אַהין אַלע טאָג אַריינכאַפּן. איין טאָג זע איך דאָרט אַ גאַסט פון מינסק — אַ יונגנמאַן אין אַ רוסישן קיילעכדיקן פּאַ־קענעם היטל. דאָס איז אַ ספּעציעלער שליח פון ווייס־רוסישן „ליטפאָנד" (ליטעראַרישער פאָנד, אָדער פאַרבאַנד). זיין נאָמען איז טוניק. ער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט דער אָרגאַניזירונג פון מערב־ווייסרוסישן שרייבער־פאַרבאַנד און מיט די שרייבער־פּליטים, וואָס קומען אָן פון דער דייטשישער זייט. די שרייבער־פּליטים איז געגעבן געוואָרן הילף. די הילף איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ באַשיידענער געלט־סומע — 200 רובל פאַר יעדן שרייבער־פּליט. פון צייט צו צייט פלעגט מען אויך טיילן טאַלאָנען אויף שוואַרצע ברויטלעך, וואָס שרייבער פלעגן באַקומען אין אַ געוויסן געוועלב, אָדער מען פלעגט עס באַזאָרגן אין קלוב אַריין.

און דאָס אַלץ איז דערווייל די הילף. די נעגטערע, די אייגענע מענטשן, האָבן זיך ביסלעכווייז דערשלאָגן צו אַ געוויסער אַרבעט.

דער מינסקער אינסטרוקטאָר האָט אַ סך גערעדט, אָנגעמאַכט אַ ווינט און ס'האָט געהייסן, אַז ער „אָרגאַניזירט". עס האָט אָבער דאָך אַלעמען אימפּאָנירט, וואָס מען אינטערעסירט זיך יאָ — מעג עס זיין נישט גרינט־לעך — מיטן גורל פון די היימלאָזע שרייבער, הגם די הילף איז פאַר דער גרויסער מערהייט נישט געווען קיין קאָנסטרוקטיווע.

אין שרייבער־הויז ווער איך געוויר, אַז אין ביאַליסטאָק געפינט זיך איצט אויך דער באַקאַנטער יידישער דיכטער פון מינסק זעליק אַקסעל־ראָד, אַ מיט־רעדאַקטאָר פון מינסקער „אָקטאָבער". מיט אים גלוסט זיך מיר צו כאַפּן אַ שמועס. אין „דאָס פּיסאַטיעליאַ" האָב איך אים קיינמאָל נישט געטראָפן. ער קומט זעלטן אַהער. האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אים אַ באַזוך אין זיין האָטעל — אין „ריטץ".

אַ האַרציקער מענטש, דער זעליק אַקסעלראָד. ס'האָט אים שטאַרק אינטערעסירט דאָס יידישע לעבן אין פּוילן. ער האָט מיך ממש פאַרשאָטן מיט פראַגן. מ'איז אַרויפגעקומען צו רעדן קודם־כל וועגן די יידישע שריי־בער. ער האָט נאָכגעפרעגט אויף אַלעמען. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער שפּירט נאָך, ווי ווייט מעגלעך, די יידישע ליטעראַטור פון פּוילן; אָבער דאָך, צו־ליב דער כינעזישער וואַנט, וואָס שיידט אָפּ סאָוועט־רוסלאַנד פון דער ברייטער וועלט, איז ער נישט אַזוי באַהאַוונט אין אַלץ, וואָס דערשיינט אין פּוילן. ער האָט מיך פשוט מקנא געווען, וואָס מיר, די „זאַפּאַדניקעס" (די מענטשן פון מערב), זענען מער באַהאַוונט אין דער סאָוויעטיש־יידי־שער ליטעראַטור און קענען אַלץ, וואָס דאָרט דערשיינט. צו אונדז דער־גייען דאָך יאָ זייערע אויסגאַבן און אונדזערע ביכער צו זיי — נישט, סיידן ווי אַ יוצא מן הכלל אין אַ רעדאַקציע.

אין אונדזער שמועס האָב איך באַמערקט, אַז אַקסעלראָד איז זייער ווייט פונעם קינסטלעכן אָנגעבלאָזענעם פּאַטריאָטיזם, און רעדט נישט מיט דער באַקאַנטער פראַזעאָלאָגיע וועגן זיין „גליקלעכן היימלאַנד"... ער רעדט נאַטירלעך, פשוט, ווי אַ ייד און ווי אַ שרייבער.

— מיר קומען אַרויף צו דעם יידישן מצב אין דער איצטיקער צייט — אין מלחמה־צייט. איך דערצייל אים וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון די יידן אויף „יענער זייט", אונטערן דייטש. איך דערצייל אים פּרטים. ער ווערט פאַרחידושט און אומעטיק. זיין געזיכט ווערט מיט אַ וואָלקן פאַר־

צויגן. דאָס, וואָס איך דערצייל אים, איז פֿאַר אים אַ נייעס. אין די סאָ־וועטישע צייטונגען איז דאָך קיין וואָרט וועגן דעם נישט דערמאָנט... און קיין אויסלענדישע צייטונגען זעט ער דאָך אויך נישט... הײַנט פֿון וואַנען זאָל ער וויסן?

— איר זעט? — נעם איך אַרויס מײַן לענטע מיטן מגן־דוד, וואָס איך טראָג נאָך מיט זיך אין בוזים־טאַש פֿון מאַנטל, — איר זעט? די דאָזיקע „געלע לאַטע" האָב איך אויך שוין באַוויזן צו טראָגן אויפֿן אָרבל עטלעכע וואָכן צײַט ביז מײַן אַנטלויפֿן פֿון וואַרשע.

אַקסעלראָד נעמט די לענטע אין זײַנע הענט, באַקוקט זי פֿון אַלע זײַטן און שאָקלט מיטן קאָפּ, מורמלענדיק:

— מיטלאַלטער... מיטלאַלטער אין 20סטן יאָרהונדערט.

איך דערצייל אים אַ פּאָר „בלימלעך" פֿון די דײַטשישע אכזריותן. און דאָ דערמאָן איך זיך אויך אגב אָן מײַן „מיסיע", וואָס איך האָב אויף זיך גענומען און וואָס איז פֿאַקטיש געווען איינער פֿון די מאָטיוון, וועלכע האָבן מיך באַוויגן אַרויפֿצוגיין צו אַקסעלראָדן: צו ווײַזן אויסלאַנד די שענדלעכע נאָטיץ אין היטלעריסטישן „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" וועגן דער עקזעקוציע איבער 53 ייִדן אויף נאַלעווקעס 9. איך נעם אַרויס פֿון פּאָרטפֿעל דעם צײַטונגס־אויסשניט פֿון „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" און דערלאַנג אים.

ער נעמט עס אין האַנט, קוקט עס אָן און בעט:

— איך לייען נישט קיין פּויליש. זעצט עס מיר איבער.

איך זעץ עס אים איבער וואָרט אין וואָרט אין ייִדיש — אַזוי ביזן סוף. דערבײַ דערצייל איך אים דעם אמתדיקן אונטערשלאַג פֿון דער מורא־דיקער געשיכטע: ווי אַזוי אַ גנבֿ, אַ „תּכשיט" פֿון ייִדישע עלטערן, אַ באַ־פֿרײַטער דורך די דײַטשן פֿון „פּאַוויאַק" צוזאַמען מיט אַלע גנבֿים און אונטערוועלט־טיפּן, באַגייט ווידער אַ פֿאַרברעכן, און בעתן אַרעסט דער־שיסט ער אַ פּוילישן „גראַנאַטאָווי" (אַ פּאָליציאַנט). צוליב אָט דעם אויס־וווּרף, ווען די דײַטשן האָבן אַליין באַפֿרײַט פֿון תּפֿיסה, האָבן זיי אין מיטן נאַכט אַרויסגעשלעפּט פֿון די וווינונגען אויף נאַלעווקעס 9 אַלע מאַנסבילן — 53 ייִדן — און זיי אַלע אויסגעשאָסן...

וועגן זייער בלוטיקער טאַט האָבן די דײַטשן אַליין פֿאַרעפֿנטלעכט אַ נאָטיץ אין דער היטלעריסטישער שמאַטע „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" אונטערן „אומשולדיקן" קעפּל: „דערשאָסן 53 ייִדן פֿאַר סאַבאָטאַזש"...

— שוידערלעך! — רופט אויס אַקסעלראָד, אַן אויפגעבראַכטער, אויסהערנדיק דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער זאַך.

— כ׳בעט אייך, — זאָגט ער אין אַ ווײַלע אַרום, — גיט עס מיר. מיר וועלן דערפון לאָזן מאַכן אַ קלישע און פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע...

דאָס האָט אַקסעלראָד נישט געזאָגט, כדי צו „בלאָפן", נאָר מחמת פשוטער נאַאיווקייט. ער האָט טאַקע בעת־מעשה אַזוי געמיינט, וואָרום ווי קאָן מען עס טאַקע פאַרשווייגן אַזעלכע צינישע אכזריותן לגבי יידן?...

— כ׳גלויב נישט, — זאָג איך אים, — אַז איר וועט עס קאָנען פאַרעפנטלעכן...

— פאַרוואָס נישט? אומבאַדינגט!

— איך האָב נאָך ביז איצט נישט באַמערקט קיין שום נאָטיצן אין אַ סאָוויעטישער צייטונג וועגן די דייטשע אכזריותן איבער יידן...

אַקסעלראָד האָט זיך פאַרטראַכט. איך גיב צו „פאַרזיכטיק":

— ס׳איז זיכער צוליב דעם פאַקט מיט דייטשלאַנד...

וועגן דער דאָזיקער נבלה האָב איך געמאַכט די באַמערקונג אין אַ „דעליקאַטער" פאָרם, כדי אויסצומיידן אַ דראַסטישן טאָן אין שמועס מיטן האַרציקן אַקסעלראָד...

אמת, אויך די „דעליקאַטע פאָרם" האָט אים געקאָנט „פּראָוואָצירן" עפּעס צו זאָגן וועגן דעם ענין; ער האָט אָבער, זעט אויס, אויסגעמיטן „איבעריקע רייד"...

מיין באַמערקונג האָט אַקסעלראָדן נאָר געמאַכט שווייגעוודיק. אַ פאַרזאָרגטקייט איז געלעגן אויף זיין פּנים. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, שטום אַריינגעקוקט אין דער נאָטיץ — אין „קאָרפּוס דעליקטי" פון דייטשישן פאַרברעכן...

— יאָ, יאָ... — האָט ער ווי צו זיך אַליין געמורמלט. אין דעם אויס־דרוק פון זיין פּנים האָב איך געלייענט: „טאַקע אַזוי... פאַרוואָס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן?"...

— פונדעסטוועגן לאָזט עס ביי מיר. כ׳וויל האָבן דעם דאָזיקן שענד־לעכן דאָקומענט. אפשר וועט זיך דאָך לאָזן עפּעס מאַכן...

— איך וואָלט עס זייער געוואָלט! — זאָג איך — אדרבה, זאָל עס ליגן ביי אייך און טוט וואָס איר קאָנט.

איך האָב זיך געזעגנט מיטן ליבן מענטש און פיינעם דיכטער און אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט אים אַ צווייט מאָל *).

5
איבער ביאַליסטאָקער גאַסן

איך דריי זיך אַרום איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן. אומעטום אַ שטאַרקע באַוועגונג. אין אַלע געשעפטן זעט מען מיליטערלייט — קאָמאַנדירן און רויטאַרמייער. אַלע קויפן! קויפן! יעדער קאָמאַנדיר, יעדער „קראַסנאַאַרמייעץ" גייט אַרויס פון די געשעפטן מיט פּעקלעך. איך באַמערק, אַז טייל געשעפטן זענען געשלאָסן. איך פאַרקוק דורך וויטרינעס, דורך גלעזערנע טירן — ליידיק! ליידיקע פּאָליצעס. פאַרוואָס זענען זיי ליידיק? ביאַליסטאָק איז דאָך געווען אַ רייכע פאַבריק־שטאָט, אַ שטאָט פון וועבער, אַ שטאָט וואָס האָט תמיד פאַרשאָטן אַלע מערק פונעם אַמאָליקן גרויסן רוסלאַנד מיט ביליקער מאַנופאַקטור. אַפילו בעת דער קורצער צוואַנציק־יעריקער הערשאַפט פון די פּאָליאַקן האָט ביאַליסטאָק פּראָדוצירט, אַ סך פּראָדוצירט אירע שטאָפן. פאַרוואָס זענען אַ סך מאַנופאַקטור־מאַגאַזינען איצטער ליידיק?... און אַפילו אין יענע געשעפטן, וועלכע זענען יאָ אָפן, באַמערק איך זייער וויניק סחורות. די פּאָליצעס זענען שוין כמעט ליידיק. עס וואַלגערן זיך אויף די גרויסע פּאָליצעס בלויז איינצלנע, פאַראייַנזאַמטע באַלן שניט־סחורה. מיליטערלייט פּילן אָן יענע מאַגאַזינען און די „פּריקאַזטשיקעס" האַלטן אין איין וויקלען פון די באַלן און שניידן „אָטרעזן" (קופּאָנעס). אָן אמתע אויסכאַפּעניש! אין געציילטע מינוטן פאַרשווינדן די באַלן און ווערן אַלץ וויניקער.

פאַרוואָס כאַפּן זיי עס, די „קראַסנאַאַרמייעצעס", אַזוי פיבערדיק, ווי אויסגעהונגערטע וועלף, די „אָטרעזן", די מענער־שטאָפן, די לייוונטן, די

---

*) לערך מיט אַ יאָר שפּעטער ווערט אַקסעלראָד אין מינסק אַרעסטירט און בעת דעם אויסברוך פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד, ביי דער עוואַקואַציע פון דער מינסקער תפיסה, ווו ער איז געזעסן, ווערט ער דערשאָסן דורך דער „נ. ק. וו. ד."...

אגב: אין ביאַליסטאָק האָט זעליק אַקסעלראָד באַוויזן חתונה צו האָבן מיט י. מ. וויסנבערגס טאָכטער פּערל, וועמען די „נ. ק. וו. ד." האָט געמאַכט שפּעטער פאַר אַן אַלמנה.

סיצן, די סאַטינען?... פאַרוואָס און פאַר וועמען קויפן זיי איין אַזוי פיל פאַר שיך — מענער־שיך, דאַמען־שיך, קינדער־שיכלעך? די העמדער, די בלוזקעס, די קליידער? פאַרוואָס און פאַר וועמען? פאַרוואָס די בהלה?...

אויף די טראָטואַרן איז די מענטשן־מאַסע כסדר אַ געדיכטע. מען גייט אַהער און אַהין. מ׳שטופּט זיך, מ׳שטויסט זיך. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די אַלע מענטשן דרייען זיך דאָ אַרום גאָר אָן צוועק, אָן נייטיקייט, נאָר סתם לשם שטופּעניש... אַז דאָס זענען אַלע פּשוטע „גאַפּיעס״... (נייגעריקע). זייער פאַרשטאַרקטע ראַדיאָ־הילכערס פאַרשרייען די גאַסן מיט רעדעס, מיט געזאַנג, מיט מוזיק. אין פלוג איז אַלץ אַזוי צעשפּילט, צעזונגען. ס׳איז לעבעדיק אין ביאַליסטאָק! יאָ, אין פלוג... אינעם אַלגעמיינעם רויש און גאַסיקן געטומל... אויף די פּנימער אָבער זע איך עפּעס נישט די יום־טובדיקייט... אדרבה, אַזוי פיל ערנסטע, באַטריבטע פּנימער... אַזוי ווייניק שמייכלענדיקע... אַפילו די פרויען — די אַמאָליקע פריילעכע „ביעלאסטאָטשאַנקעס״! — אויך אויף זייערע געזיכטער זעט מען נישט די פריידיקע שמייכלען...

ווו איז די אמתע מענטשלעכע פרייד פון אַ צעשפּילטער שטאָט? ווו איז דער זאָרגלאָזער שמייכל?...

כ׳זע ווידער אויפן ברוק מאַרשירן ראָטעס „קראַסנאַאַרמייצעס״. זיי מאַרשירן מיט ריטמישע טריט, מיט געקלאַפּ איבערן ברוק. די הענט באַוועגן זיך ביי אַלעמען גלייכצייטיק און גלייכמעסיק אַהין און אַהער, אַהין און אַהער און זייער געזאַנג שטייגט איבער דאָס גערויש פון דער גאַס.

ווידער דאָס זעלבע ליד:

יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ...
יעסלי זאַווטראַ וו׳פּאָכאָד...

און ווידער פרעגסטו: פאַרוואָס „וואָינאַ״? פאַרוואָס מלחמה?

אַ צווייטע ראָטע זינגט שוין אַן אַנדער ליד; אָבער אויך וועגן שלאַכט, וועגן מלחמה:

קאָגדאַ נאַס וו׳באַי פּאָשליאָט טאָוואַרישטש סטאַלין...

אויף אַן אַנדער גאַס — אַן אַנדער מאַרשירנדיקע און זינגענדיקע ראָטע. ערשט דאָ הער איך שוין אַן אַנדער ליד — נישט וועגן שלאַכטן און מלחמה, נאָר וועגן מאָסקווע — וועגן דער „גרויסער״, דער „מעכטיקער״.

מאָסקוואָ מאָיאַ — — —

עס איז מיר אויסגעקומען גיין אין איין ריכטונג, וואָס די ראָטע. איך קוק זיך גוט צו צו די טיפן סאָלדאַטן: אַ געמיש פון ראַסן. אָבער אַלע, דוכט, אַזעלכע פרידלעכע, אַזעלכע גוטמוטיקע. איך מאַך אין געדאַנק אַ פּאַראַלעל: די דייטשן, די „געסטאַפּאָ"־זעלנער און, להבדיל, זיי, די רויט־אַרמייער... אַזוי האָב איך טאַקע אין געדאַנק געזאָגט: „להבדיל"! „להב־דיל, די רויטאַרמייער": קומענדיק פון איצטיקן וואַרשע איז עס געווען מער ווי נאַטירלעך. און אַזוי נאָכגייענדיק נאָך די רויטאַרמייער, און אַזוי מאַכנדיק אין די רעיונות די פאַרגלייכן מיט יענע חיות רעות, זענען מיר געקומען אין קאָפּ — און אין האַרץ — די שורות פון אַ ליד „איך גיי איבער גאַסן"... *)

אַן ענלעך ליד פון אַזאַ שטימונג — א. נ. „אויף יענער זייט בוג" — האָב איך שוין אויך אָנגעשריבן אין סעמיאַטיטש, אונטערן פרישן רושם פון ד ע ר ־ זייט, פּטור ווערנדיק פון די דייטשן...

אגב: מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געקומען מיט די דאָזיקע צוויי לידער אין רעדאַקציע פון „ביאַליסטאָקער שטערן".

איך זיץ אין רעדאַקציע־שטיבל מיטן „חבר רעדאַקטאָר", וועלכער לייענט די געבראַכטע צוויי לידער. איך זע, ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט: ער האָט מורא פאַר עטלעכע שטעלן אין די לידער... ביי די דאָזיקע שטעלן בלייבט ער אינסטינקטיוו שטיל אַ ווײַלע און קלערט נאָך... ס'איז ווי אַ ביין אין האַלדז...

די שטעלן זענען:

אַן אויסרוף: „מיין גאָט"!... ווי קאָן מען עס געבן? ס'איז דאָך „רעאַקציע"... „פאַנאַטיזם"... „קאָנטררעוואָלוציע" ר"ל...

ער פאַרהאַלט זיך אויך ביים אויסדרוק „יודע" — אַ סאַרקאַסטישע באַצייכענונג אויפן חשבון פון די דייטשן...

אָבער דער עיקר פאַרהאַלט זיך דער רעדאַקטאָר ביי אַ גאַנצער שורה, ווו עס רעדט זיך, ווי אַזוי די דייטשן צווינגען יידן „פאַר זיך אַליין גראָבן אַ גרוב"... דאָס איז דאָך שוין קלאָר און אַן רמזים אַן אָנגריף אויף דעם „פאַרבינדעטן" פון ראַטנפאַרבאַנד...

---

*) זע „יאָרן אין וואַנדער"; פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס 1949.

— וואָס־זשע זאָגט איר, חבר רעדאַקטאָר? איך מיין, אַז אויף ד ע ר ־ זייט דאַרפן אַזעלכע לידער געדרוקט ווערן...

— לאָזט איבער... מיר וועלן זען...

שוין אין דעם וואַקלענדיקן ענטפער האָב איך פאָראויסגעזען דעם גורל פון די „טרייפע" לידער...

אַוועק עטלעכע טעג — און די לידער זענען טאַקע נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

כ'בין אַריין אין רעדאַקציע און צוריקגעבעטן דעם כתב־יד. אין מאַנוסקריפּט זענען שוין אַפילו געהאַט געמאַכט געוואָרן דורכן רעדאַקטאָר אַ פּאָר „קאָרעקטיוון": אַנשטאָט „יודע" — ייד... הגם עס האָט פאַרלוירן דעם סאַרקאַזם... דער אויסרוף: „מיין גאָט!" איז פאַרשטראָכן געוואָרן און די פעלנדיקע צוויי זילבן זענען אויסגעפילט געוואָרן מיט אַן אַנדער וואָרט. אָבער ענדערן די גאַנצע שורה וועגן די דייטשן, וואָס צווינגען יידן „פאַר זיך אַליין גראָבן אַ גרוב" — דאָס האָט זיך שוין נישט געלאָזט מאַכן — אַ צו קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע!

און אַזוי האָבן מיינע צוויי לידער, געשריבן אין דער עקזאַלטאַציע פון די „האָניק־טעג" אויף דער סאָוועטישער זייט, נישט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ אויף די שפּאַלטן פון אַ סאָוועטיש־יידישער צייטונג, ווייל עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר דעם כבוד פון די דייטשן...

6

אַ באַגעגעניש מיט פּסח קאַפּלאַן

איך זע זיך מיטן שרייבער פּסח קאַפּלאַן, דעם ג ע ו ע ז ע נ ע ם רעדאַקטאָר פון דער ג ע ו ע ז ע נ ע ר צייטונג „דאָס נייע לעבן". געוועזענע, ווייל, פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע צייטונג דערשיינט שוין נישט. דאָרט, ווו עס הערשט די סאָוועטישע מאַכט, קאָנען נישט זיין קיין פּריוואַטע צייטונגען און קיין פּריוואַטע רעדאַקטאָרן. פּסח קאַפּלאַן איז אין זיין היימשטאָט, אַ חוץ אַ שרייבער, אויך געווען אַן אַנגעזעענער קולטור־עסקן — אין ועד הקהל און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

— ווי גייט עס אייך? וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך אין רעדאַקציע?...

— איך זע, איר זענט אויפגעלייגט צו שפּאַסן... — ענטפערט ער מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

— און אין דער נייער צייטונג? כ׳מיין אין „ביאַליסטאָקער שטערן״? פאַראַן דען אַ בעסערער רעדאַקטאָר אין ביאַליסטאָק?...

— איר ווייסט דען נישט, אַז אין „זייערע״ צייטונגען קאָנען נאָר זיין „זייערע״ רעדאַקטאָרן... איך אָבער...

— און וואָס איז מיט די אַלע יידישע אינסטיטוציעס? אַ שטייגער מיטן ועד הקהל? — פרעג איך אין אַ ווײַלע אַרום.

— שוין לאַנג געגאַנגען אין „אָטסטאַווקע״... איצט האָבן מיר אַ „ראַיאיספּאָלקאָם״... א „גאָראיספּאָלקאָם״... אַן „אָבלקאָמפּאַרטיע״... אַן „אָבלאָנאָ״... אאַז״וו. און צוזאַמען מיט די אַלע יידישע אינסטיטוציעס זענען אויך די אַלע עסקנים געגאַנגען אין „אָטסטאַווקע״... אַלע זיצן פאַר־רוקט אין די ווינקעלעך און זענען צופרידן, אַז מ׳זעט זיי נישט און מ׳הערט זיי נישט...

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט אין „דאָם פּיסאַטיעליאַ״?

— וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן? דאָרטן איז דאָך אַ היים פאַר שרייבער־פּליטים.

— און שרייבער־פּליטים אינטערעסירן אייך נישט?

— די אייגענע מעשה... עס ווילט זיך נישט קריכן צופּיל, וווּהין מען מוז נישט... אָט גלייכער, אַז מ׳איז אין שאָטן... וויפל זענט איר דאָ? איר זענט נאָך אַ גאַסט. איר וועט דאָ זיין נאָך אַביסל, וועט איר זיך אי־בערצייגן, אַז כ׳בין גערעכט.

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו, שוין מיט מער צוטרוי:

— איר זענט דאָך אַן אייגענער מענטש. איר האָט דאָך אַמאָל אויך מיטגעאַרבעט אין „דאָס נייע לעבן״. פאַר אייך קאָן מען דאָך רעדן אָפּנ־האַרציק: אַז איך קוק זיך צו, וואָס עס איז געוואָרן פון די יידישע אינ־סטיטוציעס, ווערט זייער טרויעריק אויפן האַרצן... און „דאָס נייע לעבן״... וויפל געזונט און כוחות אַריינגעלייגט, ביז וואַנען די צייטונג האָט זיך אויף די פיס געשטעלט. כאָטש אַ פּראָווינץ־צייטונג, אָבער איר וועט מודה זיין, אַז „דאָס נייע לעבן״ איז געווען אויף אַן ערנסטן ניוואָ. אַ צייטונג, וואָס האָט טריי געדינט די יידישע אינטערעסן פון אונדזער שטאָט, אָבער... דאָס, וואָס איז מעגלעך געווען אין האַלב־פאַשיסטישן פּוילן, איז נישט דענקבאַר אונטער דער קאָמוניסטישער מאַכט...

— אַזוי, אַזוי, מיין ליבער, — פאַרענדיקט ער מיט אַ זיפץ. — מיר לעבן איצט אין צייטן פון ליקווידאַציע... דאָס, וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געבויט, איז שנעל חרוב געוואָרן...

— יאָ, ס'איז טאַקע אַ ווייטיק — זאָג איך — אָבער „דאָרטן", אויף יענער זייט, אונטער די דייטשן, איז דאָך נאָך ערגער... דאָרט זענען דאָך יידן לחלוטין הפקר, — און דאָ... — עס איז אפשר אַ קנאַפּע טרייסט — אויב עס גייען נישט אַרויס קיין פּריוואַטע יידישע צייטונגען, גייען דאָך דאָ אויך נישט אַרויס קיין פּריוואַטע צייטונגען אין פּוילישער, רוסי־שער אָדער ווייסרוסישער שפּראַך... איך חזר איבער: ס'איז טאַקע אַ קנאַ־פּע טרייסט... אָבער די צרה איז נישט נאָר אַ י י ד י ש ע...

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישט קיין פאַרגלייך דער „דאָ" מיט דעם „דאָרטן"... אָבער קיין טרייסט, ווי איר זאָגט, איז עס אויך נישט. אַלץ, וואָס ווערט ביי אונדז יידן ליקווידירט, חרוב — פון וועלכער זייט עס זאָל נישט קומען! — פאַרשאַפט ווייטיק, פאַרדרוס. קאָן דען דאָס האַרץ נישט פּלאַצן, ווען מ'קוקט זיך צו, ווי דער יידישער חותם ווערט באַזייטיקט, אָפּגעמעקט פון אַזאַ יידישן קיבוץ ווי ביאַליסטאָק? פון אַזאַ „עיר ואם בישראל"?... אַזוי אין די שולן, אַזוי אין אַלץ...

— מיר האָבן דען אַן עצה?

— אַוודאי נישט. דערפאַר טאַקע טוט וויי. מיר מוזן זיך צוקוקן און שווייגן... אַפילו נישט פאַר אַלע אייגענע קאָן מען רעדן... איר ווייסט דאָך... „דאָרטן" דער דייטש, ימח שמו... ווער ווייסט, צו וואָס עס וועט נאָך דאָרט קומען... און דאָ... עט! — גיט ער יאושדיק אַ מאַך מיט דער האַנט.

— איר זעט מיין „טראָפיי"? — שלעפּ איך אַרויס פון טאַש מיין „געלע לאַטע", ווי וועלנדיק אים „טרייסטן" מיט דעם ערגערן פון יענער זייט. — דאָס האָב איך שוין געטראָגן אויף מיין אַרבל.

— נו, יאָ... יידישער גורל... דערנידערונג... שפיכת דמים... ווו פיזישע, ווו גייסטיקע אויסוואָרצלונג... ווער ווייסט... ווער ווייסט...

זיינע אויגן, זע איך, הייבן אָן צו גלאַנצן פון אַן אָנגעלאָפענער פייכטקייט... אַזוי גערירט איז פּסח קאַפּלאַן געוואָרן פון אונדזער שמועס. אין דעם מאָמענט שטרעקט ער מיר אויס די האַנט צום געזעגענען זיך.

— קומט אַרויף אַמאָל צו מיר אין שטוב. כ'האָב גערן אַ היימישן. קומט אויף אַ גלעזל טיי.

— אַ דאַנק, אדרבה. ווען טרעפט מען אייך?

— שטענדיק. כ'בין געוואָרן א יושב אוהלניק. ווען איר זאָלט נישט קומען, וועט איר מיך טרעפן. קומט אַרויף, וועלן מיר הערן דורכן ראַדיאָ אַן אויסלענדישע אוידיציע. אַן אמתע ידיעה... אַן אמתדיק וואָרט פון דער וועלט...

— הערט איר, — גיט ער צו ביים צעגיין זיך, — זינט „דאָס נייע לעבן" איז ליקווידירט, פיל איך מיך ווי אַ שטומער... איך האָב דאָס גע־פיל, ווי מען וואָלט מיר די צונג אויסגעשניטן... אַ קלייניקייט, טאָג־טעגלעך גערעדט צו יידן, צו דער געזעלשאַפט... און דאָ... נו, זייט זשע מיר געזונט!

אַוועקגייענדיק פון פסח קאַפּלאַנען האָב איך נאָך צופעליק געטראָפן אויף ליפּאָווע זעליק אַקסעלראָדן. ער איז געווען אַליין און מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעשטעלט.

— עס אינטריגירט מיך ביאַליסטאָק. — רופט ער זיך אָפּ. — איך גיי און קוק זיך צו — אַ יידישע שטאָט!

— איצט איז אַביסל אַנדערש ווי געוויינלעך אין שלום־צייט. ווען איר פאָלט אַריין אַהער אין אַ נאָרמאַלער צייט, וואָלט אייך די שטאָט אויסגעזען נאָך מער יידיש. און ווי זעט אויס אייער מינסק?

— מינסק איז עפּעס אַנדערש... אַן אַנדער כאַראַקטער...

— נו, יאָ, דאָס מינסק פון א מ אָ ל איז דאָך אויך געווען אַ מין ביאַליסטאָק... איך געדענק מינסק פון אַ מ אָ ל... געווען דאָרט אַ גאַסט אַזוי ווי איר הײַנט אין ביאַליסטאָק...

— אַלץ ענדערט זיך אין אונדזער לעבן... — באַמערקט אַקסעלראָד.

אין טאָן פון זיין באַמערקונג האָב איך נישט אַרויסגעפילט, אַז די „ענדערונג" זאָל אים אַזוי פרייען...

— וואָס הערט זיך, חבר אַקסעלראָד, מכוח דער נאָטיץ, וואָס איך האָב אייך געגעבן? מכוח די 53 דערשאָסענע יידן אויף נאַלעקוועס?...

— מען מוז אַביסל אָפּוואַרטן...

— זעט איר? געדעכט בין א י ך טאַקע געווען... איך האָב גע־טראַכט, אַז כאָטש דער „ביאַליסטאָקער שטערן" — ווי אַ צייטונג אין דער יידישער שפּראַך — זאָל די מעשה־נבלה פאַרעפנטלעכן...

— דאָ גייט נישט אין דער שפּראַך פון דער צייטונג... — ענטפערט אַקסעלראָד.

— יאָ, איך פאַרשטיי...

איך האָב געפילט, אַז אַקסעלעראַד פילט זיך אַזש אומבאַקוועם לגבי מיר צוליב דער נאָטיץ און איך גיי איבער מיט אים אויף אַן אַנדער טעמע.

פאַר מיר איז עס געווען אַ קלאָרע, פאַרשטענדלעכע לעקציע:

אין אַ סאָוויעטישער צייטונג טאָר מען נישט קריטיקירן די דייטשן — מעגן זיי אומברענגען אַ וועלט! מעגן זיי אויסשעכטן מיליאָנען!...

7

אויף די באַזאַרן

טאָג־טעגלעך קומען אָן מאַסן פּליטים פון יענער זייט — פון וואַר־שע, פון טשענסטאָכאָוו, פון לאָדזש, פון קראָקע, פון אַלע שטעט און שטעטלעך, וועלכע געפינען זיך אונטערן דייטשישן שטיוול.

אין שטאָט איז אַ גוואַלדיקע ענגשאַפט. שוין פול אַלע בתי־מדרשים מיט פּליטים, אַלע אכסניות. מעבלירטע צימערן זענען געפּאַקט. ווער פון די ביאַליסטאָקער עס וויל נאָר פאַרדינגען עפּעס אַ צימערל, אָדער אָפּ־טרעטן עפּעס אַ „ווינקל", „מאַכט אַ לעבן", נעמט דערפאַר געפעפערטע פּרייזן. די פּליטים מוזן צאָלן וויפל מען בעט. אַנישט, קומט דאָך אויס צו נעכטיקן אונטערן פרייען הימל.

אומעטום אין שטאָט לאָזן זיי זיך פילן, די „בעזשענצעס". מ׳טרעפט זיי אין די גאַסן, אין די קאַוויאַרניעס און רעסטאָראַנען, אויף אַלע פּלע־צער און באַזאַרן. אַז מ׳זעט אין גאַס אַ מענטש מיט אַ „פּלעצאַק", ווייסט מען שוין, אַז דאָס איז אַ „ביעזשעניעץ". מ׳קוקט אויף אים ווי אויף אַ געפאַלענעם, נעבעך; ווי אויף אַ יורד. אַמאָל טרעפט מען אויך פאַרשווי־נען מיט געשוואָלענע גרויסע רוקזעק און מיט פּעקלעך אין ביידע הענט. דאָס זענען די שמוגלערס, די שפּעקולאַנטן, וואָס האָבן די גרענעץ געמאַכט פאַר אַ פּרנסה. זיי מאַכן אָפטע „שפּאַצירן" אַהין און צוריק און קומען פון דאָרט מיט פּעקלעך סחורה. זיי ווייסן שוין וואָס מיטצונעמען פון י ע נ ע ר זייט. זיי האָבן דאָ פון פאַראויס אָפּגערעדט, אַנגענומען „באַ־שטעלונגען"... און אָט זענען זיי עס בשלום אָנגעקומען פון יענער זייט בוג, מיטן צוג פון סעמיאַטיטש.

איך כאַפּ אַ קוק אויף אַ באַזאַר. ס׳איז דאָ פול מיט אַן אייגנאַרטיקן

עולם: „ביעזשענצעס״, רויטאַרמייער און סתם היגע פאַרשוינען, וואָס שנאַפּן אַרום און זוכן לייכטע פאַרדינסטלעך. עס גייט אַ האַנדל, דער עיקר מיט זייגערלעך. די סאָלדאַטן זוכן זייגערלעך ווי מיט ליכט. זיי גייען פון איין סוחר צום אַנדערן, טאַפּן, באַקוקן, לייגן צו צום אויער מעשה־מבין. עס קומען דאָ פאַר נישט ווייניק קוריאָזן: פּיפיקע פאַרשוי־נען נאַרן אַריין די „קראַסנאַאַרמייצעס״ די ביליקסטע „צילינדערס״, וואָס קלאַפּן שטאַרק און גייען פון אסתר־תענית ביז פורים... קיין גרויסע מבי־נים אויף זייגערס זענען זיי נישט, די רויטאַרמייער: זיי זעען, אַז עס בלישטשעט, אַז עס טיקעט אין אויער: „טיק־טאַק״, „טיק־טאַק״ — כאַפּן זיי די מציאה...

דאָ ווערן אויך פאַרקויפט „אַטרעזן״ פון מענער־ און דאַמען־שטאָפן, פאַרטיקע אַנצוגער, זיידענע דאַמען־טיכלעך, זאָקן וכדומה. אַלץ ווערט געקויפט, אויף אַלץ זענען די רוסן בעלנים. ווער פון זיי עס האָט נאָר אַ פּאָר רובל, קויפט וואָס עס לאָזט זיך און שיקט עס איבער אין אַ פּעקל קיין רוסלאַנד, כדי צו מהנה זיין זיינע בני־בית מיט די טייערע גאָבן, די רעשטלעך פון ג ע וו ע ז ע נ ע ם „צעפוילטן, בורזשואַזן לאַנד״...

עס גלוסט זיך נענטער באַקענען מיטן אַנגעלאָפענעם עלעמענט. איך פאַרפיר אַ שמועס מיט איינעם, מיט אַ צווייטן. וויזט זיך אַרויס, אַז אַ סך פּליטים זענען גראָד נישט קיין „סוחרים״; אַז דאָס טראָגן זיי פּשוט פאַרקויפן אַן אייגענעם אַנצוג, אַן אייגענע שמאַכטע, כדי צו האָבן פון וואַנען צו לעבן דערווייל; פון וואַנען צו צאָלן דירה־געלט; אַז זיי דרייען זיך אַרום אין ביאַליסטאָק אָן אַרבעט, אָן דער מינדסטער פּרנסה. אויף דעם זאָגן טאַקע עדות זייערע אומעטיקע, בלאַסע פּנימער, די פאַרזאָרג־טע בליקן, זייער גאַנצער יורדישער „הולך״...

8
געסט פון לעמבערג

איין טאָג, אַז איך בין אַריינגעקומען אין „דאָם פּיסאַטיעליאַ״, האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיין זון האָט מיך דאָ געזוכט; אַז מען האָט אים געגעבן מיין אַדרעס און אַז ער וועט זיין ביי מיר אין די נאָכמיטאָג־שעהען. זיין קומען, טראַכט איך, איז זיכער נישט קיין רעזולטאַט פון

מיין בריוו קיין לעמבערג, וואָס כ׳האָב אים געשריבן מיט עטלעכע טעג צוריק שוין פון ביאַליסטאָק: צו שנעל ביי היינטיקער צייט!

מיין 17־יעריקער זון, אַ מאַטוריסט, איז נאָך אַרום אָנהייב נאָוועמ־בער געלאָפן פון וואַרשע קיין לעמבערג, כדי אָנצוקומען דאָרט אין אוני־ווערזיטעט. הייסט עס, אַז אים איז עס ביז איצט נישט געלונגען? אַנ־דערש וואָלט ער דאָך איצט נישט אַהער געקומען.

כ׳האָב אים אָפּגעוואָרט אין מיין וווינונג און ער איז טאַקע געקומען. נישט אַליין: צוזאַמען מיט אַ שול־חבר — מיטן זון פון מיין „מאָ־מענט“־קאָלעגע יוסף העפטמאַן.ביידע זענען עס אין איין צייט צוזאַ־מען אויך געלאָפן קיין לעמבערג.

ביידע זענען אַריינגעפאַלן צעיאַכמערטע, צעפלויגענע.

— ווי קומט איר אַהער?

— מיר פאָרן קיין וואַרשע.

— וואָס הייסט?!

— מיר פאָרן אויף צוויי וואָכן.

— וואָס הייסט? נאָך וואָס און נאָך ווען?

— מיר דאַרפן דערליידיקן בריוו קיין וואַרשע...

— וואָס פאַר אַ בריוו? וואָס פאַר אַ וואַרשע?

— בריוו... סוחרישע בריוו...

— סטייטש?

— מען באַצאָלט אונדז דערפאַר...

און דערביי נעמען ביידע אַרויס פון די טאַשן פעקלעך בריוו — צענדליקער בריוו...

— מיר באַקומען 50 זלאָטעס פון אַ בריוו. 100 בריוו איז 5.000 זלאָטעס...

„שיין דערלעבט“... — טראַכט איך.

— אַזוי גאָר?... דאָס איז אייער תכלית?... און וואָס איז מיטן אוני־ווערזיטעט?

— נעכטיקע טעג... מ׳נעמט נישט אָן...

— פאַרוואָס?

— נישטאָ קיין פלעצער... נישטאָ קיין סטיפּענדיעס... נעכטיקע טעג...

— איז וואָס זשע טוט איר אין לעמבערג?

— טאַקע ביטער... נישטאָ ווו צו פֿאַרדינען... סיידן ביי שוואַרצער אַרבעט... איז דאָס צאָלט מען גראָשנס... עס קלעקט אַפֿילו נישט אויף עסן...

— סטייטש?!

— אַזוי איז עס... אָט איצט וועלן מיר פֿאַרדינען אַביסל געלט..

— פֿון די בריוו?

— יאָ, פֿון די בריוו. אַ שלעכט געשעפֿט? 5000 זלאָטעס...

— ניין, קינדער! איר וועט שוין קיין וואַרשע פֿון דאַנען נישט גיין! אויס געשעפֿט!

און איך באַווייז זיי אַ ביאַליסטאָקער צייטונג, ווו ס׳איז גראָד היינט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ וואָרנונג פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, אַז פֿאַר אַרי־בערגיין אומלעגאַל די גרענעץ וועט מען מכבד זיין מיט דריי יאָר...

— נו, וואָס זאָגט איר, קינדער? איר וועט שוין ווערן איצט אויס „סוחרים״... לאָזט עס איבער פֿאַר אַנדערע...

און צום זון זאָג איך:

— דו, אַלעק, וועסט מיטפֿאָרן מיט מיר קיין גראָדנע. דאָרט וועט מען שוין אַ טראַכט טאָן מכוח תכלית.

איך האָב נאָך ווייטער געפֿירט דעם שמועס מיט די לייכטזיניקע יינגלעך, די פֿריש־געבאַקענע „סוחרים״; אויסגעפֿרעגט זיי וועגן לעמ־בערג. פֿון זייערע דערציילונגען ווער איך געוווירע, אַז אויך דאָרטן, ווי אין ביאַליסטאָק, איז דער זעלביקער יאַריד מיט די אַנגעלאָפֿענע פּליטים, דער זעלביקער באַלאַגאַן, דער זעלביקער טומל, די זעלביקע ענגשאַפֿט אין שטאָט, אויף די גאַסן און באַזאַרן.

שפּעטער זאָגן זיי מיר אויס אַ „סוד״:

— מיר פֿירן נאָך סחורה — שנאַפּס. „מאָסקאָווסקאַיאַ״... (מאָס־קווער ספּירט). מיר וועלן שוין מוזן פֿאַרקויפֿן אין ביאַליסטאָק. אין וואַר־שע וואָלטן מיר גענומען אַ בעסערן פּרייז.

און יעדער איינער פֿון די יינגלעך שלעפּט אַרויס פֿון מאַנטל־קע־שענע אַ פֿלעשל. אַ פֿלעשל מיט אַ מאָסקווער עטיקעט.

עס ווערט מיר פֿינצטער פֿאַר די אויגן: ערשט אַ וואָך זעקס ווי די קינדער זענען אַוועק פֿון וואַרשע — און צו וואָס פֿאַר אַ „תכלית״ זיי האָבן דאָ אַזוי שנעל אויף ד ע ר ־ זייט געקאָנט דערגיין!...

איך קוק אויף די פֿלעשער און פֿרעג:

— ווו האָט איר עס גענומען דעם יי״ש?...

— געקויפט אויפן באַזאַר ביי אַ „קראַסנאָאַרמייעץ״...

— ביי אַ „קראַסנאָאַרמייעץ״?! ווי קומט עס?

— אַ פראַגע אַביסל! זיי פאַרקויפן „וואָדקאַ״ און קויפן זייגערלעך... איך זע, זיי זענען שוין „אויסגעבונדן״ אין דעם היגן איצטיקן שטייגער...

— דו, אַלעק, — זאָג איך צו מיין זון, — וועסט דאָ בלייבן מיט מיר דערווייל. און דו, אַמוש — האָסט ווו צו נעכטיקן?

— יאָ, איך האָב. ביי אַ באַקאַנטער פאַמיליע. מיין טאַטנס פריינד.

— געדענקט, קינדער! — וואָרן איך זיי, — לאָזט זיך נישט אויף שלעכטע וועגן... עס האָט געלוינט צו לערנען, צו באַקומען מאַטורע, כדי — וואָס? כדי איצט צו ווערן „לומפּן״?

— וואָס זשע זענען מיר שולדיק? אַז אין אוניווערזיטעט האָט מען אונדז נישט אָנגענומען, קיין קרובים אין לעמבערג האָבן מיר נישט, קיין אַרבעט, פון וואָס צו קאָנען לעבן, איז אויך נישטאָ, — טאָ ווער זשע וועט אונדז געבן אַ שטיקל ברויט?

— וואָס זענען מיר שולדיק? — אַקצענטירן זיי נאָכאַמאָל די פראַגע, — אדרבה, וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן?

איך שווייג. איך טראַכט אַריין אין זייער פראַגע. איך ווייס באמת נישט וואָס די קינדער צו ענטפערן...

אינדעראמתן: זענען זיי דען שולדיק?...

ס׳אַראַ משונהדיקע, ס׳אַראַ אויסטערלישע צייט! אין די דאָזיקע מבולבלדיקע טעג ווערן צעריבן מענטשלעכע גורלות, ווערן צעטראָטן קינדערשע נשמות — אונדזער צוקונפט, אונדזער האָפנונג — — —

9

אין היימישן גראָדנע

מיט אַ „ספּראַווקע״ (באַשטעטיקונג) פון שרייבער־הויז, אונטערגעשריבן פון פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר הערש סמאָליאַר, פאַרלאָז איך ביאַליסטאָק מיטן גאַנצן שרייבערישן יאַרידל און קום אָן אין מיין היימישן גראָדנע.

אין מיין באַליבטער ניעמאַן־שטאָט בין איך אָפּגעוואַרט געוואָרן פון מיין משפחה־קרייז: מאַמע, שוועסטער, פּלימעניקעס און אַנדערע קרובים. (דער טאַטע ע״ה רוט שוין לאַנג אויפן גראָדנער „פּערשטאָטער״ בית־עולם און ער פעלט אויף דער שמחה).

מיין אָנקומען, דערצו נאָך צוזאַמען מיט מיין בן־יחידל, איז פאַר דער משפחה געווען אַ גרויסער יום־טוב. אַ פרייד, וואָס ביי אַ מאַמען דערגייט זי ביז טרערן...

— וואָס ווייַנסטו, מאַמע?...

— גאָרנישט... גאָרנישט... איך פריי זיך...

די ליבע און האַרציקייט פון די נאָענטע און היימישע ברענגט פאַר מיין געמיט אַ לינדערונג נאָך די איבערלעבענישן אין וואַרשע.

אַ גאַנצן טאָג האָבן געדויערט די ערשטע שמועסן אין דער באַשייד דענער דירה פון מיין מאַמען און שוועסטער דער אלמנה. אויפן טיש איז געשטאַנען כיבוד („טשעם כאַטאַ באַגאַטאַ״...) און מ׳האָט מיר כסדר דערמאָנט איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. אַזוי מיר, אַזוי מיין זון.

מיין בן־יחידל, אַ געבוירענער און דערצויגענער אין וואַרשע, האָט זיך געפילט פרעמד אין דער סביבה פון גאָלע ליטוואַקעס... ס׳זענען אים פרעמד געווען די מענטשן און זייער ליטווישער רעדנסאַרט. ער האָט עפּעס מיט קיינעם קיין לשון נישט געהאַט. איז ער געזעסן ביים טיש אַ שווייגעוודיקער.

— אַלעק מוז בענקען נאָך וואַרשע. — באַמערקט מיין מוטער אי־בער זיין שווייגעוודיקייט.

— יאָ, ער בענקט. אַ סימן: כ׳האָב אים אַהער געבראַכט פון וועג — פון וועג קיין וואַרשע...

און כ׳דערצייל וועגן דעם קוריאָז מיט זיינע געפלאַנטע „מסחרים״... עס רופט־אַרויס אַ געלעכטער.

— חלילה! — רופט אויס מיין מוטער, — אין אַזאַ סכנה?

— נישט קיין וווּנדער, — זאָגט מיין שוועסטער, — אַלע זענען איצט געוואָרן סוחרים... אַפילו קינדער אין די וויגן קלייבן זיך שוין אויפן באַזאַר...

— דער מסחר האָט זיך איבערגעטראָגן פון די קראָמען אין די הייזער. — דערקלערט עמיצער פון דער מסיבה.

— ווייל אין קראָם מוז מען פאַר אַ קילאָ צוקער נעמען אַ זלאָטע און

אין שטוב צען מאָל און פופצן מאָל אַזוי פיל. — ענטפערט אים אַן אַנדערער.

איך זע פונעם שמועס, אַז אין גראָדנע איז נישט אַנדערש ווי אין ביאַליסטאָק...

מ׳פרעגט מיך אויס וועגן וואַרשע. איך דערצייל זיי אַביסל טרויער־ריקע געשיכטעס...

איבער דער שטוב טראָגן זיך זיפצן...

— פאַרוואָס איז מאַניע (מיין פרוי) נישט געקומען? — פאַלט אַ פראַגע — פאַרוואָס איז זי נאָך געבליבן מיט די באַנדיטן?

— זי וועט קומען, זי וועט קומען. מיר זענען נאָר די „פּיאָנערן״... מ׳עט נאָר שאַפן אַ דירה.

— ווייס איך וואָס, — רופט זיך אָן די שוועסטער, — מ׳וועט זיך דאָ אינאיינעם אַן עצה געבן.

דאָס האָט פון איר אַרויסגערעדט די גוטסקייט אַליין, וואָרום ווי איז עס מעגלעך, אַז דאָ אינעם קליינעם שטיבל זאָל זיך קאָנען אַריינ־פּאַקן נאָך אַ פאַמיליע?

— כאָטש איך ווייס אַליין נישט, ווי וועט עס איצט זיין, — גיב איך צו. — איצט איז אַ גרויסע געפאַר צו גיין איבער דער גרענעץ. ווי אַזוי וועט זי טאַקע זיך דערשלאָגן אַהער?

— טאַקע אַ פעלער, אַ גרויסער פעלער, וואָס זי איז אינאיינעם מיט דיר נישט געקומען, — האַלט די שוועסטער. — קיין „גליקן״ זענען דאָ נישטאָ... נישט קיין לייכט לעבן... אָבער כאָטש מיטן לעבן איז מען זיכער...

די טיר האָט זיך אַלע ווײַלע געעפנט און עס זענען צוגעקומען פריי־שע קרובים — נענטערע, ווייטערע.

— מיט־ליב אייך מיט די געסט!

קושן און האַנט־דרוקן, און פראַגן, פראַגן, פראַגן — — — —

איטלעכער האָט אויסגעפרעגט — אַלץ וועגן וואַרשע! צי איז טאַקע אַלץ אמת, וואָס מען דערציילט זיך אָן? צי איז אמת, אַז יידן טראָגן „געלע לאַטעס״?... אד״גל.

אָנשטאָט זיי צו ענטפערן, נעם איך אַרויס מיין „געלע לאַטע״ און ווייז זיי:

— אָט זעט...

— דאָס איז עס טאַקע?

יעדער איינער האָט עס גענומען אין האַנט אַריין און עס באַקוקט.

— ס׳איז דאָך אַ מגן־דוד... — באַמערקט ווער נאַאיוו.

— יאָ, אַ מגן־דוד. עס ווענדט זיך אָבער וו ו דער מגן־דוד גע־פינט זיך... ווו און ווען מען באַנוצט אים... געפינט ער זיך איבער אַ דאַך פון אַ שול — איז ער הייליק; אויף אַ יידישער בלוי־ווייסער פאַן — איז ער אויך הייליק... אויב אָבער אויף אַ יידישן אַרבל — לויט אַ דייטשישן באַפעל — איז עס אַ שאַנד!...

— וואָס זשע ווילן זיי פון יידן? — פרעגט מיין מוטער תמימותדיק.

— וואָס האָט המן הרשע געוואָלט פון די יידן? די עמלקים? די כמעלניצקיס?...

— דער יידישער מזל!...

אַזוי האָט זיך געצויגן דער ערשטער שמועס אין מיין משפחה־קרייז; געצויגן ביז אין אָוונט אַריין.

עס איז אַריינגעקומען מיין פלימעניק אפרים — מיין שוועסטערס בכור. ער איז געקומען מיך נעמען צו זיך אין זיין דירה. אַזוי איז אָפּגע־רעדט געוואָרן אין דער משפחה נאָך פאַר מיין אָנקומען. ער האָט אַ באַ־קוועמערע דירה — הגם אויך נישט קיין גרויסע — און וועט מיר אָפּ־טרעטן אַ צימער.

— מיר דאַרפן שוין גיין. ס׳איז באַלד פּאָליציי־שעה...

ווייזט זיך אַרויס, אַז אין גראָדנע, ווי אַ שטאָט, וואָס איז נאָענט פון דער גרענעץ, איז דער פאַרקער אויף די גאַסן באַגרענעצט: אין אָוונט קאָן מען גיין נאָר ביז 10 אַזייגער.

געזעגענען מיר זיך:

— אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

— שלאָפט געזונטערהייט!

— ביז מאָרגן!

און עס דוכט זיך מיר, אַז אויך די פייערלעך, וואָס שפיגלען זיך אָפּ אין גוטן, ליבן ניעמאַן, ווען מיר גייען דורך די בריק, ווינטשן מיר: „אַ גוטע נאַכט!“...

10

דאָס „גליקלעכע לעבן“...

ביי מיין פלימעניק האָב איך געהאַט די ערשטע געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי עס לעבט אַן אַרבעטנדיקע פאַמיליע אין די נייע, סאָוויעטי־שע באַדינגונגען.

מיין פלימעניק איז פאַר דער מלחמה, ביי דער פוילישער הערשאַפט, געווען אַ יוריסט־אַפּליקאַנט. ער האָט געהאַט ערשט אָנגעהויבן דורכצו־מאַכן די געריכטס־אַפּליקאַציע. איצט ביי די באָלשעוויקעס איז ער אָנער־קענט געוואָרן ווי אַ פולבארעכטיקטער אַדוואָקאַט און איז אַפילו באַ־שטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער יורידישער קאָנסולטאַציע פאַר גראָדנע און קרייז. ס׳האָט די באָלשעוויקעס אימפּאָנירט קודם־כל די „סאָצפּראָאיסכאָזשדעניע“ (סאָציאַלער אָפּשטאַם) פון מיין פלימעניק: אַ זון פון אַן אָרימער מוטער, אַן אלמנה, אַ „סלוזשאַשטשאַיאַ“ (אָנגעשטעל־טע) אין יידישן קינדערהיים. מיין פלימעניק רעדט נאָך אַ שלעכטן רו־סיש, — נאָך נישט באַוויזן אויסצולערנען זיך — און מאַכט שוין אַ שטיקל „קאַריערע“...

איך זאָג עס אים:

— ביי די פּאָליאַקן וואָלסטו זיך נאָך געדאַרפט וואַלגערן אַ פּאָר יאָר אין די געריכטן ווי אַן אַפּליקאַנט. און דאָ... ביסט שוין אַן אַד־וואָקאַט!

— יאָ, ביי די באָלשעוויקעס באַקן זיך זייער שנעל אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשעניערן... אַלץ גייט צו „פּאָ סטאַכאַנאָווסקי“...

— ביסט כאָטש צופרידן? האָסטו כאָטש פּרנסה?

— מיט דעם איז אַביסל ערגער... מיט מיין פאַרדינסט קען איך נישט אויסקומען, און דעריבער מוז אויך מיין פרוי אַרבעטן... מיט אונ־דזערע ביידנס פאַרדינסטן פירן מיר ערשט אַ גאַנץ באַשיידן לעבן...

— פונדעסטוועגן, — גיט ער צו, — פלעגט אין פוילן אַ פרוי פון אַן אַדוואָקאַט נישט דאַרפן העלפן דעם מאַן אין פּרנסה...

איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער לעבן אין שטוב און האָב טאַקע געזען זייער באַשיידענע פירונג. מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען מיט יעדן גראָשן. דערצו איז נאָך געווען אַ קליין קינדעלע פון אַ 11־12 חדשים. און

ווײַבאַלד די מאַמע גייט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג צו דער אַרבעט, האָט מען געמוזט האַלטן צום קינד אַ ניאַניע — אַן עלטערע פּוילישע פרוי, וואָס האָט אויך געפירט די ווירטשאַפט אין שטוב: געקאָכט, געראַמט. דאָס פאַרפאַלק האָט אַזוי אַרום געפירט אַ באַשיידן, אַרבעטזאַם לעבן. ער אין דער יורידישער קאָנסולטאַציע און אין די געריכטן אויפן פּלאַץ הינ־טער דעם שווייצער־טאָל — איצט לענין־פּלאַץ, און זי — ווי אַ בוכהאַל־טערין אין דער גרויסער מיל און בעקערײַ, וואָס האָבן פריער געהערט צו אַ היגן יידישן גביר — צו קאַסאַווסקין — און וואָס איז איצט נאַציאָ־נאַליזירט געוואָרן. ביידנס אַרבעט — אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס! — האָט זיי געגעבן אַזוי ווייניק, אַז מ׳האָט געמוזט לעבן מיט חשבון. זיי האָבן געציטערט איבער יעדן אויסגעגעבענעם גראָשן. מ׳האָט נאָר גע־זאָרגט, אַז דאָס קינד זאָל האָבן אַלצדינג, וואָס עס דאַרף: זיין זויבער בעטעלע, זיין קינדערישע אויסשטאַטונג און גוטע ראַציאָנעלע דערנערונג: מילך, אַלערליי קאַשקעלעך, געקאָכט אויף פרישער שמאַנט־פּוטער. אַליין האָט מען זיך דערנערט באַשיידן. ווי עס לאָזט זיך, אין די ראַמען פון באַ־שיידענעם „ביודזשעט״.

אַ יום־טוב פלעגט זיין אין שטוב, בעת אַ קליענט, אַ פּויער פון דאָרף, פלעגט ברענגען דעם אַדוואָקאַט אַ מתנה: אַ פּאָר צענדליק אייער, אַ קילאָ פּוטער, צי אַ קעז. דעמאָלט האָט מען זיך געלאָזט ווילגיין...

— אייגנטלעך, וואָס פאַר אַ „ספּראַוועס״ פירט דאָ איצט אַן אַד־וואָקאַט? — פרעג איך מיין פלימעניק.

— נאָר קרימינעלע: גנבות, שפּעקולאַציע, קוליגאַנסטוואָ א. דגל.

— און פּאָליטישע?

— אָ, ניין... דאָס געהערט נישט צו אונדזער געריכט... דערמיט פאַר־נעמען זיך אַנדערע אינסטאַנצן...

— מיינסט אַוודאי די „נ. ק. וו. ד.״?...

— מסתמא...

מיין פלימעניק דערציילט מיר אַפילו וועגן זיין אויפטריט אויף אַ זייער גרויסן פּראָצעס. אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט טויט־שטראָף:

געשען אַ קאַטאַסטראָפע. אַ צוג איז אַרויף אויף אַ לאַסט־אויטאָ מיט רויטאַרמייער. ניין רויטאַרמייער זענען דערהרגעט געוואָרן. בלויז דער שאָפער און עטלעכע רויטאַרמייער זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. שפּעטער

איז דער שאָפער געשטאַנען פאַרן געריכט און ער האָט באַקומען טויט־שטראָף. אויף דער אַפּעלאַציע איז אויפגעטראָטן מיין פלימעניק — און ס׳איז געלונגען מ׳זאָל די טויט־שטראָף פאַרבייטן אויף 20 יאָר לאַגער. מיין פלימעניק האַלט עס פאַר זיין „סוקצעס״...

— מסתמא איז עס דערפאַר, ווייל דער פראָצעס איז דאָך אין גרונט נישט קיין פּאָליטישער. נישט אמת?

— זיכער דערפאַר. ווען עס וואָלט געווען אַ פּאָליטישער פּראָצעס, וואָלט מיר נישט אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן.

מיין פלימעניק, ווי זיין פרוי, האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך הארץ, אַ סך סענטימענט. אפשר איז עס אויך געווען דערפאַר, ווייל מיר פלעגט פריער אויסקומען פון צייט צו צייט שיקן הילף מיין שוועסטער און פון דער דאָזיקער הילף פלעגט ער אויך געניסן אַפילו אין זיינע סטודענטי־שע יאָרן אין ווילנער אוניווערסיטעט... אַפילו אויב נאָר צוליב דעם, איז אויך גוט, וואָס מען געדענקט...

פאַרמאָגט האָט דאָס פּאָרפאָלק נאָר צוויי צימערן מיט אַ קיך און קאָרידאָר. דאָס לעצטע צימער איז געווען זייער שלאָפצימער און דאָס ערשטע — אַן אויפנאַמס־צימער, מיט ניי מעבל אויסגעשטאַט נאָך פון פריער, באַלד נאָך זייער חתונה. איך בין געשלאָפן אויף דער סאָפאָ אין אויפנאַמס־צימער און מיין זון — אויף אַן אויפלייג־בעטל. פון זייער טיש האָב איך גענאָסן נאָר עטלעכע טעג. נאָכדעם פלעג איך גיין אין אַ רעס־טאָראַן. איך האָב פשוט נישט געוואָלט באַלעסטיקן זייער קאַרגן ביור־דזשעט.

— עטלעכע טעג זענען מיר געווען אייערע געסט. איצט מוזן מיר איבערגיין אויף אייגענע קעסט. ס׳איז שיין פון אייער זייט, וואָס איר גיט צוויי „ביעזשענצעס״ אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אַזוי האָב איך דערקלערט אין אַ לייכטן טאָן מיינע היימישע גאַסט־געבער. יענע האָבן עס טאַקע אָן דינגעניש גענומען צו קענטעניש.

— ווען איך וואָלט געווען פריי, וואָלט איך אייך, וויאַשקו (פע־טער), נישט געלאָזט גיין אין אַ רעסטאָראַן... אָבער איר זעט דאָך, כ׳בין אַזוי פאַרנומען... — האָט זיך ווי פאַרענטפערט מיין פלימעניקס פרוי.

— אַוודאי אַזוי... איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי... זאָל אייך גאָר־נישט אַרן...

מיין פלימעניק האָט עס געהאַט אַביסל אויפן געוויסן און ער האָט זיך אָפגערופן:

— אָבער וואָס פאַר אַ פנים וועט עס האָבן? איר זאָלט גיין אין אַ רעסטאָראַן?

איך בין געווען קאַטעגאָריש:

— עס שאַדט גאָרנישט. עס איז גוט אַזוי. זאָל אייך נישט אַרן.

און איך האָב געטאָן מיינס: געמיטיקט צוזאַמען מיט מיין זון אין אַ רעסטאָראַן. אינדערפרי און אין אָוונט — אין אַ קאַפע, אָדער פלעג מיר איינקויפן עפּעס צום עסן אין שטוב אַריין — אַבי נישט צו באַלעסטיקן קיינעם. אַזוי האָב איך מיך איינגעאָרדנט. כ'בין געווען איבערגעטריבן פּאָרזיכטיק און באַמיט זיך אויסצומיידן די קלענסטע קלייניקייט, כדי לחלוטין גאָרנישט צו געניסן פון מיינע גאַסטגעבער. סיידן אַמאָל אַ גלאָז טיי, מיט וואָס מ'נעמט אויף אַפילו אַ ווילד־פרעמדן אויך...

אויף איינעם אַ פאַמיליע־שמועס איז געווען די רייד וועגן אַ תכלית פאַר מיין בן־יחידל. ס'איז געבליבן, אַז מען זאָל אים אַריינגעבן אין „פּעד־אינסטיטוט" (פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט) אין ביאַליסטאָק. אפשר וועט ער אַגב דאָרט קאָנען קריגן אַ סטיפּענדיע.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס לייכטזיניקע יינגל האָט אַלע זיינע זאַכן און — דער עיקר — אַלע זיינע פּאַפּירן מיט דער מאַטורע איבערגעלאָזט אין לעמבערג, ווּהין ער האָט דאָך גערעכנט צוריקקומען נאָך זיין געפּלאַנטן וויזיט אין וואַרשע... איז דעריבער קיין אַנדער עצה נישט געווען ווי אים צו שיקן קיין לעמבערג נאָך די זאַכן און פּאַפּירן. דער צוג קיין לעמבערג ווערט טאָקע פּאָרמירט אין גראָדנע, און פון דאַנען איז די „פּאָסאַדקע" (דאָס איינשטייגן) נישט אַזוי שווער. פון די ווייטער־דיקע סטאַנציעס איז שוין אַ סך שווערער און פון ביאַליסטאָק כמעט אומ־מעגלעך — צוליב דער איבערפולטקייט פון דעם צוג. דאָרט וואַלגערט מען זיך גאַנצענע טעג אויפן וואָקזאַל און מ'קען זיך נישט אַריינבאַקו־מען אין אַ וואַגאָן.

באַגלייט איך מיין זון צום וואָקזאַל און זעץ אים אַריין אין וואַגאָן אַריין. איך פּאַרזאָג אים, אַז למען השם אין אַ וואָך אַרום — העכסטנס אַ וואָך! — זאָל ער זיין צוריק אין גראָדנע.

ער זאָגט עס מיר צו.

11
איך זוך אַ „תכלית“

איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן „תכלית“ פאַר זיך אַליין. מ׳דאַרף דאָך עפּעס טאָן. מ׳דאַרף דאָך פאַרדינען פּרנסה.

איך זע זיך מיט אַלע באַקאַנטע און פריינד: מיטן ג ע וו ע ז ע־נ ע ם רעדאַקטאָר פון דער ג ע וו ע ז ע נ ע ר צייטונג „גראָדנער מאָמענט“, דוד בערעזאָווסקי (פּסעוודאָנים „דודל“); מיטן פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע און באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן נח באס; מיטן געוועזענעם לאוניק פון גראָדנער שטאָט־ראַט, אויך אַ מיטאַרבעטער פון „גראָדנער מאָמענט“ — צבי טאַרלאָווסקי; מיטן וואַר־שעווער דאָקטער בריזמאַן, וועלכער וווינט זינט אַ לענגערער צייט אין גראָדנע; מיט דער פאַמיליע איבערסקי און אַנדערע. פון מיינע שמועסן מיט זיי זע איך, אַז קיין גרויסע „גליקן“ שטייט מיר אין גראָדנע נישט פאָר... אַז מיט אַרבעט קען מען זיך נאָר „דעקן“ פאַר דער מאַכט, כדי נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן, אַז מען טוט גאָרנישט... אַז קיין פּרנסה גיט עס נישט...

בערעזאָווסקי איז שוין, פאַרשטייט זיך, אויס רעדאַקטאָר. די צײַ־טונג איז פאַרמאַכט געוואָרן שוין דעם ערשטן טאָג, וואָס די באָלשעווי־קעס זענען אַריין אין גראָדנע. ער אַרבעט־מיט נאָר אין דער היגער ווייס־רוסישער צייטונג „סוואָבאָדנאַיאַ ביעלאָרוסיאַ“, פאַר וועלכער ער נעמט איבער דורכן ראַדיאָ געוויסע מאַטעריאַלן, וואָס מען דיקטירט פאַר דער פּראָווינצער פּרעסע. דערפון פאַרדינט ער וואַסער אויף קאַשע...

נח באס טוט גאָרנישט. אויף צו פאַרשפּרייטן צייטונגען איז פאַראַן אַ „סאָיוז־פּעטשאַט“ (פאַרבאַנד פאַר קאָלפּאָרטאַזש) און פּריוואַטע מענטשן קענען דערמיט נישט האָבן צו טאָן. מוז נח באס לעבן פון זיין פרויס קאַרגן פאַרדינסט, וואָס זי באַקומט ווי אַ לערערין אין אַ פאָלקס־שול.

עס רעדט זיך אַזוי, אַז „ער מוז לעבן“... אין דער אמתן איז דער פרויס פאַרדינסט אַ מינימאַלער, וואָס קען נישט קלעקן אויף דאָס ניי־טיקסטע אַפילו פאַר איין פּערזאָן אין דעם שנעל געוואָרענעם יקרות...

אָבער אויך צו „דעקן זיך" קלעקט עס... דער עיקר לעבט ער פון די רעד־זערוון, וואָס פאַרוואַלגערן זיך נאָך ביי אים פון די „גוטע צייטן".

אויך טאַרלאָווסקי איז געוואָרן אויס פאַרדינער און לעבט פון גרייטן.

„דעקן" דעקט ער זיך דערמיט, וואָס זיין טאָכטער אַרבעט ערגעץ...

פונדעסטוועגן גיט מען מיר כלערליי עצות: איך זאָל גיין אַהער, אַהין, צו פאַרשיידענע „אוטשרעזשדעניעס" (אינסטיטוציעס). אפשר... האָב איך גענומען אָנקלאַפּן אין פאַרשיידענע טירן.

מיט מיין רוסיש בוך *) — ווי מיט אַ „רעקאָמענדאַציע"... — קום איך אַזוי אַריין אין „ראַיאָנאָ" (ראַיאָן־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג) און ווענד זיך צום נאַטשאַלניק. איך פרעג אים, צי געפינט זיך נישט אַמאָל עפּעס אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג פאַר מיר אין זיין געביט. איך האָב אים געוויזן מיין „ספּראַווקע" פון ביאַליסטאָקער „דאָס פּיסאַטיעליאַ", ווו עס רעדט זיך מ'זאָל מיר העלפן באַקומען אַרבעט. איך ווייז אים דאָן אויך מיין רוסיש בוך.

ס'איז פאַרן נאַטשאַלניק געווען אַ שטיקל סענסאַציע, און איך טראַכט, אַז איך דאַרף זיך דאָ כסדר באַנוצן מיט דער דאָזיקער „רעקאָמענדאַציע"...

— איר זעט, — ווענדט ער זיך צו זיינע מיטאַרבעטער אין דער קאַנצעלאַריע — צו אונדז קומען שריפטשטעלער.

נאָך אַ קורצן שמועס ראַט ער מיר, אַז פאַר מיר וואָלט געווען צום בעסטן, איך זאָל זיך ווענדן אין „אָטדיעל איסקוסטוואַ" (אָפּטיילונג פאַר קונסט) — צום דירעקטאָר טשערניאַווסקי.

— דאָרט איז אייער פּלאַץ! — רופט ער אויס, אַקצענטירנדיק די ווערטער.

קום איך אין „אָטדיעל איסקוסטוואַ". אין וואַרט־זאַל באַגעגן איך אַ גראָדנער אַקטיאָר — אַזאַרך. אַן אַלטער באַקאַנטער. איך כאַפּ דערווייל מיט אים אַ שטיקל שמועס. אַזאַרך אינפאָרמירט מיך, אַז טשערניאַווסקי איז אַ מינסקער ייִד, פון פאַך אַ קאַמאַשן־שטעפער און אַהער איז ער געשיקט געוואָרן אויפן אַמט פון דירעקטאָר פון „אָטדיעל איסקוסטוואַ" פאַרן ראַיאָן.

---

*) „אונטער די פליגל פון טויט", דערשינען אין רוסישער איבערזעצונג אין „גאָס־איזדאַט", מאָסקווע 1930.

פון מיין שפּעטערדיקן שמועס מיט טשערניאַווסקין האָב איך בשום אופן נישט אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז דאָס זאָל אין דער אמתן זיין אַ „ספּעץ" פון קונסט; אַז ער זאָל האָבן אַ ספּעציעלע קענטעניש און דערפאַרונג אין ענינים פון טעאַטער, מאָלעריי, צי מוזיק. זיינע רייד האָבן עס נישט פאַרראַטן... מעגלעך, אַז ער באַזיצט נאָר אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן.

אויך זיין אויסערלעך אויסזען איז פונקט אַ קאָנטראַסט צו דעם אַלעם, וואָס קען דערמאָנען אָן קונסט, אָן פּלאַסטישער שיינקייט... אַ דורכשניטלעך פּנים, אָן שום באַזונדערן אויסדרוק. גאָרנישט זאָגנדיקע אויגן. די גרויע דורכשניטלעכקייט. אָנגעטאָן באַשיידן, אין שטיוול — ווי דאָס רוב סאָוויעטישע מענטשן.

באַלד ווי איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און געזאָגט אים ווער איך בין — דער עיקר, ווען ער האָט אַ בלעטער געטאָן מיין רוסיש בוך (מיין „רעקאָמענדאַציע"...) — האָט ער גלייך אָן קווענקלעניש אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט געקומען אין דער ריכטיקער צייט!

— טאַקע? וואָס, אַ שטייגער?

— מיר אָרגאַניזירן דאָ אַ יידיש טעאַטער. אַ דראַמאַטיש טעאַטער מיט דער באַזע אין גראָדנע. איך וועל אייך באַשטימען אַלס „זאַווליט" (ליטעראַרישער לייטער) פון דאָזיקן טעאַטער.

— אַ דאַנק! אויסגעצייכנט!

— ווער וועט שטיין בראש פון דאָזיקן טעאַטער? — פרעג איך.

— טאַקע אַן אַקטיאָר פון פּוילן, מאָריס ליאַמפּע. איר קענט אים?

— אַוודאי קען איך אים. און ווער זענען די אַקטיאָרן? אויך פון פּוילן?

— אַלע פון פּוילן, „ביעזשענצעס". אויס מיט פּוילן... אַלץ איז אַריבער צו אונדז... אין אַ וואָך־צוויי אַרום וועלן זיי זיין אַלע אין גראָדנע. דאַן וועט מען צוטרעטן צו דער אַרבעט. קומט אַריין צו מיר אין צען טעג אַרום.

כ'בין אַוועק מיט אַ געוויסן טריאומף. הייסט עס, אַז אַ יידישער שרייבער איז נאָך עפּעס; אַז מ'קען דאָ נאָך געפינען עפּעס אַ נייטראַל פעלד פאַר אַרבעט. אַ פעלד אָן פּאָליטיק... אָן פּאַרטייאישקייט... טעאַטער!

אַזוי האָב איך געטראַכט אין די ערשטע רגעס, אַרויסגייענדיק פון טשערניאַווסקין.

די זאַך האָט זיך אָבער אַביסל פאַרשלעפּט. אין צען טעג אַרום האָב איך נאָך קיין קאָנקרעטע תשובה נישט באַקומען פון טשערניאַווסקין: „עס ווערט", „עס וועט זיין". איינמאָל האָב איך אין קאָרידאָר פון „אָט־דיעל איסקוסטוואַ" שוין געטראָפן דעם אַקטיאָר און רעזשיסאָר מאָריס ליאַמפּע.

— נו, ווי האַלט עס מיט יידיש טעאַטער?

— אַ שווער געבורט... אָבער עס וועט עפּעס אַרויסקומען. טשערניאַווסקי האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט זיין „זאַווליט". ווען מיר, הייסט עס, אַרבעטן צוזאַמען?

— אַזוי זעט עס אויס.

— עס פרייט מיך זייער.

— פון וואָס פאַר אַן עלעמענט שאַפט איר די טרופּע?

— אַלץ פּליטים. צונויפגעלאָפענע אַקטיאָרן: פון לאָדזש, פון ביאַליסטאָק, פון וואַרשע.

— די אמתע „בלאָנדזשענדיקע שטערן"... פאַראַן כאָטש צווישן זיי באַקאַנטע נעמען?

— דאָ פרעגט מען נישט... מען מאַכט פון וועמען עס לאָזט זיך... אָבער ס'וועלן זיין עטלעכע גוטע אַקטיאָרן אויך... היינט־מאָרגן קומט זיך שוין די חברה צונויף.

12

אין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו"

פונדעסטוועגן, אַז דער ענין טעאַטער האָט זיך אַביסל פאַרצויגן, האָב איך ווידער גענומען נאָכפרעגן אויף באַשעפטיקונג. מיין ביסל געלט, וואָס איך האָב מיטגענומען מיט זיך פון וואַרשע, איז געוואָרן אַלץ וויניציקער. יעדן טאָג האָב איך דאָך געמוזט אויסגעבן אין רעסטאָראַנען. אַ גליק, וואָס איך האָב מיטגענומען אַביסל זאַכן פון דער היים. אָנגעשטאָפּט אין נישט־קליינעם „פּלעצאַק" וויפל עס האָט זיך געלאָזט. און כ'דאַרף נישט מאַכן דערוויי קיין אַנדערע אויסגאַבן אַ חוץ אויף עסן.

פון מיינע קרובים אין גראָדנע האָב איך קיין שום הילף נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַקומען: מיין מוטער, אַ זקנה, האָט געפירט אַן אָרעם לעבן. אַדרבה, כ'פלעג איר פון וואַרשע כסדר שיקן אַ חודשלעכע שטיצע. די שוועסטער האָט געאַרבעט אין דעם יידישן קינדערהיים און קוים־קוים פאַרדינט איר אייגענעם, שוין צו־באַשיידענעם אויסהאַלט. מיינע אַלע פלימעניקעס זענען אויך געווען אויף צרות און האָבן זיך אין די איצטיקע טעג נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט פרנסה. אַזוי אַז איך האָב געמוזט וואָס־פריער זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַן אַרבעט, וואָס גיט חיונה. אגב האָב איך דאָך געדאַרפט אויך זאָרגן פאַרן זון, וואָס דאַרף אַ לאַדע טאָג צוריקקומען פון לעמבערג.

היות ווי כ'קען אויך די אַרבעט פון קאָרעקטור, בין איך אַוועק אין דער ווייסרוסישער צייטונג „סוואָבאָדנאַיאַ ביעלאָרוסיא" פרעגן אויף אַר־בעט. דער רעדאַקטאָר האָט מיר צוגעזאָגט זיך נאָכצופרעגן און געהייסן איבערלאָזן מיין אַדרעס. אין עטלעכע טעג אַרום קומט טאַקע צו מיר אַ שליח פון דער ווייסרוסישער צייטונג מיט דער בשורה, אַז אין דער רו־סישער מיליטערישער צייטונג „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו" נייטיקט מען זיך אין אַ קאָרעקטאָר.

דער שליח באַגלייט מיך אַהין און שטעלט מיך פאָר פאַרן רעדאַק־ציע־סעקרעטאַר, אַ מיליטערמאַן. יענער האָט זיך שטאַרק דערפרייט.

— גוט, זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען. מיר נייטיקן זיך זייער שטאַרק אין אַ קאָרעקטאָר. קומט מיט מיר!

און ער פירט מיך באַלד אַריין אין אַן אַנדער צימער צום רעדאַק־טאָר — אויך אַ מיליטערמאַן, אַ העכערער אָפיציר.

דער רעדאַקטאָר נעמט מיך אויף מיט אַ גוטמוטיק, שמייכלדיק פנים. עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס.

כ'האָב צווישן אַנדערן נישט אויסגעמיטן צו דערציילן וועגן די דייַ־טשישע גרויזאַמקייטן איבער יידן. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געשוויגן. דיפּלאָמאַטיש געשוויגן. קלאָר: מחמת פּאָליטיק... מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט, בעת עס רעדט זיך וועגן אַ „סאָיוזניק"... (פאַרבינדעטער), בפרט, אַז ער רעדט מיט אַן אומבאַקאַנטן...

בכלל האָב איך שוין באַוויזן צו באַמערקן אַ מאָדנעם שטריך ביי די סאָוויעטישע מענטשן: אין זייערע אַלעמענס אויגן ליגט תמיד אַ חשד. אַז זיי רעדן מיט אייך, טראַכטן זיי: „ווער ווייסט? אפשר אַ שפּיאָן?...

אַן אונטערגעשיקטער אַגענט?...״ דאָס איז, אַפּנים, די ווירקונג פון דער כסדרדיקער פּראָפּאַגאַנדע וועגן אויסלאַנד. אויב אַן אויסלענדער — איז עס מסתמא נישט סתם אַ בירגער, נאָר אַ מענטש מיט אַ „ספּעציעלער מיסיע״... אַ מיסיע קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים...

אויך דאָס קאַרגע רעדן פונעם רעדאַקטאָר, זיינע פּאַרזיכטיקע, גע־וויגענע באַמערקונגען האָב איך אַנדערש נישט געקאָנט פאַרשטיין, און אַזאַ באַציאונג, אַזאַ רעזערווירטקייט באַליידיקט.

איך באַמי זיך צו געווינען זיין צוטרוי. איך לייג פאַר אים אויס אַלע מיינע לעגיטימאַציעס: פון וואַרשעווער פּען־קלוב, פון ליטעראַטן־פאַר־איין, פון פּוילישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט. כ׳וויל ער זאָל זיך איבער־צייגן, אַז איך האָב טאַקע אַ שייכות צו צייטונג־אַרבעט. נאָכמער: איך דערקלער אים אָפנהאַרציק, אַז איך בין נישט קיין קאָמוניסט; אַז כ׳בין אַן אומפּאַרטייאישער; אַז איך רעפלעקטיר נאָר אויף אַרבעט ביי קאָ־רעקטור, ווייל דאָס איז דאָך אַ ריין־טעכנישע אַרבעט, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט פּאָליטיק — אַן אַרבעט, וואָס איז אין גרונט פאַר־בונדן כמעט אויסשליסלעך מיט דער זעצעריי. מיט איין וואָרט: דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אים באַוויזן, האָט ווי געשריען: „נישט קיין שפּיאָן!״...

דער אָפיציר־רעדאַקטאָר האָט אַלץ געשמייכלט — און געשוויגן. איך האָב גערעדט און ער האָט געהערט און געשוויגן.

איך זע: זיי רעזערוו פאַרשווינדט נאָך אַלץ נישט...

פּרווו איך שוין אָנווענדן אַ לעצט מיטל — מיין „רעקאָמענדאַציע״: איך ווייז אים אויך מיין רוסיש בוך...

דאָס האָט אים שוין אַ רעג געטאָן פון זיין רעזערוו... ער האָט גע־נומען בלעטערן, לענגער זיך אָפּגעשטעלט אויפן שער־בלאַט — און זיין צונג איז פּלוצלונג געוואָרן באַוועגלעכער...

ער האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן דער טעמאַטיק פון בוך, ווי אַזוי דאָס בוך איז דערשינען אין „גאָסאיזדאַט״ (מלוכה־פאַרלאַג) אין מאָסקווע.

און אַז איך האָב אים נאָך דערציילט, אַז ביים איבערשיקן דעם יידישן עקזעמפּליאַר קיין מאָסקווע האָט פּערזענלעך פאַרמיטלט דער סאָ־וויעטישער אַמבאַסאַדאָר באַגאָמאָלאָוו — האָט עס אים גאָר אימפּאָנירט און ער האָט פאַנאַנדערגעבונדן די צונג. ער האָט גערעדט שוין נאַטיר־

לעכער, נאָרמאַל און נישט אַזוי טראַכטנדיק איבער יעדן וואָרט. איך האָב געפילט אין זיינע בליקן, אַז דער חשד איז שוין אין זיי נישט געווען...

פונעם גאַנצן ביז־איצטיקן שמועס אָבער האָב איך זיך מאָדנע נישט־באַקוועם געפילט, גלייך ווי בעת אַ פאַרהער ביי אַן אויספאָרשער...

— הייסט עס, אַז איר זענט אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט, — באַמערקט ער, גלייך ווי דערמיט וואָלט ער צוגעגעבן זיין ענדגילטיקע באַשטעטיקונג צום ענין.

און ער שאַרט מיר צוריק אַלע מיינע לעגיטימאַציעס. די „אויספאָר־שונג“ איז שוין, הייסט עס, געענדיקט...

— און איר זענט אויך אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט? — ריזי־קיר איך מיט אַ נייגעריקייט.

אַז רעדן מענטשלעך, טאָ זאָל עס זיין קעגנזייטיק...

— יאָ און ניין. — ענטפערט ער. — כ׳בין דאָך אַ מיליטערמאַן. נישט שטענדיק קומט מיר אויס צו אַרבעטן אין דער פּרעסע.

— פאַרן קריג זענט איר אויך געווען אין מיליטער?

— פאַרן קריג האָב איך יאָ געאַרבעט אין אַ צייטונג.

איך האָב שוין מורא אים צו שטעלן אַנדערע פראַגן: ער קאָן ווי־דער אפשר עפּעס מיינען...

עס פאַלט מיר איין אַ שפּאַס און איך פרעג אים כלומרשט תמע־וואַטע:

— אפשר וואָלט איר פאַרעפנטלעכט אין אייער צייטונג אָט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אייך אָקאָרשט דערציילט וועגן די דייטשישע ע״ב־דות?... וועגן די אַלע „בלימלעך“?...

— אונדזער צייטונג איז פון ריין מיליטערישן כאַראַקטער... — געפינט ער אַן אויסרייד.

גראַד בעת ער זאָגט דאָס כאַפּ איך אַ בליק אויף דער ערשטער זייט פון זיין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו“. כ׳באַמערק דאָרט אַ קעפּל וועגן אַ ליני־טשעריי פון ווייסע איבער אַ נעגער אין אַמעריקע.

— אויב וועגן אַ לינטשעריי איבער אַ נעגער קאָן גיין, טאָ פאַרוואָס אויך נישט וועגן די לינטשערייען פון די „ווייסע“ דייטשן איבער יידן?...

— פאַרשטייט איר... — שטאַמלט ער — די ידיעה האָבן מיר גע־נומען פון „איזוועסטיאַ“... עטלעכע שורות נאָר... מיר קאָנען נישט שרייבן וועגן אַלץ אין דער וועלט אין אַזאַ קליינער צייטונג...

— דאָך...

— דאָס גייט נישט אַריין אין אונדזער געביט...

ס'איז קלאָר פאַר מיר. פונקט אַזוי קלאָר, ווי דער ענין מיט זעליק אַקסעלראָד...

— יאָ, פאַרגעסן אייך ווייזן נאָך אַ וויכטיקע „לעגיטימאַציע" מייַנע... — פאָלט מיר איין פּלוצלונג אין געדאַנק.

און איך ציַ אַרויס פון מיין בוזים־טאַש דער „אַנדענק" פון וואַרשע — די „געלע לאַטע".

— פּאַזשאַלויסטאַ, קוקט עס אָן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איר האָט עס זיכער קיינמאָל נישט געזען. ביי אייך אין לאַנד פּראָדוצירט מען עס נישט. ס'איז אַ ריין־דייטשישע דערפינדונג...

דער רעדאַקטאָר צענעמט די לענטע, באַקוקט דעם מגן־דוד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן עמבלעם?

— דאָס איז אַ יידישער עמבלעם. אין רוסיש הייסט עס „שטשיט דאַווידאַ", אָבער די דייטשן באַנוצן עס צו דער „געלער לאַטע" פאַר די יידן, כדי זיי מבזה צו זיין אין דער עפנטלעכקייט; כדי זיי צו דערנידעריקן.

— ניעאָוזשעלי?! (ציַ איז טאַקע אַזוי?!)

— יאָ, יאָ, קוקט, זעט. איך אַליין האָב עס געטראָגן אין וואַרשע. דאָס איז טאַקע מיין „געלע לאַטע"...

ער האָט געקוקט, געקוקט, געדרייט מיטן קאָפּ. ער האָט עפּעס יאָ געהאָט וואָס צו זאָגן, צו באַמערקן; אָבער ער האָט ווידער געשוויגן...

— נו, — זאָג איך ווייטער — איז נישט כדאי צו דערציילן וועגן דעם אין דער פּרעסע?...

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

דער רעדאַקטאָר איז צוגעטראָטן צו דער זאַך.

— דאַ, דאַ (יאָ, יאָ), אונדז איז אַפילו זייער נייטיק אַ קאָרעקטאָר. די גאַנצע אַרבעט פאַלט אויפן סעקרעטאַר. ער קאָן זיך אַליין נישט צעריַיסן. איך זע דאָך, איר זענט אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט. אָבער... — האָט ער גענומען שטאַמלען, — אָבער... מיר אַליין, פאַרשטייט איר, קאָנען אייך נישט אַנגאַזשירן... פאָרמעל מוז עס באַשטעטיקן די „ג. ק. וו. ד.". שרייבט אָן אַ „זאַיאַוולעניע" (בקשה) און אייער אויטאָביאָגראַפיע.

שרייבט עס טאַקע גלייך אַן דאָ אויפן אָרט, כדי עס זאָל לאַנג נישט דויערן.

די דאָזיקע פּראָצעדור קלאַפּט מיר אָפּ די פליגל... עס געפעלט מיר שוין נישט די גאַנצע געשיכטע...

אָבער פאַרפאַלן. נישט באַקוועם שוין זיך צוריקצוציען. דער רע־דאַקטאָר האָט מיך אַריינגעפירט אין צווייטן חדר צום רעדאַקציע־סעקרע־טאַר און אַליין האָט ער זיך מיט מיר גאַנץ פריינדלעך געזעגנט.

דער סעקרעטאַר דערלאַנגט מיר פּאַפּיר און פעדער. כ׳זע, דאָס פּאַ־פּיר איז מאַקולאַטור. פון איין זייט פאַרשריבן מיט ציפערן.

— פּאַסט עס צו שרייבן אויף אַזאַ פּאַפּיר? — פרעג איך נאַאיוו.

— ניטשעוואָ, שרייבט! — טוט ער אַ מאַך ביטולדיק מיט דער האַנט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָב איך שוין אַלצדינג געהאַט פאַרטיק און איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר.

— קומט אַריין, — זאָגט ער, — אין אַ וואָך אַרום. כ׳בין זייער צופרידן, וואָס איר וועט ביי אונדז אַרבעטן. איך האָב שוין נישט קיין כוחות. בייטאָג אין רעדאַקציע, ביינאַכט ביי קאָרעקטור. קומט אומבאַ־דינגט!

— כ׳וועל קומען, כ׳וועל קומען. — זאָג איך שוין אויך אַ צופרי־דענער.

כ׳בין דורכגעגאַנגען די זעצעריי. כ׳האָב דערשפּירט דעם ריח פון בליי. ביי די שריפטקאַסטנס זענען געשטאַנען האַנט־זעצערס און „גע־דזשאָבעט״ די בלייענע אותיות פון די קעסטלעך אַרויס. אַזוי פּרימיטיוו... עס שמעקט מיט פאַרצייטנס... איך האָב אָבער מקנא געווען די צייטונגס־אַרבעט. שוין פאַרבענקט זיך נאָך דעם... כאָטש ווי לאַנג דען בין איך דער־פון אַוועק? סך־הכל געציילטע חדשים. אָבער עס טוט אַ שוועב פאַר די אויגן נאַלעווקעס 38... „דער מאָמענט״... די גרויסע, געראַמע זעצעריי... די 6 לינאָטיפּן... די אומצאָליקע זאַץ־קאַסטנס מיט די פאַרשיידענערליי קעפּל־שריפטן... פון קליינע, טל ומטרדיקע אותיותלעך ביז ריזיקע פּלאַ־קאַטן־בוכשטאַבן, וואָס קאָנען „הרגענען אַ מענטש״... די „חברים זעצער״ אין די אַרבעט־כאַלאַטן... אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון די לינאָטיפּן טראָגט זיך אַ געזאַנג... דאָס ברומט אונטער אַ מוזיקאַלישער זעצער אַן אַריע פון אַן אָפּערע אָדער אַ פאָלקס־ליד, וואָס אַנדערע כאַפּן אונטער...

דאָ אָבער, זע איך, אַרבעט מען שטיל, אַזוי ווי צו „שמונה עשרה״...
דאָ הערשט עפּעס אַן אומעט...
די פאַרשאָלטענע דייטשן, ימח שמם!...

13

וואָס רעדט מען אין שטאָט?

איך טרעף זיך מיט די פּליטים פון וואַרשע. כ׳באַגעגן באַקאַנטע. פאַראַן דאָ אַ גרופּע דאָקטוירים פון וואַרשע. עטלעכע פון זיי אַרבעטן אין דיספּאַנסערן. טייל זענען אַרבעטלאָז. עס איז דאָ אויך פאַראַן אין גראָדנע דער מוזיק־רעצענזענט פון וואַרשעווער „אונדזער עקספּרעס״, קיפּניס־אושיצקי, אַ קוזין פונעם זינגער און „היינט״־פעליעטאָניסט, מנחם קיפּניס.

די וואַרשעווער פּליטים־אינטעליגענטן האַלטן זיך צוזאַמען. מען טרעפט זיך אין קאַפייען, אין רעסטאָראַנען. אין אָוונט קלייבט מען זיך צו־נויף אין דער וווינונג פון אַן אַמאָליקן וואַרשעווער — ד״ר בריזמאַן. מ׳הערט ראַדיאָ, „מ׳כאַפּט״ אויסלאַנד, די פּוילישע אוידיציעס פון פּאַ־ריז און פון לאָנדאָן. מען רעדט, מען פּאָליטיקירט. די אַטמאָספער איז נישט קיין יום־טובדיקע. עס איז אַ לעבן „אויף דערווייל״... אָבער דער „דערווייל״ דויערט, ציט זיך ווי אַן אייביקייט. מ׳לעבט אין שווערע באַ־דינגונגען. נישטאָ קיין פּרנסה. נישטאָ קיין דירות. טייל האָבן שוין פאַר־לוירן דאָס געדולד, געוואָרן נערוועז. מען דריקט אויס די אומצופרידנ־קייט בקול; מען קריטיקירט דעם נייעם סדר; מען דערציילט שאַרפע וויצן אויפן חשבון פון די נייע מושלים...

עמיץ דערציילט אַ קוריאָז, ווי אַזוי אַ פּרוי פון אַ סאָוויעטישן אָפי־ציר איז דערשינען אויף אַ „וועטשערינקע״ אין אַ זיידן נאַכט־העמד, מיי־נענדיק, אַז דאָס איז אַ באַל־קלייד...

אַן אַנדערער פרעגט אַ קשיא און ענטפערט:

— וואָס באַדייטן די איניציאַלן ססס״ר? — סאַכאַר סטאָאיט סטאָ רובלעי... (צוקער קאָסט הונדערט רובל אַ קילאָ).

אַ רמז, אַז דאָרט, וווּ עס זענען די באָלשעוויקעס, ווערט אַ יקרות...

און אַ דריטער פּאַלט אַריין מיט אַן אַנדער וויץ:

— וואָס באַדייטן די איניציאַלן „נ. ק. וו. ד.״? — „ניע איזוויעסטנאָ קאָגדאַ וויערניאָשסיאַ דאַמאָי״... (דו ווייסט נישט ווען דו וועסט צוריק אַהיים קומען).

אַ רמז, אַז מען פאַלט אַריין אין „נ. ק. וו. ד.״, ווייסט מען שוין נישט ווען מען וועט ווידער אָנזען די ליכטיקע שיין...

אַזוי לויפן דורך עטלעכע וויצן ביים טיש און מ׳ווערט צוריק אַר־מעטיק געשטימט.

— ווי לאַנג קאָן אַזוי דויערן אונדזער גלות? — פאַלט אַ פראַגע.

— צווישן אַ יאָר און צען... — קומט אַן ענטפער פון אַ רעזיגנירטן.

— ווער וועט עס קאָנען אַזוי לאַנג אויסהאַלטן?

— ווער עס וועט נישט קאָנען, וועט נישט אויסהאַלטן...

אַלע אָן אויסנאַם זענען דאָ אַנטוישט. שוין אין די ערשטע טעג האָבן זיך מענטשן געכאַפּט, אַז — „עס טויג נישט״... „עס קלאַפּט נישט״...

„אַ באַלאַגאַן!״ — טראָגט זיך דאָס ווערטל, וואָס איז ספּעציעל גע־וואָרן גאַנגבאַר צווישן פּליטים. אַנדערע רעדן אָפן וועגן גיין צוריק קיין וואַרשע...

מענטשן מאַכן זיך דעם חשבון:

— קיין וווינונג — נישט, קיין פּרנסה — נישט, קיין לייב און לעבן — נישט, איז למה זה אנוכי?... איז דאָך שוין אפשר גלייכער צו זיצן אין וואַרשע „אין געהאַקטע צרות״ און איבערקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן די ביטערע צייט... צו וואָס זיך דאָ מאַטערן און פּייניקן? ס׳איז דאָך אַ מעשה אויף יאָרן!

און יעדער איינער הייבט אָן אויסרעכענען אַ צעטל נעמען פון באַ־קאַנטע, וועלכע זענען שוין אַוועק צוריק איבער דער גרענעץ קיין וואַרשע.

— איך בין זיי מקנא — רופט זיך אָפּ קיפּניס־אושיצקיס פרוי, וועלכע האָט פון ערשטן טאָג אָן, זינט זיי זענען אַהער געקומען, געמאַ־טערט דעם מאַן מ׳זאָל גיין צוריק.

— צו פרי ביסטו מקנא? — ענטפערט איר דער מאַן. — האָסט פאַרגעסן ווער דער דייטש איז? האָסט פאַרגעסן די שלאָפלאָזע נעכט אין וואַרשע, ווען מ׳האָט געציטערט פאַר יעדן שאָרך אויף די טרעפּ?... גע־דענקסטו? דעמאָלט האָסטו מיך נישט געלאָזט רוען: האָסט געוואָלט אַנט־לויפן צו דער גרענעץ כאָטש אין מיטן נאַכט...

— איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו וואַלגערן זיך דאָ...

— און דאָרטן האָסטו יאָ געהאַט כּוח?... אַוודאי, צום וואַרשעווער קאָמפּאָרט קומט עס נישט. נישטאָ דאָ פּאַר קיין פּליט „דראָ שטיבן מיט אַ קאַך“...

— ניין, ניין. מען מוז אויסדויערן; מען מוז האָבן געדולד! — מישט זיך אַריין אַן אַנדער פּליט, אַן עלטערער וואַרשעווער דאָקטער. — אַנטלויפן פון דייטש האָט מען געמוזט פּאַר יעדן פּרייז.

אַזוי איז טאָג־טעגלעך אָנגעגאַנגען דער דיאַלאָג צווישן מאַן און ווייב, ווען נאָר מ׳איז זיך צונויפגעקומען און מ׳האָט זיך צערעדט.

איין אָוונט, אויף אַזאַ מסיבה, איז דאָ אויך געווען דוד בערעזאָווסקי.

— נו, פּאַניע רעדאַקטאָזשע, איר דאַרפט דאָך וויסן. ווען וועט מען שוין קאָנען פאָרן צוריק קיין וואַרשע? — פרעגט אים די קיפּניסאָווע.

— טיטולירט מיך נישט „רעדאַקטאָר“. מ׳האָט מיך דאָך שוין געמאַכט פאַר „עקס־רעדאַקטאָר“...

— פאַר אונדז זענט איר ווייטער רעדאַקטאָר... אגב אַרבעט איר דאָך מיט אין דער היגער ווייסרוסישער צייטונג.

— שוין דאָס אויך נישט... אויס!...

— וואָס הייסט?

— אַזוי איז עס.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז אין דער ווייס־רוסישער צייטונג געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין רעדאַקציע, אין וועל־כער אַ „לייענער“ קומט מיט אַזאַ טענה:

„אין גראָדנע — שרייבט יענער „לייענער“ — איז ביז דער באַפריי־אונג פון די פריצישע „ביעלאָפּאָליאַקן“ דערשינען אַ פאַשיסטישע צייטונג „גראָדנער מאָמענט“. די דאָזיקע צייטונג האָט טריי געדינט דעם פּילסודסקי־רעזשים. פרעגט זיך: ווי אַזוי קאָן נאָך פראַנק און פריי אַרומ־שפּאַצירן איבער די גראָדנער גאַסן דער רעדאַקטאָר פון יענער פאַשיס־טישער צייטונג, דוד בערעזאָווסקי?“...

און טאַקע באַלד צומאָרגנס באַקומט בערעזאָווסקי אַ מעלדונג פון רעדאַקציע „סוואָבאָדנאַיאַ ביעלאָרוסיאַ“, אַז ער ווערט אָפּגעשטעלט פון זיין אַרבעט...

בערעזאָווסקי איז צוליב דעם זייער אומרואיק. אַחוץ דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין „פּלאַצוווקע“, וואָרט ער נאָך אויף עפּעס ערגערס... ווער ווייסט?... שוין געווען אַזעלכע פאַלן אין גראָדנע... מ׳קאָן קומען צו

אים אין מיטן נאַכט מיט אַ „וויזיט“... מ׳נעמט ערגעץ מיט און מ׳קומט שוין נישט צוריק... דעריבער נעכטיקט ער איצט נישט אין דער היים... אַזוי, דערציילט בערעזאָווסקי, האָט מען שוין אַרויסגענומען פון די בעטן אַ ריי פּאַרטיי־טוער: די בונדיסטן אַבראַמאָוויטש (פאַרוואַלטער פון יידישן קינדערהיים), קאַברינסקי און אַנדערע.

גוט אָפּגעשניטן האָט דערווייל דער ציוניסטישער עסקן און פאַר־שטייער פון דער וואַרשעווער יידישער פרעסע, נח באַס. מ׳האָט אים אָפּ־געהאַלטן אין „נ. ק. וו. ד.“ אַ פּאָר טעג און נאָך אַ ריי „דאָפּראָסן“ (פאַר־הערן) האָט מען אים אַרויסגעלאָזט.

ווי נח באַס האָט מיר אַליין דערציילט, האָט ער אין „נ. ק. וו. ד.“ געטענהט:

— אמת, כ׳בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַ ציוניסט, אַ טעטיקער ציור־ניסט; אָבער איצט, ביי דער סאָוויעטישער מאַכט, זאָג איך צו, אַז כ׳וועל זיין לאָיאַל און נישט פירן קיין שום ציוניסטישע טעטיקייט. איך וועל נאָר בלייבן אַ ציוניסט אין מיין גלויבן. אָבער איז דען פאַראַן אַזאַ סאָוויעטי־שער געזעץ, וואָס פאַרבאָט אַפילו צו גלויבן?...

און ס׳איז אים געלונגען, נח באַסן: מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. ד ע ר ו וי ל אַרויסגעלאָזט *).

14

ווידער אין ביאַליסטאָק

איך ווער אומרואיק צוליב מיין זון. שוין אַ צען טעג ווי ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג — און ער איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקו־מען. ווו וואַלגערט ער זיך אין די פרעסט?

אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקום איך פון אים אַ פאַרשפּעטיקט

*) אין יוני 1941 איז נח באַס צוזאַמען מיט זיין פרוי — די בונדישע טוערין — אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַן אַרעסטאַנטן־עשאַלאָן פון גראָדנע. אין יענע טעג האָט עס אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה און דער אַרעסטאַנטן־עשאַלאָן איז אויפן וועג באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשישע אַוויאָנען.ביידע, נח באַס און זיין פרוי, זענען דעמאָלט דערהרגעט געוואָרן.

פּאָסט־קאַרטל פון ביאַליסטאָק. ער שרייבט לאַקאָניש, אַז ער פאָרט היינט אויף שוועגטאָיערסקע (מיין גאַס אין וואַרשע...); אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט ער זיין צוריק; אַז ער לאָזט איבער די מאַטורע־צייגעניש אין מיין געוועזענער דירה ביי די קאַפּלאַנס, כדי איך זאָל אים דערווייל פאַר־שרייבן אין „פּעד.־אינסטיטוט" (פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט).

כ'בין אויסער זיך: ווי האָט ער געוואַגט קעגן מיין ווילן? ווי האָט ער געוואַגט צו ריזיקירן איבער דער גרענעץ, און דערביי אין אַזעלכע שנייען און פרעסט? אַזאַ לייכטזיניקייט! ווי די צייט האָט אים צעטומלט!

אָבער צו טאָן עפּעס איז שוין געווען צו שפּעט: דאָס קאַרטל פון ביאַליסטאָק ביז גראָדנע איז געגאַנגען דריי טעג. ער שרייבט דאָך, אַז „נאָך היינט פאָר איך אויף שוויענטאָיערסקע"...

פונדעסטוועגן טרייבט מיך דער אומרו קיין ביאַליסטאָק. מיטן ערשטן צוג פאָר איך אַהין.

געקומען צו די קאַפּלאַנס — דערציילט מען מיר, אַז מיין זון איז דאָ געווען מיט דריי טעג צוריק און האָט איבערגעלאָזט פאַר מיר זיינע פּאַפּירן.

— גוט, וואָס איר זענט געקומען. — זאָגט מיר פרוי קאַפּלאַן. — מיט עטלעכע טעג שפּעטער וואָלט איר אונדז דאָ שוין נישט געטראָפן.

— פאַרוואָס עפּעס?

— איר זעט דאָך... — טוט זי מיר אַ ווייז אויף דער אומאָרדנונג אין די חדרים. — מיר מוזן נאָך היינט פאַרלאָזן די וווינונג... רעקוויזירט...

איך קוק זיך שווייגנדיק אַרום — אויף דער פּאָדלאָגע: קופערטס, וואַליזעס, געפּעק. מען פּאַרעט זיך, מ'בינדט צונויף אין טיכער און ליי־לעכער כלערליי זאַכן. אַלץ בחפּזונדיק. אַזוי אין אַלע חדרים. „רעקוויזירט"...

איך פרעג גאָרנישט איבער פאַרוואָס. איך פאַרשטיי. קאַפּלאַן איז דאָך געווען אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט — וואַרפט מען אים אַרויס פון דער דירה. פאַרשטיי איך, אַז זיין פאַבריק איז נאָך פריער נאַציאָנאַליזירט געוואָרן.

עס פּיקט מיך אַ פראַגע: וויבאַלד אַז מען האָט ביי די קאַפּלאַנס אַלצדינג רעקוויזירט, טאָ פאַרוואָס דאַרף מען נאָך ביי זיין פאַמיליע — אַ היפּש געזינדל — צונעמען דעם דאַך איבערן קאָפּ?...

— וווהין ציט איר זיך איבער?

— צו דער מוטער, צום מאַנס מוטער, אין איר צוויי־צימערדיקער וווינונג. עס וועט אונדז אויסקומען צו זיין דאָרט זאַלבעזיבעט...

— און ווו איז אייער מאַן? פאַרוואָס העלפט ער אייך נישט?

— מיין מאַן איז נישטאָ אין דער היים... איר ווייסט דאָך... געווען אַ פאַבריקאַנט... מען שלעפּט ביינאַכט פון די בעטן אַרויס... נו, איז ער ערגעץ אַרויסגעפאָרן... אַזאַ אומגליק!...

אין מיטן דערציילן צעכליפּעט זי זיך

אַז זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, פרעג איך זי פּרטים וועגן מיין זונס באַזוך.

— מיין לייכטזיניק בן־יחידל האָט גאָרנישט אָנגעזאָגט פאַר מיר?

— נישט ספּעציעל. ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין וואַרשע.

— באַלד יענעם טאָג?

— יאָ, באַלד דעם זעלבן טאָג. ער האָט אַפילו נישט איבערגענעכטיקט. אינדערפרי איז ער געקומען אַן איילעוודיקער, אַ צעיאָכמערטער. געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין וואַרשע. כ׳האָב אים געגעבן עפּעס איבערצורייסן און ער איז אַוועק. אָט דאָרטן אין קרעדענס ליגן די פּאַפּירן. געוואָלט טאַקע באַלד פאַרפּאַקן אין אַ וואַליזקע.

— אַ שרעק, אַ שרעק, ס׳אַראַ לייכטזין!

— וואָס ווילט איר? אַז דערוואַקסענע פאַרלירן די קעפּ... אין אַזעלכע טעג...

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי צו:

— איבעריקנס, איר דאַרפט גאָרנישט באַדויערן, וואָס ער איז אַוועק פון דאַנען... איר זעט דאָך די „גליקן״... — גיט זי אַ ווייז אויף די צערודערטע חדרים. — הלוואַי וואָלטן מיר איצט געווען אין וואַרשע...

כ׳בין אַוועק פון די קאַפּלאַנס אַ צעבראָכענער. איך קוק אַריין אין מיין זונס מאַטורע־צייגעניש, אַרויסגעגעבן פון קרינסקיס גימנאַזיע אין וואַרשע. איך פיל, פּונקט ווי אין מיינע הענט וואָלט געלעגן אַ צייגעניש פון פאַרשווונדענער היים, פון פאַרשווונדענע משפּחה־פריידן, פון פאַרשווונדן רואיק לעבן — — —

כ׳בין געבליבן אַליין אויף דער גאַס מיט מיין פּאַפּירענער צייגעניש...

15
וואָס שרייבער דערציילן

איך קום אַריין שפּעטער אין שרייבער־הויז אויף שענקעוויטש גאַס 42.

דאָ איז טומלדיק. גרופּקעס זיצן אויף די אייזערנע בעטלעך. מ׳קי־בעצט, מ׳רעדט און „מ׳בּאַרעדט״... אויף אַ ווינקלדיק בעטל זיצט „במסו־בין״ דער קאָמפּאָזיטאָר שניאור און כאַפּט אַ דרימל — ווי דאָרט אויף טלאָמאַצקיע 13...

אויבן־אָן ביים סעקרעטאַר־טישל זיצט שוין נישט מער זישע באַ־גיש. דאָ קיניגט שוין די פרוי פון אַ פּאַטענטירטן קאָמוניסט. אַ סברה — דערציילט מען מיר, — אַז אין באַגישן האָט מען געפונען עפּעס אַ „פּסול״... אַן „אָפּנייג״... הגם, מ׳גיט איבער, אַז פון רומעניע איז באַגיש אַמאָל אַנטלאָפן ווי אַ קאָמוניסט מיט אַ טויט־אורטייל איבער זיך...

אָבער אַ קשיא אויף אַ מעשה... באַגיש זיצט נישט מער ביים סעקרע־טאַר־טישל.

יוסף רובינשטיין מיט זיין הויכן וווּקס לאָזט זיך אָנזען אין לאָקאַל. ער איז נאָך ווייטער אויף זיין פּאָסטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר פונעם שריי־בער־הויז.

דער נאָך העכערער אין וווּקס העברעאישער פּאָעט ב. פּאָמעראַנץ דרייט זיך אום אַ פאַרמוחטער הין און צוריק איבער דעם הויז און רופט זיך נישט אָפּ מיט קיין וואָרט, גלייך ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען. ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ „קראַסנאָאַרמייסקע״ „פּאַפּאַכע״ מיט אַ רויטן שטערן פון פאָרנט און פּאַראַדירט...

איך פרעג שטייענדיק ביי אַ געזעמל:

— ווו האָט ער עס געפּאַקט די „פּאַפּאַכע״?

— אויפן באַזאַר קריגט מען אַלץ... — באַקום איך אַ תשובה.

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט? — פרעגט מען מיך. — מיר האָבן דאָ געהאַט אַ שרייבער־פאַרזאַמלונג. אַלע זענען געווען.

— איך זיץ דאָך אין מיין גראָדנע.

— וואָס טוט איר דאָרט?

— דערווייל, מסתמא, וואָס איר: גאָרנישט... אָבער איך וועל נאָך טאָן.

איך רעד מיט דעם און מיט יענעם. מען גיט מיר אָפּ באַריכטן. מען דערציילט מיר אַפילו „פּליאָטקעס"... מען מאַכט וויצן אויפן חשבון פון עטלעכע וואַרשעווער און לאָדזשער שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי שנעל „איבערגעפאַרבט אויף רויט"... וועלכע שרייבן אַזעל־כע פלאַם־פייערדיקע בילדלעך און רעפּאָרטאַזשן אין „ביאַליסטאָקער שטערן", גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך פון אבות אבותיהם געווען קאָמוניסטן.

— וואָס טוט דאָ דער גאַנצער עולם? פון וואַנען לעבט מען?

— מען ברענגט אַלע טאָג אַ קויש ברויט. מיט דער פּאָרציע ברויט, וואָס יעדער באַקומט, גייט מען צו די „מאָנאַשקעס" אויף סטאַראָבאַ־יאַרסקאַיאַ און מען לענט אונטער דאָס האַרץ. אַי, ס'איז ווייניק, איז מילא... איר האָט אַן עצה?...

ה. ל. פוקס רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט און רעדט צו מיר בלחש:

— מ'איז אויף געהאַקטע צרות... נישטאָ קיין פּרנסה... פון דער אַרבעט האָט מען גאָרנישט...

— וואָס טוט איר, אַ שטייגער?

— איך אַרבעט אַלס שילדן־מאָלער אין אַרטעל „קראַסנאַיאַ פּאָ־ליטראַ". די פאַרדינסטן זענען אַזעלכע נישטיקע... איר ווייסט וואָס די יונגע שרייבער צינאמאָן און האַלפּערן טוען? זיי האָבן זיך איינגעשאַפט האַק און זעג, אַ „סטאַלוגע" און גייען איבער פּריוואַטע הייזער האַקן האָלץ... איר פאַרשטייט? זיי, די קאָמוניסטן, זענען דאָ „אויפן פערדל"... קודם האָט מען זיך איינגעטיילט מיט די „פּלאַצוווקעס".

און מיט אַ נאָך שטילערער שטימע, כמעט פליסטערנדיק, גיט ער צו:

— הלוואַי זאָל מען נאָך גוט אָפּשניידן... ווען איר וואָלט געווען אויף דער שרייבער־פאַרזאַמלונג, וואָלט איר געוווסט... פאַראַן דאָ אמתע מוסרים... איין פאַרשוין איז אַרויס מיט „לשון": „דער איז אַ ציוניסט"... „יענער אַ בונדיסט"... אַפילו פרץ מאַרקישן און איציק פעפערן, וועלכע זענען אויך געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט עס זייער שאָקירט. „אונדז אינטערעסירט נישט וואָס אין פוילן איז געווען!" — אַזוי האָט פעפער פאַרמאַכט יענעם פאַרשוין דאָס מויל... איך זאָג אייך, איר טוט ווי אַ חכם, וואָס איר זיצט פון דערווייטנס... זיצט, זיצט בעסער אין אייער גראָדנע...

נאָך די אַלע רייד, נאָך די אַלע מעשיות, גיי איך אַוועק אין אַ זייער דערדריקטער שטימונג פונעם „דאָס פּיסאַטיעליאַ״.

צומאָרגנס גלוסט זיך מיר אַפילו נישט גיין אויף מיטיק צו די „מאָ־נאַשקעס״ אויף סטאַראָבאַיאַרסקאַיאַ. איך גיי אַריין אין אַ יידישן היי־מישלעכן רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אין אַ געסל בשכנות פון דער שענקעוויטש־גאַס, ווי אין אַ מין קעלער.

איך טרעף דאָרט דעם זשורנאַליסט הלל מיימאַן (פון „היינט״). מיי־מאַן פילט זיך זייער דערשלאָגן. מ׳האָט אים דאָ אויפגעמישט עפּעס אַ בלעטל חטאים פון אַמאָל... אַן אַלטע מעשה מיט אַ שטרייק, אין וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן נישט אַזוי פּראָפעסיאָנעל־קאָרעקט. און ער לעבט אין הוילער שרעק. עס דאַכט זיך אים תמיד, אַז מען גייט אים נאָך. ער שלאָפט נישט קיין נעכט און האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן. ער פאַר־טרויט זיך פאַר מיר, אַז ער טראַכט אַריבערצושמוגלען זיך קיין ווילנע, וווּ עס זענען די ליטווינער.

מיימאַן מאַכט אויף מיר אַ זייער נעבעכדיקן איינדרוק. ווי געפאַלן עס קען ווערן אַ מענטש ביי געוויסע סיטואַציעס! זיין גאַנצער עטלעכע־און־דרייסיק־יעריקער זשורנאַליסטישער סטאַזש האָט פאַרלוירן זיין גאַנצן געוויכט...

מיט אַ פיינלעך געפיל בין איך אַוועק פונעם קעלער־רעסטאָראַן.

אין אָוונט באַזוך איך לעאָ פינקעלשטיינען אין זיין פּריוואַט צימערל ביי אַ פאַמיליע, וווּ ער וווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי מירע. מ׳קען נישט זאָגן ד׳ על ד׳, ווייל דאָס צימערל איז נאָך פיל קלענער...

— איר טוט נאָך גאָרנישט? — פרעג איך אים.

— עפּעס געפּרוווט שוין טאָן... געזאָלט אָנקומען אַלס לערער אין די העכערע קלאַסן; אָבער... איר ווייסט דאָך... מיין פאַרגאַנגענהייט...

— „סאָצפּראָאיסכאָזשדעניע״ (סאָציאַלע אָפּשטאַמונג)?...

— נאָך ערגער: בונדיזם...

— נו, איז פון וואַנען לעבט מען? ואם תאמר מה נאכל?...

— דערווייל גיט מען זיך נאָך ווי עס איז אַן עצה. פאַראַן נאָך עפּעס פון דער היים. גלייכער צו שטיין פון דערווייטנס... מ׳דאַרף איבער־וואַרטן... מיר לעבן דאָך אין אַ צעראודערטער צייט. פאַר איין זאַך האָב

איך מורא: אין שרייבער־הויז זענען פאַראַן עטלעכע פאַרשוינען — שטיק־לעך מוסרים... עס גלוסט זיך זיי כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער...

ס'איז אַריינגעקומען אַ גאַסט: אונדזערע אַ געמיינזאַמע באַקאַנטע פון וואַרשע, מיינע אַ שכנה, אַ פרוי פון אַ יונגן וואַרשעווער דאָקטער, מאַניע פ. די דאָזיקע פרוי קומט אַריין מיט אַ סך לעבן, מיט פרישקייט אויף די באַקן און שמייכל אין די אויגן. עס שאַפט זיך באַלד אַ שטיקל היימישע אַטמאָספער, אַ וואַרשעווער מסיבה, מען רעדט זיך פאַנאַנדער. מ'דערמאָנט היימישע ענינים.

— איר ווינט אויך אין אַזאַ „פּאַלאַץ“? — פרעג איך זי.

— הלוואי וואָלטן מיר געהאַט כאָטש אַזאַ „פּאַלאַץ“...

— סטייטש?!

— פרעגט גאָרנישט. איר ווייסט דען וואָס עס טוט זיך איצט אין ביאַליסטאָק? פּליטים ליגן אין קאָרידאָרן... אין שמוץ, אין חזירײַ...

— די באַציאונג צו די פּליטים איז אונטער יעדער קריטיק... — באַמערקט פינקלשטיינס פרוי. — די ביאַליסטאָקער יידן קענען זיך נישט באַרימען מיט צופיל גאַסטפריינדלעכקייט... אַ פּליט טראַקטירט מען ווי אַ שנאָרער...

— איר ווייסט, וואָס אַ ביאַליסטאָקער באַלעבאָסטע זאָגט? „די זופּ האָט זיך מיר אַזוי פאַרזאַלצן, אַז אַפילו אַ „ביעזשעניעץ“ וואָלט איך זי נישט געגעבן“...

דאָס האָט געזאָגט לעאָ פינקעלשטיין, וואָס האָט בכלל תמיד ליב צו דערציילן אַ וויץ, אַ גלייכוווערטל.

— נישט קיין וווּנדער, — איז ער פונדעסטוועגן מלמד זכות, — אין ביאַליסטאָק זענען אָנגעלאָפן אַזוי פיל מענטשן! מ'קען דאָך סוף־כל־סוף נישט פאַרלאַנגען פון איטלעכן ייד, ער זאָל אָפּטרעטן פאַרן פּליט זיין בעט... מיר זענען דאָ צופיל. און יידן — אַ חוץ אפשר די גאָר רייכע — ווינען נישט אין פּאַלאַצן...

שפּעטער פאַרבעט פינקעלשטיין מ'זאָל אַריינגיין אין צווייטן חדר, ווו עס ווינען זיינע באַלעבאַטים, כדי צו הערן די פּוילישע אוידיציע פון לאָנדאָן.

מיר גייען אַלע אַריין און מיר הערן זיך צו געשפּאַנט. ס'איז היינט „באָזשע נאַראָדזעניע“. עס רעדט ראַטשקעוויטש, דער פּוילישער פּרעזי־דענט אין גלות. ער רעדט מיט אַ זייער פּאַטעטישער שטים. ער רעדט

פּאַמעלעך, אַקצענטירט יעדעס וואָרט. ער איז, קענטיק, זייער גערירט און עס פילן זיך טרערן אין זיין שטים:

„ברידער פּאָליאַקן! פּאָליאַקן פון דער גאַנצער וועלט! אין היינטי־קער נאַכט, בעת איר וועט עסן דאָס הייליקע ברויט, געדענקט אָן די אַלע ברידער, וועלכע שמאַכטן סיי אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, סיי אין די קאָזעמאַטן פון באָלשעוויסטישן אָקופּאַנט"...

און אַזוי כסדר אין זעלביקן גייסט.

— די פּאָליאַקן לאָזן איצט הערן אַ ראָמאַנטישן טאָן... — באַ־מערקט לעאָ פינקעלשטיין, — ראַטשקעוויטשעס רעדע דערמאָנט אַביסל אָן יענער פּוילישער „עמיגראַציע" אין מיצקעוויטשעס צייטן אין פּאַריז...

— פּאָליאַקן ווערן ברידערלעך־ראָמאַנטיש נאָר ווען מען אונטער־דריקט זיי... — קומט אַ קאָמענטאַר, — דאַקעגן אין פּעריאָד פון זייער אומאָפּהענגיקייט ווערן זיי ברוטאַל, קליינמוטיק, פאַרריסן אין זייער מע־גאַלאָמאַניע...

16

אויפן פאַרם פון וואַלן

זייענדיק אין ביאַליסטאָק קומט מיר אויס צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צום „ווערכאָווני סאָוויעט" (אויבער־ראַט). דאָס זענען צוגאָב־וואַלן פאַר די פאַרנומענע מערב־געביטן. לויט די פאָרשריפטן דאַרף יע־דער בירגער, וואָס איז אויסער זיין שטענדיקן וווינאָרט, שטימען דאָרט, ווו ער געפינט זיך אין טאָג פון די וואַלן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אונדז פּליטים, וועלכע זענען דאָך אין גרונט פרעמדע בירגער, רופט מען צו שטימען.

און כ'האָב אַזוי אַרום געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם פאַרס פון „פרייע" וואַלן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווי נאָר איך בין צוגעקומען צום אַריינגאַנג פון דער וואַל־געביידע, האָט מיך באַלד עמיץ מקבל־פּנים געווען מיט אַ געדרוקטער רשימה קאַנדידאַטן:

— פּאַזשאַלויסטאַ, גראַזשדאַנין, אָט אויף דער ליסטע דאַרף מען עס שטימען...

קיין אַנדערע ליסטעס האָט מיר קיינער, אייגנטלעך, גאָר נישט פאָר־געלייגט... ווער וואָלט עס געוואָגט?...

איך נעם די רשימה און קוק אין איר אַפילו נישט אַריין: צו וואָס קוקן?... למאי נפקא מינה?...

דער, וואָס האָט מיר דערלאַנגט די רשימה, באַגלייט מיך אַריין אי־נעווייניק, ביז עס קומט מיר אַנטקעגן אַן אַנדער פאַרשוין מיט אַ קאָנ־ווערט אין האַנט:

— אַט אין דעם קאָנווערט, גראַזשדאַנין, דאַרף מען אַריינלייגן דאָס צעטל מיט די קאַנדידאַטן.

דערביי גיט ער, אמת, צו:

— אויב איר ווילט ענדערן די רשימה, איז אָט דאָ, הינטער די קאָטאַרן...

אָבער ווער פון די ווייזער וועט עס זיך איינשטעלן אַריינגיין הינ־טער די קאָטאַרן — דאַן, ווען עס לויערן אויף אים אַזוי פיל אויגן?... אַן אַנדער זאַך וואָלט געווען, ווען מען דערלאַנגט נישט דעם וויילער קיין גרייטע ליסטע; ווען ער ברענגט מיט זיך אַן אייגן צעטל פון דער היים, צי פון דער גאַס.

— אַהער, גראַזשדאַנין, דאַרף מען אַריינוואַרפן, — באַגלייט מיך יענער גלייך צו דער וואַל־אורנע .

דאָס הייסט, פון מאָמענט פון אַריבערטרעטן די שוועל ביזן אַריינ־וואַרפן דאָס באַקומענע צעטל אין דער אורנע בין איך געווען אונטער די כסדרדיקע בליקן פון אַ סך באַאָבאַכטער...

איז מיר שוין גענוג קלאָר, פאַרוואָס דער „וואַל־נצחון“ פונעם „בלאָק“ — פון די באָלשעוויקעס מיט די „אומפאַרטייאישע“ — איז אַן אַבסאָלוטער...

כ׳האָב זיך שפּעטער אומגעדרייט איבער די גאַסן און זיך צוגעקוקט צום „וואַל־פיבער“. דאָס איז נישט געווען, פאַרשטייט זיך, יענער אמת־דיקער וואַל־פיבער, ווען עס קעמפן באמת פאַרשיידענע ריכטונגען פראַנק און פריי, ווי, אַ שטייגער, אין אַ פאַרמלחמהדיקן וואַרשע. יעדע פאַרטיי האָט דאַך פאַרשאָטן די שטאָט מיט איר וואַל־ליטעראַטור, מיט אירע בלעטלעך, אויפרופן און פלאַקאַטן. איבער די וואַרשעווער גאַסן זענען אומגעפאָרן גרויסע פלאַטפאָרמעס, ספּעציעל דעקאָרירטע, און די אַגיטאַ־טאָרן האָבן פאַרשאָטן די גאַסן מיט זייער אַגיטאַציע־ליטעראַטור, מיט

זייערע לאָזונגען. קיינער האָט קיינעם נישט געשטערט צו פירן זיין אַגי־טאַציע — אַפילו נישט די רעגירונג, וואָס האָט דאָך געהאַט איר אייגענע ליסטע, איר אייגענעם וואַל־נומער.

און דאָ...

אויך דאָ פירט מען אַ קאַזיאָנע אַגיטאַציע פאַר דעם איין־איינציקן בלאָק — דעם „בלאָק פון באָלשעוויקעס און אומפּאַרטייאישע״... אָבער אָן היץ, אָן פיבער, אָן דעם ברען פון אַ וואַרשע, צי פון אַלע אַנדערע רע־זידענצן פונעם „פּאַרפּוילטן מערב״. וואָרום פון וואַנען זאָל קומען די היץ? אַז קיינער ריוואַליזירט נישט מיט קיינעם...

די גאַנצע וואַל־קאַמפּאַניע, די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע זעט דאָ אויס ווי אַ שאַרזש...

איבער די גאַסן דאָ און דאָרט ציען זיך „פּראָצעסיעס״. מען טראָגט טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען. מ׳טראָגט ריזיקע בילדער פון סטאַלין, קאַ־לינין, מאָלאָטאָוו און אַנדערע מושלים. די בילדער זעען אויס ווי אַ רעק־וויזיט פון אַ קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיע...

17

דאָס אומעטיקע ניי־יאָר

ס׳איז ערב ניי־יאָר.

דער גראָדנער עולם איז אָבער געווען אומעטיק געשטימט. שטענ־דיק אין דער נאַכט פון ניי־יאָר איז מען דאָך געוווינט צו גיין אויף פאַר־ווײַלונגען, אויף בעלער, אַ קלייניקייט, סילוועסטער! דער אָנהייב פון יאָר! יוגנט וואַרט דאָך תמיד אויף דער דאָזיקער דאַטע. מען פאַר־ברענגט דאָן אין עפנטלעכע לאָקאַלן, ביי מוזיק און טענץ. מ׳פּראַוועט צערעמאָניעס ביים באַגעגענען דאָס נייע יאָר — מיט ליכט און לאַמפּיאָ־נען. קורץ פאַר צוועלף לעשט מען אויס דאָס ליכט און פונקט צוועלף פּראַלט אַלץ אויף אין ליכט און אין קלאַנג, מיט כלערליי טריקן און סיור־פּריזן, וואָס אַמוזירן דעם יום־טובדיקן עולם.

היינט אָבער... קיין שום אימפּרעזע קומט אין ערגעץ נישט פאָר. קיינער פרייט זיך נישט מיטן נייעם יאָר. קיינער דערוואַרט פון אים גאָר־

נישט... עפּעס אַ שווייגעניש, אַ דערדריקטע שטימונג הערשט אין דער גאַנצער שטאָט.

איין באַל קומט יאָ פאָר אין שטאָט. דאָס איז אַן אָפיציעלער באַל אין עפּעס אַ לאָקאַל פון אַ גרויסער „אוטשרעזשדעניע" (אַנשטאַלט). אַהין זענען פאַרבעטן די „אויבערשטע פון שטויסל", די פּני פון שטאָט: פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס.

אַהין איז אויך פאַרבעטן מיין פלימעניק, דער יונגער אַדוואָקאַט ליוּ־ביטש — ווי אַ פאָרשטייער פון דער יורידישער קאָנסולטאַציע.

מיין פלימעניק, זע איך, גייט אום אַ גאַנצן טאָג אַ צעטראָגענער. עפּעס געפינט ער היינט זיך קיין אָרט נישט. אַז מ׳רעדט צו אים, הערט ער נישט.

— וואָס ביסטו עפּעס היינט אַזוי אומרואיק? — פרעג איך אים.

— איר ווייסט נישט? איך דאַרף היינט האַלטן אַ רעדע...

— ווו?

— אין אָוונט אויפן באַל...

— וואָס פאַר אַ טעם האָט עס אַ פאַרווײַלונג מיט רעדעס?... — לאַך איך.

— לאַכט נישט, אַזוי איז עס...

— נישקשה, ביסט דאָך עפּעס אַן אַדוואָקאַט... וועסטו שוין ווי עס איז „האַקן אַ טשייניק"...

— די ערשטע צרה, — קלאָגט זיך מיין פלימעניק, — איר ווייסט דאָך, איז מיט מיין שלעכטן רוסיש; צווייטנס, וועגן וואָס זאָל איך רעדן? אָסור אויב איך ווייס...

— ווייס איך וואָס, — זאָג איך, — אַ קונץ צו האַלטן אַ רעדע אויף אַ קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג? ס׳איז, דוכט זיך, די גרינגסטע זאַך: מ׳הערט דאָך אַלע טאָג די גאַנצע באָלשעוויסטישע תורה דורכן ראַדיאָ, מ׳לייענט זי טאָג־טעגלעך אין די צייטונגען. מ׳נעמט דעם ערשטן־בעסטן נומער פון „פּראַוודאַ" אָדער „איזוועסטיאַ" און מען געפינט שוין... אין יעדער סאָוויעטישער צייטונג ווערט דאָך כסדר איבערגעחזרט דער גאַנצער אַרסענאַל סלאָגאַנען און גאַנגבאַרע פראַזעאָלאָגיע. בלויז דאָס, און נאָר דאָס דאַרף מען געברויכן. אדרבה, קיין נייע, קיין אייגענע געדאַנקען טאָר מען דאָך גאָרנישט אַרויסזאָגן...

מיין פלימעניק האָט געלאַכט. אָבער זיין פאַרלעגנהייט איז דורך דעם נישט פאַרביי.

— כ׳בעט אייך... העלפט מיר... — בעט ער זיך ביי מיר.

— זייער אַמוזאַנט פאַר מיר... — לאַך איך.

און כ׳האָב זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען. כ׳האָב אים געמוזט העלפן...

ס׳איז אים דער עיקר געגאַנגען אין דער שפּראַך. כ׳בין מיט אים געזעסן און געהאָלפן אים צונויפשטעלן די טעזיסן פון דער רעדע. יעדע פראַזע אַרומגעפוצט מיט לאַקריץ און בוימאייל... ביי אים, נעבעך, איז עס געווען אַ מוז־זאַך; ביי מיר — אַן ענין פון פאַרווײַלונג...

די רעדע איז אַרויסגעקומען אויפן פּאַפּיר מיטן גאַנצן „קנאַק״, מיטן „עכטן״ קאָמוניסטישן בוימאייל...

דער פלימעניק האָט מיט גרויסער טרעמע גענומען רעפּעטירן אונ־טער מיין רעזשי. כ׳האָב אים אָפּט געמוזט קאָרעגירן זיין פאַלשן אַק־צענטירן די רוסישע ווערטער. נישט אַזוי לייכט פאַר אים, ווען עס פּלאָנ־טערט זיך נאָך ביי אים דאָס פּויליש.

ביסלעכווייז באַרואיקט ער זיך: ער האָט שוין מיט וואָס צו קומען אויפן הייננטיקן באַל אין דער סאָוויעטישער „אוטשרעזשדעניע״...

— פאַרגעס נישט, זאָג איך אים אין שפּאַס, — צו אַקצענטירן דעם „עושה שלום״: „נאַש וויעליקי, מודרי... אַאָ״ו וואָזשד׳ טאָוואַרישטש סטאַלין״!... (אונדזער גרויסער, קלוגער ... אַאָ״ו פירער, חבר סטאַלין).

פונדעסטוועגן איז מיין פלימעניק אין אָוונט געוואָרן ווידער זייער דענערווירט. נאָך מער ווי דעם גאַנצן טאָג.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין פאַרמלחמהדיקן עלעגאַנטן טונקעלן קאָסטיום, אין אַ שפּיגלדיק־ווייס געקראָכמאַליעט העמד און עלעגאַנטע שיך.

— אַזוי טוט מען זיך אָן אויף אַ סאָוויעטישן באַל?. זעסט דאָך אויס ווי אַ בורזשוי... — זאָג איך אין שפּאַס.

— אפשר... — קווענקלט ער — אפשר זענט איר טאַקע גערעכט?

און ער איז שוין גרייט געווען זיך איבערצוטאָן.

— ניין, ניין, גיי אַזוי — הייס איך אים, — אדרבה, זאָלן זיי אויך הנאה האָבן, קוקנדיק אויף אַ „בורזשואַזן״ אנצוג...

און ער איז אַזוי אַוועק אויפן באַל מיט דער אויסגערעפּעטירטער

רעדע און אין עלעגאַנטן אנצוג מיט אַ גרויסער טרעמע. בעת זיינע עק־זאַמענעס אין ווילנער אוניווערזיטעט האָט ער זיכער אַזאַ טרעמע נישט געהאַט...

18

צווישן די „בלאָנדזשענדיקע שטערן“

דער עולם אַקטיאָרן איז זיך מיט מזל צונויפגעפּאָרן אין גראָדנע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער באַזע פון דער טרופּע. עס האָט זיך געבילדעט דער קאָלעקטיוו און ער האָט באַקומען דעם נאָמען „קאָ־לעקטיוו פון באַוועגלעכן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער אין מערב־ווייס־רוסלאַנד“.

מאָריס ליאמפּע האָט גערופן די ערשטע באַראַטונג פון די „בלאָנ־דזשענדיקע שטערן“. צווישן עולם זענען זיך אויך שוישפּילער מיט באַ־קאַנטע נעמען. אַ געמיש פון פאַרשיידענע אַקטיאָרן פון פאַרשיידענע פאַר־מלחמהדיקע טרופּעס אין פּוילן: זלמן קאָלעשניקאָוו, אברהם וואָלפשטאַט, מרדכי הילסבערג, ליזע שלאָסבערג, מאַקסימאָוו, צוויליך (און פרוי), פּאָ־ליאַנסקי (און פרוי) און אַנדערע. פאַראַן דאָ אויך דער לאָדזשער קאָמ־פּאָזיטאָר און דיריזשאָר ל. זעלמאַן. שפּעטער איז צוגעקומען ווי אַ גע־הילף־רעזשיסאָר ק—י פון ווילנע.

דער „כודרוק“ (קינסטלערישער לייטער) מאָריס ליאמפּע איז מודיע, אַז ווי אַן ערשטע פאָרשטעלונג וועט מען געבן שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער“. עס גייט דאַן אַ דעליקאַטער שמועס וועגן דער ראָלן־פאַרטיילונג. אַז די ראָל פון טוביה נעמט ליאמפּע אַליין — דאָס איז קיין פראַגע נישט. דאָס איז דאָך זיין „קאָניאָק“ (פערדל). דער ענין איז אויף דער ערשטער זיצונג נאָך ענדגילטיק נישט דערליידיקט געוואָרן.

— דערווייל — זאָגט ליאמפּע — מוז מען נאָך ברענגען אין אָרדע־נונג די פּיעסע. דאָס ווענדט זיך אָן דער שנעלקייט פון „זאַווליט“ (לי־טעראַרישער לייטער).

דאָס מיינט מען מיך.

ליאמפּע באַשטעלט זיך מיט מיר אויף צומאָרגנס.

איך זיץ מיט אים און מיר בלעטערן צוזאַמען דעם געשריבענעם

טעקסט פון דער פּיעסע. ער ווייזט מיר אָן געוויסע שטעלן צו ענדערן, בולטער מאַכן דעם סאָציאַלן מאָמענט...

— איר פאַרשטייט — זאָגט ער, מען מוז דאָך פאַר „זיי" אַביסל יוצא זיין...

— טוביה — מיין איך — איז סאָציאַל גענוג כשר... איר קאָנט דאָך נישט ענדערן שלום־עליכמען...

— חס ושלום. נישט ענדערן, נאָר בולטער מאַכן שלום־עליכמס אַ געדאַנק, אַ רמז... אַ ווערטל אויפן חשבון פון די גבירים... איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?...

ליאמפּע וויל דווקא אַרויפברענגען אויף דער בינע דעם מאָמענט פון גירוש, ווי אַזוי מען טרייבט אַרויס טוביהן מיט זיין פאַמיליע פון דאָרף. ביי אים אין געשריבענעם טעקסט איז עס נישטאָ און ער גיט מיר צו אינסצעניזירן „לך לך".

— דאָס וועט „קלאַפּן" — זאָגט ליאמפּע — „זיי" האָבן ליב, אַז מען ווייזט די ברוטאַלקייט פון דער צאַרישער מאַכט. אָבער פאַרקאַ־שערט גלייך די אַרבעט און מאַכט עס וואָס שנעלער. איך וויל, אַז דאָס יידישע טעאַטער זאָל ווערן אַ פאַקט.

און כ'האָב זיך גענומען אינטענסיוו צו דער אַרבעט — צו דער ער־שטער אַרבעט אויף דער סאָוויעטישער זייט.

אין צוויי טעג אַרום בין איך שוין געקומען צו ליאמפּען מיט אַ פאַרטיקער אינסצעניזאַציע.

ביים פאַרלייענען האָט מיר ליאמפּע פאַרגעלייגט אין געוויסע שטעלן צוצוגעבן נאָך אַ פּאָר שאַרפערע אויסדרוקן, כדי נאָך בולטער מאַכן די טראַגישע סצענע.

— וואָס טייגן די איבעריקע רייד? די אַקציע רעדט דאָך אַליין.

— ס'שאַדט נישט. „זיי" האָבן ליב אַ שאַרף וואָרט... זאָלן „זיי" האָבן הנאה...

און מ'האָט זיך גענומען צו די רעפּעטיציעס.

יעדן אָוונט האָט זיך דער אַנסאַמבל צונויפגעקליבן אין האָטעל אויף דאָמיניקאַנער גאַס אין צימער פון ליזע שלאָסבערג, און ליאמפּע האָט געקנעלט מיט יעדן זיין ראָל. איך האָב באַוווּנדערט זיין געדולד. געווען אַ פּאָר פרויען, וואָס האָבן שטאַרק געזינדיקט מיט זייער „עברי", מיט זייער פאַלש אַקצענטירן די פראַזן. ליאמפּען איז נישט נמאס געוואָרן

צענדליקער מאָל איבערצוחזרן מיט זיי יעדעס וואָרט, מיטן געהעריקן טראָפּ אויף יעדן וואָרט — ביז וואַנען עס האָט זיך לסוף ביי זיי ווי עס איז באַקומען. אָבער צומאָרגנס, אַז מ'איז צוגעטראָטן רעפּעטירן, האָבן זיי ווידער געמאַכט די זעלבע פעלערן... און „עודך"... די „קנעלונג" איז געגאַנגען אויף דאָס ביי.

אַן אמתער רעזשיסאָר דאַרף זיין אַ זייער געדולדיקער לערער, אַן נערוון. ער דאַרף אַפילו אָפטמאָל זיין אין דער ראָל פון אַ פשוטן „דרדקי־מלמד", וואָס האָט צו טאָן אין זיין „חדר" מיט „פויערישע קעפּ"... אין אַזאַ געמישטן „חדר", ווי ס'איז געווען אונדזער „קאָלעקטיוו" האָבן אויך נישט געפעלט אַזעלכע...

מיין אויפגאַבע ביי די רעפּעטיציעס איז געווען — אַכטונג צו געבן אויפן דיאַלעקט. די אַקטיאָרן האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע געגנטן. האָט מען געמוזט פאַר דער בינע אויסגלייכן און צופּאַסן אַלעמען צום ליטווישן יידיש. פאַר די וואָס שטאַמען פון די פּוילישע שטעט, איז עס געווען נישט קיין לייכטע זאַך. עס פלעגט אָפטמאָל דערגיין צו קוריאָזן. איין אַקטריסע, למשל, מיינענדיק אַז אומעטום, וו עס ווערט אין פּוילן באַנוצט אַ חיריק, דאַרף אין ליטע באַנוצט ווערן אַ מלופם, האָט אין אַ געוויסער שטעל אויסגערופן: „מיין קונד". אַנשטאָט מיין קינד!

מרדכי הילסבערג, ווי אַן אָפּערעטן־שוישפּילער, האָט דווקא געוואָלט אַריינפירן אַ מוזיקאַלישן נומער אין זיין ראָל פון כוועדקען. ליאמפּע האָט לסוף נישט־גערן מסכים געווען. איך האָב פאַר אים עקסטרע אָנגעשריבן אַ ראָמאַנס און זעלמאַן האָט קאָמפּאָנירט מוזיק. זינגען האָט עס הילס־בערג־כוועדקע געדאַרפט הינטער דער סצענע ווען ער דערנענטערט זיך דורך די ביימער צו האָדלען.

די רעפּעטיציעס האָבן געדויערט אַ צוויי וואָכן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען צו ווייניק, צו שנעל. אין אַ „סטאַכאַנאָווסקן טעמפּאָ"!...

19
די ערשטע עשאַלאָנען...

איינמאָל ביינאַכט, אַזייגער צוועלף, אַז כ׳בין צוריקגעגאַנגען פון אַ רעפּעטיציע מיט מיין נאַכט־„פּראָפּוסק״ ווי אַן אָנגעהעריקער צום טעאַטער־אַנסאַמבל (דער פאַרקער ביינאַכט אין גראָדנע איז דאָך געווען פאַרבאָטן) — האָב איך באַמערקט אַן אויסטערלישע זאַך:

אויף אַלע גאַסן, ווו מיר איז אויסגעקומען אַדורכצוגיין, זענען אין מיטן אויפן ברוק געשטאַנען לאַסט־אויטאָס. די ערשטע האָבן מיין אויפמערקזאַמקייט נישט צוגעצויגן, אָבער אַז איך האָב עס דערזען אומעטום, אויף אַלע גאַסן און אויף אַ באַשטימטער דיסטאַנץ איינער פון אַנדערן — אַלע פּאָר הונדערט מעטער לערך — איז מיין פאַרוואונדערונג געוואַקסן: וואָס קאָן עס זיין? ליידיקע לאַסט־אויטאָס אויף די גאַסן? אויף וואָס וואַרטן זיי? צו וואָס שטייען זיי דאָ?

איך האָב עקסטראַ פאַרקוקט פון דערווייטנס אין די „שאָפערקעס״ און באַמערקט אין דער טונקלקייט סילועטן פון דרימלענדיקע מיליטערישע שאָפערן. פון אַנדערע „שאָפערקעס״ האָבן אַרויסגעגליט פייערלעך פון פּאַפּיראָסן.

אַזוי אומעטום, אומעטום, אויך אויף מיין לאַנגער גאַס — אויף ליסטאָווסקיעגאָ אָדער „קיראָוואַ״ — ווי זי הייסט שוין היינט — וואָס הייבט זיך אָן מיט דער באַקאַנטער גראָדנער תפיסה מיט די הויכע ווייסע געמויערטע ווענט אַרום. איך האָב דאָס רעטעניש נישט געקענט פאַרשטיין און בין אַזוי אַהיים געקומען.

צומאָרגנס אין דער פרי, אַז כ׳בין אויפגעשטאַנען, איז דאָס נאַכטיקע געהיימניש אויפגעקלערט געוואָרן. מיין פּלימעניק, וואָס איז אויפגעשטאַנען פריער, קומט אַריין פון גאַס און דערציילט אַז אין מיטן נאַכט האָט מען אַרויסגעפירט פון שטאָט טויזנטער מענטשן...

שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן פּרטים. די אַלע אַרויסגעפירטע צום פאַרשיקן זענען געווען: פאַמיליעס פון פּוילישע אָפיצירן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט; פּוילישע „אָסאַדניקעס״ *) און זייערע פאַמיליעס; פּאָליטישע: בונדיסטן, פּ. פּ. ס.־און־

---

*) קאָלאָניזאַטאָרן.

צעס און זייערע פאַמיליעס, אָדער זייערע פאַמיליעס, אויב זיי אַליין זע־נען שוין פריער אַרעסטירט געוואָרן; דערצו נאָך סתם „בורזשויען" און „קולאַקעס".

זיי אַלע צוזאַמען — שיינע טויזנטער נפשות...

אין מיטן נאַכט איז אַ לאַסט־אויטאָ — טאַקע פון יענע ביינאַכטיקע געהיימנישפולע אויטאָס — פאַרפאָרן לויט אַ באַשטימטן אַדרעס און מ'האָט אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע פאַמיליעס. מ'איז אַריינגעקומען מיט אַ קאָמאַנדע:

— „סאָבעריס ס'וויעשטשאַמי"... (פאַרנעמט זיך מיט די זאַכן).

מ'האָט געגעבן אַ טערמין פון צוויי שעה צונויפצונעמען די בייטיק־סטע „בעבעכעס". אין די פיינלעכע מינוטן פון שרעק און פאַרצווייפלונג, טרערן און פאַרלוירנקייט האָט מען נישט געוווסט וואָס פריער צו נע־מען... אָן סאַמע בייטיקסטן האָט מען פאַרגעסן. מען האָט נערוועז געכאַפּט, וואָס עס איז אונטער דער האַנט געקומען און נישט גענומען וואָס מער בייטיק עס איז אין אַזאַ וועג. די „נ. ק. וו. ד.־יסטן" זענען געשטאַנען אי־בערן קאָרק און פון ווייבונג נישט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן כסדר „אַסיס־טירט" בעת דער טראַגישער סצענע און אונטערגעטריבן:

— ביסטרעי! ביסטרעי! — (שנעלער! שנעלער!).

פונקט צו די צוויי שעה — ס'איז שוין געוואָרן באַגינען — האָט מען אַלע נפשות, קינד און קייט, מיט זייערע „בעבעכעס" אויפגעלאָדן אויף דער וואַרטנדיקער מאַשין און — היידאַ צום עשאַלאָן! אַזוי פון אַלע גאַסן, פון אַלע זייטן זענען געפּלויגן די לאַסט־אויטאָס מיט די פאַרנומע־נע מענטשן, און אַלץ אין אַזאַ איילעניש, אין אַזאַ געיעג, גלייך ווי מען וואָלט עס געראַטעוועט די מענטשן פון אַן ערד־ציטערניש, וואָס דער סייסמאָגראַף זאָגט אָן אין געציילטע שעהען אַרום...

דער ריזיק־לאַנגער עשאַלאָן איז באַשטאַנען פון אַ סך, אַ סך צענד־ליקער פראַכט־וואַגאָנעס. ער איז אַזוי געווען צוגעגרייט נאָך מיט טעג צוריק ערגעץ אויף אַ זייטיקן „טאָר" הינטער „פערשטאַט", ווו עס ענדיקן זיך שוין די גאַסן פון שטאָט. אַזעלכע „אָפּעראַציעס" איז גלייכער צו מאַכן הינטער דער שטאָט. צו וואָס די נייגעריקע בליקן פון צושויער? צו וואָס דער „ספּעקטאַקל"?...

אין קאַלטע קי־וואַגאָנעס האָט מען אַריינגעפּאַקט די „קאָנטררעוואָ־

לוציאָנערע עלעמענטן" — די זקנים, די פרויען און קליינע קינדער, אַפילו עופהלעך, — וואָס באַדראָען דעם סאָוויעטישן רעזשים...

אויף די וואַגאָנעס איז געווען אָנגעשריבן מיט קרייד — מיט ריזי־קע בוכשטאַבן — דער באַקאַנטער „פסוק" פון דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע:

— „וראַגי נאַראָדאַ" — (די שונאים פון פאָלק)...

דער אָנגעפּראָפּטער עשאַלאָן איז נאָך געשטאַנען אַ האַלבן טאָג און עס האָבן זיך אַהין געריסן הונדערטער מענטשן. צוגיין נאָענט האָט מען נישט געקאָנט. אַרום און אַרום זענען געשטאַנען „ג. ק. וו. ד.־יסטן" און האָבן נישט צוגעלאָזט קיין זייטיקע. בלויז פון דערווייטנס האָט מען גע־זען פון די אויבערשטע קליינע וואַגאָן־פאַרטקעס קעפּ פון די פרישע אַרעס־טאַנטן, וואָס ערשט מיט שעהען צוריק זענען זיי נאָך געלעגן אין זייערע וואַרעמע בעטן און געחלומט זייערע חלומות — — —

דער עשאַלאָן איז אַוועק אין קעלט און אין שניי פונעם ווינטערדיקן טאָג. אַוועק אין די אומבאַקאַנטע רוסישע מרחקים.

20

די שטאָט איז שטום געוואָרן...

נאָך דער דאָזיקער נאַכט האָט זיך איבער דער שטאָט פאַרצויגן ווי אַ כמאַרע, די באַפעלקערונג — ייד צי קריסט — איז באַהערשט געוואָרן פון אומרו. אין גאַס האָט מען באַגעגנט אומרואיקע פנימער, פנימער פאַר־צויגן מיט אַ מאַסקע פון שרעק און אומרו... מ'האָט פאַרלוירן די זיכער־קייט ביי טאָג, דעם רואיקן שלאָף ביי נאַכט. מענטשן זענען געלעגן שלאָפ־לאָזע אין די בעטן און זיך צוגעהערט צו איטלעכן שאָרך פון דער גאַס... צי דערנענטערט זיך נישט אַ מאַשין צו דער שטוב?... דאַכט זיך, טריט?... דאַכט זיך, טריט אויף די טרעפּ?...

דאָס אומגליק האָט געטראָפן כמעט איטלעכן איינוווינער. אויב נישט דירעקט, איז אין דער משפּחה. אין בית אשר אין שם מת... אין יע־דער משפּחה האָט שוין זינט יענער נאַכט עמיצער געפעלט...

אין די קרייזן פון די יידישע פּליטים איז גאָר געוואָרן אַ בהלה. אַ צעמישונג. אַז מען באַגעגנט אַ פּליט, הערט מען נאָר:

— צוריק! צוריק קיין וואַרשע — כל־זמן ס׳איז נאָך נישט שפּעט...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן, אַז אַזעלכע עשאַלאָנען מיט „קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן״ זענען אויך אַוועק קיין רוסלאַנד פון ביאַליסטאָק, פון לעמבערג און פון אַנדערע שטעט. די דאָזיקע „רייניקונג״ איז פאָרגעקומען אין אַלע „באַפרייטע״ שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען אונטערן „האַמער און סערפּ״...

לכתחילה האָט מען געפּרוּווט אויסטייטשן די געשעעניש אין גראָד־נע ווי אַ ריין־לאָקאַלן ענין, ווייל גראָדנע איז געווען פאַר „זיי״ אַ „שלעכ־טער ביישפּיל״: די פּוילישע אַרמיי האָט ביי גראָדנע געשטעלט אַ פאַרבי־סענעם ווידערשטאַנד דער רויטער אַרמיי און ביי די ברעגעס פון ניעמאַן זענען געפאַלן שווערע קרבנות פון ביידע צדדים: 1.000 הרוגים פּאָליאַקן און 600 רויטאַרמייער. האָט מען געמיינט, אַז די „נ. ק. וו. ד.״ האָט דע־ריבער אַ ספּעציעל אויג אויף גראָדנע — די שטאָט פון אַ סך פּוילישע „אָסאַדניקעס״, וואָס די פּילסודסקי־רעגירונג האָט עקסטראַ אַריינגעשיקט, כדי צו פאַרפּויילישן די געגנט.

אָבער די אַלע השערות האָבן באַלד פאַרלוירן זייער זין, ווי נאָר מען איז געוואויר געוואָרן, אַז די זעלבע שפּיל מצד דער „נ. ק. וו. ד.״ קומט פאָר אומעטום.

מ׳ווייס שוין אויך גענוי, מ׳דערציילט שוין די פּרטים ווי אַזוי עס זענען אין דעם סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט אַרעסטירט געוואָרן אַ גאַנ־צע ריי יידישע אינטעלעקטואַלן: פּראָפ. משה שאָר — ראַבינער פון וואַר־שעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקיע; געוו. סיים־דעפּוטאַט און פּובלי־ציסט ד״ר יהושע גאָטליב; די אַרבעטער־טוער וויקטאָר אַלטער און הענ־ריק ערליך; דער שרייבער, פּילאָלאָג און רעדאַקטאָר פון ווילנער „טאָג״ זלמן רייזען; דער פּובליציסט אַדוו. יוסף טשערניכאָוו (דניאלי) און נאָך און נאָך פיל אַנדערע.

זיי אַלע זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין סאָוויעטישע תפיסות.

אומעטום, אין אַלע קרייזן, רעדט מען וועגן די דאָזיקע אַרעסטן און מען קאָמענטירט זיי ווי אַ טרויעריקן צייכן...

די „ביעזשענצעס״ האָבן געגומען לויפן פון אומעטום מאַסנווייז צו דער גרענעץ — צוריק אויף „יענער זייט״, קיין וואַרשע! מ׳האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פאַר קיין דראָאונג און אַרעסטן; פאַר די מוראַדיקע קעלטן און שנייען אין דאָזיקן שאַרפן ווינטער, וואָס איז צייטנווייז דערגאַנגען

ביז 40 גראַד פראָסט! מ׳האָט זיך אָפּגעפרוירן הענט, פיס, נעז — אַבי געלאָפן אַהין!... ס׳האָט געטריבן די פּיין פון היימלאָזיקייט, די פּלאָגעניש און מאַטערניש אָן אייגענע פיר ווינקעלעך, הונגער און קעלט... עס האָט געטריבן דער געשפּענסט פון ע ש א ל אָ ן . . .

פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק איז מען שוין געלאָפן אַ סך ווייניקער. מענטשן פון ביידע זייטן האָבן זיך געטראָפן אויף די וועגן אין דער גרעסטער צעמישונג: מען אַנטלויפט פון די דייטשן, מ׳אַנטלויפט פון די באָלשעוויקעס. ווו איז זיכערער?... טייל האָבן אויפן וועג „אויסגעדרייט דעם דישעל" און זיך אומגעקערט צוריק, פון וואַנען זיי זענען געקומען... ווער אַהער, ווער אַהין...

אין די אָוונטן אויף די מסיבות ביי ד״ר בריזמאַן איז די פּליטים־געזעלשאַפט געווען באַזונדערס דעפּרימירט. אויף אַלעמענס געזיכטער איז געלעגן אַ שווערער אומעט. קיפּניס־אושיצקיס פרוי האָט געהאַלטן אין איין „גריזשען" דעם מאַן:

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, שלימזל, אַז מען דאַרף לויפן צו־ריק. אויף וואָס וואַרטן? אויפן עשאַלאָן? אויף סיביר?...

— טאָ גיי, אַז דו ווילסט! — ווערט שוין דער מאַן נערוועז, בייז.

— ווען נישט דאָס קינד, וואָלט איך שוין זיכער אַוועק, אינמיטן נאַכט וואָלט איך געלאָפן און דיך וואָלט איך איבערגעלאָזט מיט די „באַ־פרייער"...

— גיי, אדרבה, צו די דייטשן. זיי גרייטן פאַר דיר אַ קבלת־פּנים... גיי, גיי!

דער דאָזיקער „דיאַלאָג" צווישן מאַן און ווייב איז דערגאַנגען ביז דראַסטישע אַקצענטן...

איך קום אַריין אין באַקאַנטע הייזער. איך באַזוך באַקאַנטע געזעל־שאַפטלעכע טוער, קולטור־עסקנים, שרייבער, אַקטיאָרן, לערער. קיין יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן איז אין שטאָט לחלוטין נישטאָ: קיין שום יידישע אימפּרעזעס, קיין יידישע פאָרלעזונגען, אַפילו נישט קיין יידישע קאָנצערטן — די שטאָט איז שטום געוואָרן...

פרעג איך זיך נאָך אויף יידישע ביבליאָטעקן, אויף יידישע שולן.

געווען דאָך אין גראָדנע פיינע ביבליאָטעקן, אַ גאַנצע נעץ שולן. — ווי זעט עס אַלץ אויס איצטער, אונטער דער סאָוויעטישער אפּוטרופּסות?

פון אַלע נאָכפרעגענישן און פון אַלע שמועסן מיט די דירעקט־פאַר־אינטערעסירטע עסקנים שאַפט זיך פאַר מיר אַ קלאָר בילד.

דער וועד־הקהל האָט זיך, פאַרשטייט זיך, פון זיך אַליין אויפגע־לייזט — ווי נאָר די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין שטאָט. די אַלע דאָזאָרעס האָבן זיך פאַררוקט אין די ווינקעלעך און דאַנקען גאָט, אַז מ׳הערט נישט פון זיי, אַז מען ווייסט נישט פון זיי... יעטוועדע טעטי־קייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַלע שטאָטישע אינסטיטוציעס — סיי ווירטשאַפטלעכע, סיי קולטורעלע, סיי אַפילו פילאַנטראָפּישע — האָבן זיך ליקווידירט. ווער רעדט נאָך יידישע פּאַרטייען — סיי ציוניסטישע, סיי סאָציאַליסטישע — אַלץ איז אין איין טאָג אַראָפּ פון דער סצענע... פּאַרטיי־אַרכיוון האָט מען פאַרגראָבן אָדער פאַרברענט... די פּאַרטיי־טוער האָבן זיך נישט געוויזן פאַרן שיין פון טאָג... יעדער איז געזעסן פאַרשטעקט אין זיינע דלד אמות און געציטערט פאַר יעדן קלאַפּ אין טיר... נאָך די ערשטע אַרעסטן, נאָך דער ערשטער גרויסער „רייניקונג״ און נאָך דעם ערשטן ריזיקן עשאַלאָן, וואָס האָט אַוועקגעפירט טויזנטער מענטשן אין די מרחקים, — זענען אַלע אַנגאַזשירטע פּאַרטיי־טוער גע־ווען זיכער, אַז אויך זייערע טעג אויף דער פריי זענען געציילטע... טייל פון זיי האָבן געביטן זייערע וווין־ערטער און זיך נישט געוויזן אין גאַס. ווער עס האָט געקענט, האָט פאַרלאָזט אינגאַנצן די שטאָט און איז אַוועקגעפאָרן צו אַ קרוב אין דער פּראָווינץ, כדי נישט געזען צו ווערן...

און וואָס איז מיט די היגע ביבליאָטעקן? אַן „אומשולדיקע״ זאַך דאָך אין פּלוג...

געווען אין גראָדנע ביז 1939 עטלעכע ביבליאָטעקן, שטאָטישע און געזעלשאַפטלעכע. די גרעסטע איז געווען ביי די „תרבות״־שולן. די דאָ־זיקע ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט ביי אַ דרייסיק טויזנט בענדער אין פאַר־שיידענע שפּראַכן און אַ סך, אַ סך ווערטפולע כתבי־ידן. געווען דאָרט אַן אוצר פון דער יידישער און פון דער אַלטער און נייער העברעאישער לי־טעראַטור.

בעת די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט, האָבן זיי באַשטימט אַ קאָנטראָליער פאַרן ביבליאָטעק־וועזן, אַ ייד פון מינסק. דער דאָזיקער קאָנטראָליער האָט צוגעצויגן נאָך אַ פּאָר גראָדנער

קאָמוניסטן אויף דורכצופירן אַ רעוויזיע אין אַלע ביבליאָטעקן. אומעטום האָבן זיי כמעט אַלצדינג געפּסלט, אָפּגעוואָרפן, דיסקוואַליפיצירט... געלאָזן האָבן זיי נאָר די פּוילישע קלאַסיקער. פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיי געלאָזט נאָר מענדעלעס און שלום־עליכמס ביכער. אַלע העברעאישע ביכער אָן אויסנאַם זענען געווען טריף.

אַזוי האָבן די קאָנטראָלערן „גלייכגעשאַלטעט" אַלע גראָדנער ביבליאָטעקן און די צענדליקער טויזנטער ביכער זענען אַוועק אויף פּאַפּיר אין „סאָיוז־אוטיל" (אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען אַלטוואַרג און ברוכוואַרג). די ווערטפולסטע עקזעמפּליאַרן, די טייערסטע פאָליאַנטן, זענען אַוועק אויף „שמעלץ"...

מ'האָט מיר פאַרטרויט בשתיקה, „עס זאָל חס ושלום ווייטער נישט אַוועקגיין":

דער ביבליאָטעקאַר פון דער „תרבות"־ביבליאָטעק, שמואל גינזבורג פון „סלאָבאָדקע", האָבנדיק ביי זיך דעם שליסל פון ביבליאָטעק, האָט בשתיקה געגנבעט די ווערטפולסטע ביכער און צעטיילט זיי צווישן די לערער און שילער פון די פאַרמאַכטע „תרבות"־שולן, כדי די עקזעמפּליאַרן זאָלן פאַרבלייבן „עד יעבור זעם"...

דיגרעסיע:

נישט די אַלע לערער זענען געבליבן נאָכן גרויסן חורבן, נישט די שילער, נישט די ביכער און נישט די לייענער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

21

דאָס פאַרשעמטע יידישע לשון...

און וואָס איז מיט די אַלע יידישע שולן אין גראָדנע?

אויך דער דאָזיקער געביט איז נישט ווייניקער טרויעריק:

ביז דער מלחמה איז אין שטאָט געווען אַ גאַנצע נעץ שולן פון פאַרשיידענע טיפּן און פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס: „ציש"אָ", „תרבות", „יבנה", „בית־יעקב"־שולן פאַר מיידלעך, פּריוואַטע פּרעבל־שולן, האַנדלס־שולן, חדרים, תלמוד־תורהס, ישיבות, אַ גרויסע יידישע פאָלקס־שול אין

דער פוילישער שפּראַך — די אַזוי־גערופענע „שאַבאַסוווקאַ״ (ווו מ׳האָט נישט געלערנט נישט שבת, נישט זונטיק) און נאָך, און נאָך.

אין די אַלע לער־אַנשטאַלטן האָבן געלערנט טויזנטער יידישע קינ־דער פון אַלע שיכטן, פון אַלע שטאַנדן: קינדער פון דער מאַסע, פון די אַרבעטס־מענטשן און קינדער פון „באַלעבאַטישע״ היימען, קינדער פון האַלב און גאַנץ בורזשואַזע עלטערן. אומעטום האָט מען געלערנט יידישע „קעגנשטאַנדן״ — ווו מער, ווו ווייניקער. אין דעם רוב שולן האָט גע־קלונגען סיי יידיש, סיי העברעאיש; האָבן יידישע קינדער געזונגען יידי־שע און העברעאישע לידער; האָבן זיך יידישע קינדער גייסטיק באַהאָפטן און געוואַקסן מיט די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער און מיט די רייד פון אונדזערע נביאים...

אַזוי איז געווען ביז דער מלחמה.

די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין שטאָט דעם 21סטן סעפּטעמ־בער, צוליב דער אַנאַרכיע אין שטאָט און צוליב די מלחמה־שטימונגען איז דאָס שול־יאָר נאָך די וואַקאַציעס נישט באַנייט געוואָרן. שפּעטער, בעת אין גראָדנע איז שוין געווען „רו און אָרדענונג״, האָט דער „גאָראָ־נאָ״ (שטאָטישער אָפּטייל פאַר פאָלקס־בילדונג) גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע לערער. לערער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פון אַלע שולן, וואָס גראָדנע האָט פאַרמאָגט. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט רעפערירט דער לייטער פון „גאָראָנאָ״ שאַפּירא, אַ מינסקער ייד, אַ שוסטער פון פאַך (אַזוי פיל שוסטער געקומען פון מינסק!...). ער האָט דעם פאַרזאַמלטן עולם אויפגעקלערט די סיסטעם פון סאָוויעטישן שול־וועזן, וואָס מען גייט איינפירן אין גראָדנע. דאָס איז גאָר געווען אַן אינ־פאָרמאַטיווע פאַרזאַמלונג, אָן פראַגן, אָן דיסקוסיעס, אָן אַ וואָרט פון קריטיק... אַלע האָבן אויסגעהערט שווייגעוודיק און מ׳איז זיך צעגאַנגען.

בלויז איין נאַאיווער מענטש האָט זיך געפונען צווישן די פאַר־זאַמלטע, וואָס האָט געשטעלט אַ פראַגע. דאָס איז געווען וויגדאָראָוויטש — דער לערער פון מוזיק און העברעאיש, דער אָנפירער פון כאָרן אין פאַרשיידענע צייטן אין גראָדנע. וויגדאָראָוויטש האָט לפי תומו געפרעגט:

— צי וועט מען דערלויבן אין דער שולע צו אונטעררירכטן העברע־איש ווי אַ קעגנשטאַנד?...

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו וויגדאָראָוויטשן מיט אַ שמייכל.

דער ענטפער פון „גאָראָנאָ"־לייטער — דעם מינסקער שוסטער — איז געווען אַ קלאָרער:

— העברעאיש איז די שפּראַך פון רעאַקציע, פון ציוניזם, פון בור־זשואַזן קלעריקאַליזם...

נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז געקומען אינגיכן די רעאַליזאַ־ציע: עס זענען געעפנט געוואָרן די שולן לויטן סאָוויעטישן סיסטעם: 10־קלאַסיקע, 7־קלאַסיקע און טעכנישע שולן. אויפן ערשטן אָרט זענען גע־שאַפן געוואָרן ווייסרוסישע שולן, מיט ווייסרוסיש ווי אַ לימוד־שפּראַך; אויפן צווייטן אָרט — רוסישע שולן, דאַן פּוילישע שולן און נאָר איין־איינציקע יידישע 10־קלאַסיקע שול אין דער געביידע פון דער געוועזענער „תרבות"־גימנאַזיע.

די דאָזיקע שול־פּאָליטיק האָט, פאַרשטייט זיך, שרעקלעך שאָקירט סיי די יידישע לערערשאַפט, סיי די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, ווייל גראָדנע האָט נאָר פאַרמאָגט יידישע און פּוילישע קינדער, אָבער כמעט גאָרנישט קיין ווייסרוסישע. דאָס שטעלן אין צענטער די ווייסרוסישע שולן איז געווען אַן ענין פון פּאָליטיק. אַזוי האָט געפאָדערט די פּאָליטיק פאַר דער אָקופּירטער געגנט, וואָס האָט ביי די באָלשעוויקעס געהייסן „מערב־ווייסרוסלאַנד"...

די טויזנטער יידישע קינדער האָבן די עלטערן געמוזט בלית ברירה שיקן: אָדער אין די עטלעכע פּוילישע שולן, אָדער אין די פיל ווייסרוסי־שע און רוסישע שולן.

אַי ווו נעמט מען אַזוי פיל ווייסרוסישע קינדער? אַז אין שטאָט זענען אַזוי ווייניק ווייסרוסן פאַראַן!...

האָט זיך די שול־מאַכט געלאָזט „אויף געיעג" נאָך קינדער אין די דערפער... מ'האָט אַרויסגעשיקט אַגיטאַטאָרן־אינסטרוקטאָרן אין אַלע אַרומיקע דערפער און אַזוי אַרום ווערבירט פּויערישע ווייסרוסישע קינ־דער פאַר די פּוסטע שולן. מ'האָט פאַר די דאָרפישע קינדער איינגעאָרדנט אַפילו אינטערנאַטן — אַבי צו פאַרפולן דעם בלויז פון דער שטאָט...

און וואָס טוט מען נישט פאַר דער „פּאָליטיק"?...

דאָס האָט אגב גורם געווען נייע פּראָבלעמען און שוועריקייטן, ווייל די דאָרפס־קינדער זענען געווען אָפּגעשטאַנען און זענען אַריין אין די שולן נישט לויט זייער ניווא פון ידיעות, נאָר לויט זייער עלטער. דעריבער זע־נען אין לימוד פון די דאָזיקע שולן אַרויסגעקומען אַ סך קוריאָזן...

צו די גרעסטע קוריאָזן איז עס געקומען אין דער איינציקער 10־קלאַסיקער יידישער שולע. דאָס רוב שילער און לערער זענען דאָרט גע־ווען פון די פריערדיקע „תרבות"־שולן. איצט האָבן די זעלבע לערער פון אַלטער טראַדיציע, די לערער פון רעליגיע, געמוזט אונטעררייכטן קעגן רעליגיע און מאַכן די קינדער פאַר „בעזבאָזשניקעס"...

אָבער אַפילו די איין און איינציקע כלומרשטע יידישע שולע האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער „גאָ־ראָנאָ" גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די עלטערן און די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט אויף „עמיצנס" אַ פאָרשלאַג „איינשטימיק" און „פרייוויליק" באַ־שלאָסן צו פאַרוואַנדלען די יידישע שולע אין אַ רוסישע... און זינט דאַן האָט שוין די דאָזיקע שולע געהייסן: „רוסישע 10־יאָריקע שולע נומער 7". מ'האָט ביסלעכווייז טראַנספערירט די לערער, געבראַכט רוסישע לע־רער פון רוסלאַנד און אַריינגעפירט קריסטלעכע קינדער אין די פריער הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע קלאַסן. אַזוי אַרום איז יידיש — אַפילו דאָס יידישע לשון ווי אַ קעגנשטאַנד — אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן פון דער שולע.

און אַזוי איז עס געשען אין אַזאַ יידישלעכער שטאָט ווי גראָדנע. אַזוי איז עס אויך געשען אין אַנדערע פאַרנומענע שטעט — ווו פריער, ווו שפּעטער. אין ביאַליסטאָק און לעמבערג — האָב איך געהערט — איז עס נישט צוגעגאַנגען מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ: מסתמא האָט די פּאָלי־טיק אויפן אָרט דאָס נישט געפאָדערט.

און עס מאַטערט די קשיא:

וויבאַלד יידיש ווערט אויסגעוואָרצלט ביי דער יידישער שול־יוגנט — ווי קען שוין געדייען יידישע קולטור? ווי קען שוין וואַקסן אַ יידי־שער מענטש?...

22

עס קומט די פּרעמיערע!

טעאַטער! יידיש טעאַטער!

אונדזער טעאַטער איז בכן די איינציקע יידישע אינסטיטוציע וואָס איז יאָ דערלויבט; וואָס ווערט נאָך, אדרבה, געשטיצט פון דער מאַכט:

פון „אָטדיעל איסקוסטוואָ"; וואָס זיין באַלעבאָס איז דער מינסקער יידי־שער שיך־שטעפער טשערניאַווסקי.

מילא, גם זו לטובה!

און אָט באַלד, אין געציילטע טעג אַרום, האַלטן מיר שוין טאַקע ביי דער פרעמיערע פון „טוביה דער מילכיקער".

מיין אויפגאַבע אַלס „זאַוולית" איז אָנצושרייבן אַ קורצע ליברעטאָ אין יידיש און אין רוסיש. דאָס דאַרף אַריינגיין אין דער „פּראָגראַמקע", וואָס וועט האַלטן 4 זייטן: 2 זייטן פאַרן טעקסט און 2 זייטן פאַר דער אַקטיאָרן־רשימה.

איך האָב די ליברעטאָ אָנגעשריבן גאַנץ פּאַרזיכטיק. שווער איז עס מיר נישט אָנגעקומען. צו „מאַסקירן" איז דאָ נישט געווען וואָס: איז דאָך שלום־עליכמס טוביה אַ פאָלקס־מענטש, אַ ייד אַ האָרעפּאַשניק, אַ גוט־מוטיקער אביון, וואָס האָט טענות צום רבונו של עולם און צו „נאַטשאַלס־טוואָ" צוליב די אַלע אומגליקן, וואָס שיטן זיך אויף אים און צוליבן גי־רוש פון דאָרף, צוליבן „לך לך"... קורץ: אַ מאַטעריאַל לכל הדעות אַ כשרער...

אַז כ'בין מיט דער ליברעטאָ געקומען אין דער דרוקעריי, האָט מיר דער פאַרוואַלטער דערקלערט, אַז דער טעקסט מוז אונטערגעשריבן ווערן דורכן צענזאָר. אַנדערש קען מען נישט דרוקן.

ווער איז אָבער דער צענזאָר? גיי איך אין „אָטדיעל איסקוסטוואָ". דער דירעקטאָר טשערניאַווסקי האָט געקלונגען אַהער, אַהין. פאַר יידיש, ווייזט זיך אַרויס, איז נישטאָ קיין צענזאָר. נאָך נישט באַשטימט געוואָרן. צו וואָס? מ'דרוקט דען עפּעס אין יידיש?... לסוף שיקט מיך טשערניאַוו־סקי מיט דעם טעקסט צום רעדאַקטאָר פון דער ווייסרוסישער צייטונג. דער לעצטער האָט, פאַרשטייט זיך, געקענט נאָר לייענען דעם רוסישן טעקסט. די גענויאיקייט פון דער איבערזעצונג האָט ער שוין געלאָזט אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. כמעט אַלץ איז פאַרן צענזאָר געווען כשורה. נאָר איין פסול האָט ער יאָ געפונען. איך האָב געשריבן (לויט שלום־עליכמס באַצייכענונג): „דער סאָציאַליסט פעפערל", און דאָס האָט נישט געטויגט. האָט דער צענזאָר פאַרשטראָכן דאָס וואָרט „סאָציאַליסט" און אָנשטאָט דעם אָנגעשריבן: „פּראָגרעסיוונאָ נאַסטראָיעני" (פּראָגרעסיוו־געשטימטער).

איך האָב אַזוי אויך געענדערט דעם יידישן טעקסט — און כשר

וישר. דער רעדאַקטאָר־צענזאָר האָט אונטערגעשריבן די ליברעטאָ פאַר דער דרוקעריי.

די פּרעמיערע אין שטאַטישן טעאַטער איז אַדורך אין גרויס פייער־לעכקייט. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. דער יידישער עולם, וואָס איז שוין געווען אויסגעהונגערט נאָך אַן עפנטלעך יידיש וואָרט, האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן דאָזיקן אָוונט, און מ׳האָט געשטראָמט מאַסנ־ווייז אין טעאַטער. אין די ערשטע רייען זענען געזעסן אַ סך אָפיציעלע געסט: אין פיינע „קאָזשינקעס" (פוטערנע קורטקעס) און גלאַנציקע שטיוול. דער „אַטדיעל איסקוסטוואַ" איז געווען שטאַרק פאַרטראָטן דורך אַ ריי באַאַמטע מיטן דירעקטאָר טשערניאַווסקי בראש. געווען אַ ריי יידי־שע „נאַטשאַלניקעס" פון אינסטיטוציעס, יידישע מיליטער־לייט פון גאַר־ניזאָן אאַז״וו.

די פאָרשטעלונג איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. מאָריס ליאַמפּע אין דער ראָל פון טוביהן איז געווען „אין דער פאָרם" און האָט מיטגע־ריסן דעם עולם. אַ פיינעם מנחם־מענדל האָט געגעבן מאַקסימאָוו. אַ כאַ־ראַקטעריסטישן מאָטל קאַמזויל האָט אַרויסגעבראַכט אייזענבערג; די פאַרקערפּערונג פון סאָציאַליסט... (פּאַרדאָן: „פּראָגרעסיוו־געשטימטן"..) פּעפּערל האָט געגעבן א. וואָלפשטאַדט. דער טענאָר מ. הילסבערג — אין דער ראָל פון כוועדקע — איז דערשינען פון הינטער דער סצענע אַ זינ־גענדיקער. דאָס האָט ער טאַקע געזונגען דעם טעקסט, וואָס איך האָב פאַר אים ספּעציעל אָנגעשריבן. אַן עכט־טיפּישן מיקיטאַ, אַ „כאָכאָל" (אין דער סצענע פון גירוש), האָט געגעבן ז. קאָלעשניקאָוו.

פון די פרויען האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ליזע שלאָסבערג (צייטל) און ר. ראָזענצווייג (האָדל).

די ראָל פון גאָלדען, טוביהס ווייב, האָט געשפּילט לאַקס. און די פעלערן, וואָס זי האָט געמאַכט אין דער אַקצענטירונג בעת די רעפּעטי־ציעס, האָט זי אויך אויף דער בינע געמאַכט... ס׳האָט נישט געהאָלפן ליאַמפּעס גאַנצע מי און האָרעוואַניע, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעלייגט.

כ׳בין געווען בעת דער פאָרשטעלונג הינטער די קוליסן און האָב געזען ווי ליאַמפּע האָט זיך צוליב דער לאַקס שטאַרק דענערווירט.

— זאָגט אַליין, ווייניק האָב איך מיט אייך געקנעלט?... — פרעגט ער זי, — וויפל איז דער שיעור?

— וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? — באַרויִקט אים די לאַקס

Евр. труд коллектив артистов г. Гродно
худ. руководитель: М ЛЯМПЕ

Программа

ТЕВЬЕ МОЛОЧНИК

пьеса в 4-х действиях, 6-ти картинах
Шолом Алейхема

Участвующие:

Тевье Молочник		М. Лямпе
Голда, его жена		Л. Лакс
Цейтль	ИУ	Л. Шлосберг
Хава		Г. Вайншток
Годл		Р. Розенцвайг
Шпринце		Л. Юднер
[illegible]		[illegible]
Бейльке		Нисенцвайг
Шеве		Гермелин
Мотл-Камзойл		[illegible] Айзенберг
Менахем-Мендл		И. Максимов
Микита		З. Колешник
Феферл		[illegible] Вольфштат
Федька		М. Гильсберг
Урядник		М. Рубин
Писарь		И. Шифер
Крестьяне		Ш. Цвилих
		Г. Лакс

Реж.: . . . . М. Лямпе
Композитор дирижер: Л. Зельман
Зав. Лит. Частью: . . А. Зак
Декоратор: . . . . . Н. Розенштейн
Инспектор сцены: . . М. Кон
Директор: . . . . . Ц. Чернявский
Глав. администратор: Шолов

ייִדישער טעאַטער
קינסטלערישע לייטונג: מאָריס לאַמפּע

פּראָגראַם

טעוויע דער מילכיקער

פֿאָלקס־שטיק אין ; אַקטן, 2 בילדער
לויט שאָלעם אַלייכעם

פּערזאָנען:

טעוויע דער מילכיקער		מ. לאַמפּע
גאָלדע, זיין ווייב		ל. לאַקס
צייטל	זייערע	ל. שלאָסבערג
כאַווע		ג. ווײַנשטאָק
האָדל		ר. ראָזענצווייג
שפּרינצע		ל. יודנער
טייבל		ל. זאַכבערג
ביילקע		ניסענצווייג
שעווע		הערמעלין
מאָטל קאַמזויל		א. איזענבערג
מענאַכעם מענדל		מאַקסימאָוו
מיקיטאַ		קאָלעשניק
פעפערל		וואָלפשטאַט
כוועדקע		הילסבערג
אוריאַדניק		רובין
שרייבער		שיפער
פּויערים		צווילך
		ה. לאַקס

רעזשיסער: . . . . . מ. לאַמפּע
קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט: ל. זעלמאַן
ליטעראַרישער לייטער: . א. זאַק
דעקאָראַציעס: . . . . נ. ראָזענשטיין
בינע־אינספּעקטאָר: . . מ. קאָן
דירעקטאָר: . . . . . צ. טשערניאַווסקי
הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר: . ג. שאָלאָם

פּראָגראַם פון שלום־עליכם־ספּעקטאַקל אין גראָדנע, 1940.

— אַ גרויסע נפקא מינה! איך זע נישט דעם אונטערשייד... „...כ אַ ט ש ער איז געווען אַ שניידער" און „כאַטש ער איז געווען אַ שניידער"...

— איר יידענע! — רופט אויס מאָריס ליאמפע אויפגערעגט, — די גאַנצע קונץ שטעקט דאָך אין קוועטש אויף דעם „כאַטש"!...

און צו מיר גיט ער אַ זאָג בלחש אויף איר חשבון:

— איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ יידענע אַ דראַנג? אָט האָט איר זי! אַ פאַרפאַלענע זאַך!

עס ווילט זיך דערמאנען די אַלע מענטשן, ווייל בלויז עטלעכע פון זיי זענען געבליבן צווישן די לעבעדיקע נאָכן חורבן. עס איז דעריבער נישט קיין „רעצענזיע", נאָר אַ ווידער־אויפלעבונג פון אַלטע בילדער און געשטאַלטן אין זכרון...

די צושויער האָבן געזען אַ סך שיינע סצענעס אין יענער פאָרשטעלונג. דאָס איז דאָך אין יענע טעג געווען פאַר זיי אַן אמתע אָפּפרישונג. נישט צו פאַרגעסן איז אויך יענע דאָרפישע סצענע בעת טוביהס טעכטער זינגען אַלע פאַר דער כאַטע און זינגען: „קיי, קיעלע, קיי קיעלע, היי"... דער „כודרוק" מאָריס ליאמפע האָט סיי דאָס לידעלע, סיי דעם גאַנצן אמביאַנס גוט פאַרטראַכט. ער האָט אַליין גוט איבערגעווייטיקט יענע צייט, דעם הונגער נאָך אַ יידיש קינסטלעריש וואָרט — און ער האָט מיט אָנשטרענגונגען געוואָלט „דערלאַנגען" עפּעס שיינס די גראָדנער יידן... צו דעם אַלעם האָט מיטגעווירקט די פּרעכטיקע מוזיקאַלישע באַגלייטונג און אַקאָמפּאַניאַמענט פון לאָדזשער מוזיקער ל. זעלמאַן.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז געווען אַ זעלטענע יידישע קולטור־מאַניפעסטאַציע פאַרן יידישן גראָדנע אין יענע טעג. קיין אַנדערע יידישע מאַניפעסטאַציעס זענען שוין אין גראָדנע בכלל נישט געווען...

„טוביה דער מילכיקער" איז געגאַנגען אין גראָדנע אַ פּאָר וואָכן צייט. יידן זענען גערן געגאַנגען אין טעאַטער. טייל זענען געגאַנגען צו צוויי און צו דריי מאָל. נישט געווען דאָך קיין שום אַנדערע יידישע אימפּרעזעס אין שטאָט. בפרט נאָך אַז מ'גיט שלום־עליכמען!

אַז די פּיעסע איז געוואָרן אויסגעשפּילט אין גראָדנע, האָט זיך די טרופּע אַוועקגעלאָזט שפּילן אין דער פּראָווינץ: סלאָנים, וואָלקאָוויסק, בריסק, סאָקאָלקע, באַראַנאָוויטש און אַנד.

נאָך „טוביה דער מילכיקער״ איז רעפּעטירט געוואָרן אַ צווייטע פּיעסע פון שלום־עליכמען — „200.000״. צו דער דאַזיקער פאָרשטעלונג איז צוגעקומען נאָך אַ קראַפט: די סימפּאַטישע שוישפּילערין פּאַגאַדאַ, אַ ביאַליסטאָקערין, אַן אָפּשטאַמיקע פון קרינעק.

אין רעפּערטואַר זענען נאָך גרייט געווען צום אויספירן: „קרייצער סאָנאַטאַ״, „וואַסאַ זשעלעזנאָווא״ און די „רומענישע חתונה״ (אין אַ ספּעציעלער באַאַרבעטונג).

פּאַראַלעל מיט אונדזער טעאַטער, וואָס זיין באַזע איז געווען אין גראָדנע, האָט זיך אויך אין ביאַליסטאָק פאָרמירט אַ יידישער טעאַטער־קאָלעקטיוו מיט אברהם מאָרעווסקין און מינדלינען אַלס „כודרוקן״. אין ביאַליסטאָק איז עס געווען אויף די יסודות פון אַ מלוכה־טעאַטער. אויך אין דאָזיקן טעאַטער האָבן זיך גרופּירט — אַ חוץ געציילטע אָרטיקע כוחות — על פּי רוב אַקטיאָרן־פּליטים. דער „זאַווליט״ אין ביאַליסטאָקער טעאַטער איז געווען משה בראָדערזאָן. אויך זיין פרוי, שיינע מרים, איז געווען אין דאָזיקן אַנסאַמבל.

און פּונקט ווי אין גראָדנע, אַזוי אויך אין ביאַליסטאָק, איז טעאַטער געווען די איינציקע עפנטלעכע אַטראַקציע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

23

ווי זשע לעבט מען?

מיינע פאַרדינסטן אין טעאַטער זענען נישטיקע: 300 רובל אַ חודש. און דאָס קלעקט מיר אַפילו נישט אויף מיין דערנערונג, כאָטש כ׳בין דאָ נאָר איין מענטש, אָן מיין פאַמיליע. ווען איך וווין נישט ביי מיין פּלימעניק און וואָלט נאָך געדאַרפט צאָלן דירה־געלט, וואָלט געווען גאָר שלימזלדיק...

אויך די אַקטיאָרן לעבן בצמצום, אויסגערעכנט. דער פאַרדינסט קלעקט נישט אויף דאָס סאַמע נייטיקסטע. בלויז מאָריס ליאַמפּע, ווי אַ „כודרוק״ באַקומט די העכסטע נאָרמע, פון וואָס מ׳קאָן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן. און דאָס אַחוץ קליידער! וועגן דעם איז נישט צו חלומען... נאָך גוט, וואָס יעדער איינער האָט זיין ביסל „שמאַטעס״ נאָך פון

פריער. פאַראַן אין אַנסאַמבל נאָך אַ פּאָר קלענערע „פאַוואָריטן״, — אָבער די גרויסע מערהייט איז געווען אויף צרות.

פון צייט צו צייט פלעגט אונדז טשערניאַווסקי באַזאָרגן מיט אַ „פּאַיאָק״; אַ קילאָ צוקער, קאָנפעקטן, אַ שטיקל זייף א. ד. גל. דאָס אַלץ צו פעסטע פּרייזן. אין שטאָט איז דער יקרות כסדר געוואַקסן און די וויכ־טיקסטע פּראָדוקטן האָבן שוין אַנגעהויבן אויסצופעלן. אַפילו פאַר די בע־קערייען פלעגן שוין אָפטמאָל שטיין לאַנגע „אָטשערעדן״ (רייען) נאָך ברויט. נאָך פּשוטן שוואַרץ־ברויט...

אָבער די פּראָדוקטן־צוטיילונגען פון טשערניאַווסקין האָבן ווייניק געקאָנט העלפן. אגב זענען זיי נישט געווען אַזוי אָפט.

די קראָמען אין שטאָט זענען געוואָרן ליידיקער פון טאָג צו טאָג. אַנ־דערע געשעפטן האָבן זיך בכלל געשלאָסן, ווייל די פּאָליצעס זענען גע־וואָרן לחלוטין אויסגעליידיקט. אַזוי שפּייז־געוועלבער, אַזוי מאַנופאַק־טור־מאַגאַזינען, גאַלאַנטעריע אאַז״וו.

דער עולם האָט גענומען זוכן סחורות און פּראָדוקטן אויפן פּריוואַטן וועג. עס איז אַזוי אַרום באַשאַפן געוואָרן דער „שוואַרצער מאַרק״. און פאַרשטייט זיך, אַז אויפן „שוואַרצן מאַרק״ זענען די פּרייזן געווען נישט־קאָנטראָלירטע. אַלץ איז כסדר געשטיגן. יעדן פרימאָרגן, אַז אַ באַלע־באָסטע איז אַרויס עפּעס קויפן, האָט זי געמוזט צאָלן דאָפּלט און מער ווי נעכטן. און ס׳איז נאָך געווען אַ גליק, אַז מען האָט געקריגן צום טייערן פּרייז. דינגען זיך איז נישט שייך. מ׳האָט געצאָלט מיט אַ דאַנק, וויפל מען האָט פאַרלאַנגט. אויף אַזאַ אופן איז דער לוין, וואָס מיר האָבן באַקומען, געוואָרן מינדערווערטיקער מיט יעדן טאָג. ער איז לחלוטין איינגעשרומפּן געוואָרן.

אין שטאָט האָבן גענומען קורסירן כלערליי וויצן וועגן יקרות. אַ שטייגער:

— פאַרוואָס איז אין שטאָט אַ דוחק אויף פּראָדוקטן?

— ווייל דער טראַנספּאָרט אַריינצופירן סחורות איז נאָך נישט אָר־גאַניזירט, — פּרוווט זיך די מאַכט פאַרענטפערן.

— טאָ פאַרוואָס, — פרעגן די לצים, — איז פאַראַן שוין דער טראַנספּאָרט אויף אַ ר ו י ס צ ו פ י ר ן סחורות פון שטאָט?...

אַנשטאָט מיט פּראָדוקטן האָט מען די שטאָט געגומען שפּייזן מיט... פּראָפּאַגאַנדע.

אזוי איז איינמאָל אויך אונדזער גאַנצער קאָלעקטיוו געראָפן געוואָרן אין טעאַטער אויף אַ „דאַקלאַד" (פּאָרטראַג). „אַז מען רופט, מוז מען גיין"... — האָט אונדז אַלעמען דערמאַנט מאָריס ליאַמפּע, וועלכער האָט אָפיציעל באַקומען די פאַרבעטונג.

זענען מיר אַלע געקומען אין טעאַטער. מיר און נאָך עטלעכע קאָ־לעקטיוון פון אינטעלעקטועלע פאַכן.

אין זאַל איז געווען טונקל. באַלויכטן איז נאָר געווען די בינע, וווּ עס איז געשטאַנען פאַר אַ טישל אַ „פּאָליטרוק" (פּאָליטישער לייטער) — אַ מיליטער־מאַן, און האָט געלייענט זיין „דאָקלאַד". ער האָט גערעדט, גערעדט און אַלע ווײַלע אַריינגעקוקט און ציטירט פון גראָב־בייכיקע בי־כער, וואָס זענען פאַר אים געלעגן אויפן טישל: דאָס זענען געווען ווערק פון וולאַדימיר איליטש לענין און „טאָוואַרישטש סטאַלין" (ווי דער לעק־טאָר האָט אַלע ווײַלע דערמאָנט). אַ פּאָר מינוט גערעדט, ווי אויסגעלערנ־טע פראַזן אויף אויסנווייניק, און ווידער אַריינגעקוקט, און ווידער צי־טירט. אַזוי כסדר. דער רעדנער האָט אויסגעזען קאָמיש און אומבאַהאָלפן צוליב זיין צו אָפטן אַריינקוקן אין קאָמוניסטישן „שולחן ערוך"... קיין נייע געדאַנקען האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט — אַלץ באַקאַנטע פראַזן. אַ באַקאַנטע שאַבלאָן־רעדע וועגן די אויפגאַבן און צילן פון מאַרקסיזם.

צום סוף איז דער רעדנער איבערגעגאַנגען צו אַקטועלעס.

דאָ איז שוין דער וועג געווען אַביסל אַ גליטשיקער... ס'איז, פאַר־שטייט זיך, נישט אַזוי לייכט צו רעדן פאַר אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער אוידיטאָריע, אין אַ פרעמדער, פאַרנומענער שטאָט, וואָס מ'ווייסט נישט ווי אַזוי די צוהערער וועלן אויפנעמען דעם רעדנערס רייד, דאַן ווען די צו־הערער אַליין זענען בעסער באַהאַוונט אין די אָרטיקע תנאים.

— ביי אונדז אין שטאָט, — זאָגט ער מיט אַביסל איראָניע אין טאָן — זענען פאַראַן אומצופרידענע עלעמענטן... מיר ווייסן עס וווּיל... אַלץ, — זאָגן זיי, — איז צוליב אונדז געוואָרן טייערער. פּוטער האָט פריער געקאָסט 2 זלאָטעס אַ קילאָ. איצטער — 20... אָבער, טאָוואַרי־שטשי! — רופט ער אויס — דאָס איז דאָך נאָר אין אָנהייב. עס וועט זיך מיט דער צייט ענדערן.

— בודיעט סאָראָק... (עס וועט קאָסטן פערציק...) — מאַכט אַ שטילן צווישנרוף די גראָדנער שוישפּילערין סאָניע סטאַראָדוב־אַלטבוים, וואָס איז גראָד געזעסן הינטער מיר.

— טאָוואַרישטשי! — רעדט ווייטער דער רעדנער מיט געמאַכטן פּאַטאָס, — איר דאַרפט געדענקען איין זאַך. מיר ברענגען אייך אַ גליקלעך לעבן. מיר האָבן אייך באַפרייט פון די פאַשיסטישע „פּאַנעס“, די ביעלאָפּאָליאַקן... מיר האָבן אייך באַפרייט...

— פון פּוטער, פון פלייש, פון צוקער... — מאַכט ווידער אַ צווישנרוף אין דער שטיל הינטער מיר סאָניע סטאַראָדוב־אַלטבוים.

אַזוי איז געגאַנגען די פּראָפּאַגאַנדע פון דער טריבונע און אַזוי האָט זיך דער עולם בלחש געוויצלט. דאָס איז געווען אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס...

צוליב מיינע גראָשנדיקע פאַרדינסטן האָב איך שוין אויפגעגעסן מיין גאַנץ ביסל געלט, וואָס כ'האָב מיטגענומען פון וואַרשע און האָב געמוזט אָנקומען צו „טראַנספערן“: מיין פרוי אין וואַרשע פלעגט איינצאָלן פאַר מיר אַ געוויסע סומע און מ'פלעגט מיר דאָס געלט אויסצאָלן אין גראָדנע. דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס פלעגן פירן געשעפטן צווישן „ביידע זייטן“. מיינע „טראַנספערן“ האָבן זיך אַזוי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

איך האָב געמוזט איינפירן „עקאָנאָמיע“, רעדוצירן נישט־שטאַרק נייטיקע אויסגאַבן; אַוועקגעוואָרפן דעם צו טייערן רעסטאָראַן אויף דאָמיניקאַנער גאַס און אָנגעהויבן עסן היימישע מיטיקן אין אַ פּריוואַטער יידישער שטוב — ביי אַ פרוי און דערוואַקסענער טאָכטער, וועלכע האָבן אַליין געאַרבעט אין קיך און זיך איינגעשפּאָרט אַדמיניסטראַציע־קאָסטן. דעריבער זענען די פּרייזן דאָרט געווען מער צוגענגלעכע. אגב האָבן זיך די ביידע פרויען גערעכנט מיטן געשמאַק פון די געסט — אַלץ יידן־פּליטים פון וואַרשע, פון לאָדזש, פון לובלין אאַז"וו. אַפילו פיש פלעגט מען דאָרט קאָכן צווייערליי: פאַר די „ליטוואַקעס“ שטאַרק געפעפערט און געזאַלצן און פאַר די פּוילישע — געצוקערט. דער עולם האָט זיך דאָרט געפילט היימיש. די שטימונג ביים עסן איז געווען אַ גאַנץ הייטערע. מ'האָט דאָ געהערט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל. די טאָכטער — אַ יונג שוואַרצאויגיק מיידל, מיט חן־גריבלעך אין די באַקן — פלעגט אַריינכאַפּן קאָמפּלימענטן און טיילמאָל שיער נישט ליבע־דערקלערונגען.

— איר ווייסט, פריילין וויעראַ, — זאָגט איר כמעט אַ פאַרליבטער בחור פון לאָדזש — פאַר אייערע היינטיקע ליטווישע לינדזן מיט קליאַצקעס זענט איר ווערט אַ קוש...

— אַזוי? — לאַכט חנעוודיק וויעראַ, — אויב די קליאַצקעס געפעלן אייך אַזוי, קאָנט איר קושן די קליאַצקעס...

עולם קוועלט און לאַכט פון וויעראַס „שלאָגפערטיקייט"...

אין דער דאָזיקער שטוב פלעגט זיך אַמאָל ווייזן אַ פריש־געקומענער גאַסט פון „יענער זייט".

אַלע עסער פלעגן אים פאַרשיטן מיט פראַגן:

— וואָס הערט זיך אין וואַרשע?

— זענט איר געווען אין לאָדזש?

— אין שעדלעץ?

— אין לובלין?

יענער דערציילט וועגן אַ גאַנצער ריי אכזריותן פון די דייטשן אי־בער יידן אין פאַרשיידענע ערטער. מעשים תעתועים.

— נו, און וואָס טראַכטן יידן?...

— יידן וואַרטן... יעדער איינער טראַכט: „מ'וועט איבערלעבן די רשעים".

— און איר וואָס טראַכט? — פרעגט מען דעם גאַסט פון „יענער זייט".

— וואָס זשע מיינט איר, — ענטפערט יענער, — ס'איז אַזוי גרינג צו לויפן? אָט זעט! אָט דער פינגער איז מיר אָפגעפרוירן. ווער ווייסט, צי איך פאַרליר אים נישט. אַ גאַנצע נאַכט זיך געוואַלגערט ביים בוג אין פראָסט און אין ווינט. איז אפשר גלייכער, אַז מען זיצט אין דער היים, די גרויסע „גליקן", וואָס מען האָט דאָ, אומשטיינס געזאָגט! איר ווייסט דאָך... איין זאַך פעלט דאָ נישט ב"ה — לייז...

— איר קומט אָקאָרשט און ווייסט שוין אַלץ?...

— מאָלט אייך, כ'גיי איבער דער גרענעץ נישט דאָס ערשטע מאָל. כ'קען דאָ אַלץ זייער גוט...

— פרנסה, האַ?

— יאָ, פרנסה, אָבער גלויבט מיר. עס לוינט נישט דאָס איינשטעט־לעניש, דאָס ריזיקירן מיטן לעבן.

— איר רעכנט שוין איצטער דאָ צו בלייבן?

— חלילה! עס פאַלט מיר גאָרנישט איין. אין אַ וואָך אַרום גיי איך צוריק קיין וואַרשע — דיינו!

די דאָזיקע רייד האָבן ביי אַלע אַרומיקע פאַרשטאַרקט דעם חשק

צו זיין דאָרטן, פון וואַנען מ׳איז געלאָפן. אפשר זענען טאַקע גערעכט די יעניקע, וואָס מיינען, אַז מען דאַרף זיצן אויף אַן אָרט און איבערוואַרטן די רשעים. דאָס וואַלגערן זיך אין דער פרעמד איז דאָך די גרעסטע פּיין!

— ווי איז אייער עצה? — פרעגט ווער דעם גאַסט.

— מיין עצה איז: אשרי יושבי ביתך...

24

וואָס זאָגסטו, עליזאַ אָזשעשקאָוואַ?...

איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען אין רעדאַקציע פון „זנאַמיאַ סאָ־וויעטאָוו" נאָך אַ תשובה. ס׳איז מיט פּרנסה געוואָרן ביי מיר אַלץ ער־גער... פון ליטעראַרישער אַרבעט האָב איך דאָך לחלוטין נישט געקאָנט מאַכן קיין געברויך: פּשוט נישט געווען ווו צו דרוקן. אין „ביאַליסטאָ־קער שטערן"? נאָך מיין איינציקער דערפאַרונג אין די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען אין ביאַליסטאָק האָב איך שוין קיין שום חשק נישט פאַר־צולייגן דאָרט עפּעס: אַ ליד, צי דערציילונג. מען מוז זיך דאָרט צופּאַסן און אַריינפּאַסן... נישט פאַר מיר!

יעדעס מאָל, וואָס כ׳פלעג אַריינקומען אין רעדאַקציע פון „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו" — פלעגט מיר דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר באַגעגענען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל און פלעגט זיך פאַרענטפערן:

— שטעלט אייך פאָר, אַז מיר האָבן נאָך אַלץ נישט קיין ענטפער אין אייער ענין. כ׳בין שוין אַליין געווען עטלעכע מאָל אין „ב. ק. וו. ד." און געבעטן אין נאָמען פון דער רעדאַקציע מ׳זאָל וואָס שנעלער דערליי־דיקן דעם ענין, ווייל מיר קאָנען פּשוט נישט אויסקומען אָן אַ קאָרעקַ־טאָר. איך פאַל שוין פון די פיס. אַט האָב איך די פאַרגאַנגענע נאַכט — נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט — געמוזט פאַרברענגען ביי דער קאָרעקטור ביז 5 באַגינען, און איצט, ווי איר זעט, בין איך ווידער ביי דער אַרבעט.

— וואָס זשע האָט מען אייך דאָרט דערקלערט?

— מ׳האָט מיר געזאָגט: „היינט־מאָרגן".

— אַ צו לאַנגער „היינט־מאָרגן"... שוין העכער אַ חודש צייט...

— נישטאָ קיין עצה...

— איז ווען זאָל איך צו אייך נאָכאַמאָל אַריינפאַלן?

— כאַפּט זיך אַריין אין אַ וואָך אַרום. פאַר דער צייט וועל איך נאָכאַמאָל זיין אין „נ. ק. וו. ד."

האָב איך געמוזט האָבן געדולד און אויסוואַרטן נאָך אַ וואָך.

אַז כ׳בין אַריינגעקומען אין רעדאַקציע אין אַ וואָך אַרום, האָט מיך דער סעקרעטאַר באַגעגנט מיט אַן ערנסט פּנים, שוין אָן אַ סימן פון יענעם פריינדלעכן שמייכל, וואָס כ׳פלעג פריער ביי אים זען.

— נו? — פרעג איך אָן ווערטער.

— נישטאָ קיין גוטע נייעס.

— וואָס הייסט?

— אָטקאַז... (אַן אָפּזאָג).

— אַזאַ תשובה האָט איר באַקומען פון „נ. ק. וו. ד."?

— יאָ!

— צוליב וועלכע מאָטיוון?

— מ׳גיט נישט אָן קיין מאָטיוון...

ער האָט זיך ווי געשעמט מיר צו קוקן בעת־מעשה אין די אויגן. אַזוי אומבאַקוועם איז אים געווען.

— און איך האָב געמיינט, — באַמערק איך, — אַז איך וועל אייך פאַרלייכטערן, איר זאָלט נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער...

— יאָ, יאָ, — שמייכלט שוין דער סעקרעטאַר, — איך האָב אויך געמיינט... איר ווייסט דאָך... אָבער...

ער האָט אָפּגעהאַקט: ער טאָר מער נישט רעדן, בפרט פאַר אַ זייטיקן. אָבער געפילט האָב איך, אַז אויך אים פאַרדריסט דער ענין.

ביים געזעגענען זיך מיט אים האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט:

— כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז ס׳וועט זיך אַזוי ענדיקן...

— גראַזשדאַנין, — זאָגט ער מיר פילדייטיק, — מ׳דאַרף נישט צופיל אַריינטראַכטן... ווסיעוואָ כאַראָשאָוואָ (אַלדאָס גוטס!)...

כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס, אַרומגעדרייט זיך איבער דער אָזשעשקאָווע־גאַס, ביים שווייצער־טאָל, הין און צוריק, און זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. היתכן?! — האָט עס מיך געַרעגט, — נישט אָנגענומען ווערן צו אַ פּשוטער טעכנישער אַרבעט? איז וואָס זשע קאָן איך דאָ שוין דערוואַרטן? און צוליב וואָס? מיין „סאָצפּראָאיסכאָזשדעניע"? איז דאָך מיין פאָטער געווען אַ לערער און באַקאַנט אַלס אביון... אַ יחוס דאָך!... איז דאָך נאָר צוליב מיר אַליין? קיין בורזשוי בין איך דאָך אויך קיינמאָל

נישט געווען, — איז מסתמא נאָר פּאָר מיין „חטא", וואָס איך בין געווען מיטאַרבעטער אין אַ בירגערלעכער צייטונג? אָבער ביי „זיי", אין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו", האָב איך דאָך נישט רעפלעקטירט צו דרוקן אַרטיקלען, נאָר בלויז אויספירן אַ טעכנישע אַרבעט! צי מוז מען דערצו זיין אַ פּאַרטייער? טראָגן אַ „יארליק"? און ווער זענען עס געווען די „אינפאָרמאַטאָרן"? די היגע עצה־געבער? אויף וועמענס „זכות" מוז מען דאָ זיין אַנגעוויזן? אין וועמענס הענט ליגט דאָ אַ מענטשנס גורל? — —

פונעם פּלאַץ אַנטקעגן שווייצער־טאָל — איצט „לענין־פּלאַץ" — האָט געקוקט צו מיר די בראָנדז־פיגור פון דער איידעלער עליזאַ אָזשעשקאָווא. איך דערנענטער זיך צו איר און קוק פון דער נאָענט אין איר קלוגן גוטן פּנים.

„וואָס וואָלסטו געזאָגט צו דעם אַלעם?" — רעד איך צו איר אין געדאַנק.

און קוקנדיק אויף איר שווייגנדיק פּנים, האָב איך, דוכט, פון אירע אויגן אַרויסגעלייענט איר ענטפער:

— „זיי רואיק... צייטן קומען — צייטן פאַרגייען... אַזוי ווי די וואַסערן אין אַלטן ניעמאַן... אייביק איז נאָר דער אמת און די ליבע פון מענטש צו מענטש"...

— —

ווען כ'האָב שפּעטער נישט דערציילט וועגן דעם אָפּזאָג אין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו", — האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. מיין פּלימעניק, דער פּאָרזיצער פון דער יורידישער קאָנסולטאַציע, איז אויך געווען זייער אַנטוישט און האָט קיין ווערטער נישט געפונען. בלויז איין דוד בערעזאָווסקי, מיט זיין געניטן זשורנאַליסטישן חוש, דער געוועזענער רעדאַקטאָר און איצטיקער „פּלאַנאָוויק" אין עפּעס אַ קאָאָפּעראַטיוו — בלויז ער איינער האָט געהאַט אַ ניכטערן צוגאַנג צו דער זאַך.

— וואָס ווילט איר, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז די באָלשעוויקעס, וואָס קוקן אויף אונדז אַלעמען ווי אויף „שפּיאָנען" און „שעדיקער", זאָלן אייך אַריינגעמען אין אַ מיליטערישער צייטונג? איר ווייסט דאָך, מיך האָט מען באַזייטיקט פון דער ווייסרוסישער צייטונג — נישט קיין מיליטערישע! כאָטש איך פלעג דאָך פּאָר זיי אויספירן אין גרונט אויך נאָר אַ טעכנישע פונקציע. הײַנט זאָגט אַליין, ווי זשע האָבן „זיי"

אייך געקאָנט אַריינגעמען אין „זנאַמיאַ סאָוויעטאָוו״? איך האָב באַלד געוווּסט, אַז „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין״...

— זענט איר, הייסט עס, אַ שפּיאָן? און איך בין אַ שפּיאָן?... האַ?...

— אוודאי אַזוי! — לאַכט בערעזאָווסקי, — שפּיאָנען, שעדיקער, קאָנטררעוואָלוציאָנערן, טראָצקיסטן, און וואָס אין דער קאָרט שטייט, לויטן באַקאַנטן נוסח...

— איז וואָס זשע בלייבט אַ יידישן שרייבער צו טאָן?

— אויב אַ שרייבער קאָן זיך „איבערשטעלן״... „איבערשטעלן די רעלסן״... אָנשרייבן אַ הימן סטאַלינען — ווי טייל האָבן עס שוין געטאָן... — איז מה־טוב ומה נעים. אלא נישט...

— איז ווערט מען אַ „פּלאַנאָוויק״... — כאַפּ איך אונטער אין שפּאַס.

— מאָלט אייך, אַז מיט דעם איז מען נאָך אויך נישט אַזוי זיכער. ווער ווייסט וואָס מאָרגן קאָן זיין. אָבער גאָרנישט. נעמט זיך נישט איבער. לאָמיר בעסער כאַפּן די פּוילישע אוידיציע פון לאָנדאָן.

און בערעזאָווסקי האָט גענומען מאַניפּולירן מיט די ווייזערס פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט. לסוף האָט ער געכאַפּט. עס גיט עמיצער אָן איבערזיכט. דערציילט, וואָס עס הערט זיך אויף „יענער זייט״, אין די פּוילישע שטעט אונטערן דייטשישן שטיוול; וועגן אכזריותן און מאַסן־דערשיסונגען; וועגן דער מעשה־נבלה אין וואַווער, הינטער וואַרשע, ווו עס איז, צוליב אַ מאָרד פון אַ דייטשישן אָפיציר דורך ווידערשטענדלער, אויסגעשאָסן געוואָרן כמעט אַ גאַנץ דאָרף. דער ספּיקער דערציילט אויך אַ ריי גרויל־געשיכטעס און ווילדקייטן, וואָס די דייטשן באַגייען איבער יידן אין וואַרשע און פּראָווינץ... ער גייט דאַן איבער צו דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע אין די מערב־געביטן; דערציילט וועגן עשאַלאָנען מיט דעפּאָרטירטע, וואָס גייען קיין סיביר און קאַזאַכסטאַן. וועגן אַרעסטן פון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן צווישן דער אינטעליגענץ. וועגן תפיסות און לאַגערן. דאַן קומען קאָמוניקאַטן פון די פראָנטן. פאַרביסענע שלאַכטן אויף אַלע מערב־פראָנטן.

עס קומט אויך אַ קאָמוניקאַט וועגן דער קריגס־קאַמפּאַניע פון די רוסן קעגן פינלאַנד. ביי דער „מאַנערהיים־ליניע״ גיסט זיך בלוט. די רוסן האָבן דאָרט אַ שווער „לייענען״... די פינלענדער־אַוואַנטורע קאָסט זיי אַ סך קרבנות.

„דיביידע דיקטאַטורן — פאַרענדיקט דער לאַנדאָנער ספּיקער — האָבן זיך גענומען מאַכן „אָרדענונג" אין אייראָפּע. דער דאָזיקער פאַר־מעסט קעגן די פרייע פעלקער קאָן אויך ברענגען פאַר ביידן פאַטאַלע פאָלגן".

נאָך דער דאָזיקער ראַדיאָ־אוידיציע ווערט די שטימונג אַ געדריקטע.

— פאַסקודנע אין אונדזער וועלטל! — רופט־אויס בערעזאָווסקי, — נישט ד אָ און נישט ד אָ ר ט, אונטער די דייטשן.

— מ'איז אין פּעקל... אָן אַן אויסוועג... דאָס בעסטע וואָלט גע־ווען, ווען מען קאָן זיך אַריבערכאַפּן קיין ווילנע צו די ליטווינער. פון דאָרט קאָן מען אפשר לויפן ווייטער.

— איר טראַכט נאָר וועגן לויפן? נישט קיין געשמאַקע זאַך!

— אויף וואָס קאָן מען זיך דאָ דערוואַרטן?

— אָבער קיין ווילנע איז איצט נישט צוצוקומען. די סאָוויעטישע שמירה איז זייער אַ שטרענגע. שמעקט אייך אַ סאָוויעטישע תפיסה?

נאָך אַזאַ טאָג האָב איך געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. איך האָב זיך געדרייט אויפן געלעגער פון איין זייט אויפן אַנדערן און נישט געפונען קיין ביסל פאַרגעסנקייט. דער שלאָף איז בשום אופן נישט געקומען כאָטש אויף אַ שעה, צוויי. כ'האָב מיך געפילט ווי אַ געפאַנגענער פויגל אין אַ שטייג. און הינטער דער שטייג רייצט אַ ברייטע, פרייע ליכטיקע וועלט — — —

25

אַ גרוס פון „יענער זייט"

אין סאַמע ברען פון ווינטער — די פרעסט זענען אַלץ געשטיגן — האָב איך לסוף באַקומען אַ בריוול פון „יענער זייט", פון מיין פרוי. גע־בראַכט דעם בריוו האָט אַ קריסטלעכע פרוי, אַ גראָדנערין, וואָס איז צו־פעליק געווען אין וואַרשע ביי משפחה נאָך פון פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה און ערשט איצט האָט זי זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים. זי האָט מיר אָנגעזאָגט דורך עמיצן איך זאָל צוקומען צו איר אָפּנעמען פערזענ־לעך אַ גרוס.

געוווינט האָט די דאָזיקע קריסטין ערגעץ אין אַן עק פון „פער־

שטאָט״, ביי אַ סוף פון אַ פאַרוואָרפענעם געסל. כ׳בין געקראָכן דורך טיפע, שטייפע שנייען. דער פראָסט האָט געקנאַקט אונטער די טריט. ס׳האָט געשטשיפעט די נאָז, די אויערן. איך בין אָבער געדולדיק געקראָכן דורך די שנייען: כ׳בין געווען זייער געשפּאַנט — אַ גרוס פון נאָענטע!...

אַ קליינע כאַטקע, אַרומגענומען מיט אַ פאַרשנייטן פאַרקאַן, באַהאַלט זיך אין אַ הויפל צווישן ווייסע יונגע ביימלעך. כ׳גיי אַריין אינעווייניק — און עס נעמט מיך אַרום אַ ליבע וואַרעמקייט, וואָס שמעקט מיט היים... ווי ווייט איך בין פון אַזאַ וואַרעמקייט!... אַרום, אין דער וועלט, קערט זיך אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ... „מאַכטן״, „אָרדענונגען״ בייטן זיך... אָבער דאָ אין דער כאַטקע איז שטיל, ווי אין אַ ווייטן אָפּגעזונדערטן אינדזעלע...

אין פלוג אַ גוטמוטיקע פרוי — די גרוס־ברענגערין. זי האָט מיר אונטערגערוקט אַ בענקל און נישט אויפגעהערט צו שמייכלען.

— רעדט, דערציילט... — בעט איך זי.

— געזען אייער פרוי און זון. אייער פרוי האָט מיך זייער געבעטן איבערצוגעבן אייך אַ פערזענלעכן גרוס.

— ווו האָט איר זיי געזען?

— טאָקע ביי אייך אין שטוב. אויף שוויענטאָיערסקע.

— נו, ווי זעען זיי אויס? וואָס מאַכן זיי?

— ווי ביים דייטש... איר ווייסט דאָך, אַז אייערע „זשידקעס״ לעבט זיך נישט אַזוי פריילעך ביים דייטש...

— איז עפּעס לעצטנס באַזונדערס געשען מיט יידן?

— באַזונדערס? די דייטשן טוען מיט די „זשידקעס״ וואָס זיי ווילן... מ׳כאַפּט יידן אין די גאַסן... מען פייניקט, מען מאָרדעוועט... איך אַליין האָב נישט איינמאָל צוגעזען אַזעלכע סצענעס אויף דער גאַס — אַזש דאָס האַרץ האָט מיך פאַרקלעמט... אָ, ראַני באָסקיע! (גאָטס וווּנדן!)... און איר ווייסט דען נישט דערפון?

— איך ווייס... איך ווייס פון דעם אומגליק... זאָגט מיר, שאַנאָוונאַ פּאַני, האָט איר נישט קיין בריוו פאַר מיר?

— יאָ, פאַרגעסן, איך האָב. כ׳האָב עס אַפילו מורא געהאַט צו טראָגן איבער דער גרענעץ, אָבער אייער פרוי האָט מיך זייער געבעטן.

און זי גייט אַריין אין אַ צווייטן חדר און ברענגט מיר באַלד אַרויס אַ צעקנאָדערט שטיקל פּאַפּיר.

— זעט, איך האָב עס גענומען עקסטראַ אָן אַ קאָנוווערט און איינ־געוויקלט דערין עפּעס אַ קלייניקייט.

איך לויף שנעל דורך מיט די אויגן דאָס בריוול.

קודם־כל שרייבט מיר די פרוי וועגן מיין זון, וואָס האָט פון מיר „דעזערטירט" און איז געלאָפן אָן מיין וויסן איבער דער גרענעץ. ביי דער גרענעץ, שרייבט מיר די פרוי, האָט מען אים אָרנטלעך „באַאַרבעט" און ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע כמעט אַ נאַקעטער, קוים מיטן לעבן... נישט ער אַליין האָט שוין שפּעטער געהאַט חשק צוריקצוגיין און נישט זי האָט אים געלאָזן. אגב, שרייבט זי מיר, אַז די לעצטע צייט האַלט מען אין איין לויפן צוריק — כאָטש קיין האַניק לעקט מען נישט ביים דייטש... און זי רעכנט אויס אַ גאַנץ צעטל פון באַקאַנטע, וועלכע זענען שוין צו־ריקגעקומען און זיצן אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליעס. „אפשר — פאַר־ענדיקט זי דאָס בריוול — וואָלסטו אויך צוריקגעקומען און צוזאַמען מיט אונדז און מיט אַלע יידן איבערוואַרטן און אויסדויערן די שווערע צייט אין די אייגענע ד' אמות? צו וואָס זיך וואַלגערן אַליין אין דער פרעמד?... פאַרטראַכט זיך וועגן דעם".

דאָס בריוול האָט מיך אָנגעפילט מיט ווייטיק און מיט בענקעניש נאָך די היימישע ווינקעלעך...

„פאַרטראַכט זיך וועגן דעם" — שרייבט זי. יאָ, איך האָב זיך שוין פאַרטראַכט... פאַרטראַכט — נאָך איידער זי האָט עס מיר געשריבן. איך האָב נאָך פריער פון איר שרייבן זיך שוין איבערצייגט אויף ד ע ר־זייט, אַז ד אָ איז פאַר מיר קיין אָרט נישט... ווען דער וועג צוריק וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות, וואָלט איך שוין זיכער געווען אויף י ע נ ע ר זייט...

צום סוף פונעם בריוול — אַ צושריפט, אַז זי שיקט מיר עטלעכע קלייניקייטן: אַ סוועטער, וואָלענע סקאַרפּעטן, וואַרעמע הענטשקעס. „דער ווינטער — שרייבט זי — איז דאָך היי־יאָר אַזאַ שווערער. אַזעלכע פרעסט. און אין גראָדנע איז דאָך צפונדיקער און מסתמא קעלטער. זע, היט זיך אָפּ. קיל זיך נישט צו"...

די דאָזיקע צושריפט, די האַרציקע זאָרג פון אַ נאָענטן מענטשן האָט אַרויסגערופן אַ הייסע טרער. ס'האָט מיך אַזש אין אויג אַ ברי געטאָן...

— שאַנאָוונאַ פּאַני, האָט אייך מיין פרוי עפּעס מיטגעגעבן פאַר מיר? — פרעג איך די קריסטין, וועלכע מאַכט זיך גאָרנישט ווויסנדיק.

— אַך יאָ, פֿאַרגעסן... אייער פרוי האָט מיר מיטגעגעבן פֿאַר אייך אַ קליין פּעקעלע... אָבער אויף דער גרענעץ האָבן עס די דייטשן ביי מיר צוגענומען... יאַק יעזוסאַ קאָכאַם!...

כ׳קוק אָן די פרוי און פֿיל אַרויס איר נישט אויפֿריכטיקייט. זי לייגט! אָבער מילא! קיין גרויסער מאַטעריעלער היזק איז עס נישט. עס איז נאָר פֿאַר מיר אַ זאַך פֿון מאָראַלישן ווערט, וואָס אַ נאָענטע האַנט האָט דאָס פּעקעלע געמאַכט פֿאַר מיר מיט אַזוי פֿיל זאָרג און ליבשאַפֿט... און דאָס קאָן איך דער נישט־ערלעכער פּוילישער פרוי נישט שענקען.

— האָט מען אויך עפּעס פֿון אייערע זאַכן צוגענומען?... — פֿרעג איך זי.

— אַוודאי צוגענומען. וואָס דען?

— וואָס, אַ שטייגער?

— צוגענומען... אַ... אַ זייגערל פֿון דער האַנט...

פֿון איר נישט תּיכּפֿדיקן ענטפֿערן, פֿון איר צעשטאַמלען, האָב איך דערקענט, אַז זי לייגט ווידער.

— האָט אייך מיין פרוי באַדאַנקט פֿאַר מיטנעמען דאָס בריוול מיטן פּעקעלע?...

— טאַק, פּראָשען פּאַנאַ! אייער פרוי איז זייער אַ שליאַכעטנע...

און זי ווייזט מיר מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל די מתּנה פֿון מיין פרוי: אַ שפּאָגל־נייעם פיינעם גאָרסעט.

די דאָזיקע מתּנה האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דער דאָזיקער פּוילישער פרוי און כ׳בין אַוועק פֿון איר מיט אַ געפֿיל פֿון עקל.

דאָס בריוול פֿון מיין פרוי, — וואָס האָט, צום גליק, קיין ווערט נישט געהאַט פֿאַר דער איבערברענגערין... — האָט מיר געבראַכט — נאָס־טאַלגיע, וואָס האָט זיך כּסדר צעוואַקסן! — — —

נאָך פֿעסטער, נאָך שטאַרקער איז נאָך יענעם טאָג ביי מיר געוואָרן דער געדאַנק און דער ווילן — צוריקצופֿאָרן! זיין צוזאַמען מיט דער משפּחה, מיט די נאָענטסטע, מיט אַלע יידן. זיין צוזאַמען אויף יעדן אופֿן... ווי עס זאָל נישט זיין!... מיין פרוי טראַכט איך, איז טאַקע גע־רעכט, וואָס זי גיט מיר דערצו די אָנרעגונג. זי זאָגט כּמעט אַנטשלאָסן איך זאָל צוריקקומען „אין די אייגענע ד׳ אמות"...

26
אין קאַפּעען

אונדזער טרופּע איז אויף גאַסטראָלן אין קלענערע שטעט און איך בין געבליבן אין גראַדנע. איך האָב דעריבער אַ סך פרייע צייט און קום אַריין אָפטער אין קאַפּעען. קיין צו גרויסער אויסוואַל צום קאָנסומירן איז שוין אין די קאַפּעען נישטאָ. אָבער טיי — אמת, נישט פון בעסערן קוואַליטעט — קאָן מען נאָך שטענדיק באַקומען. מ׳קריגט נאָך אויך קי־כעלעך פון טונקעלן מעל, אַ פּלעצל. און קיין געסט פעלן נישט. דער עיקר פילן אויס אַלע קאָנדיטערייען די רויטאַרמייער. אומעטום באַמערק איך, אַז נעבן איטלעכן רויטאַרמייער זענען אויפן טישל אויסגעשטעלט אַ פינף־זעקס גלעזער טיי פּאַראַמאַל, — צוליבן באַקאַנטן „אַוואָס׳ באַלשע ניע בודיעט״... (אפשר וועט שוין מער נישט זיין...). אַ מאָטיוו געבראַכט פון „גליקלעכן היימלאַנד״, ווי עס זינגט זיך אין די סאָוויעטישע לידער...

אין איין קאַפע פאַרברענג איך אָפטער אין די פאַרנאַכטן. דאָס איז אַ קליינע, אָבער געמיטלעכע קאַפע ערגעץ נעבן דער אָרזשעשקאָווע גאַס. אַהין קומט די אינטעליגענץ פון די פּליטים. דאָס זענען וואַרשעווער: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, לערער, אַקטיאָרן, אַמאָל אויך עמיץ פון די גע־ציילטע שרייבער אין גראַדנע. ווער אַליין, ווער מיט דער פאַמיליע. דאָ זעט מען אויך דעם טיפּ דאַמעלעך פון וואַרשעווער „זשעמיאַנסקע״, צי „איי־ראָפּייסקי״. פרויען, וואָס טוען זיך נאָך דאָ אָן גענוג עלעגאַנט. פרויען מיט שיינע, זאָרגפעליק־אָפּגעהיטע פריזורן און מאַניקירטע נעגל. די ליפּן גוט געשמינקט און די ברעמען צוגעפּוצט אין אַ טונקעלן בויגן. קיין הי־טעלעך טראָגט אָבער קיין איינע נישט פון די פרויען. אַלע מיט דער בלויז־זער פריזור אָדער מיט אַ זיידענעם שאַרף אויף דער פריזור. דאָס וויל מען — אָן היטעלעך — אויסזען מער „דעמאָקראַטיש״, מער „פּלעבעאיש״, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן די נייע קאָמוניסטישע מושלים...

און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש: אויך אין איצטיקן וואַרשע, אונטער די נאַציס, טראָגן נישט פרויען קיין היטעלעך, נאָר טיכלעך אויפן קאָפּ: אויך דאָרטן ווילן זיי זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיטן וואַרשעווער „שיק״...

אָבער אין וואַרשע טוען עס נאָר ייִדישע פּרויען און דאָ אַלע, אָן חילוק פון נאַציאָנאַליטעט...

די דאָזיקע קליינע קאַפע איז אגב די איינציקע, וווּ מען באַקומט נאָך אַמאָל אַ גוטן „סערניק" (קעז־קיכל) אָדער אַ „פּראַנצוזקע". די דאָ־מעלעך דעלעקטירן זיך ממש, צוטראַגנדיק דיסקרעט מיטן לעפעלע צו די געשמינקטע ליפּן די קליינע דאָזעס פונעם מאכל.

— טשאַסטעטשקא סאָן נאַ פּראַוודען ווישמיעניטע! — (די קיכלעך זענען באמת אויסגעצייכנט!) — רופט־אויס איינע.

און די אַנדערע געסט ביים טישל האַלטן אונטער:

— יאַק וו'וואַרשאַווע וו' „זשעמיאַנסקעי"... (ווי אין וואַרשע אין „זשעמיאַנסקע").

אָדער — ווי אַן אַנדערער פּאַלט איין:

— יאַק או לאַרדעלעגא... (ווי ביי לאַרדעלין).

דאָ אין קאַפע הערט מען די לעצטע נייעס פון וואַרשע. אַמאָל פון אַ פּריש־געקומענעם, אַמאָל פון אַ בריוול, וואָס עמיץ דערהאַלט.

אויך דאָ, ווי אומעטום, רעדן די פּליטים וועגן דעם וועג אויף צוריק... יעדער חלומט וועגן צוריק זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע. „דאָ אָקאָכאַנעי וואַרשאַווי"... (צו דער געליבטער וואַרשע...). פון אַלע טישלעך כאַפּ איך אויף די געשפּרעכן, די שטימונגען. פון אַלע גערעדערייען ווערט קלאָר, אַז דער גאַנצער עולם דאָ, אויב ער זיצט נאָך דאָ, איז עס צוליב די שווערי־קייטן צוריקצופאָרן: צוליב דער שטרענגער קאָנטראָל ביי דער גרענעץ, צוליב די אָפטע אַרעסטן דאָרט און מחמת די שווערע קלימאַטישע באַ־דינגונגען. די שטאַרקע פרעסט האַלטן זיך כסדר, און ביים לאָזן זיך אין וועג דאַרף מען פּשוט איינשטעלן דאָס לעבן.

— אַזעלכע פאַרשאָלטענע פרעסט! — הערט מען ביי די טישלעך — דאָס האָבן זיי, די רוסן, געבראַכט פון סיביר אַזעלכע פרעסט...

פונדעסטוועגן, דערציילט מען דאָ אין קאַפע, געפינען זיך אויך אַזעלכע, וועלכע ריזיקירן, וועלכע שטעלן יאָ איין דאָס לעבן. טייל גע־לינגט, טייל פאַלן דורך. מ'דאַרף האָבן נאָר יענעם גוטן „פּשעוואָדניק" (פירער), וועלכער קען די אַלע וועגן און הינטערוועגן ביי דער גרענעץ. דער בוג איז דאָך איצט פאַרפרוירן, קאָן מען דאָך אומעטום פרוּוון מזל.

אויף דער טעמע — דאָס גיין צוריק איבער דער גרענעץ — ווערט

גערעדט כמעט ביי אַלע טישלעך. מען באַהאַנדלט דאָ אַלע מעגלעכקייטן, אַלע עווענטואַליטעטן.

אַהער קומען אויך אַריין די קיפּניסעס. דאָ ווערט די פרוי קיפּניס נאָך מער צעוואָרימט און אָנגעלאָדן און זי לאָזט אויס איר ביטער האַרץ, נעבעך, צום מאַן.

און ס׳חזרן זיך איבער די שוין באַקאַנט־געוואָרענע דיאַלאָגן צווישן מאַן און ווייב. די האַרבע טענות פון דער פרוי און די פאַרענטפערונגען און קעגן־אַטאַקעס פונעם מאַן...

אַז קיפּניס דערמאָנט דער פרוי, ווי שטענדיק ביים ווערטלען זיך, אַז זי האָט אי ם גאָר צוגעיאָגט מ׳זאָל לויפן פון וואַרשע — ווערט איר שוין אומבאַקוועם פאַר די שכנים ביים טישל און זי פאַרענדיקט כלומרשט מיט אַ שפּאַס:

— אַ מאַן דאַרף זיין ווייטזעעוודיקער פון דער פרוי... האָסט מיך נישט געדאַרפט פאָלגן...

— נו, איז פאָלג איך דיר א י צ ט ע ר נישט... — ענטפערט קיפּניס אין זעלביקן טאָן.

אין דער זעלביקער קאַפע פלעג איך פון צייט צו צייט זיצן מיט דער שוישפּילערין פּאָגאָדאַ. אַ זייער סימפּאַטישע, חנעוודיקע פרוי. כ׳האָב ליב געהאַט מיט איר צו שמועסן, ווייל זי האָט פאַרמאָגט אַ זייער וואַ־רעמען טעמבר אין איר שטים, אינטימע טענער. ווי אַ שוישפּילערין האָט זי מיר צופיל נישט אימפּאָנירט — אַ מיטלמעסיקייט.

— איר ווייסט — זאָגט זי מיר איינמאָל — זינט די „באַפרייער" זענען צו אונדז געקומען פיל איך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פון מיר גע־וואָרן אָפּגעשניטן. מיין אייגענע שטאָט — מיין ביאַליסטאָק — איז מיר געוואָרן פרעמד... איך דערקען איצט די שטאָט נישט... עפּעס דוכט זיך מיר, אַז „זיי" האָבן די נשמה פון דער שטאָט פאַרטריבן...

— אַזוי ווי איצט גראָדנע... און דאָ איז דען נישט אַזוי?... געווען אַ ליבע יידישע שטאָט... אויך אַ שטאָט מיט אַ יידישער נשמה... און איצט... אַ ליידיקייט... אַ פּוסטער חלל... דאָס יידישע איז לחלוטין פאַר־שטומט געוואָרן... די גראָדנער יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אונדזערע ספּעקטאַקלען ווי אײנער, וואָס טרינקט זיך, אָן אַ שטרוי...

— וואָס ווילן זיי, די אַלע רעגירער, פון די מענטשן? ווער דאַרף זייערע אַלעמענס „גליקן"? צו וואָס שטערן זיי די מענטשלעכע רו?...

— איר זענט אַ צו סענטימענטאַלע פּרוי פאַר אונדזער האַרטן לעבן...

— און איך מיין, — זאָגט פּאַגאַדאַ, — אַז מען דאַרף נישט זיין דווקא סענטימענטאַל, כדי ליב צו האָבן די מענטשלעכע רו און די מענטש־לעכע פרייקייט; כדי צו פאַראַכטן יעטוועדע ברוטאַליטעט — פון וואַנען זי זאָל נישט קומען...

— גלויבט מיר, — זאָגט זי נאָך אַ פּויזע — ווען איר קוקט זיך צו צו די עשאַלאָנען, וועלכע זענען אַוועקגעגאַנגען פון ביאַליסטאָק אין די רוסישע שנייען און פרעסט — וואָלט איר גוט פאַרשטאַנען מיינע ווער־טער... אין נאָמען פון וואָס האָט מען עס אין מיטן נאַכט אַרויסגעריסן אומשולדיקע פרויען און קינדער, פרידלעכע מענטשן, פון זייערע וואַרעמע בעטן — און פאַרשיקט זיי ווי פאַרברעכער אויף נע ונד?... פאַרוואָס און פאַרוועו? אין נאָמען פון וואָס? אָט האָט מען פון ביאַליסטאָק פאַרשיקט אַזוי אַרום מיינע אַ חברטע. אַ ליבע, האַרציקע פרוי און האַרציקער מענטש! איר איינציקער חטא איז — איר מאַן, אַן אָפיציר פון דער פּוי־לישער אַרמיי... וואָס זשע קאָנען מיר שוין פון אַזעלכע „באַגליקער" דער־וואַרטן?... און בכלל, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט אונדזער גאַנץ לעבן?...

אַזוי האָט זי גערעדט און אויסגעגאָסן דאָס האַרץ, די יידישע שוי־שפּילערין, אין דער קליינער קאַפע אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל ביי אַ טישל *).

27

אשרי יושבי ביתך...

איין טאָג האָט זיך אין דער דאָזיקער קאַפע געוויזן ש. גארבער — אַן אָנפירער פון אַן אַמאָליקער יידישער אַמאַטאָרן־טרופּע אין גראָדנע. זיין פרנסה איז געווען פעלדשעריי, זיין ליידנשאַפט — די בינע. אַן אַל־טער „פשיאַטשיעל" (פריינד) פון אַמאָליקע צייטן אין גראָדנע.

---

*) דער שוישפּילערין פּאַגאַדאַ איז באַשערט געווען צו פאַלן אַ קרבן פון אַן אַנ־דער ברוטאַלקייט פון אַן ערגערער: נאָכן 22סטן יוני 1941 איז זי, צוזאַמען מיט איר טעכטערל, דערשאָסן געוואָרן אין סלאָנים דורך די דייטשישע מערדער. דאָרט זענען אויך אומגעקומען דאָס רוב פונעם אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו.

איך רוף אים צו צו מיין טישל.

— נו, גרייט איר אפשר צו עפּעס אַ ספּעקטאַקל? — פרעג איך אים אין שפּאַס.

— מיט מאָריס ליאמפּען וויל איך נישט קאָנקורירן... — ענטפערט ער.

— נאָר דאָס איז די מניעה?...

— דאָס און נאָך עפּעס...

— די צרה, מיין איך, שטעקט נאָר אין דעם „נאָך עפּעס״...

— אַבי איר פאַרשטייט...

— איז וואָס זשע טוט איר עפּעס פאַר דער „מענטשהייט״?

— איך פאַרנעם זיך איצט נישט מיט דער „מענטשהייט״, נאָר מיט מענטשן. אין אַזעלכע צייטן איז שטעלן באַנקעס אויך אַן ענין...

— דאָס רעדט שוין אין אייך דער פעלדשער... איז אייך אַזוי לייכט צו דערשטיקן אייער שטאַרקסטע „שוואַכקייט״ — שפּילן טעאַטער?

— איך אַליין וואָלט עס טאַקע נישט געקאָנט... פאַראַן איצט גוטע „העלפער״...

גאַרבער פאַלט אַריין אין זכרונות: ער דערמאָנט מיר די אַלטע צייטן אין גראָדנע... די צייטן פון דער אַמאָליקער דייטשישער אָקופּאַציע... אונ־דזער געמיינזאַמע טעטיקייט אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט „יידי־שע קונסט״... די ליטעראַרישע „פאַראַנשטאַלטונגען״... דער אויפגלאַנץ פון לייב ניידוסן... זיינע גראַמען... זיינע וויצן...

— יאָ, זאָג איך, — מיר מוזן איצטער לעבן נאָר מיטן אַמאָל. דאָס איצטיקע לעבן אין גראָדנע איז ווייניק אינטערעסאַנט... ווי מיינט איר?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „לאָמיר בעסער דערפון נישט רעדן״...

— פון אונדזערע אַמאָליקע באַקאַנטע האָט מען אַ היפּש ביסל מענטשן אַרויסגעפירט פון גראָדנע... — צי איך ווייטער דעם שמועס. — אפשר קאָנט איר מיר זאָגן: מיט וואָס איז עס אַבראַמאָוויטש געווען אַזוי געפערלעך פאַר „זיי״? אַזוי שנעל אים „ליקווידירט״! און אַז ער איז געווען אַ „בונדיסט״?

גאַרבער גיט ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט און רופט זיך נישט אָפּ מיט קיין וואָרט. איך זע, ער מיידט ספּעציעל אויס צו רעדן מיט מיר „פּאָליטיק״... פאַרוואָס עפּעס איז ער עס אַזוי פאַרזיכטיק מיט מיר?...

שפּעטער האָט מיר דוד בערעזאָווסקי געמאַכט אויפמערקזאַם, איך זאָל זיך היטן מיט אַ וואָרט פֿאַר גאַרבערן... אַז ער איז געוואָרן אַ גאַנצער „שמעלקע" ביי די נייע „האַרן"... אַז איך זאָל בכלל נישט פֿאַרברענגען צופֿיל אין די קאַפּעען... אַז היינטיקע צייטן איז „אשרי יושבי ביתך"...

איך פּרוו מיר נאָכדעם אויסטייטשן גאַרבערס צוריקגעהאַלטנקייט אין אונדזער שמועס. אפשר איז עס אַן אומזיסטער חשד? און ווער קאָן היינט וויסן? אַ קשיא אויף היינטיקער צייט? די צייט דעמאָראַליזירט. די מוחות ווערן צעמישט. אָבער וואָס שייך מיין דעמאָלטיק נישט פֿאַרזיכטיק רעדן פֿאַר אים — בין איך זיכער אין זיינע אַלטע סענטימענטן צו מיר... אָבער ניין, ניין! איך גלויב נישט אויף גאַרבערן!... בשום אופֿן נישט...

יאָ, מען מוז נאָכזאָגן דעם בעל־התהילים: „אשרי יושבי ביתך"... אָבער גרינג צו זאָגן: זיץ אין דער היים, אַז מען האָט אַ היים, אַן אייגענע היים, אַ משפּחה־טיש... איך האָב דאָך געמוזט אָנקומען צו די קאַפּעען און רעסטאָראַנען נישט איין מאָל, נאָר מינימום צוויי מאָל אין טאָג — איז ווי זשע קאָן מען זיך עס איזאָלירן פֿון מענטשן? מענטשן — מיט גוטע אָדער שלעכטע כוונות?...

אַזוי זיץ איך איין מאָל ביים אָוונט־ברויט אין אַ קריסטלעכן רעסטאָראַן אויף דאָמיניקאַנער־גאַס אָדער „סאָוויעטסקאַיאַ", לויטן נייעם נאָמען. מיין „ווי ז'אַ ווי" ביים טיש איז אַ פֿרישער מענטש, זיכער פֿון רוסלאַנד. דאָס דערקען איך באַלד לויט זיינע מלבושים, וועלכע זענען ווייט פֿון אייראָפּעאישער עלעגאַנץ... דער באַשיידענער אַנצוג, דער שניט פֿון אַנצוג, די לאַצן — נישט קיין היגע אַרבעט... טאַנדעט־מעסיק... אַז מען זיצט העכער אַ שעה צייט ביים טיש — צוליבן גרויסן עולם — און דערצו אַזוי נאָענט, פֿאַרבינדט זיך צווישן אונדז אַ שמועס. פֿריער וועגן קעלנער, וועגן זיין דערלאַנגען צום טיש מיט צו גרויסע הפסקות, און דאַן קומען שוין זייטיקע באַמערקונגען. ווייזט זיך אַרויס, אַ רוסישער ייד. ס'איז אַ ייד פֿון מינסק, אַ „קאָמאַנדיראָוואָטשני" (אַ שליח).

— איר רעדט יידיש?

— יאָ, — ענטפֿערט ער מיר אין רוסיש — אַז מען דאַרף רעדן, רעדט מען.

— ווען דאַרף מען יאָ און ווען — נישט?

— דאָס זאָוויסיט אין וואָס פאַר אַ אָבשטשעסטווא מען געפינט זיך...

די תשובה האָט ער מיר שוין געגעבן אין אַ „פּערלדיקן" יידיש...

— קיין ריינעם יידיש רעדט איר נישט — באַמערק איך אים, — איר לייענט גאָר נישט אייער יידישע צייטונג „מינסקער אָקטאָבער"?

— איך האָב ווייניק צייט דערצו... — רעדט ער שוין ווידער רו־סיש — ביי אונדז זענען אַלע גלייך: יידן, רוסן, טאַטאַרן, גרוזינער... אַלע לייענען רוסיש...

— פאַר וועמען זשע גיט מען אַרויס די יידישע צייטונג?

— ווער עס וויל, איז פּאַזשאַלויסטאַ! לייענט אייך „זשאַרגאָן"... איך לייען בעסער די „פּראַוודאַ".

— איר האָט געזאָגט „זשאַרגאָן"... ביי אונדז זאָגט מען נישט „זשאַרגאָן", נאָר יי ד י ש... — ווילט זיך מיר אים פאַרטשעפּען.

— וואָס איז די ראַזניצאַ?

— ס'איז שוין יאָ אַן אונטערשייד...

דאָ הייבט ער אָן מ י ר שטעלן פראַגן:

הערנדיק, אַז איך בין פון וואַרשע, פאַרשיט ער מיך מיט קשיות. עס אינטערעסירט אים אַלץ: ווי עס לעבט זיך אין וואַרשע, פאַרוואָס איך בין אַנטלאָפן פון דאָרט. און איך זאָל אים זאָגן דעם אמת... — איין קלייני־קייט — צי עס געפעלט מיר דאָ איצט אין גראָדנע?... צי איז איצט נישט בעסער ווי ביי די „פּוילישע פּאַנעס"?... און בכלל וויל ער פון מיר הערן, ווי עס פילן זיך דאָ די יידן אין גראָדנע? צי איז מען צופרידן מיט דער סאָוויעטסקער וולאַסט'?...

פון דעם מבול פראַגן זע איך, אַז ער גייט מיט מיר „אויף זיכער"...

ערשט אין דער רגע האָב איך פאַרשטאַנען און באַרעכטיקט בערע־זאָווסקיס עצה: „אשרי יושבי ביתך"...

פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם גאַנצן מבול פראַגן האָב איך געענט־פערט מיט אַ פּאָר גאָרנישט־זאָגנדיקע פראַזן. דעם שמועס האָב איך שנעל ליקווידירט: איך האָב באַצאָלט דעם קעלנער און בין שנעל אַרויס פון רעסטאָראַן...

ווייטער, אַז כ'פלעג אַריינקומען אין אַ קאַפע, צי אַ רעסטאָראַן, פלעג איך שוין זיין שטום ווי אַ פיש. מיט קיין שום אומבאַקאַנטן פלעג איך זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין שמועס.

28
די פאַרענדערטע שטאָט

ווי שנעל עס האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון שטאָט! איך דערקען נישט גראָדנע, דאָס אַמאָליקע היימישע, געמיטלעכע יידישע גראָדנע! עפּעס אַ פרעמדקייט, עפּעס אַן אומעטיקע כמאַרע איז פאַרצויגן איבער דער שטאָט... וווהין און צו וועמען איך זאָל נישט קומען — יעדער לעבט פאַר זיך, אָפּגעשלאָסן אין זיינע אייגענע ד׳ אמות. יידן האָבן ווייניק קאָנטאַקטן, ווייניק שייכות איינע מיט די אַנדערע. אַלע געזעלשאַפטלעכע בונדן זענען איבערגעריסן געוואָרן. אַלע פריינדשאַפטן ווי אָפּגעקילט, גלייך ווי מענטשן וואָלטן פּלוצלונג פאַרלוירן דעם צוטרוי איינע צו די אַנדערע...

אַזאַ קאַלטע רעזערווירטקייט פילט זיך אומעטום, כמעט אין אַלע קרייזן. פאַרוואָס איז עס אַזוי? וווּ ליגט די רעטעניש דערפון? איז עס מורא? פחד? מורא און פחד פאַרן אייגענעם שאָטן?...

איך זיץ איינמאָל אין אַ שטוב ווו איך פיל זיך יאָ היימיש — ביי נח באַסן. נח באַס איז באַקאַנט ווי אַ קרישטאָל־ריינער און באַליבטער געזעלשאַפטלעכער עסקן. אַ מענטש, וואָס פאַרדינט אַלעמענס צוטרוי. איך באַמערק אין דער ערשטער רגע זיין גאַסטפריינדלעכקייט און — דער עיקר — זיין צוטרוי צו מיר...

מיר זיצן ביי אַ גלעזל טיי מיט וויינשל, סערווירט פון זיין סימפּאַטישער פרוי, די „בונדאָווקע". די לופט פון דער שטוב, די פריינדלעכע אַטמאָספער ווירקט באַרואיקנדיק, ווי באַלזאַם אויפן געמיט. הגם נח באַס איז אַן אַלטער ציוניסטישער טוער און זי — אַ בונדישע טוערין — פונדעסטוועגן איז די האַרמאָנישע רו אין שטוב קיינמאָל נישט געשטערט געוואָרן.

— אומעטיק געוואָרן אין גראָדנע... — קלאָג איך זיך.

— הלוואי זאָל נישט זיין נאָך אומעטיקער. — שמייכלט באַס.

— מסתמא הערט איר נישט דעם סאָוויעטישן ראַדיאָ... — רופט זיך אָן פרוי באַס — ווען איר וואָלט געהערט דעם סאָוויעטישן ראַדיאָ, וואָלט איר דאָך כסדר פאַרנומען „גאַשאַ סטשאַסטליוואַיאַ זשיזן" (אונדזער גליקלעך לעבן)... וואָלט אייך דאָך נישט געווען אומעטיק...

נח באס דערציילט מיר ווידער די פּרטים פון זיין אַרעסט און וועגן זיין שמועס מיט דער „נ. ק. וו. ד.״ בעתן פאַרהער. ער קווועלט אַליין בעת־מעשה. ער איז זיכער, אַז צוליב זיינע קלוגע תשובות דעם אויספאָרשער האָט מען אים באַפרייט...

זיין פרוי איז שוין אין דעם דאָזיקן ענין ווייניקער נאַאיוו.

— אויב עס גייט אין אויפוויזן די אומשולד — טענהט זי — טאָ דערקלער מיר, מיט וואָס איז דערוויזן געוואָרן די „שולד״ פון די פרויען, קינדער און זקנים, וואָס מ׳האָט אַרויסגעפירט פון גראָדנע הינטער די הרי־חושך?...

— טאָ פאַרוואָס־זשע מיינסטו האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט? — פרעגט זי באַס.

— ווער ווייס, הלוואי זאָל עס זיין אויף לאַנג...

די דאָזיקע באַמערקונג פון דער פרוי האָט דורכגעיאָגט אַ וואָלקן איבער זיין פּנים...

— איך פרעג אייך — גיי איך אַרויס צו זיי מיט אַ „טענה״ — ווו איז עס געהערט געוואָרן, מ׳זאָל נעמען אַ יידישע שטאָט און אויס־ליידיקן זי לחלוטין פון איר יידישן נוסח? קיין זכר, קיין שפּור פון יידיש לעבן... קיין יידישע שולן, קיין יידישע אָוונטן, קיין יידישע פאַרווייַלונ־גען, קיין יידיש ליד, קיין יידישע מוזיק — אויס! אַלץ אויס! בלויז דאָס איינע, וואָס דאָס טעאַטער שפּילט אַמאָל, און אַז דאָס טעאַטער פאָרט אַוועק אויף גאַסטראָלן, בלייבט גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט. אַ מדבר!

— שרייבט וועגן דעם אַ „זאַיאַוולעניע״ צום „גאָראיספּאָלקאָם״... (שטאָטישער אויספיר־קאָמיטעט) — וויצלט זיך באַס.

פרוי באַס דערציילט, אַז עס זענען שוין אָנגעקומען בריוו פון די גראָדנער פאַרשיקטע אין קאַזאַכסטאַן. פון צווישן די שורות לייענט מען קלאָר אַרויס וועגן זייער פינצטערער „דאָליע״. די פאַרשיקטע פאַמיליעס געפינען זיך אין „פּאָסיאָלקעס״ (פאַרשיקונגס־דערפלעך). זיי וווינען אין באַראַקן. אין איין באַראַק וווינען אַ ריי פאַמיליעס. מען שלאָפט אויף נאַ־רעס. אַרויספאָרן פון „פּאָסיאָלאָק״ קאָנען זיי נישט. מען פּראַצעוועט שווער און ביטער פאַרן שטיקל ברויט. די געגנט איז אַ ווילדע. אַ מדבר... „מיט טרערן דערמאָנען מיר אונדזער פאַרלוירענע היים, אונדזער ליבע גראָדנע״... — אַזוי שרייבן די גראָדנער אין די פאַרצווייפלטע בריוו. איי־נער האָט אַפילו מרמז געווען: „ס׳איז מיר זייער גוט, אָבער עס פעלט

מיר דער ניעמאַן״... ד״ה ווען ער האָט דעם ניעמאַן, וואָלט ער זיך גע־קאָנט דערטרינקען...

נח באַס דערציילט מיר וועגן אַ יידישן זקן פון „פערשטאָט״, אַ ייד אַ בן־תורה, וועלכער איז אויך אַוועק מיטן עשאַלאָן: זיין זון איז געווען אַ פוילישער אָפיציר — נו, איז דערפאַר האָט ער באַדאַרפט פאַרוואָגלט ווערן אויף די עלטערע יאָרן קיין קאַזאַכסטאַן... „ווי האַלט מען טאַקע אַזאַ זקן אין גראָדנע? טאָמער אָרגאַניזירט ער די „פערשטאָטער״ שול־מתפללים קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט״?... — פאַרענדיקט באַס מיט סאַרקאַזם זיין דערציילונג.

— אומעטיק, אומעטיק געוואָרן אין גראָדנע... — חזר איך איבער מיין קלאָג־לידל.

— וואָס־זשע ווילט איר — איראָניזירט ווייטער באַס — מ׳האָט דאָך אונדז „באַפרייט״...

— איר האָט דאָך שוין אַוודאי געהערט, ווי אַזוי מען האָט אונדז „באַפרייט״: פון פוטער, פון פלייש, פון צוקער... — חזרט איבער פרוי באַס דאָס טראַפאַרעטע ווערטל, וואָס גייט אום אין שטאָט.

— איז וואָס־זשע טוט איר איצט גאַנצענע טעג אין שטוב? — פרעג איך באַסן.

— מ׳קוקט אַריין אין אַ ספר. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געלייענט אַזוי פיל ווי אין די דאָזיקע טעג. איר ווייסט דאָך, אַז אַ „ראָש בראָט״ איז דאָך תמיד פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים, מיט אסיפות און באַראַטונגען. איצט אָבער... געענדיקט! יאָ, יאָ, מ׳האָט אונדז אויך דערפון „באַפרייט״... — פאַרענדיקט באַס מיט אַן אומעטיקן טאָן.

כ׳בין געזעסן אין דער דאָזיקער שטוב ביז רעכט פאַרנאַכט. כ׳בין אַרויס פון דאָרט אָן דערלייכטערונג: אומעטום די זעלביקע דערדריקטע שטימונגען. ס׳איז מיר פון דאָרט אויסגעקומען צו גיין אין „פערשטאָט״. פאַרבייגייענדיק דאָרט די אַלטע הילצערנע שול האָבן מיך פאַרהאַלטן די קאַרג־באַלויכטענע פענצטער. אינטערעסאַנט, ווי עס זעט דאָ אויס אינ־עווייניק אין די דאָזיקע טעג. כ׳דערמאָן זיך, אַז עס איז פרייטיק־צו־נאַכט.

כ׳גיי אַריין אינעווייניק אין דער שול. ס׳איז קבלת־שבת. אפשר קוים אַ צוויי מנינים מתפללים דאָ־דאָרט צווישן די בענק. ווייניק ליכט ברענען אין די הענג־לייכטער. נישט אַזוי, מיט אַזאַ קאַרגער באַלייכטונג,

פלעגט מען דאָ פריער מקבל זיין די מלכה שבת... מיט וואָסער שטיל־דער־שלאָגענעם ניגון זאָגט עס דער אַלטער בעל־תפילה דעם „בואי כלה, בואי כלה"... פון איבערן ארון קודש, גאַנץ הויך, קוקן אַראָפּ, ווי פאַרשעמט, די לוחות מיט די „עשרת הדברות": אַזאַ קליינע, אומעטיקע עדה יידן אין שול...

— פאַרוואָס אַזוי ווייניק דאַוונערס אין שול? — טו איך אַ פרעג אַן אַלטיטשקן, נעבן וועלכן כ'בין געשטאַנען.

— אַ קשיא אויף איצט? איצט זיצן יידן בעסער אין דער היים... מען דאַוונט ביחידות, אָדער אין אַ היימישן מנין... אָט מיר... אַלטע לייט... עפּעס אַנדערש...

דאָס ביסל יידן איז זיך נאָך „מעריב" צעגאַנגען מיט אַ קאַלטן „גוט שבת" אין די שטיבער. אין מיר האָט די שול פאַרגרעסערט דעם אומעט...

כ'האָב זיך שפּעטער אומגעדרייט איבער די גאַסן אַן ציל. אַפילו אויף די גאַסן זעט מען נישט דעם עולם פון אַמאָל. עפּעס זעט מען נישט קיין לאַכעדיק פּנים... קיין שמייכל פון אַ פּרוי...

כ'בין שטיין געבליבן פאַר אַ קינאָ. מ'גיט היינט „אַלעקסאַנדער ניעווסקי". אפשר וועט עס מיך אַביסל צעשטרייען? איך גיי אַריין.

איך דאַרף נאָך וואַרטן ביזן סוף פון אַ סעאַנס. אין פאָיע — אַ היפּש פּובליקום. מען זעט דאָ אַ סך יוגנט, זייער ווייניק יידן. כאָטש תמיד איז אין קינאָ על פּי רוב אַ יידישער עולם. איך זע אַ סך מענטשן אין היטלען. זייער „דעמאָקראַטיש"... פון וואַנען האָבן זיך דאָ פלוצלונג גענומען אַזוי פיל היטל־מענטשן?... נישט מעגלעך, אַז אַלע זאָלן זיין היגע...

אין איין ווינקל, אויף אַ פּאָדיום — אַן אָרקעסטער. מען שפּילט סאָוויעטישע מאָטיוון. באַקאַנטע זאַכן, וואָס מ'הערט איצט שטענדיק דורכן ראַדיאָ. איך קוק זיך צו צו די מוזיקאַנטן און טראַכט, אַז אויך זיי זענען געבראַכט געוואָרן פון רוסלאַנד, כדי באַלד פון אָנהייב שוין צו לאָזן הערן אין די נייע שטעט סאָוויעטישע לידער, סאָוויעטישע מוזיק.

איך דריי מיך אום אין פאָיע. מ'רעדט דאָ אַ סך רוסיש. הייסט עס, טאַקע אַן אָנגעפּאָרענער עולם, אַלץ מענטשן פון דאָרט, פון רוסלאַנד. „קאָמאַנדיראָוואָטשנע". דאָס האָבן זיי טאַקע „געירשנט" די דירות פון די אַרויסגעשיקטע מיט די עשאַלאָנען...

אָט שפּילט דער אָרקעסטער אַ וואַלס. אַן אַלטן רוסישן וואַלס: „נאַ סאָפּקאַך מאַנדזשוריאי". עטלעכע פּאָרלעך דרייען זיך אַוועק אין טאַנץ.

מען טאַנצט ווילעריש, נישט מיט אונדזער אייראָפּעאישער מאַנירלעכ־קייט, נאָר עמכדיק... עס טאַנצט אויך אַ מיידל מיט אַ מיידל... זיי טאַנצן לאַכנדיק און פאַרטשעפּען זיך אַלע ווײַלע אָן די אַנדערע טאַנצנדיקע. דער עולם באַלאַגערט דעם בופעט: עס פאַרקויפט זיך דאָרט קוואַס. פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אין גראָדנער קינאָ קוואַס?... ווי קומט דאָ איצט די דאָזיקע משקה?... אָבער די רוסן קוויקן זיך דערמיט גאַנץ געשמאַק. זיי טרינקען אײַן „באָמבע" קוואַס און אַ צווייטע...

בעת איך בין שוין געזעסן אינעווייניק אין זאַל, בין איך געווען ווי אין אַ קלעם: אַזוי געפּראָפט איז געווען דער קינאָ. עפּעס אַ ריזיקער אָנ־געלויף פון יונג און אַלט. אַ ליאַרם, אַ שטופּעניש, אַ געדראַנג.

אַפילו בעת מען האָט שוין דעמאָנסטרירט דעם פילם, האָבן זיך אויך איבערן זאַל געהערט אַלע ווײַלע קולות, צווישנרופן. דאָס האָבן געטומלט די יוגנטלעכע — די רוסישע „פּאַצאַנעס":

— וואַניאַ, זע!

— דאָס זענען אונדזערע!

— ניין, דאָס איז דער שונא!

— און איך זאָג, אונדזערע...

— קוק, דוראַק!

— אָט רוסישע שליפּעס!

— שווייגט, איר רוחות... — דערהערט זיך אין מיטן אַ געשריי פון אַ דערוואַקסענעם.

אָבער די „פּאַצאַנעס" האָבן זיך נישט איבערגענומען און האָבן אין אַ ווײַלע אַרום ווידער זיך אַרומגעקריגט.

ווי שנעל, ווי שנעל עס האָט זיך דאָ געביטן די „דעקאָראַציע": די מענטשן, דאָס גאַנצע לעבן... אַלץ...

29

אַ „גאַסט" פון אוראַל

אין איינעם פון די טעג, אין אַ לינדן, זוניקן פאַרמיטאָג, זיץ איך מיט קיפּניסן אויף אַ באַנק אין „ברעכאַלקע" (שווייצער־טאָל).

עמיץ פון די פאַרבייגייער פאַרהאַלט זיך נעבן אונדז:

— שלום־עליכם, פריינד קיפּניס!

קיפּניס קוקט אים אַ ווײַלע אָן און רופט אויס פון איבערראַשונג:

— זילבער! ווי קומט איר דאָ? איר זענט דאָך געפאָרן אויף אוראַל מיטן „נאַבאַר"?

— געפאָרן און שוין צוריקגעקומען...

— וואָס איז געשען? דערציילט! ווי שרעקלעך איר זעט אויס! כ׳האָב אײַך דאָך גאָרנישט דערקענט.

— כ׳בין טאַקע ווי נאָך אַ שווערער קרענק... קוים מיטן לעבן אַרויס...

— שוין נאָך די „גליקן"?...

— שוין נאָך זייערע „גליקן"...

— דערציילט, איך בעט אײַך. זעצט זיך צו אַ ווײַל.

און דער יונגערמאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען דערציילן. ער האָט דערציילט אַ גאַנצע מגילה פון צרות און פּלאָגן... ער האָט אָנגעהויבן פון סאַמע אָנהייב: פון „נאַבאַר" פון אַרבעטער אויף אוראַל, אין די שאַכטן:

— מ׳האָט דער יוגנט צוגעזאָגט „גאָלדענע בערג": דירות, אַ גוטע „סטאָלאָווקע", טעאַטער און קינאָ... אָבער געקומען זענען מיר צו אַ שווער, ביטער לעבן. געאַרבעט האָט מען אַזוי ווי די יידן אין מצרים — בחומר ובלבונים. נאָכן טאָג אַרבעט אין די שאַכטן האָט מען געדאַרפט ערשט פּטרן שעהען אויף צו באַקומען די פּאַרציע ברויט אין „לאַראָק", וואָס איז געווען קילאָמעטערס ווייט פון אונדזערע „אָבשטשעזשיטיעס" (צוזאַמענוווינונגען). און די „סטאָלאָווקע"? נאָך אַ טאָג שווערער פּראַצע האָט מען אונדז געקאָרמעט מיט אַ מאָגערער זופּקע און קאַשע. פלייש איז נישט אַלע מאָל געווען. אויב יאָ — האָט מען דערויף געדאַרפט קוקן דורך אַ מיקראָסקאָפּ... הײַנט פון וואַנען האָבן די מענטשן געקאָנט האָבן כוח צו דער שווערער פּראַצע? זענען מיר פּשוט אויסגעשעפּט געוואָרן און שוין נישט געקאָנט די פּיס שלעפּן... האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדזערע פּוילישע אַ לויפעניש... השיבנו נאַזאַד... מענטשן האָבן פאַרקויפט זייערע אָנצוגער, זייערע וועש, כדי צו האָבן אויף הוצאות הדרך... נו, און אַזוי בין איך אויך צוריקגעלאָפן פון „גן־עדן"...

— און וואָס איז מיט אײַער חבר? מיט רובינען? ער איז דאָך געפאָרן צוזאַמען מיט אײַך?

— איר ווילט אים זען? ביטע, דאָ האָב איך אַ פאָטאָגראַפיע...

און זילבער נעמט אַרויס אַ פּאַטאָ פון טאַש און ווייזט אונדז:

— פאָטאָגראַפירט טאַקע מיט מיין פאָטאָ־אַפּאַראַט... נאָך נישט געהאַט אים דאַן פאַרקויפט...

קיפּניס כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ:

— מיין גאָט! ער איז טויט!

זיין חבר רובין איז געלעגן אין אַ קאַסטן און אַרום אים זענען געשטאַנען אַ גרופּע חברים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

— רובין, — דערציילט ווייטער זילבער, — איז שווער קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס: אַ זייער אויסגעשעפּטער פון דער קאַטאָרגע, האָט זיין אָרגאַניזם נישט געקאָנט באַקעמפן די שווערע קראַנקייט... נאָך רובינס טויט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע לויפעניש צוריק. קיינער פון אונדזערע יאַטן האָט דאָרטן קיין טאָג נישט געוואָלט בלייבן... מ'איז געלאָפן אַזוי ווי פון אַ שרפה... אַבי ווייטער, ווייטער פון אומגליק...

— נו, וואָס זאָגט איר צו די בלאָפערס?... — רופט אויס קיפּניס.

— ווי זיי האָבן עס אַגיטירט און געפּויקט מיט זייער „נאַבאָר" אויף אַרבעט... זיי האָבן די היימלאָזע „ביעזשענצעס" פאַרלאָקט מיט אַ „לעקעכל": מיט אַן אַוואַנס... מיט אַן אומזיסטן באַן־בילעט אויף אוראַל... מיט ברויט און וואורשט אויפן וועג...

— נו און וואָס טראַכט איר איצטער צו טאָן? — פרעגט אים קיפּניס.

— כ'וויל נאָר קומען אַביסל צו די כוחות, וועל איך מיר לאָזן צוריק קיין וואַרשע... מיינע חברים זענען שוין אַוועק צו דער גרענעץ... זיי האָבן דאָ קיין טאָג מער נישט געוואָלט בלייבן... איך האָב מיך געפילט נישט „מיט אַלעמען"... צוריקגעקומען קוים מיטן לעבן...

— כ'האָב אייך טאַקע נישט דערקענט... וואָס פון אייך איז געוואָרן... איר זענט דאָך געווען ווי אַ דעמב... ווי אַלט זענט איר דען? נאָך אַ יונגער בחור. מער ווי 28 יאָר גיב איך אייך נישט.

— שוין 30, — פאַרריכט זילבער. — אָבער אַזאַ אומגליק קאָן אַן אַטלעט אויך אַנידערלייגן...

דער „גאַסט" פון אוראַל האָט זיך אויפגעהויבן און געזעגנט מיט אונדז.

— האַ, וואָס זשע זאָגט איר צו די בלאָפערס?... — האָט זיך קיפּ־

ניס גאָרנישט געקאָנט באַרואיקן. — ווען איר קוקט אָן דעם בחור פריער. ער האָט דאָך געבליט... בלאָפּערס, פּשיאַ קרעוו!...

30

די ניידוס־גאַס

איך בלאָנקע איינמאָל איבער די גאַסן און געפין זיך אויך אויף דער ניידוס־גאַס.

איך וויל האָבן די סאַטיספאַקציע צו זען מיט מיינע אויגן אויפן ראָג גאַס דאָס שמאָלע לאָקירטע בלעכל מיטן נאָמען פונעם גראָדנער פּרעכטיקן פּאָעט — און דערצו נאָך מיין נאָענטן חבר.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, דערזעענדיק גאָר אַן אַנדער אָנ־שריפט אויפן בלעכל: „פּערוואָמאַיסקאַיאַ" אָנשטאָט — „אוליצאַ ניידו־סאַ"...

סטייטש? היתכן? אויס מיט דער ניידוס־גאַס? אַראָפּגענומען לייב ניידוסעס נאָמען? פון אַזאַ פּאָעט? איך האָב לכתחילה מיינע אויגן נישט געוואָלט גלייבן.

דאָס וואָס די יידן האָבן אַדורכגעפירט ביי די פּאָליאַקן — אין האַלב־פאַשיסטישן פּוילן! — צו באַערן אַ גרויסן יידישן דיכטער, אַ ילידי גראָדנע — דאָס האָט מען ביי דער סאָוויעטישער מאַכט אַרונטערגעריסן?!

כ'בין געוועזן אויסער זיך און אַ גאַנצן טאָג זיך נישט געקענט באַ־רואיקן. אין אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיט מאָריס ליאַמפּען און מיטן געהילפס־רעזשיסער פון דער טרופּע ק—י. איך דערצייל זיי וועגן דער חרפּה. אויך זיי ווערן אויפגעבראַכט.

— מען מוז עפּעס טאָן, רעאַגירן! — זאָג איך — אפשר איז עס אַן אַקט פון אַ קליין־קעפּלדיקן „טשינאָוניק".

— לאָמיר גיין אין „גאָראיספּאָלקאָם". — לייגט פאָר ק—י.

ליאַמפּע איז אין אַ ווײַלע אַרום געוואָרן קילער צו דער זאַך.

— איך האָב מורא, — זאָגט ער — אַז מיר וועלן גאָרנישט קענען אויפטאָן...

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— און איר מיינט דען אַנדערש? אַז „זיי" טוען אַפּ עפּעס, וועט „זיי" שוין קיינער נישט איבערצייגן אַז דאָס איז אַ פעלער...

— אָבער פונדעסטוועגן, — זאָג איך — מיר מוזן גיין. זיי ווייסן זיכער נישט, ווער ניידוס איז געווען.

— אַז איר ווילט, פּרוווט. איך גיי נישט...

— טאָ לאָמיר גיין זאַלבעגאַנד! — לייג איך פאָר ק—ין.

— מסכים.

— איך ווינטש אייך דערפאָלג... — זאָגט סקעפּטיש ליאמפּע.

נאָך דעם זעלביקן טאָג זענען מיר ביידע — איך און ק—י — אַוועק אין „גאָראיספּאָלקאָם" אויף אַזשעשקאָווע גאַס.

מיר מעלדן זיך צום „אָטוויעטסטווענני סעקרעטאַר" (פאַראַנטוואָרט־לעכער סעקרעטאַר).

— מיט וועמען האָב איך דעם כבוד? — פרעגט ער.

מיר זאָגן אים.

ער פאַרבעט אונדז צום טיש.

מיר האָבן אים אינפאָרמירט וועגן דעם ענין. דערציילט אים ווער ניידוס איז געווען; וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

— זיכער איז דאָ געשען אַ מיספאַרשטייעניש... — זאָג איך. — די מאַכט האָט מסתמא נישט געוווסט ווער ניידוס איז געווען...

דער סעקרעטאַר האָט אונדז אויפמערקזאַם אויסגעהערט און לסוף זיך אָפּגערופן:

— גוט, איך האָב אייך פאַרשטאַנען. איר מוזט עס מיר אַלץ געבן שריפטלעך. שרייבט אָן אַ „זאַיאַוולעניע".

— ווי איז אָבער אייער מיינונג?

— פּאָסמאָטרים! (מיר וועלן זען) — ענטפערט ער דיפּלאָמאַטיש.

מיר זענען ביידע נאָכדעם געזעסן אַ גאַנצן אָוונט און צונויפגעשטעלט אַ מעמאָריאַל צום „גאָראיספּאָלקאָם". קלאָר געמאַכט דעם גאַנצן ענין, מאָטיווירט און פאַרטייטשט. דעם מעמאָריאַל האָבן מיר פאַרענדיקט מיטן אויסדריקן די האָפענונג, אַז דער „גאָראיספּאָלקאָם" וועט זיך רעכענען מיט די געפילן פון די גראָדנער יידן, וועלכע האָבן שטאַרק געערט לייב ניידוסן ווי אַ העכסט טאַלענטירטן דיכטער; אַז דער „גאָראיספּאָלקאָם" וועט צוריקשטעלן דעם נאָמען פון דער לייב ניידוס־גאַס, ווי געווען. דעם דאָזיקן מעמאָריאַל האָבן מיר ביידע אונטערגעשריבן, צוגעבנדיק אונדזע־

רע טיטלען, וואָס מיר האָבן אין דעם יידישן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו: איך — „זאַוולִיט" (ליטעראַרישער לייטער) און ק—י — „פּאָמאָטשניק כודרוקאַ" (געהילף פון קינסטלערישן לייטער).

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי איז שוין דער מעמאָריאַל געווען איי־בערגעגעבן אין „גאָראיספּאָלקאָם". מ׳ האָט אונדז געהייסן קומען אין אַ דריי־פיר טעג אַרום נאָך אַ תשובה.

אין משך פון די עטלעכע טעג איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט באַקאַנטע וועגן דעם דאָזיקן ענין. און מאָדנע: כמעט אַלע זענען געווען פאַרחידושט וואָס מיר האָבן אונטערגענומען די אינטערווענץ ביי דער מאַכט.

— דאָ דאַרף מען קוקן און שווייגן. — האָט איינער באַמערקט.

— אייער שתדלנות איז זייער נאַאיוו. — זאָגט אַ צווייטער. — איר מיינט טאַקע, אַז דער „גאָראיספּאָלקאָם" האָט געענדערט דעם נאָמען פון דער ביידוס־גאַס גאָרנישט פרעגנדיק ביי קיין אייגענע מענטשן?

— איז עס מעגלעך, אַז אַן „אייגענער" זאָל געבן אַזאַ „עצה"?

— פאַראַן, פאַראַן אומבאַדינגט אַזעלכע עצה־געבערס...

אויך דוד בערעזאָווסקי איז געווען סקעפּטיש צום דאָזיקן ענין.

אַז איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער אינטערווענץ, האָט ער געשמייכלט:

— איך זע, אַז איר קענט „זיי" נאָך נישט... — באַמערקט בערע־זאָווסקי, — וואָס אינטערעסירן עס „זיי" די סענטימענטן פון די גראָד־נער יידן, בעת מ׳מוז די גאַסן צוגעבן אַ סאָוויעטישן אויסזען? „פּערוואַ־מאַיסקאַיאַ" איז מער סאָוויעטיש ווי „אוליצאַ ביידוסאַ"...

— פונדעסטוועגן האָף איך יאָ, אַז אונדזער מעמאָריאַל וועט געענ־מען ווערן אין אַכט, — האַלט איך זיך ביי מיינס.

— האָפט, האָפט... ווייל איז דעם גלויביקן... איר וועט עלטער ווערן מיט אַ פּאָר טעג, וועט איר רייכער ווערן מיט אַ דערפאַרונג...

מיט דער דאָזיקער „דערפאַרונג" בין איך טאַקע רייכער געוואָרן אין עטלעכע טעג אַרום.

מיר קומען ווידער — ק—י און איך — אין „גאָראיספּאָלקאָם" נאָך דער תשובה, ווי מען האָט אונדז געהייסן.

דער סעקרעטאַר אַליין איז גראָד נישטאָ און עס נעמט אונדז אויף

אַ פרוי — זיין פאַרטרעטעריןֿ. זי איז אינפאָרמירט וועגן אַלץ און בעט אונדז זיצן.

זי עפנט אויף אַ פאַפּירענע טעטשקע און נעמט אַרויס פון דאָרט אונדזער מעמאָריאַל. אויבן ביי דער זייט אויפן פאַפּיר, באַמערק איך, איז שוין פאַראַן אַ צושריפט: די „רעזאָלוציע"... עטלעכע שורות מיט רויטן טינט אין דער קרום געשריבן. זי וואַרפט אַדורך מיט די אויגן די „רע־זאָלוציע". מיר וואַרטן מיט שפּאַנונג.

— אייער „זאַיאַוולעניע" — זאָגט זי לסוף קורץ — איז נישט גע־נומען געוואָרן אין אַכט.

— ניין?! — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס דער ערשטער אויסדרוק פון פאַרוווּנדערונג.

— ווי אַזוי זשע? — פרעגט אויך ק—י.

זי האָט אויף אונדז אַ בליק געטאָן ערנסט, מיט אָן אַ סימן פון אַ שמייכל.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך קען אייך זאָגן... — רעדט זי אַרויס געשעפטלעך קאַלט.

— אָבער איר ווייסט, ווער ניידוס איז געווען? אַ באַרימטער פּאָעט! — זאָג איך.

— אַ פּאָעט מיט גרויסע פאַרדינסטן! — האַלט אונטער ק—י.

זי שווייגט.

— אויפן גראַדנער בית־עולם — רעד איך ווייטער — שטייט ביי־דוסעס אַ פּרעכטיקער דענקמאָל, געשאַפן פון אַ באַרימטן סקולפּטאָר. אַ סימן, אַז דאָס פאָלק האָט אים געערט... דערצו איז ער אַ געבוירענער פון דער שטאָט... אַ גראָדנער... דאָ האָט ער געשאַפן, דאָ איז ער יונג גע־שטאָרבן...

— איך זע, איך זע וואָס איר שרייבט אַלץ אין אייער „זאַיאַוולע־ניע". — רעדט זי ווייטער אין איר כסדר קאַלטן טאָן. — אָבער זאָגט מיר, פאַזשאַלויסטאַ, פון וועלכער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג איז ער גע־ווען?...

דאָ בין איך שטום געוואָרן... דאָ, הייסט עס, ליגט דער הונט באַ־גראָבן... צוליבן טאַטן דעם גוטבאַזיצער, הייסט עס, איז לייב ניידוס פּסול...

— אַבי ער אַליין איז געווען אַ גרויסער פּאָעט! — רוף איך זיך באַלד אָפּ מיט מער קוראַזש.

— און פּושקין?... — קריגט אויך לשון ק—י. — און פּושקין האָט דען אָפּגעשטאַמט פון דער אָרעמקייט?... פונדעסטוועגן פאַרערט מען פּושקינען אויך אין הײַנטיקן רוסלאַנד...

— זאָגט מיר, פּאַזשאַלויסטאַ, פון וועלכן לעבן האָט ביידוס געשריבן?... — פרעגט זי מיט אַ העכערער שטים ווי בעת אַ וויכוח. — ווי אַ זון פון אַ גוטבאַזיצער און פאַבריקאַנט (מיר ווייסן אַלץ וועגן אים) האָט ער זיכער נישט געשריבן וועגן אַרבעטער־לעבן... וועגן געראַנגל פון אַרבעטער־קלאַס... איבעריקנס, מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו דיסקוטירן... פאַראַן שוין אַ „רעוואָלוציע"...

ק—י טוט מיר אומבאַמערקט אַ צי ביים אַרבל און הייבט זיך אויף דער ערשטער פון אָרט.

כ׳האָב זיך געפילט ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן דוש...

— נו, וואָס וועט איר זאָגן איצט? — פרעגט ק—י שוין אויף דער גאַס.

— פּשוט אַ ווייטיק צו הערן אַזעלכע רייד... אַ ווייטיק און אַ חרפּה!...

ק—י, ווי ביידוסעס אַ גרויסער פאַרערער און פאַרליבטער אין זיין מוזיקאַלישן פּערז, האָט זיך אויך איבערגענומען מיט דער זאַך. איך זע אין זיינע אויגן, אַז ער לעבט עס איבער.

מיר גייען שווייגנדיק און אַנטוישט.

—איר ווייסט וואָס איך טראַכט? — רופט זיך אָפּ ק—י נאָך אַ לאַנגן שווייגן — די באָלשעוויקעס, זעט אויס, באַזיצן די „קונסט" שנעל צו פאַרוואַנדלען פריינד אין פיינט...

שפּעטער, אַז מיר איז אויסגעקומען ווידער צו גיין דורך דער געוועזענער ביידוס־גאַס, האָב איך זיך אינסטינקטיוו ביים ראָג אָפּגעשטעלט, און קוקנדיק אויפן איבערגעמאָלטן בלעכל מיט דער נייער אָנשריפט: „פּערוואָמאַיסקאַיאַ" — האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך שטיי פאַר אַ פאַרשוועכונג... ס׳איז פאַרשוועכט דער נאָמען פון אַ יידישן דיכטער און אין גרונט איז אויך פאַרשוועכט דער ערשטער מאַי... יאָ, אויך דער ערשטער מאַי, ווייל כלומרשט אין נאָמען פונעם אַרבעטער־יום־טוב —

וואָס איז דאָך אַ סימבאָל פון פרייהייט! — איז פאַרשוועכט געוואָרן דעם פאָלקס אַ הייליקייט...

31
מיט דער חברה ציגיינער

אונדזער טרופּע פאָרט אויף גאַסטראָלן קיין ביאַליסטאָק און דאָס מאָל פאָר איך מיט מיט דער חברה ציגיינער: עס גלוסט זיך צו ענדערן אַביסל דעם קלימאַט... אגב, עס ציט מיך צו שרייבער. טשיקאַווע, וואָס רעדן זיי איצט? וואָס טראַכטן זיי?

די ערשטע זאָרג אין ביאַליסטאָק איז געווען: ווו נעכטיקט מען? וועגן האָטעלן איז קיין רייד נישט געווען. ווו נאָר אַ האָטעל, אַן אכסניה, צי מעבלירטע צימערן — פאַרנומען, געפּראַפּט. די האָטעלן זענען פאַרנומען פון „קאָמאַנדיראָוואַטשנע" פון רוסלאַנד, די אכסניות — פון פּליטים. מיר האָבן זיך צעטיילט פּאַרווייז צו זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר די געציילטע טעג, וואָס מיר דאַרפן דאָ זיין.

איך בין אומגעקראָכן אַ גאַנצן טאָג מיט איינעם אַן אַקטיאָר — שיפּער — פון גאַס צו גאַס, פון אַדרעס צו אַדרעס. אָבער וווהין מיר זענען נישט אַריין פרעגן — באַזעצט, פול! כאָטש גיי נעכטיק אויפן וואָקזאַל. אָבער אויך אויפן וואָקזאַל וואָלט מען קיין שטיקל פּאָדלאָגע נישט געקענט געפינען. אַלע זאַלן און קאָרידאָרן זענען דאָרט טאָג און נאַכט געווען אָנגעוואָלגערט פון אַ המון. מאַנסבילן, ווייבער, קינדער. אַלץ פּליטים!

אַ חוץ די פּליטים, וואָס וואַלגערן זיך סתם אויפן וואָקזאַל, נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ — זענען דאָ אויך פאַראַן אַ סך פּאַסאַזשירן וואַרטנדיקע אויף צוגן. די צוגן זענען תמיד געפּראַפּט און די „פּאַסאַדקע" (דאָס איינשטייגן) איז אַזוי שווער — ווי איינעמען אַ פעסטונג... ליגט מען דאָ אַפּ אויפן וואָקזאַל גאַנצע טעג און נעכט און מ'וואַרט. דערצו גייען נישט די צוגן פּינקטלעך און מ'וויס קיינמאָל נישט ווען אַ צוג קומט אָן...

ערשט אין אָוונט איז אונדז געלונגען צו דערגרעדן זיך מיט עפּעס אַ פרוי פון אַ פּריוואַטער וווינונג. די דאָזיקע פרוי האָט זיך אַרומגעזען,

אַז אין איצטיקער צייט איז גאָר קיין בעסערע פּרנסה נישטאָ, ווי מאַכן ביי זיך אין שטוב אַ שטיקל אכסניה. איצט, ווען אַלע געשעפטן און פּרנסות זענען אונטערגעגאַנגען, איז עס ממש אַ שמאַלץ־גרוב... האָט זי אין איינעם אַ גרעסערן צימער פון איר דירה אַריינגעשטעלט עטלעכע אייזערנע בעטלעך און גענומען אַריינלאָזן מענטשן אויף נאַכט־לעגער. פּרייזן האָט זי געשטעלט געפּעפּערטע — קיינער האָט נישט געוואַגט צו דינגען זיך — און דאָס געשעפט איז געגאַנגען.

די פרוי פירט אונדז אַריין ווייזן דאָס צימער, ווו מיר וועלן שלאָפן. דאָ שטייען פיר אייזערנע נעבעכדיקע בעטלעך, באַדעקט מיט עפּעס שמור־ציקע שמאַטעס. עס כאַפּט אָן אַן איבל קוקנדיק דערויף.

— דאָס איז דאָס בעטגעוואַנט? — פרעג איך.

— עס געפעלט אייך אפשר נישט?... — פאָרט זי גלייך אַרויס מעשה־תקיף...

— איר האָט גאָר נישט קיין ריינע ליילעך? קיין זויבערע קישן?...

— היינטיקע צייטן קלייבט מען נישט איבער. אויב עס געפעלט אייך נישט, קענט איר גיין אין האָטעל „ריטץ"...

— יאָ, פרוי, אָבער אַ ריינע ליילעך קען מען דאָך פון אייך פאַר־לאַנגען. מילא, וועט קאָסטן נאָך עפּעס... מ'דינגט זיך דאָך מיט אייך נישט...

דערהערט אַזאַ אַרגומענט, איז שוין די פרוי געוואָרן ווייכער.

— גוט, גוט, איך וועל אייך געבן אַ ריינע ליילעך. מ'האָט אינדער־פרי געוואַשן וועש, איז נאָך נישט טרוקן. ביז וואַנען איר וועט קומען שלאָפן, וועט זיך עס צוטריקענען... איר קומט דאָך נישט אַזוי פרי שלאָפן?

— אויסגעצייכנט! אַ דאַנק אייך, באַלעבאָסטע!

פאַראויס איינגעצאָלט פאַרן נאַכט־לעגער — כדי צו זיין זיכער...

— זענען מיר אַרויס אויף דער ווינטערדיקער גאַס.

— ווי איך זע, — שפּאַסט מיין באַגלייטער, דער אַקטיאָר שיפער, — האָט איר נאָך „בורזשואַזע געוווינהייטן"... איך ווילט דווקא האָבן אַ ריינע ליילעך... ווו זענען מיר דען? אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד?... פע, קאָנטררעוואָלוציע!...

צו דער פאָרשטעלונג — מען האָט געגעבן „טוביה דער מילכיקער" — איז געקומען אַ ריזיקער עולם. אויך דאָ, ווי אין גראָדנע, זענען יידן

פאַרבענקט נאָך אַ יידיש וואָרט. געקומען אויך די גאַנצע שרייבער־משפּחה. די היגע און אַלע שרייבער־פּליטים. איך זע זיך מיט אנשי שלומנו.

נאָך דער פאָרשטעלונג גייט מען אַריין אין אַ קאַפע אויף אַ „קיי־בעץ״. פאַראַן דאָ שרייבער, אַקטיאָרן. איך זיץ ביי אַ טיש צוזאַמען מיט משה בראָדערזאָן און זיין פרוי, די שוישפּילערין שיינע מרים. אויך בראָדערזאָן אַרבעט אין ביאַליסטאָקער יידישן מלוכה־טעאַטער ווי אַ „זאַוור־ליט״. איך דערצייל אים צוו. אַנד. וועגן מיין נישטיקן לוין, וואָס קלעקט נישט אויף פּרנסה...

— און איר זענט אויף בעסערע באַדינגונגען? — פרעג איך.

— בקבצנו יחד... — ענטפערט ער.

— ווי זשע פילט איר זיך בכלל? — פרעג איך בראָדערזאָנען. — זענט איר שוין אַריין אין דער נייער „אַרביטע״?... האָט איר דאָ נישט קיין גרעסערע טעאַטראַלע אַמביציעס? זיין אַ „זאַווליט״ איז דאָך ווייניק פאַר אייך. אפשר קליין־קונסט — אַ־לאַ דעם אַמאָליקן „אררט״?

— געטראַכט... געהאַט עפּעס פּלענער... פּראָיעקטן... אָבער ס׳איז נישט אַזוי לייכט פאַנאַנדערצושפּרייטן די פליגל...

עס איז צוגעקומען צו אונדזער טיש דער מוזיקער מ. שניאור — איינער פון אונדזערע „תושבים״ אויף „טלאָמאַצקיע 13״. ער זעט אויס נאָך מער אָפּגעלאָזן און פאַרוואָרלאָזט ווי אין וואַרשע. זיין טונקל־ציגיי־נעריש פּנים שטאַרק פאַרעלטערט, נאָך מער ציגיינעריש, און אין זיינע טונקל־ברוינע אויגן — אויסגעלאָשענער גלאַנץ.

— ווען טרעט איר אויף מיט אייער וואַרשעווער כאָר? — פרעג איך אים שפּאַסיק.

— מיין וואַרשעווער כאָר איז געגאַנגען שלאָפן... ס׳איז צייט פאַר אונדז אַלעמען צו גיין שלאָפן...

— א פּראָפּאָ שלאָפן... — רוף איך זיך אָפּ. — זאָגט מיר, רבותי, ווו שלאָפט איר? אין וואָס פאַר אַן אכסניה?...

און איך דערצייל זיי די סצענע אין מיין „לוקסוס־האָטעל״ און וועגן מיין דיאַלאָג מיט דער באַלעבאָסטע.

— איר האָט נאָך געהאַט מזל. — זאָגט בראָדערזאָן. — אויך אַזעל־כע „אכסניות״ זענען דאָ א יקר המציאות. מילא, איז אָן ליילעכער! ווער דאַרף האָבן זייערע ליילעכער? זייערע קישנס? נישט אמת, שניאור?...

אַ פּויסט איז פֿאַראַן, לייגט מען אונטער די פּויסט און מען שלאָפֿט...

— אויף כּפּרות די קישנס מיט די אַלע „בעבעכעס״... — טוט שניאור אַ מאַך מיט דער האַנט.

— דער בעסטער שלאָף איז, אַז מען לעגט זיך אָן אויף דער פּיאַנאָ אויף „טלאָמאַצקיע״... נישט אמת, שניאור?...

— הלוואי בין איך איצט דאָרטן!

און אַזוי האָט מען זיך געוויצלט איבער זיך אַליין.

אַנטקעגן ביי אַ טישל זיצט אברהם מאָרעווסקי, דער „כּודרוק״ פֿון ביאַליסטאָקער יידישן מלוכה־טעאַטער. מיט אים זיצן עטלעכע אַקטיאָרן פֿון זיין אַנסאַמבל און ער רעדט עפּעס אין זיי אַריין מיט זיין הייזעריקער שטים. ער רעדט אימפּולסיוו. אַ קליין וועלטל, אַן איינגעשרומפּענע איז זי געוואָרן די ברייטע יידישע וועלט. אָבער ווי קליין די סביבה זאָל נישט זיין — תּמיד געפֿינט זיך שוין ברען־שטאָף, וואָס זאָל דערהיצן געמיטער. ווער רעדט נאָך צווישן קאַיאָפּן!...

32

אַ נאַכט אין דער אכסניה

אַז כ׳בין שפּעט ביינאַכט געקומען מיט מיין „אח לצרה״ אין אונדזער אכסניה, איז מיר פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן: אויף אונדזערע בעטלעך זענען נאָך אַלץ געלעגן די שמוציקע שמאַטעס.

— גאָט מיינער, ווי קען מען זיך אויסטאָן און אַריינלייגן זיך אין אַזאַ בעט?

מיר רופֿן אַריין די באַלעבאָסטע.

— סטייטש, איר האָט אונדז דאָך צוגעזאָגט ריינע ליילעכער?

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז זיי זענען נאָך נישט גוט טרוקן. איין ווייליטשקע, כ׳וועל אייך ווייזן.

און זי גייט אַרויס אין קיך און ברענגט אַריין די ליילעכער.

— זעט אַליין, טוט אַ טאַפּ.

איך טאַפּ — טאַקע פּייכט. פּייכט און אויסגעקעלטערט.

— פּאַרפּאַלן, — זאָג איך — בעסער פּייכטע ליילעכער איידער שמוציקע...

— אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא... — ענטפערט די באַלעבאָסטע, און וואַרפט מיר צו אויפן בעט אַ ליילעך.

— מיר אויך, — בעט מיין „אח לצרה״.

איך האָב אַראָפּגעשאַרט די שמאַטעס פון בעט און אויסגעשפּרייט די פייכטע ליילעך, אַריבערציענדיק זי איבערן נישט־זויבערן קישן. כ׳האָב בלויז אַראָפּגעוואָרפן דעם רעקל און זיך ווי עס איז צוגעשפּאַרט. אַזוי האָט אויך געטאָן דער אַקטיאָר. צוגעדעקט האָב איך זיך מיטן אייגענעם מאַנטל, ווייל דער צודעק פון בעט האָט מיר אויסגעוויזן פאַרדעכטיק...

אין צימער זענען געווען נאָך צוויי מענטשן צום שלאָפן. אין אַ ווינקל, אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַן אויסגעלייגטן פּאַק אייגענעם בעטגעוואַנט, איז געלעגן אַ „פּאַני״ פון וואַרשע. זי האָט אַפילו זיך געמיגלט צו לייגן איר בעטגעוואַנט אויפן בעטל, צו וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי... איר מאַן האָט זיך נאָך נישט געלייגט. ער איז געשטאַנען אַ האַלב־אַנטבלויזטער און זיך איינגעריבן דעם קערפּער מיט עפּעס אַ זאַלב קעגן פּאַראַזיטן...

— דאָס וועט אייך דען העלפן? — פרעג איך אים.

— איך ווייס דען? איך טו וואָס איך קען... איך שמיר זיך...

— אויב אַזוי — מישט זיך אַריין דער אַקטיאָר — מעג זיך איצט גאַנץ ביאַליסטאָק שמירן מיטן זאַלב...

— אייך לאַכט זיך... — זאָגט יענער פּאַרדראָסיק, — וואַרט, וואַרט יונגערמאַן. שלאָפט דאָ אַ פּאָר נעכט, אין דעם „האָטעל דע וואַנץ״, וועט איר אויפהערן צו זיין אַזאַ חכם...

— מילא, וועל איך טאָן וואָס אַלע טוען... וועל איך מיך אויך קראַצן...

— און איך, זעט איר, קען שוין נישט מער... — רעדט דער שמירער מיט אַן ערנסטן טאָן, — גענוג... איך לויף שוין צוריק...

— צוריק?! וווהין?

— קיין וואַרשע.

— טאַקע צוליב די לייז?...

— לאַכט, לאַכט! מיין פרוי איז געוואָרן אויס מענטש... אָט זעט, אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערט זי זיך...

דאָ האָט זיך אָפּגערופן די פרוי פון דער פּאָדלאָגע אין פּויליש:

— איך פאַרשילט דעם טאָג, וואָס כ׳בין אַרויס פון וואַרשע... אַזאַ שמוץ, אַזאַ חזירייי!

— איז גייט איר טאַקע צוריק? האָט איר גאָר קיין מורא נישט פאַרן דייטש?

— מילא, איין מאָל שטאַרבט מען... — רעדט ווייטער די פרוי. — וויפל ס׳איז באַשערט צו לעבן, וויל איך לעבן ווי אַ מענטש, נישט ווי אַ וואָרים אין מיסט... אין שמוץ, אין אָפּפאַל... בררררר!... ניע מאָגען וויענ־צעי... (איך קען נישט מער...).

— ווו האָט איר געוווינט אין וואַרשע?

— אויף מאַרשאַלקאָווסקע... געלאָזן דאָרט אַ געררומע וווינונג מיט פּרעכטיקע צימערן... מיט אַ טעראַסע... מיט אַ וואַנע־צימער... מיין גאָט, אַ וואַנע־צימער!... מיט אַ דוש... מיט שפּיגלען... מיט טעפּיכער אין די צימערן... מיט די פיינע „אַזשעכאָווע״ בעטן אין שלאָפצימער... אַך, ווען איך האָב איצט מיין בעט!...

איך הער זיך צו ווי זי רעדט, די וואַרשעווער „פּאַני״, און טראַכט: „ווי מענטשן זענען עס נאַאיוו: מ׳זעט אַלץ די היים, דאָס ווייסע בעט!״...

כ׳קוק אָן דאָס יונגע פּאָרפאָלק: נאָך יונגע מענטשן. זעט אויס, פאַרמעגלעכע. מען דערקענט עס אין דעם עלעגאַנטן בעטגעוואַנט אויף דער פּאָדלאָגע; אין די פיינע פרויען־קליידער, וואָס ליגן ביי דער זייט אויף אַ שטול; אין די פינקלדיקע שטיינער אויף אירע נאָך ווייסע פינ־גער...

— איז ווען־זשע פאָרט איר?

— טאַקע מאָרגן־איבערמאָרגן. מיר האָבן שוין אַ גוטן „פּשעוואָד־ניק״.

— דזיענקי באָגו! — רופט אויס די פרוי אַ צופרידענע. — כ׳וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן צו זיין אויף „יענער זייט״, כאָטש איין נאַכט אין מיין בעט...

דער מאַן האָט געענדיקט זיין שמירעריי מיטן זאַלב און זיך אויך ווי עס איז איינגעאָרדנט אינעם קופּע בעטגעוואַנט נעבן זיין פרוי.

מ׳האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט. כ׳בין לאַנג געלעגן אינעם חושך מיט אָפענע אויגן. ס׳האָט נישט גענומען קיין שלאָף. צו מיין קאָפּ האָט זיך געקלעפּט אַזוי אומבאַקוועם די נאָך פייכטע ליילעך. און אין קאָפּ, אין

מוח, האָבן זיך געפּלאָנטערט מחשבות וועגן היים, וועגן אַ ווייס בעט, וועגן זאָרגלאָזער מנוחה...

33

„מיין פּרעמירטער פּאָעט"

צומאָרגנס האָב איך אין שרייבער־הויז געטראָפן מיינעם אַ ליבלינג, דעם יונגן פּאָעט חיים סעמיאַטיצקי, און בין מיט אים אַוועק מעסטן די גאַסן.

סעמיאַטיצקי שטאַמט פון אַ שטעטל הינטער ביאַליסטאָק, פון טיק־טין. אַנטלויפנדיק פון וואַרשע, פון די דייטשן, איז ער אַוועק אַהיים, אין שטעטל אַריין, און דאָרטן זיצט ער כסדר.

— פאַרוואָס וויילט איר זיך אַזוי ווייניק אין ביאַליסטאָק? — פרעג איך אים.

— אין אַזעלכע צייטן איז „אשרי יושבי ביתך"...

— סטייטש? ציט אייך נישט צו דער שרייבער־משפּחה?

— יאָ, אמת, עס ציט טאַקע אַמאָל צו שרייבער; אָבער וואָלט עס געווען „טלאָמאַצקיע", וואָלט איך זיכער נישט געקענט איינזיצן אין שטעטל... איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב זיך געמוטשעט און געקלאָמערט אָן וואַרשע... מיט וואָס, זאָגט מיר, זאָל איך קומען אַהער? מיט מיינע לידער? פאַר „זיי" איז עס דאָך „רעאַקציע"...

חיים סעמיאַטיצקי איז געווען אַ סובטעלער, טיף־רעליגיעזער דיכ־טער. פון זיינע לידער האָט געווייעט מיט קאָסמישער שיינקייט, מיט דער הייליקייט פון תפילות. אין די בלויקייטן פון הימל און אין זון־פאַרגאַנג האָט ער געזען אויך גאָט...

— שרייבט איר נאָך, הייסט עס, אַלץ די זעלבע „רעאַקציאָנערע" לידער ווי אַמאָל, מיין פּרעמירטער פּאָעט?...

— אַלץ די זעלבע... אויף אַ האָר זיך נישט געביטן... „זיי" האָבן מיך מיט גאָרנישט אָנגערעגט איך זאָל זיך בייטן... איך זאָל פאַר „זיי" זינגען „הלל"... זאָלן עס אַנדערע טאָן, אויב זיי איז ניחא...

איך האָב סעמיאַטיצקין טיטולירט „מ יי ן פּרעמירטער פּאָעט", ווייל קורץ פאַר דעם מלחמה־אויסברוך — אין זומער 1939 — האָט דער

וואַרשעווער יידישער פּען־קלוב צוגעטיילט דריי פּאָעטן די פּרץ־פּרעמיע פּאַר דיכטונג. אין זשורי זענען געווען: יצחק קאַצענעלסאָן, ש. י. אימ־בער, זלמן רייזען, רחל קאָרן און דער שרייבער פון די שורות. און די דריי פּרעמירטע דיכטער זענען געווען: חיים סעמיאַטיצקי, יוסף רובינ־שטיין און אלחנן וואָגלער.

— איז וואָס־זשע טראַכט איר צו טאָן? בלייבן ווייטער פאַררוקט אינעם שטעטל?

— איך טראַכט וועגן אַריבערכאַפּן זיך קיין ווילנע, קיין ליטע. ס'איז דאָך נישט קיין תכלית צו זיצן דאָ ווי אַ בער ווינטער אין דער נאָרע. עס ווילט זיך דאָך אויסלעבן ווי אַ שרייבער. דאָ אָבער... אַ וועגעטאַציע...

— האָט איר עפּעס אָנגעשריבן נייע זאַכן לעצטנס?

— יאָ, איך האָב אַפילו די טעג אָנגעשריבן דריי לידער...

אַ מאָדנע טבע האָט ער געהאַט, אָט דער סעמיאַטיצקי: ער האָט זיך נישט נוהג געווען ווי אַלע שרייבער, זיך אַנידערצוזעצן ביי אַ שרייב־טיש און אָנשרייבן מיט טינט אויף פּאַפּיר; נאָר ער „שרייבט" עס נאָר אין קאָפּ... ער קען אָמאָל אַרומגיין מיט גאַנצע ציקלען נייע לידער טעג און וואָכן און זיי נישט פאַרשרייבן. וויפל איך פלעג אים דערפאַר נישט מוסרן אין וואַרשע נאָך — ער איז זיך נאָך אַלץ אַזוי נוהג.

אויך איצט אויף דער גאַס לייענט ער מיר פאַר זיינע לעצטע דריי לידער פון אויסנווייניק. אויפן פּאַפּיר האָט ער זיי נאָך נישט „איבערגע־שריבן" פון קאָפּ...

אויך די דאָזיקע לידער זענען פון זיין שטענדיקן זשאַנר: וועגן דער שכינה, וואָס באַהאַלט זיך הינטער פּרוכתן אין פאַריתומטע בתי תפילה... וועגן ווערבעס, באַטויטע מיט טרערן פון וויינענדיקע מלאכים... וכדומה.

לאַנג, לאַנג האָבן מיר אַזוי אַרומגעבלאָנקעט איבער די ביאַליסטאָ־קער גאַסן. מיר זענען אַזוי פאַרקראָכן ביז ערגעץ אין אַן עק שטאָט. פון דערווייטנס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שטיק פעלד אין שנייאיקער וויס־קייט. ביימער זענען געשטאַנען באַקיטלטע, ווי פאַרטיפטע אין מחשבות.

— קוקט אָן די ווייסקייט! — טוט אַ ווייז סעמיאַטיצקי, — גוט כאָטש, וואָס די נאַטור קען מען נישט ענדערן. קיין רעזשים איז נישט בכוח „גלייכצושאַלטן" גאָטס שיינקייט... די בלויקייט פון הימל...

אויף צוריקוועגס רעדט ער מיר צו:

— קומט, לאָמיר צוזאַמען זיך אַריבערכאַפּן קיין ווילנע. געהאַט אגב אַ בריוול פון נח פּרילוצקין. ער ראַט מיר צו קומען.

נח פּרילוצקי איז אגב געווען חיים סעמיאַטיצקיס ערשטער גייס־טיקער אפּוטרופּוס אין וואַרשע. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט סעמיאַטיצקין אַנטדעקט און מקרב געווען, געזאָרגט שטענדיק, אַז זיינע לידער זאָלן אָפּט געפינען פּלאַץ אין דער פריייטיקדיקער ליטעראַ־רישער זייט פון „מאָמענט", „מענטשן און ווערק".

נישט אומזיסט האָט סעמיאַטיצקין געצויגן קיין ווילנע.

ער האָט זיין פּלאַן אינגיכן אויסגעפירט. ער האָט זיך דערשלאָגן אין „ירושלים דליטא" *).

34

די „געפאַלענע טעמפּעראַטור"...

מיט אַ טאָג שפּעטער קום איך ווידער אַריין אין „דאָם פּיסאַטיעליאַ".

די שטימונג איז דאָ געוואָרן אַ קעלטערע. ווייניק מענטשן דאָ איצט געטראָפן. די פּנימער זענען עפּעס מאָדנע אָנגעכמורעט. ווער עס ליגט אויפן בעטל, ווער עס קוקט אַריין אין אַ בוך, צי אין אַ מאַנוסקריפּט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די מענטשן וואָלטן געווען אָנגעשטויסן, גע־טראָגן אַ האַרץ איינע אויף די אַנדערע. עס ווערט מיר אומהיימלעך פון דער „געפאַלענער טעמפּעראַטור" ביי די שרייבער...

איך כאַפּ אַ שמועס מיט משה זילבורגן. ער זעט אויס ערגער ווי תמיד. אין די קנייטשן פון זיין פּנים באַהאַלט זיך פאַרביטערטקייט. זיל־בורג איז בכלל אַ מענטש אַן אָנגעכמורעטער. איך געדענק אים פון יע־נער צייט, ווען ער איז קיין וואַרשע אָנגעקומען. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אַרבעטסלאָז און קיין האָניק האָט ער דאָן אין וואַרשע נישט גע־לעקט... די פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין האָט פון אים אָפּט אויס־געהערט זיינע תרעומות, זיינע פאַרביטערטע טענות.

*) שפּעטער, ביי די דייטשן, איז זיין אַפּוטרופּוס נח פּרילוצקי פאַרפייניקט גע־וואָרן אין די קעלערן פון דער „געשטאַפּאָ" און חיים סעמיאַטיצקי איז אומגעקומען, מסתמא, אויף פּאָנאַר...

— היתכן?! — פלעגט ער האַלטן אין איין טענהן — מען זאָרגט גאָרנישט פאַר די אַרבעטסלאָזע! מען זיצט אויף די פעטע פאָסטנס און מען קומט נאָר אין פאַראיין עסן גענדזנס...

שפּעטער, בעת עס האָט זיך געגרינדעט „אונדזער עקספּרעס" און זילבורג איז געוואָרן דאָרט אַ רעדאַקציע־מיטגליד, האָט ער זיך באַרו־איקט. איין טאָג, ביי מיטיק, אין בופעט פון פאַראיין, האָב איך אים שוין אויך געטראָפן זיצנדיק איבער אַ טעלער און אַרומנאַגנדיק אַ פולקע גענדזנס...

„גאָט צו דאַנקען!... — האָב איך בעת־מעשה געטראַכט — די אָפּאָזיציע האָט זיך איינגעשטילט"...

משה זילבורג איז אויף טלאָמאַצקיע געווען אַביסל „לינקיסטיש" גע־שטימט און מען האָט אים אָפּט פאַררעכנט צו דער לינקער שרייבער־גרופּע. דאָ בין איך געווען זיכער, אַז ער שפּילט די ערשטע פידל...

אָבער באַלד אין אָנהייב פון אונדזער שמועס באַמערק איך, אַז איך בין זיך טועה. עפּעס מורמלט ער אונטער. עפּעס איז ער ווידער נישט צופרידן... אמת, איצט איז עס נישט קעגן די „געגנדזלעך"... קיינער עסט דאָ איצט נישט קיין געגנדזלעך... אָבער דאָך איז ער אומצופרידן... עפּעס קוועלט אים, עפּעס באַפרידיקט אים נישט... ער קרעכצט נאָר אַרויס אָפּ־געהאַקטע ווערטער פון אָנגעזאַמלטן אינעווייניקסטן פאַרדרוס:

— עך... ווייס איך וואָס... נישטאָ וואָס צו מאַכן... מ׳קען זיך צו גאָרנישט דעררעדן...

איך ווייס נישט קלאָר וואָס ער מיינט, דער תמיד אומצופרידענער משה זילבורג. אָבער איך פיל, ווי עס פּייניקט אים. עס ווילט זיך אים אויסשיסן עפּעס אַ שאַרף וואָרט און — ער האַלט זיך איין... ער האַלט קאָפּ און באַהערשט זיך, נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט...

איך וויל אים נישט ציען ביי דער צונג. אַז אַ מענטש האָט מורא, זאָל ער מורא האָבן. עס שאַדט נישט, אַז מען איז פאָרזיכטיק אין אַזעל־כע צייטן...

— האָט איר כאָטש עפּעס אַ באַשעפטיקונג? — פרעג איך אים.

— ווער באַשעפטיקונג! וואָס באַשעפטיקונג! — רעדט ער אויפגע־רעגט. — מ׳קען דאָ עפּעס אויפטאָן? — טוט ער אַ ווייז צום שרייב־טיש אַרויף־צו ביי דער וואַנט, וווּ ס׳איז געזעסן די „נייע מאַכט" פון שריי־

בער־קלוב — די נייע באַאַמטין — אויפן אָרט פון באַזייטיקטן זישע באגיש, אין וועמען מען האָט געפונען עפּעס אַ „פּסול”...

עס ווייזט זיך זיין „צווייטע העלפט” — דאָס ווייב זיינע. — אַ פרוי מיט אינטעליגענץ. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט געגלאַנצט מיט איר אויסערלעכקייט. די שטענדיק שמאָלע, דאַרע פרוי, מיטן פאַרעלטערטן פּנים, איז נאָך שמעלער, דאַרער און זקנהשער געוואָרן. אינגאַנצן איינגע־שרומפּן געוואָרן ווי אַ „גרוגרת דר׳ צדוק”. און זי נעבעך איז געוועזן אַ „צושמעלץ” צו זילבורגס „געהרגעטן” הומאָר. אין דער אמתן: ווי קען שוין אַזאַ מענטש זיין אַ צופרידענער!...

איך ווער דאָ געוויר אַביסל „נייעס”: עטלעכע וואַרשעווער שריי־בער זענען שוין נישטאָ אין ביאַליסטאָק: דער „קלימאַט” איז דאָ געוואָרן שעדלעך... דאָס זענען ש. זאַראַמב, וואָלמאַן, טאַף און נאָך עטלעכע. פאַר זייער אייגענער זיכערקייט האָבן זיי זיך פאַררוקט אין דער פּראָווינץ, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן... אגב האָבן זיי עס געטאָן, ווייל אַזוי האָט מען „אָנגעוווּנקען”...

הלל מיימאָן — דער מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „הייַנטיקע נייעס” — איז פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרענעץ, ביים וועלן זיך אַרי־בערשמוגלען קיין ווילנע — און ער „זיצט” שוין ב״ה... ער האָט שוין נישט וואָס צו זאָרגן פאַר זיך — אַנדערע זאָרגן שוין פאַר אים...

אגב: מיט מיימאָנען איז פאַר דער צייט, וואָס איך האָב אים נישט געזען, געשען אַן אויסטערלישע דראַמאַטישע פאַסירונג: אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער דעפּרעסיע איז ער אַריין אין „אוביקאַציע” און האָט זיך אויפגעהאנגען. צופעליק איז אַהין אַריין דער שרייבער חיים לייב פוקס און האָט אים פון שטריק אַראָפּגענומען...

און נאָך אַזעלכע נייעסן פונעם זעלביקן זשאַנר...

— אין לעמבערג, — הער איך — לעבט זיך אונדזערע פּליטים־שרייבער אַביסל בעסער.

דאָס זאָג איך משה זילבורגן, מיט וועמען איך בין אַראָפּ אַביסל אויף דער גאַס.

— אפשר... — טוט זילבורג אַ מאַך מיט דער האַנט אַ רעזיגניר־טער. — איך האָב נישט קיין כוח צו שלעפּן זיך אויף די באַנען. אדרבה, ווייזט אַ קונץ און באַקומט זיך אַריין אין לעמבערגער צוג... דערצו נאָך

מיט „איר"... מיט דער פרוי... אַ קראַנקער מענטש, נעבעך... און איך אַליין... קכע־קכע־קכע...

דער הוסט רייסט אים איבער. זיין אָטעמע, זע איך, האָט שטאַרק אוואַנסירט. אַז ער פרוווט ווידער רעדן, פאַרקייכט ער זיך ווידער. זיין פנים ווערט רויט, אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער קען דעם אָטעם נישט כאַפּן. ער בלייבט אַלע ווײַלע שטיין און כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט. אַזוי שווער שטיקט עס אים אינעווייניק.

— גייט אפשר בעסער אַהיים... — ראָט איך אים.

— יאָ, גערעכט. כ'וועל צוריקגיין.

כ'האָב אים צובאַגלייט ביזן שרייבער־הויז און בין אַליין אַוועק אי־בער די גאַסן.

35

פּליטים קלאָגן...

געכאַפּט גייענדיק אַ בליק אין עטלעכע בתי־מדרשים — צו די פּלי־טים. אומעטום איז געפּאַקט. מען שטיקט זיך, מען וואַלגערט זיך אויף די שמוציקע פּאָדלאָגעס. חושכדיקע פּנימער... אין טראַנטעס, אין לאַכעס... קראַנקע ליגן אין היץ... מאַנסביל און ווייבער, זקנים און קינדער... אַן אמתער עמק הבכא!...

איך טרעף אין גאַס אַ סך באַקאַנטע פון וואַרשע. אַלע קלאָגן זיך. אַלע זענען פאַרצווייפלט: נישטאָ קיין פּרנסה, קיין לייב און לעבן. מ'לעבט אין ענגשאַפט, אין „ווינקלען", אין קאָרידאָרן. דער מין פּליטים איז גע־וואָרן אין ביאַליסטאָק פאַרמיאוסט. אפילו אַז אַ פּליט האָט געוווינט ביי אַ קרוב, האָט ער מיט דער צייט אויך געצומען פילן, אַז ער איז אַן אי־בעריקער... אַז ער פאַרנעמט שוין צו לאַנג אַ פּלאַץ אין דער דירה... אַז וויפל איז דער שיעור?... ווי לאַנג קען מען עס זיין אַ „גאַסט"?... אויף אַלע אופנים — דעליקאַטע און אָפּטמאָל אָן „צערעמאָניעס" — האָט מען דעם פּליט געגעבן צו פילן, אַז ער מוז סוף־כל־סוף ווערן „זעלבסטשטענ־דיק"...

אָט די דאָזיקע באַציאונג פון אייגענע, פון קרובים, האָט די פּליטים אַריינגעבראַכט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג: אין וואַרשע האָבן זיי

געלייגט אויף די קרובים די גרעסטע האָפענונג... וואָס שייך, מען האָט דאָך אָן אַדרעס, מען האָט דאָך וווהין צו לויפן, צו ראַטעווען זיך... אַ היימישע שטוב, היימישע מענטשן... און דאָ...

די ביאַליסטאָקער יידן ווידער האָבן געטענהט דאָס זייעריקע: ווי לאַנג קען מען זיך קווענקלען, זיך מאַכן ענג? ווי לאַנג קען מען עס דולדן די פרעמדע, די אָנגעלאָפענע, וואָס האָבן געמאַכט אַזוי ענג דאָס לעבן אין די באַשיידענע היימען?...

כאָטש די פליטים זענען נישט געזעסן ביי קיינעם אומזיסט, מען האָט געצאָלט פאַר אַ ווינקל, פאַר אַ בעט אין אַ קיך געזאַלצענע פרייזן, — פונדעסטוועגן האָט מען זיי שוין געוואָלט זען אויף דער אַנדער זייט טיר... טייל יידן האָבן זייער גאַנצע פאַרביטערונג אויסגעגאָסן צו די פליטים, גלייך ווי זיי וואָלטן כלומרשט שולדיק געווען אין די אַלע אָנשיקענישן און שווערקייטן, אין די אַלע צרות, וואָס זענען געקומען אויף דער שטאָט... טאָמער האָט פאַרפעלט צוקער אין שטאָט, האָט מען גע־טענהט, אַז די פליטים כאַפּן עס אויס דעם צוקער... טאָמער האָט מען געדאַרפט שטיין אין „אָטשערעד" נאָך ברויט — זענען אויך די פליטים שולדיק... אַ קלייניקייט, אַזוי פיל מענטשן צוגעקומען אין שטאָט, נו, פעלט אויס ברויט...

אַ פאַרביטערונג איז געווען ביי איטלעכן; יעדער איינער איז געווען אָנגעלאָדן מיט טענות און תרעומות, און יעדער איינער האָט געזוכט אַ קרבן אויף וועמען אויסצולאָדן דאָס האַרץ... באַרעכטיקט — נישט באַרעכטיקט, — אַבי אויסלאָדן זיך, אַבי זיך אַראָפּרעדן...

און אַזוי האָט מען זיך אין די ביאַליסטאָקער שטיבער „געוועריטלט"...

און אַזוי האָט זיך אומעטום געשאַפן אַ מין ביטול־באַציאונג צום פליט, און דער פליט האָט זיך דערפילט ווי אַן איבעריקער מענטש אין דער געזעלשאַפט... ווי אַ מענטש, וועלכער איז אַלעמען ווי אַ דאָרן אין אויג און פון וועלכן מען גאַרט לויז צו ווערן...

איז דען אַ חידוש, וואָס ביי אַזאַ געשאַפענער לאַגע ווילן די פליטים לויפן צוריק קיין וואַרשע? לויפן צוריק — פאַר יעדן פרייז, ביי דער גרעסטער סכנה! לויפן דורך נאַכט און דורך שניי, דורך קעלט און דורך פראָסט. מעג מען דערביי אָפפרירן הענט און פיס. מעג מען דערביי אַריינפאַלן אין תפיסה. מעג מען דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן — — —

איך דריי זיך אַזוי שעהען־לאַנג איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן און פּלעצער. שוין היינט געזען אַ וועלט באַקאַנטע. אַ סך ווערטן טאַקע אויף „געלעגנהייטן" צוריקצוגיין איבער דער גרענעץ. ווער עס וואַרט נאָר דער פּראָסט זאָל פּלאַצן; ווער עס וואַרט אויף אַ גוטן „פּשעוואָדניק"; ווער עס האַלט אין ליקווידירן געוויסע געשעפטן און — היידאַ אין וועג אַריין...

איך דערקען נישט די גאַסן. כמעט אַלע געשעפטן זענען שוין געשלאָסן, ליידיק, פאַרקלאַפּט, גלייך ווי נאָך אַ „ליציטאַציע"...

שאַ, אָט איז אַ פּיינער וואָרשט־געשעפט. אין שויפענצטער לאָקן מיין בליק פרישע, דיקע ווורשטן.

איך קום אַריין און בעט אַ האַלבן וואָרשט.

— נישטאָ, — ענטפערט מען מיר.

— סטייטש?! — שטעל איך אויס אַ פּאָר אויגן אויף דער פאַרקויפערין, — אין דער וויטרינע איז דאָך יאָ פאַראַן. איר האַלט עס אויף שפּעקולאַציע?...

— איר זענט זיך טועה, — שמייכלט זי. — קוקט זיך גוט צו.

— כ'פאַרשטיי נישט.

— קוקט זיך צו צו די ווורשטן, וועט איר פאַרשטיין...

איך קוק זיך אַרום אין געשעפט גופא — ליידיקע טישן. די בלעכן גלאַנצן ריין־אויסגעוואַשן, ווי אין די „ביין טעג" אין אַ יאַטקע אין אַ פאַרצייטיק פרום יידיש שטעטל...

די פאַרקויפערין גייט צו און טוט פאַר מיר אָן עפן אינעווייניק די שויפענצטער.

— ביטע, — זאָגט זי — איר קענט אַ טאַפּ טאָן אַ וואָרשט...

איך פאָלג איר. איך טו אַ טאַפּ אַ פעטן גלאַנציקן ווורשט — און שמייכל זיך אויף פאַנאַנדער.

ערשט איצט האָב איך דערזען מיין טעות: דאָס זענען נישט קיין אמתע ווורשטן, נאָר אימיטאַציעס... הילצערנע ווורשטן! טפוי זאָל עס ווערן!...

אַ פאַרשעמטער גיי איך אַרויס פון געשעפט.

איך קוק זיך איצט ווידער צו פון דרויסן צו די ווורשטן. ווי אויסגעצייכנט זיי זענען אימיטירט, די בוטאַפאָרן. ווי פריש, דוכט זיך, זיי

זעען אויס, מיטן געהעריקן טונקל־ברוינעם קאָליר, גלייך ווי דאָס פּעטס וואָלט עס פון זיי אַרויסגעשלאָגן...

לצים... אַ שיינעם קאַטאָוועס, כ׳לעבן, איבער דער הונגעריקער באַ־פעלקערונג!

איז עס נישט לועג לרש?...

36
אַ סיורפּריז

קורץ נאָך מיין צוריקקומען קיין גראָדנע פּאַסירט אַ נייעס — אַ סיורפּריז פאַר די פּליטים:

אין שטאָטישן „קאמפּאמביעזש״ (קאָמיטעט צו העלפן פּליטים) — אַן אָפיציעלער אַמט פון דער מאַכט — איז אַרויסגעהאנגען געוואָרן אַ מודעה, אַז עס איז געקומען צו אַ הסכם מיט דער דייטשישער מאַכט אין וואַרשע וועגן אַן אויסטויש פון פּליטים. ווער פון די פּליטים עס וויל זיך אומקערן אַהיים, דאַרף זיך רעגיסטרירן אין „קאמפּאמביעזש״, וועט ער קענען פאָרן לעגאַל אין אַ ספּעציעלן עשאַלאָן.

די דאָזיקע נייעס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. ביי די פּליטים האָט עס אַרויסגערופן די גרעסטע פרייד. זיי זע־נען ממש אויפגעלעבט געוואָרן. יעדער איינער איז געלאָפן אין „קאָמ־פּאָמביעזש״, כדי אַליין זיך איבערצוצייגן און לייענען די מודעה מיט די אייגענע אויגן. מענטשן האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער, גלייך ווי ס׳וואָלט פאַר זיי זיך פּלוצלונג אַן עפן געטאָן דאָס טירל פון אַ פאַרקראַטעוועטער שטייג... שוין, מען וועט שוין פאַרשפּאָרן לויפן דורך דער גרענעץ און איינשטעלן דאָס לעבן.

געווען אַפילו פּעסימיסטן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן אַביסל סקעפּ־טיש צום גאַנצן ענין.

— ווייס איך וואָס! — האָבן זיי געטענהט, — נישט די סאָוויעטן וועלן האָבן חשק די יידן אַרויסצולאָזן און נישט די דייטשן וועלן זיי וועלן אַריינלאָזן...

אָבער די דאָזיקע סקעפּטיקער זענען פאַרשריען געוואָרן פון דער גרויסער מאַסע ענטוזיאַסטן:

— אַן אָפּיציעלע מעלדונג!

— שוואַרץ אויף ווייס!

— די סאָוויעטישע מאַכט טרייבט נישט קיין קאַטאָוועס!

— מען שפּילט זיך נישט מיט מענטשלעכע לעבנס!

איז מען געלאָפן זיך רעגיסטרירן. עס האָבן זיך באַלד געשאַפן לאַנ־גע „אָטשערעדן״ ביי דער געביידע פון „קאָמפּאָמביעזש״. אָבער יידן זע־נען געשטאַנען, אָנגעלאָדן מיט אַ סך געדולד: אַ קלייניקייט, עס נעמט אַ סוף צום פּליטים־גלות!... מען ווערט פּטור פון אַלע פּורעניותן פון אַ „ביעזשעניעץ״!...

יעדער רעגיסטרירטער האָט באַקומען פון „קאָמפּאָמביעזש״ אַ ספּע־ציעלע „ספּראַווקע״, אַז פּלוני בן פּלוני האָט זיך רעגיסטרירט צוריקצו־פאָרן אין זיין היימשטאָט... דאָרטן און דאָרטן... אויף דעם דייטשישן געביט...

— ווען וועט מען קענען פאָרן? — האָט מען געפרעגט די באַאַמ־טע פון „קאָמפּאָמביעזש״.

— אינגיכן, אינגיכן. — איז געווען דער ענטפער.

מענטשן זענען ממש געווען פאַרשיכורט פון פרייד. ס׳האָט איטלע־כער געלאָזט גלייך וויסן אויף „יענער זייט״ צו משפחה, אַז שוין, מ׳איז שוין געהאָלפן געוואָרן... אַז מען קומט אינגיכן צו פאָרן אַן מאַכערס, אַן לעבן־איינשטעלעניש, נאָר פראַנק און פריי, מיט אַ צוג, ווי די פריי־צים... אין די געזעמלען, אין די קאַפעען, ווו עס קומען אַריין די „ביע־זשענצעס״, איז געוואָרן אַן אויפלעבונג. די פּנימער האָבן געשיינט. די שטענדיקע מרה־שחורה, וואָס איז אויף זיי געלעגן ווי אַ וואָלקן, איז פאַרשוווּנדן. מענטשן האָבן זיך געדריקט די הענט און זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב...

מיט איטלעכן טאָג איז דער געדראַנג פאַרן „קאָמפּאָמביעזש״ גע־וואָרן גרעסער. אין ביוראָ האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע ריי באַאַמטע ביי דער רעגיסטראַציע. דער מענטשן־שטראָם איז אַלץ געוואַקסן.

מ׳איז באַלד געוווּיר געוואָרן, אַז די זעלביקע רעגיסטראַצ־יע פאַר פּליטים קומט פאָר אומעטום, אין אַלע שטעט פון די פאַרנומענע מערב־געביטן: אין ביאַליסטאָק, אין לעמבערג, אין בריסק, אין סלאָנים, אין באַראַנאָוויטש אאַז״וו. אומעטום איז עס געוואָרן אַ מאַסן־דערשיינונג. אַפילו די צווייפלער, וועלכע האָבן זיך תמיד געשלאָגן מיט דער דעה:

„יאָ פאָרן, נישט פאָרן" — האָבן איצט, אין אָנבליק פון דער לעגאַלי־טעט, זיך אויפגעהערט צו וואַקלען און זיך תיכף דעצידירט אויף יאָ. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ניינציק פּראָצענט פון דער גאַנ־צער יידישער פּליטים־מאַסע — אין די הונדערטער טויזנטער! — האָבן זיך רעגיסטרירט צוריקצופאָרן.

געווען פאַלן, ווען אַ באַאַמטער אין „קאָמפּאַמביעזש" פלעגט אַ פרעג טאָן אַ פּליט:

— סטייטש, אַלע פאָרט איר צום דייטש?...

דער פּליט פלעגט די פראַגע אָראָפּשלינגען ווי אַ ביטערע פּיל. אַמאָל פלעגט ווער זיך פאַרענטפערן:

— כ'פאָר נישט צום דייטש — כ'פאָר צו מיין פאַמיליע... צו מיין פרוי און קינדער...

און אַזוי איז עס דאָך טאַקע באמת געווען.

דער גרעסטער טייל באַאַמטע האָט גראָד נישט געשטעלט קיין פראַגן, גלייך ווי זיי וואָלטן עס יאָ געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך: ווער נאָך ווי זיי ווייסן אין וואָס פאַר אַ טרויעריקן מצב עס לעבן די פּליטים?... קומען דאָך טאָג־טעגלעך צו זיי די פאַרוואָגלטע נפשות בעטן ברויט, בעטן אַרבעט, בעטן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

פאַר זיי, פאַר די באַאַמטע פון „קאָמפּאַמביעזש", איז מער ווי פאַר אַלעמען קלאָר געווען פאַרוואָס די פּליטים־יידן זענען גרייט צו לויפן אַפילו צום דייטש...

אויך איך האָב זיך נישט געוואַקלט און האָב זיך, גלייך ווי אַלע יידן, פאַרשריבן צום אַהיימפאָרן. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע, אַלע באַקאַנטע פון מיין פּליטים־קרייז אין גראָדנע. אַזוי האָבן אויך געטאָן כמעט אַלע פּליטים אין די אַלע אַנדערע שטעט.

די פרוי קיפּניס האָט טריאומפירט. איר שמחה איז געווען אין לשער.

— היינט שטעל איך פאָרן גאַנצן טישל טיי מיט „טשאַסטקעס"...

— האָט זי אַ פאַרשיכורטע געמאַכט אַ זשעסט אין דעם קליינעם קאָפּע ביי דער אָזשעשקאָווע־גאַס.

— ווער איז צו מיר גלייך? סוף־כל־סוף — האָט זי אין איר שכרות געזאָגט, — וועל איך קענען פאָרן ווי אַ פריצהטע קיין וואַרשע... „דאַ מאָיעי אוקאָכאַנעי וואַרשאַווי"... (צו מיין געליבטער וואַרשע...).

אַזוי האָט זי פאַטעטיש פאַרענדיקט אין פויליש...

עס האָבן אונדז מקנא געווען אַ סך, אַ סך היגע יידן, נישט קיין פּליטים, וועלכע קענען זיך דאָך נישט רעגיסטרירן.

— ווען איך קען ווערן אַ פּליט! — זאָגט מיר דוד בערעזאָווסקי, — וואָלט איך אויך געלאָפן אַפילו ווו פעפער וואַקסט...

און דער ד״ר בריזמאַן, וועלכער איז אין גרונט אַ וואַרשעווער, אָבער ווױנט שוין זיבט יאָרן אין גראָדנע, באַקלאָגט זיך:

— אַ שאָד, אַ שאָד! כ׳בין דאָך אַ וואַרשעווער... ווען איך קען זיך איצט אַריינכאַפּן אין מיין וואַרשע!...

נישט צופרידן זענען נאָר געווען מיינע נאָענטע: מיין מוטער, מיין שוועסטער. זיי האָבן געוואָלט איך זאָל זיין מיט זיי, איך זאָל נישט ווערן פון זיי אָפּגעריסן. איז דאָך איצט וואַרשע געוואָרן אַזוי ווייט, אַזוי ווייט... ווי אין מרחקים... און דערצו ווער ווייסט... ווער ווייסט, וואָס עס קען אַלץ ווערן אויף דער וועלט? — — —

אָבער איך האָב זיי נישט געקענט נאָכגעבן: פון איין זייט האָב איך פאַרלוירן יעטוועדן אינטערעס צו בלייבן דאָ — אַזוי ליידיק איז פאַר מיר דאָ אַלץ געוואָרן... און פון דער אַנדער זייט: די נאָסטאַלגיע! די גרויסע נאָסטאַלגיע נאָך דער וואַרשעווער היימישער סביבה מיט די אייגענע ד׳ אמות... ווי האָט געזאָגט די קיפּניסאָווע: „דאָ מאָיעי אוקאָכאַנעי וואַרשאַווי״...

אַחוץ דעם האָט שוין אויך אָנגעהויבן צו ליידן מיין עמפּינדלעכקייט — און אפשר היפּער־עמפּינדלעכקייט... — וואָס שייך מיינע גאַסט־געבער, מיין פּלימעניק און זיין פרוי. „ווער ווייסט — האָט זיך געטראַכט — אפשר בין איך זיי שוין צו־לאַסט?... אפשר קוקן זיי שוין אויך אויף מיר מיט אַ געוויסן אומווילן ווי אויף אַ „ביעזשעניעץ״?... אָט אַזוי ווי עס קוקן אַלע היגע אויף אונדזערע אָנגעלאָפענע פּליטים, וואָס מאַכן ענג אין שטאָט... וואָס מאַכן ענג אין די דירות... סוף־כל־סוף פאַרמאָגט דאָך מיין פּלימעניק נאָר אַ באַשיידענע וווינונג, נאָר צוויי צימערן. היינט ווי קען איך פאַרנעמען איינס פון זיי אַזוי לאַנג? אָן אַ טערמין, אָן אַ „מעטע״?... מען ווייסט דאָך נישט ווי לאַנג עס קען נאָך אַזוי דויערן די מלחמה... מיין פּליטים־לעבן... אפשר חדשים... אפשר יאָרן״...

כאָטש נישט מיין פּלימעניק, נישט זיין פרוי האָבן מיר געגעבן אָנצוהערעניש; אָבער דוכטן דוכט זיך מיר אַמאָל, אַז אין מחשבה רעגט עס זיי זיכער... און איך באַשולדיק זיי אויך נישט: פאַרוואָס זאָלן זיי

טאַקע צוליב מיר זיך דאַרפֿן קוועלן? בפרט אַז זיי זענען מיט אַ קליין קינד, וואָס מוז צוליב מיר שלאָפֿן בײַנאַכט מיט זיי אין איין צימער. ווען איך וואָלט נישט געווען, וואָלט דאָס קינד געשלאָפֿן מיט דער ניאַניע אין אײגענעם צימער, וואָס איך פֿאַרנעם...

אַן עוולה פֿון מײַן זײַט, אַ גרויסע עוולה... אָבער די עוולה האָב איך נישט געקענט די גאַנצע צײַט פֿאַרריכטן; עס האָט מיר פּשוט נישט געקלעקט מײַן פֿאַרדינסט אויף צו קענען דינגען זיך ערגעץ אַנדערש אַ צימער. אַפֿילו אויף מײַן באַשיידענער אויסהאַלטונג — אַ חוץ דירה — קלעקט דאָך מיר אויך נישט און איך מוז אָנקומען צו געלט־טראַנספּערן פֿון וואַרשע, וואָס מײַן פֿרוי אַראַנזשירט...

דעריבער, אַז איך הער מײַנע פּלימעניקעס זיך סודן אַמאָל, דוכט זיך מיר אויס, אַז דאָס רעדן זיי וועגן מיר...

די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב יאָ געטאָן, איז מײַן אָפּגעהיטקייט נישט אָנצורירן זייערס אויף קיין גראָשן. כ׳פֿלעג אויסמײַדן צו געניסן אין שטוב אַפֿילו אַ גלאָז טיי...

— איר באַיקאָטירט אונדז!... — פֿרעגט מיך איין מאָל דעם פּלימעניקס פֿרוי.

— ניין, איך דאַנק... איך בין נישט דורשטיק...

און אַזוי האָב איך די שטוב־מענטשן צוגעווינט, אַז איך בין אין שטוב נאָר אַ קוואַרטיראַנט, אָן שום אַנדערע „פּריווילעגיעס"...

אין מײַן פֿרייד, וואָס איך ווער לסוף אויס פּליט, איז אויך געווען אַ היפּשע דאָזע באַפֿרידיקונג, וואָס איך וועל אויפֿהערן צו זײַן אַ לאַסט פֿאַר מײַן פּלימעניק און זײַן פֿרוי...

37

איך צי „קאָנסעקווענצן"

נאָך מײַן רעגיסטראַציע האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, געדאַרפֿט „ציען קאָנסעקווענצן": באַפֿרייען זיך פֿון „יידישן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו".

נאָך אַ קורצער רעפּליק מיטן דירעקטאָר טשערניאַווסקי האָב איך באַקומען זײַן הסכּם. ער האָט מיך, אמת, געפּרוווט איבערצייגן איך זאָל עס נישט טאָן; איך זאָל חרטה האָבן אויף מײַן רעגיסטראַציע און אַרויס־

נעמען אַ פּאַס, ווייל — האָט ער געזאָגט — עס קאָן ברענגען צו „ביע־
פּריאַטנאָסטן" (אומאַנגענעמלעכקייטן)...

וואָס ער האָט געמיינט מיט זיינע „ניעפּריאַטנאָסטן" האָב איך נישט פאַרשטאַנען און האָב אים נישט איבערגעפרעגט. (שפּעטער האָב איך שוין גוט פאַרשטאַנען דעם טייטש דערפון...).

איך האָב טשערניאַווסקיס עצה נישט געפאָלגט און בין אַרויס פון דער טרופּע.

אין דער טרופּע האָבן זיך אויך עטלעכע אַקטיאָרן רעגיסטרירט צו־ריקצופאָרן, ווי אברהם וואָלפשטאַט, מרדכי הילסבערג און נאָך אַ פּאָר. יענע האָבן עס אָפּגעטאָן בשתיקה און דערווייל ווייטער געאַרבעט אינעם אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו. איך האָב נישט געוואָלט אַזוי האַנדלען. כ׳האָב גע־וואָלט זיין פולשטענדיק פריי, „אזשור", גרייט צו דער נסיעה... עס האָבן אַלע געמיינט לכתחילה, אַז דאָס וועט געשען גאָר גיך, אין משך פון אַ פּאָר וואָכן.

כ׳בין געוויר געוואָרן, אַז אין ביאַליסטאָק האָבן זיך אויך אַ ריי שרייבער־פּליטים רעגיסטרירט אויף צוריקצופאָרן קיין וואַרשע: לעאָ פינקלשטיין, משה גראָסמאַן, יחיאל האָפער, א. פּטאַשקין, י. טראַנק, ב. קוטשער, צ. זאַקאַליק און אַנדערע. דאָס זעלבע אַ ריי אַקטיאָרן, ווי: דוד לעדערמאַן, זישע קאַץ און אַנדערע.

לגבי דער קליינער מינדערהייט פּליטים, וועלכע האָבן אַרויסגענומען סאָוויעטישע פּעסער צום בלייבן, זענען מיר, רעגיסטרירטע צום פאָרן, דערווייל געווען „פּריווילעגירט": יענע האָבן באַקומען אין זייערע פּע־סער אַ „פּאַראַגראַף" — אַ מין מינדערווערטיקייט־צייכן... — צוליב וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטעט אויפן גרענעץ־פּאַס. און היות ווי גראָדנע איז דאָך געווען נאָענט סיי פון דער פריי׳קסישער גרענעץ, סיי פון דער ליטווישער, האָבן זיי דעריבער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. זיי האָבן געמוזט פאָרן קיין וואָלקאָוויסק, סלאָנים, באַראַנאָוויטש און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווייטער פון דער גרענעץ. אויך ביאַליסטאָק איז געווען איינגעשלאָסן אינעם גרענעץ־פּאַס — און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ נייע וואַנדערונג פון די פּליטים, וואָס האָבן זיך נישט רעגיס־טרירט צום פאָרן. די נייע גזירה האָט זיי שווער געטראָפן. די מענטשן זענען שוין געווען אַזוי דערשלאָגן, אויסגעפּייניקט פונעם נע־ונד — און דאָ אַ נייע צרה! פאַררוק זיך אין דער פּראָווינץ, וווּ ס׳איז בכלל נישט

געוועזן וואָס צו טאָן — סיידן ציילן ביינאַכט די שטערן אויפֿן הימל... אַ סך פֿון די, וואָס האָבן אַרויסגענומען פּעסער מיט „פּאַראַגראַפֿן", האָבן זיך ממש געריסן די האָר פֿון קאָפּ, וואָס זיי האָבן נישט געטאָן וואָס די גרויסע מאַסע פּליטים האָט געטאָן — זיך רעגיסטרירט צו פֿאָרן אהיים... זיי וואָלטן דאָך איצט אויך געוועזן פּטור פֿון דער נייער וואַנדערונג איבער די שטעטלעך...

די פּליטים מיט די „ספּראַווקעס" פֿון „קאָמפּאָמביעזש", אַז מ'איז רעגיסטרירט צום פֿאָרן, האָבן יאָ געמעגט בלייבן אין די אַלע שטעט פֿון גרענעץ־פּאַס — אין גראָדנע, ביאַליסטאָק, בריסק אאַז"וו — און זיי האָבן „טריאומפֿירט"...

— מיר האָבן געטאָן ווי חכמים... — האָבן זיי זיך באַרימט.

עס האָט געהייסן: סיי ווי סיי פֿאָרן זיי דאָך אינגיכן אַוועק — מעגן זיי דערווייל בלייבן אויף די ערטער.

די פּליטים האָבן געוואַרט. געוואַרט אויפֿן עשאַלאָן. געוואַרט אַ וואָך, און צוויי, און דריי. קיין ידיעה וועגן פֿאָרן איז נישט געקומען.

דער פּליטים־עולם איז געוואָרן נערוועזער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן צו דער געמישטער סאָוויעטיש־דייטשישער קאָמיסיע, וואָס איז געזעסן אין בריסק ביים בוג — וואָס איז געווען די גרענעץ צווישןביידע אָקופּאַציע־געביטן. אָבער פֿון בריסק האָט קיינער קיין קאָנקרעטע נייעס נישט געבראַכט.

— אינגיכן! — איז געווען דער ענטפֿער אין בריסק. — דער „קאָמפּאָמביעזש" אויף די ערטער וועט שוין צוויסן געבן.

— אָבער צי איז טאַקע פֿאַראַן אין בריסק אַ געמישטע קאָמיסיע?...

— האָבן אַנדערע געפֿרעגט סקעפּטיש ביי אַ געקומענעם פֿון בריסק.

— פֿאַראַן, פֿאַראַן! — האָט יענער פֿאַרזיכערט. — אַזעלכע אַפּי־קורסים זענט איר?...

— איר זענט דאָרט אַליין געוועזן?... מיט זיי גערעדט?...

— אַליין געוועזן... אַליין גערעדט...

— ממש?...

— ממש! ממש!... אויב איר גלויבט נישט, פֿאָרט אַליין אַהין...

די צייט האָט זיך דערווייל געגרוקט און דער „קאָמפּאָמביעזש" האָט געשוויגן. דאָס לויפֿעניש פֿון פּליטים קיין בריסק איז געוואָרן אָפּטער. ס'האָט איטלעכער זיך געוואָלט איבערצייגן מיט זיינע אייגענע אויגן,

רעדן מיט די מענטשן פון דער קאָמיסיע, פרעגן, געוויר ווערן. אויב עס איז שוין יאָ דאָ אַ קאָמיסיע, טאָ פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? פאַר־וואָס הערט מען נישט און מען זעט נישט? פאַרוואָס נעמט עס קיין סוף נישט?

אָבער אַלע פּליטים פלעגן צוריקקומען מיטן זעלבן: מען מוז וואַרטן אויף די ערטער אויף אַ מעלדונג פון „קאָמפּאָמביעזש“.

די אַלע רעגיסטרירטע צום פאָרן זענען געבליבן נישט אַהין — נישט אַהער. אַרויס פון די רעלסן! די וויניקע, וואָס האָבן פריער ביי עפּעס געאַרבעט, דרייען זיך איצט אום שלינג און שלאַנג, געפינען זיך קיין אָרט נישט, זענען שוין נישט קיין היגע; אָבער מוזן זיך דאָ נאָך וואַלגערן — אַקוראַט ווי פּאַסאַזשירן אויף אַ פרעמדער סטאַציע, ווו זיי וואַרטן לאַנג אויפן וואָקזאַל צוליב אַ באַן־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט טאַרמאַזירט אויף לאַנג די באַוועגונג אויף דער נייטיקער ליניע...

פון די היימען אויף „יענער זייט“ קומען שוין אָן בריוולעך צו די פּליטים מיט באַגריסונגען און ווינטשערייען: מען איז דאָרט גליקלעך צו־ליב דער גוטער בשורה וועגן עשאַלאָן...

אומעטום וואַרט מען. מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף די אַלע, וואָס זענען אַוועק, וואָס האָבן פאַרלאָזט די היימען...

טייל בריוולעך פון „יענער זייט“ פאַרהוילן נישט דעם אמת... זיי דערציילן — ווער אָפּן, ווער פאַרשטעלט, דורך רמזים — אַז אין וואַרשע איז נישט אַזוי פריילעך ביי יידן... אַז די „עמלקים“ טוען אָן אָפּט גע־ברענטע צרות... אָבער כמעט אין די אַלע בריוו איז פאַראַן אַ רוף: „קערט זיך אום! לאָמיר זיין צוזאַמען! צו וואָס זיך פלאָגן באַזונדער? אין נע־ונד?... מ׳וועט ווי עס איז איבערלעבן די „עמלקים“...“

38

ווען דער ניעמאַן האָט זיך צעגאָסן...

ס׳איז געקומען דער פרילינג.

דער הימל איבער דער שטאָט האָט זיך צעבלויט און די זון צע־שמייכלט. די שנייען, די שפּעדיקע שנייען פון היינטיקן שווערן ווינטער, זענען צעשמאָלצן געוואָרן אונטער די וואַרעמע זון־שטראַלן. דורך אַלע

רינעס און ריטשקעלעך האָט עס געשטראָמט. אַלץ האָט זיך צעגאָסן אין מוטנעם וואַסער און זיך געצויגן אַראָפּ, דורך די באַרג־אַראָפּיקע גאַסן צו קאַלאָזשע, צום ניעמאַן. דער ניעמאַן מיט די צוגעקומענע וואַסערן איז געוואָרן האַסטיקער, שטראָמיקער און האָט זיך געטראָגן מיט פרישן פריי־לינגדיקן אימפּעט צווישן די גרינע בערגיקע ברעגעס. די פרעמדע, די אויסגעוואָרצלטע יידן, האָבן אין די דאָזיקע טעג זיך אומגעדרייט ווי אין אַן עולם התוהו. אין נשמה האָט זיך צעגליט אַ ווילדע בענקשאַפט, אַן אומגעשטילטער אומרו. עס האָט די וואַרשעווער געצויגן צו די היימישע ברעגעס... צו דער ווייסל... זיי האָבן געקוקט אויפן ניעמאַן און געזען די ווייסל... זיי זענען אומגעקראָכן ביי די ניעמאַן־ברעגעס, איבערן גע־בערגלטן קאַלאָזשע, אויף די וועגן צו לאָסאָסנע און פּישקי — און גע־בענקט האָבן זיי נאָך דער „אָטוואָצקער ליניע"... נאָך די רחבותדיקע, דופטיקע סאָסנע־וועלדער, וואָס באַדעקן די העלע טרוקענע זאַמדן... פאַר די אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט באַקאַנטע ערטער — ערטער טיף איינ־געבאַקענע אינעם האַרצן פון יעטוועדן וואַרשעווער: מיעדזעשין... פאַ־לעניצע... מיכאַלין... יוזעפאָוו... שווידער... די היימישע ליבע ערטער, וווּ מ'האָט די זומערס פאַרבראַכט... צוזאַמען מיט היימישע... מיט נאָענטע...

אַן אומגעשטילטע בענקעניש איז עס געווען...

האָבן זיך אַפילו איצט, נאָך דער רעגיסטראַציע, געפונען יחידים, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן צוגעזאָגטן עשאַלאָן — אין וועלכן זיי האָבן אויפגעהערט צו גלייבן — און געפּרוווט גליק אַליין, נישט לעגאַל, מיט געניטע „פּשעוואָדניקעס". עפּעס האָט מען געפונען אַ „נייעם וועג", דורך וואַנען צו שמוגלען די גרענעץ, ביי עפּעס אַ דערפל, אין קליינע שיפלעך, דורך אַ פרילינגדיק־צעגאָסענעם טייך. אָבער זעלטן ווען עס איז דאָרט געלונגען זיך אַריבערצוכאַפּן אויף „יענער זייט". כמעט אַלע פּרוון זענען דורכגעפאַלן און די מענטשן זענען אַריינגעפאַלן הינטער קראַטן...

אויך מיין פאַמיליע אין וואַרשע האָט שוין געוווּסט, אַז איך קום. אַט־אַט... נאָך אַ וואָך... נאָך אַ וואָך... מ'האָט מיך אָפּגעוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג. אין איטלעכן בריוו האָט מיך די פרוי געפרעגט ווען איך קום שוין מיט מזל... זי האָט מיר אַלץ דערמאָנט, איך זאָל נישט פאַרשלאָפן דעם מאָמענט, איך זאָל למען השם זיין פון די ערשטע...

אין מיין פאַמיליע אין וואַרשע וואַרט מען אויף דעם טאָג; אָבער דער טאָג קומט נישט...

אַזוי איז דערווייל אָנגעקומען דער פסח... דער פריילעכער יידישער פרילינגס־יום־טוב, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיל פרייד אין די יידישע היימען... אָבער דער הייַנטיקער פסח איז פאַר מיר געווען אַן אומעטיקער, אָן פרייד...

געזעסן אין די סדר־נעכט ביי מיין אָרעמער מאַמען, ביי איר אָרע־מען טיש. געווען אויך די שוועסטער די אלמנה. ביידע — מאַמע און טאָכטער — ווייסן שוין לאַנג נישט פון משפחה־פרייד... שוין לאַנג נישט געזעסן מיט זיי ביי אַ סדר־טיש... עס דערמאָנט מיר מיין קינדהייט אין שטעטל... אַ טריבע, אָרעמע קינדהייט... אָבער דאָך, דערמאָן איך זיך, אין די פסח־נעכט איז אַמאָל געווען פרייד, מלכותדיקע פרייד... — כאָטש נאָך אַ שווערן, לאַנגן יאָר פון וויסטער אָרעמקייט... דער טאַטע אין קיטל אויפן הסבה־בעט האָט אויסגעזען ווי אַ מלך... די אָנגעצונדענע ליכט אויפן טיש האָבן געשפרייט אינעם שטיבל אַ נשמה־יתירהדיקע ליכ־טיקייט. אַ יום־טובדיקע פייערלעכקייט... דעם טאַטנס ניגון פון דער הגדה האָט געקלונגען פייערלעך... און איך — דער בן־יחיד — האָב געפרעגט מיט ציטער די לאַנג־איינגעחזרטע פיר קשיות: „מה נשתנה הלילה הזה?“...

איצט זיץ איך אויך מיט די היימישע ביים סדר־טיש. עס פעלט נאָר דער טאַטע. דער טאַטע ליגט שוין פון לאַנג אויפן „פערשטאָטער“ בית־עולם אונטער אַ בערגל... און עס פעלט זיין ניגון... זיין אָרט איז ליי־דיק... איך זאָג די הגדה מיטן טאַטנס ניגון... איך פיל זיך אַריין אין זיינע אַלע „דריידלעך“ און קנייטשן פון די מעלאָדיעס...

אָבער איך קען דעם טרויער נישט פאַרזינגען... אַן עלנט פילט זיך ביים סדר־טיש...

הייַנטיקער סדר איז אַנדערש ווי אַמאָל אין דער קינדהייט... אַנ־דערש ווי אַלע יאָר און אַנדערש ווי פאַראַיאָרן... אַנדערש... אַנדערש...

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות — — —

דורכן איינציקן פענצטער פון מיין מאַמעס קליינעם אָרעמען שטיבל האָט אַריינגעקוקט אַ בלינדע נאַכט...

39

„איך האָב מיך אַריינגעדרייט“...

ווי אַן אויסגעוואָרצלטער, ווי אַ מענטש אָן אַ היים, בלאָנקע איך אום איבער אַ פרעמד געוואָרענער וועלט. איך געפין קיין אָרט נישט. אַן אומרו יאָגט, טרייבט. די שטאָט, די יידישע שטאָט, די עיר ואם בישראל, דאָס אַלטע הורדנה און דאָס נייע גראָדנע, האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן אַמאָליקן חן... דעם גאַנצן אינהאַלט, וואָס די שטאָט האָט ערשט נישט לאַנג פאַרמאָגט...

ווי שנעל אַ שטאָט קען זיך ענדערן! אַזוי ענדערט זיך אויך אַ מענטש, וואָס פאַלט אַריין פלוצלונג אין אַ שווערע קראַנקייט... די באַקן ווערן בלאַס, די אויגן אויסגעלאָשן, אָן לעבן, אָן לוסט... אַזוי האָט איצט אויסגעזען גראָדנע: אָן לעבן, אָן לוסט...

דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך שוין אין גראָדנע אויסגעשפילט — שוין עטלעכע פיעסן געשטעלט — און פאָרט איצט כסדר אויף גאַסט־ראָלן אין דער פּראָווינץ. אין גראָדנע הערט מען שוין לחלוטין מער נישט קיין עפנטלעך יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד. די פוסטקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַלע יידישע הייזער און פון אומעטום ווייעט עס מיט אומהיימלעכקייט. די איינציקע זאָרג אין יעדער שטוב איז יעדן טאָג גע־ווען — איינצושאַפן זיך פּראָדוקטן, ווי אַזוי דעם מאָגן איינצושטילן... און דאָס איז שוין נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט... וואָס ווייטער, איז דער מאַנגל אין שטאָט אויף פּראָדוקטן געוואָרן אַלץ מער פילבאַר...

און ס'איז נישט קיין חידוש, וואָס איך האָב שוין געציילט די טעג און די וואָכן, ווען כ'וועל שוין פון דאַנען לסוף קענען אַוועקפאָרן... איך — אַזוי ווי אַלע פליטים... ווי אַלע פון יענער זייט... די הונדערטער, די טויזנטער, די צענער טויזנטער... ס'האָבן אַלע, אַלע אויפגעהערט לחלו־טין צו טראַכטן און איבערטראַכטן וואָס עס טוט זיך איצט אויף „יענער זייט“ — זאָל זיין וואָס עס וויל!... „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט ר' ישראל“... — אַזוי האָט מען זיך אויסגעטייטשט. אַזוי האָט מען זיך געמאַכט דעם חשבון...

אָבער פאַרוואָס קומט ער נאָך אַלץ נישט, יענער טאָג, ווען מען וועט

זיך קענען געזעגענען מיט דער אומעטיק־געוואָרענער שטאָט און מיט דער היימלאָזיקייט?...

בלאָנקע איך אַרום ווי אַן איבעריקער איבער די גראָדנער גאַסן און געסלעך. פאַרקלינגען פון מיליטער־לייט — און אַמאָל אויך פון ציווילע — שוין אַלט־באַקאַנטע סאָוויעטישע לידער, וואָס ווערן אומעטום און כסדר איבערגעחזרט:

קאַגדאַ נאַס וו׳באָי פּאָשליאָט טאָוואַרישטש סטאַלין...

אָדער:

טרי טאַנקיסטאַ,
טרי וויעסיאָליך דרוגאַ...

מיליטער־לייט זינגען עס מאַרשירנדיק, ראַטעסווייז; ציווילע — ברומען אונטער אָדער פייפן עס אויס גייענדיק.

די דאָזיקע לידער באַהערשן די גאַס. מען הערט נישט קיין אַנדערע. פאַרשטומט די לידער, די אַלע מעלאָדיעס פון אַמאָל... גלייך ווי די נייע צייט וואָלט אַלץ אָפּגעהאַקט, איבערגעריסן... גלייך ווי קיין אַנדערע מע־לאָדיעס וואָלטן דאָ גאָר קיינמאָל נישט געווען, נישט פאַרקלונגען...

בלאָנקע איך אָפט הינטער דער שטאָט. זוך איך באַרואיקונג, אַביסל פאַרגעסנקייט ביי די ניעמאַן־ברעגעס, אויף די פּרעכטיקע גרינע וועגן צו לאָסאָסנע און פּישקי. אַמאָל באַרואיקט עס מיך טאַקע אַביסל; אַמאָל ווי־דער ווערט די בענקשאַפט צום לעבן נאָך מער צעגליט. געפין איך דעמאָלט גאָר קיין אָרט נישט אינעם גרויסן אומרו, וואָס נעמט מיך אַרום און באַ־וועלטיקט.

אַמאָל מאַך איך אַזעלכע שפּאַצירן נישט אַליין: עס ווילט זיך אַנט־לויפן פונעם גרויסן עלנט. מיין באַגלייטערין איז דאַן די טאָכטער פון מאָריס ליאַמפּעס באַלעבאָסטע. אַ טיפּ פון אַ באַלעבאַטיש, אָבער חנוודיק מיידל — כאָטש שוין נישט אַזוי יונג. איר מאַמע האַלט אין איין זוכן פאַר איר חתנים... די ערשטע צייט, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן אַריינקומען צו ליאַמפּען, פלעגט זי אויף מיר קוקן מיט אַ פרעג־צייכן: אפשר?... אפשר וואָלט איך געקענט זיין אַ קאַנדידאַט פאַר איר טאָכטער?... שפּעטער, אַז זי איז געוווּיר געוואָרן פון איר טאָכטער, אַז כ׳בין אַ פאַמיליע־מענטש, האָט זי מיר אויפגעהערט שענקען אויפמערקזאַמקייט. אדרבה, זי פלעגט גאָר זיין נישט צופרידן, וואָס די טאָכטער רעדט מיט מיר — לויט איר איינ־

זען — שוין צופיל... איצט, ערב מיין אַוועקפאָרן, אַז איך אַרבעט שוין נישט, האָב איך דאָך מער פרייע צייט — קום איך נאָך אָפטער אַהין אַריין; קומט מיר נאָך אָפטער אויס צו שמועסן מיט דער טאָכטער פון ליאַמפּעס באַלעבאָסטע.

ליאַמפּען טרעף איך לעצטנס ווייניקער — צוליב זיין אַרומפאָרן מיט דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ. אין זיינע רו־טעג אין גראָדנע — צווישן איין רייזע און דער אַנדערער — כאַפּ איך מיט אים אָפּט אַ שמועס. ער האָט זיך אויך פאַר דער לעצטער צייט געביטן. איז תמיד דע־נערווירט, אין שלעכטער שטימונג. ער פאַרטרויט זיך פאַר מיר, אַז ער וואָלט גערן פון דאַנען אַוועקגעפאָרן... אויף „יענער זייט"... אָבער נישט קיין וואַרשע, נישט אין דייטשישן געביט, נאָר קיין ווילנע ציט עס אים. אין ווילנע איז דעמאָלט געווען די שוישפּילערין שושנה מיט איר מאַן, דעם שרייבער לאַזאַר קאַהאַן. און שושנה — ווי אַ נאָענטער מענטש — האָט ליאַמפּען געשריבן, ער זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און קומען קיין ווילנע; אַז עס זענען פאַראַן מעגלעכקייטן זיך אַרויסצורייסן פון דאָרט אין דער ברייטער וועלט... פאַר ליאַמפּען איז עס אָבער געווען אַ צו קאָמפּליציר־טער ענין: אַן אָנפירער פון אַ טרופּע! ער וואָלט צופיל איינגעשטעלט... עפּעס אַנדערש איז, ווען עמיצער אַנדערש, סתם אַן אַקטיאָר, אַ שטייגער, ווערט „אַ האַז"... דאָס זעלבע אויך מיין אַוועקגיין פון אַנסאַמבל. דאָס וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן. ער אָבער, ליאַמפּע — ער קען עס נישט און טאָר עס נישט. טאָמער, חלילה, כאַפּט מען אים ביי דער גרע־נעץ, וועט עס אים זיכער קאָסטן צו טייער...

אויף איינעם אַזאַ בריוו פון „יענער זייט", פון אַ געוויסן טעאַטער־דירעקטאָר, האָט ליאַמפּע געענטפערט מיט עטלעכע שורות נאָטן — אָן טעקסט — פון אַ באַקאַנטן טעאַטער־קופּלעט:

איך האָב מיך אַריינגעדרייט,
ווי דרייט מען זיך אַרויס?...

— —

איז פלעג איך נאָך אַלץ אַריינקומען צו ליאַמפּען אין שטוב און אַמאָל — אַז כ'פלעג אים נישט טרעפן — פלעג איך מיטנעמען פון דאָרט דאָס מיידל אויף מיינע בלאָנדזשעניש הינטער דער שטאָט. אויף די ניע־מאַן־ברעגעס פלעגט איר חנוודיק שמייכל אמאָל מאַכן פאַרגעסן די טרי־בע וואָר.

40

אַ פאַרשפּעטיקטע „ליבע־דערקלערונג"...

געמאַכט אַמאָל אַזוי אויך אַן אויסטערלישן שפּאַציר מיט עפּעס אַ קוזינע. אַן „אויסטערלישער", — ווייל אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט אַזאַ שפּאַציר נישט מעגלעך געווען. וויפל מאָל איך פלעג פאַר דער מלחמה נישט זיין אין גראָדנע — מיט דער דאָזיקער קוזינע פלעג איך זיך אַפילו נישט זען. איצט, אַז איך בין דאָ ווי אַ פּ ל י ט, אין מיין געפּאַלענעם געמיט — האָט זי זיך געוויזן, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אויסנוצן דעם „שעת הכושר": מיין שפּלות־קאָמפּלעקס, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די דאָזיקע פּיינלעכע טעג...

די דאָזיקע ווייטע קוזינע מיינע איז שוין אַן אַלטע בתולה. און איצט, אין די דאָזיקע טעג איז זי עס צו מיר געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקטער „ליבע־דערקלערונג"... (מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָט איר נישט גע־קלעקט קיין דרייסטקייט...). איך האָב שוין אויך דעמאָלט, אין מיין יונג־בחורשאַפט, געוווּסט וואָס זי טראַכט. פאַרשטאַנען איר שמייכלען צו מיר. איך בין אָבער קאַלט געווען צו איר און קיין אַכט נישט געלייגט אויף איר שמייכלען...

זינט יענער צייט זענען שוין אַ סך וואַסערן פאַרשוווּמען. איצטער אין מיין פאַרוואָגלטקייט האָט זי זיך ווידער „געיאַוועט"... געהאַט גע־מיינט, אַז זי איז שוין אַ מאַמע פון קינדער... ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל נישט חתונה געהאַט און געבליבן זיצן אַ בתולה.

זי האָט מיר פאָרגעלייגט צו מאַכן מיט איר אַ „פּראָגולקע" (שפּאַ־ציר) הינטער דער שטאָט. אַזוי איין מאָל, אַ צווייט מאָל. איך האָב זיך אַרויסגעדרייט מיט עפּעס אַן אויסרייד.

איין מאָל האָב איך געמוזט יוצא זיין: זי האָט אַפּעלירט צו מיין גע־פיל פון „יושר"... „היתכן? — זאָגט זי — איז גוט אַזוי זיך צו דער־ווייטערן פון קרובים?"...

איז גיי איך מיט איר — מיט דער ק ר ו ב ה — אויף דער „פּראָ־גולקע"...

איך לאָז זיך פון איר פירן. זי פירט מיך הינטער דער שטאָט. איבער וועגן און שטעגן, צווישן פעלדער און לאָנקעס. מיר מיידן אויס עפּעס אַ

מיליטערישן לאַגער און זי פירט מיך ווייטער. טשיקאַווע, וווהין רעכנט זי עס מיך צו פאַרפירן?...

ערגעץ ביי אַ קליינעם בעריאָזאָוון וועלדל לייגט זי פאַר זיך אָפּצו־רוען אַביסל. זי איז מיד. זיצן מיר אויפן גראָז, ביי אַ ווייסער בעריאָזע. רעדן מיר. זי קוקט אויף מיר ווי אַמאָל... מיט צוואַנציק יאָר צוריק... אָבער נישט אירע אויגן, נישט איר שמייכל זענען די זעלבע: צוואַנציק יאָר האָבן איבערגעלאָזט זייער חותם... האָבן אויסגעקריצט קנייטשן אויפן שטערן...

ווילט זיך מיר צולהכעיסדיק אַרויסטרייבן פון איר די „אילוזיע", וואָס ביי איר איז איצט מסתמא געבוירן געוואָרן לגבי מיר: זאָל זי זען, אַז כ׳בין נאָך דער זעלביקער „עקשן", וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק — הגם איך בין איצטער, נעבעך, אַ „ביזשעניעץ"...

פרעג איך זי:

— זאָג מיר, געניאַ, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה געהאַט? ביסט דאָך געווען אַמאָל נישט קיין מיאוס מיידל...

— אַז דו האָסט דאָך נישט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן... — שיסט זי אויס.

— איז מיט אַן אַנדערן. ווייניק בחורים געווען?

— כ׳בין דאָך אָבער געווען פאַרליבט אין דיר.

— אַזש פאַרליבט?

— האָסט דען נישט געוווּסט?

— ניין, נישט געוווּסט... — זאָג איך אַ ליגן מחמת קורטואַזיע לגבי אַ פרוי.

— דו האָסט יאָ געוווּסט! — לאָזט זי זיך נישט אָפּנאַרן. — אָבער איך באַשולדיק דיך נישט... מסתמא האָסטו מיך נישט ליב געהאַט...

„אַבי זי ווייס"... — טראַכט איך.

— דו האָסט געמאַכט אַ גרויסן פעלער אין דיין לעבן! — מוסר איך זי. — האָסט געקאָנט זיך צוקלייבן אַ חתן.

— אַז דו ביסט מיר געווען געפעלן.

— אַ דאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט... — פאַרוואַנדל איך עס אין אַ שפּאַס. בכלל ווילט זיך מיר מאַכן לייכט דעם שמועס. איך קאָן נישט נעמען ערנסט אירע רייד, איר ווען מיך אַריינציען אין דער שולד פון איר פאַרשפּילט לעבן... איך בין דאָך גאָט די נשמה שולדיק... מאַלע וואָס

זי האָט דעמאָלט געמאַכט דעם חשבון אַן באַלעבאָס... איך האָב דעמאָלט נישט געגעבן קיין שום גרונט פאַר אירע „אילוזיעס"... וואָלט זי איצט בעסער דעם „אַמאָל" פאַרשוויגן... אין מיין איצטיקער דעפּרעסיע פעלט מיר אַוודאי נישט די משא פון התחייבות פאַר נישט באַגאַנגענע חטאים...

— ווייסט — זאָג איך איר אין לייכטן טאָן, — אפילו איצט איז נאָך נישט צו שפּעט... מען דאַרף אַביסל אַרונטערלאָזן פון קורס...

— ווען דו וואָלסט געווען פריי...

— איך קום דאָך נישט אין חשבון...

— אָט רעד איך, אַז עס קומט צו רייד... ס'איז נאָר אַ שפּאַס... — כאַפּט זי זיך, אַז זי האָט שוין אַריבערגעכאַפּט די מאָס.

זי האָט אַליין דערפילט די לעכערלעכקייט פון דער סיטואַציע און האָט צוגעגעבן מיט אַן ערנסטן טאָן, אפילו נישט אַ שמייכל טוענדיק דערביי:

— איצט איז שוין שווער: דעם, וועמען איך וויל — געפעל איך נישט; יענער, וועמען איך געפעל — געפעלט מיר נישט...

— אַ פאַרכישופטער קרייז, הייסט עס... מ'דאַרף אָבער זיך אַרויס־באַקומען פון אים פאַר יעדן פּרייז...

פּלוצלונג קומט זי אַרויס מיט אַזאַ מין פאָרשלאָג:

— זאָג נאָר, — זאָגט זי, — ביי אפרימען אין דער דירה איז דאָך צו ענג. אפשר וואָלסטו זיך אַריבערגעקליבן צו אונדז? ביסט דאָך אַן איי־געגער... מיין מאַמע וואָלט געווען צופרידן... אַ פּוסטע שטוב ביי אונדז, דו ווייסט דאָך — בלויז איך און די מאַמע...

„נאָר דאָס פעלט מיר"... — טראַכט איך, — „זי וויל מיך דורך אַלע וועגן געווינען — דעם „ביעזשעניעץ"...

— אַ שיינעם דאַנק! — זאָג איך — איך פאָר דאָך שוין סייווי אין גיכן צוריק קיין וואַרשע.

און בעת־מעשה טראַכט איך:

„ווי וואָלט טאַקע געווען, ווען איך פאָר נישט צוריק? צי וואָלט איך געווען אַזאַ „העלד" און רעזיגנירט פון איר פאָרשלאָג וועגן דער דירה — דאַן ווען ביי מיין פלימעניק האָב איך שוין פאַרלוירן מיין גוטן זעלבסטגעפיל?... און צו וואָס וואָלט עס מיך געפירט? צי וואָלט איך דאַן נישט געווען אַ... „ביעזשעניעץ", וואָס מוז שלום מאַכן מיט אַלץ?... צי

וואָלט זי דאַן נישט טריאומפירט: „געוואָרט צוואַנציק יאָר און זיך דער־וואַרט?"... — — —

— אַ משוגעת דאָס צוריקפאָרן קיין וואַרשע צום דייטש... — באַ־מערקט זי, — אָט פאָלג מיך, בלייב מיט אונדז...

— ניין, איך פאָר! אין וואַרשע וואַרט דאָך אַ היים... אַ פרוי... אַ קינד...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך גענומען שפּילן מיט אַ צווייגל, און שפּילנדיק געצופּט די בלעטעלעך פון אים: „ליוביט, ניע ליוביט?"... (האָט ער ליב, האָט ער נישט ליב?).

יעדע פרוי — אַפילו די נישט־ראַפינירטע — פאַרמאָגט אין זיך שפּילעריי — אַ שפּילעריי, וואָס צילט אַרויסצורופן די שוואַכקייט פון מאַן. האָט זי געפּרוווט מזל מיט שפּילעריי, מיט שמייכלען...

איך האָב זיך געמאַכט נישט הערנדיק, נישט זעענדיק...

— זע, ס'אַראַ איידל־ווייסע בעריאָזקעס! — שלאָג איך איבער איר שפּילעריי, — האָסט אויסגעפונען אַ שיין וועלדל.

איך שפּאַר זיך אָן אָן מיין עלנבויגן און מאַך זיך באַקוועמער אויפן גראָז.

— קאָנסט דאָ אָנשפּאַרן דעם קאָפּ, וועט דיר זיין באַקוועמער... — ווייזט זי מיר אויף אירע קני.

דאָס האָט אַרויסגעשריגן פון איר דאָס בלוט. די דערשטיקטע שטים פון בלוט. איר דערדריקטע מיידלשאַפט. אין די דאָזיקע רגעס איז זי גרייט געווען אויף אַלץ... אויף אַלץ... אָט אַזוי „כאָפּ־לאָפּ"... הפקרדיק...

איך האָב קלאָר געלייענט אירע געדאַנקען:

...„איצט... נאָך אַזוי פיל יאָרן... דערצו נאָך אַ „ביעזשעניעץ"... ער איז זיכער נישט דער „עקשן" פון אַמאָל"...

פונעם נישט־ווייטן מיליטערישן לאַגער האָט זיך „אַמאָל אין אַ נאַ־ווינע" דערטראָגן:

קאָגדאַ נאַס וו'באָי
פּאַשליאָט טאָוואַרישטש סטאַלין...

דאָס האָט פאַר מיר אונטערגעשטראָכן די צ יי ט און די ס י־ט ו אַ צ י ע, אין וועלכער עס זענען מעגלעך ביי מיר אַזעלכע אויסטער־לישע באַגעגענישן...

41

אַ קאָמעדיע, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ תליה...

אין איין שיינעם פרימאָרגן דערוויסט מען זיך אין שטאָט, אַז סוף־כּל־סוף האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין בריסק די לאַנג־דערוואַרטע רעפּאַטריאַציע פון פּליטים קיין וואַרשע; אַז איין עשאַלאָן מיט טויזנט יידן איז שוין פון דאָרט אָפּגעפאָרן.

צווישן די פּליטים אין גראָדנע ווערט אַ בהלה־שטימונג. מען לויפט אין „קאָמפּאָמביעזש" — ענטפערט מען דאָרט, אַז „אָפיציעל" ווייסן זיי דערווייל גאָרנישט; אַז צו זיי האָט מען נאָך דערווייל נישט אַריינגעשיקט קיין שום פאַראָרדענונג וועגן די גראָדנער פּליטים.

איך טו ווי עס טוען אַנדערע — איך פאָר קיין בריסק. מען מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוווּיר ווערן ווי עס האַלט מיט דעם ענין. עס פאָרן אַהין פּליטים פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. אומעטום די זעלביקע דערוואַרטונג, די זעלביקע געשפּאַנטקייט. אין באַן דערציילן יידן כלעריליי ווערסיעס וועגן דער זאַך. מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען פירט די פּליטים גאָרנישט קיין וואַרשע... מען זייט אומרו און שרעק...

פון בריסקער וואָקזאַל לאָזט זיך דער גאַנץ היפּשער עולם גלייך צו דער געמישטער סאָוויעטיש־דייטשישער קאָמיסיע.

פאַר דער געביידע — אַן עטלעכע טויזנט־קעפּיקער עולם, אַן אמתע באַלאַגערונג. דער המון באַשטייט פון היגע, ד"ה פון פּליטים, וואָס וווינען אין בריסק גופא, און פון אָנגעפאָרענע.

— יידן, וואָס הערט זיך?

— יידן, מען פאָרט שוין?

— סקאָצל קומט, מ'וואַרט טאַקע אויף אייך... — וויצלט זיך איינער פון המון.

אינעווייניק צו דער קאָמיסיע לאָזט מען נישט אַריין. פאַרן אַרייןגאַנג שטייען מיליציאָנערן און היטן אָפּ קיינער זאָל זיך נישט אַריינרייסן. מענטשן שטופּן זיך צו די מיליציאָנערן. מ'פאַרשיט זיי מיט פראַגן. יענע ענטפערן פון יוצא־וועגן.

די פּליטים, וואָס וווינען אין בריסק דערציילן, אַז דערווייל פאָרן נאָר פּאָליאַקן אויף „יענער זייט"; אַז קיין יידן נעמט מען איצט נישט. די

בריסקער באַשטעטיקן, אַז עס איז טאַקע אמת די מעשה וועגן יידישן עשאַלאָן: קיין וואַרשע איז ביז איצט אַוועק נאָר איין איינציקער עשאַלאָן מיט טויזנט יידן. און אויס! מער נעמט מען נישט קיין יידן.

— ווייסט מען שוין ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען די נסיעה פון דעם יידישן עשאַלאָן? — פרעגט מען די בריסקער.

— זיי זענען אָנגעקומען בשלום. דער עשאַלאָן איז אַרויסגעפאָרן פון בריסק אינדערפרי און אין אָוונט זענען זיי שוין געווען אין וואַרשע.

— און פאַרוואָס זענט איר נישט געפאָרן? — פרעגט מען די בריסקער.

— ווייל מיר זענען שוטים, פחדנים... — ענטפערט איינער מיט גרויס באַדויערונג און עגמת נפש, — מ׳האָט געמיינט, אַז די דייטשן וועלן אויפן וועג אויסשעכטן די אַלע יידן, וואָס קומען אָן פון דער סאָוויעטישער זייט.

—פון וואַנען ווייסט מען שוין, אַז זיי זענען אָנגעקומען בשלום?

— וואָס שייך „פון וואַנען?“. באַלד צומאָרגנס — דאָס איז געווען פאַריקע וואָך — זענען אָנגעקומען דעפעשן פון באַקאַנטע צו באַקאַנטע, אַז אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה.

— טאַקע אַ נאַרישקייט, וואָס איר זענט נישט געפאָרן. — זאָגט ווער פון די ביאַליסטאָקער פליטים.

— אַ נאַרישקייט? בהמות זענען מיר געווען, אָקסן! — מישט זיך אַריין אַן אַנדער בריסקער פליט מיט זיינע פאַרוואָרפן אויפן אייגענעם אַדרעס. — אַזוי גרינג געווען... מ׳האָט נאָר געדאַרפט אַריינגיין אין דער קאָמיסיע און זיך מעלדן, אַז מען פאָרט... איז היידאַ אויפן וואָקזאַל... איצט איז שוין אַלץ געענדיקט. מ׳נעמט שוין מער נישט קיין יידן.

— איז וואָס־זשע האָט מען אונדז פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט אַ רעגיסטראַציע? — דערהערט זיך אַ גראָב קול פון עמיצן אַנדערש.

— גייט פרעגט זיי, אדרבה.

— לאָמיר טאַקע גיין פרעגן!

— גיי פרעג, אַז די מיליץ לאָזט נישט אַריין!

און עולם האָט זיך גענומען שטופּן שטאַרקער צו דער מיליץ.

— מיר ווילן רעדן מיט דער קאָמיסיע!

— לאָזט אונדז רעדן מיטן נאַטשאַלניק!

— לאָזט אונדז אַריין! מיר קומען עקסטרא פון ביאַליסטאָק!

— מיר קומען פון גראָדנע!
— מיר קומען פון סלאָנים!
— פון וואָלקאָוויסק!
— אָסאַדי! (שאַר זיך!), — האָבן די מיליציאָנערן געשטופּט די מענטשן, וואָס האָבן זיך צו זיי דערנענטערט.
— רוף אַהער דעם נאַטשאַלניק! — שרייט ווער אויס.
דער טומל איז געוואַקסן.
די מיליץ איז געוואָרן ווייניקער איידל און גענומען שטופּן און שטויסן פון זיך די מענטשן.
— ראַזכאָדיס! (גייט זיך פאַנאַנדער!) — האָבן די מיליציאָנערן געקאָמאַנדעוועט.
— דאָס איז אַ חוזק!
— פאַרוואָס האָט מען אונדז אָפּגענאַרט?
— לאָזט אונדז צו דער קאָמיסיע!
— מיר ווילן פון דאַנען נישט אָפּטרעטן!
— מיר מוזן וויסן! מען האָט אונדז רעגיסטרירט צום פאָרן!
— דאָס איז סאַ־באָ־טאַזש!... — הערט זיך אַן אויסגעצויגענער קוויטשעדיקער קול פון צווישן דער מאַסע.
אַזוי האָבן זיך געטראָגן און געקרייצט קולות מיט קולות פונעם פאַר־ביטערטן עולם.
פּלוצלונג עפנט זיך די טיר פון דער פאַרשלאָסענער געביידע און עס באַווייזט זיך אַ דייטשישער אָפיציר.
— דאָס איז קאַפּיטאַן שמידט! — הערט זיך אַ מורמלעריי פון די בריסקער פּליטים, — דאָס איז דער אָנפירער פון די דייטשן אין דער געמישטער קאָמיסיע.
אַלע זענען געבליבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַלץ איז שטיל גע־וואָרן.
— גראַזשדאַניע! (בירגער!), — הייבט דער יעקע אָן אין אַ פּער־פעקטן רוסיש — מיר פון אונדזער זייט מאַכן נישט קיין שוועריקייטן איר זאָלט אַלע פאָרן. מיר וואַרטן נאָר אויף אינסטרוקציעס פון מאָסקווע... דאָס איז אַלץ, וואָס איך קען אייך זאָגן.
קורץ אָפּגעדרשנט, איז קאַפּיטאַן שמידט צוריק אַריין אינעווייניק.
אין דער מאַסע איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער טומל.

— ווער אינסטרוקציעס! וואָס אינסטרוקציעס!

— ער זאָגט ליגן, דער יעקע!

— ווי קומט דער יעקע צו מאָסקווע!...

— אַ ליגן! כזב ושקר!

— אַ קאָמעדיע!

— בבא־מעשיות!

— דעם נאַטשאַלניק אַהער!

— אַהער דעם נאַטשאַלניק!

באַלד קומט אַרויס פון אינעווייניק אַ סאָוויעטישער מיליטערמאַן. אַ סערזשאַנט.

— טאָוואַרישטשי! — הייבט יענער אָן. — שטילער, טאָוואַרישטשי! דער ליאַרעם ווערט פלוצלונג פאַרשוויגן. אַלע שרייערס ווערן שטום.

— טאָוואַרישטשי! — רעדט יענער פון אַן אויבערשטן טרעפּל, ווי פון אַ טריבונע, — מיר האָבן אַלץ געטאָן, אַלץ צוגעגרייט, כדי איר זאָלט קענען פאָרן „נאַ ראָדינו״ (אַהיים). אָבער מיר זענען נישט שול־דיק. די דייטשן ווילן מער נישט נעמען קיין יידן...

אַ פלוצלונגער געמורמל איז דורכגעגאַנגען דורכן עולם.

— טאָוואַרישטשי! — רעדט יענער ווייטער, — ווי איר זעט, איז נישטאָ קיין עצה. פאָרט איטלעכער אין זיין שטאָט, נעמט אַרויס סאָ־וויעטישע פאַספּאָרטן און הייבט אָן צו אַרבעטן. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט מען זען...

אַזוי האָט ער „רעפערירט״ פאַרן עולם, און איז אויך באַלד צוריק פאַרשווונדן אין דעם אַריינגאַנג פון געביידע — אַ באַגלייטער פון פראַגן, וואָס האָבן זיך צו אים געשאָטן פון אַלע זייטן, ווי אַ האָגל, און אויף וועלכע ער האָט שוין נישט געענטפערט.

דער פאַרביטערטער עולם האָט זיך ביסלעכווייז גענומען פאַנאַנדער־גיין. אויפן וועג האָט מען נאָך הייס גערעדט, זיך געהיצט.

— נו, וועמען גלויבט מען, דעם דייטש צי דעם רוס?... — פרעגט איינער.

— ביידע זענען ליגנער... — פאַלט אַן ענטפער.

ערשט שוין ביים פאַנאַנדערגיין זיך פון עולם האָב איך געטראָפן היימישע פון וואַרשע: די אַקטיאָרן דוד לעדערמאַן און זישע קאַץ. ביידע זענען געווען אין אַ דערשלאָגענער שטימונג. באַזונדערס איז געווען דער־

שלאָגן זישע קאַץ. זיין דאַר פּנים איז געווען אַזש גרין פון פאַרביטערט־קייט. די אויגן האָבן נערוועז געבליצט מיט צעמישונג.

— אַן אומגליק! אַן אומגליק! — האָט ער ווי פאַר זיך אַליין געחזרט.

אַז כ׳האָב צו אים עפּעס גערעדט, האָט ער נישט געהערט און איז געווען אַריינגעטיפט אין זיך אַריין. אַזוי טראַגיש האָט ער איבערגע־לעבט דעם דורכפאַל מיטן צוריקפאָרן קיין וואַרשע.

כ׳בין נאָך אין בריסק אַריינגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטער פאַמיליע פון וואַרשע — די אדלערס — וועלכע האָבן דאָ געוווינט ווי פּליטים. רייכע מענטשן.

אדלער דערציילט מיר, אַז אויך זיי האָבן געזאָלט פאָרן מיטן „יידישן עשאַלאָן״, אָבער זיי האָבן עפּעס מורא געהאַט צו זיין פון די ערשטע און געוואַרט אויפן צווייטן יידישן עשאַלאָן, בעת מ׳וועט שוין וויסן דעם רעזולטאַט פון ערשטן...

— נו, און איצטער?

— איצטער וועלן שוין מער קיין יידישע עשאַלאָנען נישט גיין, בלויז טויזנט גליקלעכע יידן געווען... איך מיין אָבער, אַז פאַר עטלעכע הונדערט דאָלאַר אין יד אַריין וועט מען קענען פאָרן אינדיווידועל אין אַ פּוילישן עשאַלאָן...

— דאָס איז אָבער פאַר יחידי סגולה... אַזוי ווי איר, אַ שטייגער... נישט פאַר מיין קעשענע...

און אדלער — דער גביר און בעל־תקיף — חזרט איבער דאָס באַ־נאַלע ווערטל:

— אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: געלט, געלט און געלט...

פון מיינע אַלע באַגעגענישן און שמועסן אין בריסק — מיט באַ־קאַנטע און מיט „זאַכקענער״ — איז פאַר מיר דער גאַנצער ענין אויפ־געקלערט געוואָרן: די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט די דייטשן וועגן אַן אויסטויש פון בלויז 60.000 מענטשן — דאַן וועגן בלויז רעגיסטרירטע יידן צום פאָרן זענען געווען ביי די פיר הונדערט טויזנט! אין די ראַמען פון די אָפּגעמאַכטע 60.000 האָבן פון „יענער זייט״ געדאַרפט אַרויספאָרן ווייס־רוסן און אוקראַאינער פון די ראַנד־געביטן אויף דער דייטשישער זייט, און פון דער סאָוויעטישער זייט קיין וואַרשע האָבן געזאָלט אַרויספאָרן אַזאַ צאָל יידן און פּאָליאַקן. אויף די 60.000 זענען נאָר געפאָרן די 1.000 יידן אין דעם איינציקן עשאַלאָן, די רעשט

— פּאָליאַקן. ווער ס׳איז דער אמתער גורם, וואָס נאָר טויזנט יידן האָבן די דייטשן גענומען און נישט מער — דאָס בלייבט אַ נישט־אויפגעקלערטער סוד. קיינער קען נישט זאָגן אויף זיכער, צי די רוסן האָבן די יידן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן, צי די דייטשן — אַריינלאָזן. טייל האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי דער מיינונג, אַז שולדיק זענען געווען די רוסן, און זייער אַרגומענטאַציע איז געווען:

ווי באַלד די רוסישע מאַכט האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט די דייטשן נאָר אויף 60.000 רעפּאַטריאַנטן — טאָ פאַרוואָס האָט זי רעגיסטרירט צום אַרויספאָרן אַזוי פיל יידן — ביי די פיר הונדערט טויזנט? און אויב אַפילו די דייטשן האָבן די יידן נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין זייער אָקופּאַציע־געביט, וואָלטן זיי דאָך זיכער פאַראויס געוואָרנט די רוסן וועגן דעם! אַזאַ אָפּמאַך — ווי יעדער אָפּמאַך צווישן מלוכות — ווערט דאָך געשלאָסן מיט אַ געוויסער פּרעציזקייט. אויב די דייטשן האָבן אויסגעשלאָסן יידן פון דער דאָזיקער רעפּאַטריאַציע, וואָלטן זיי זיכער געוואָרנט די רוסן, און נישט נאָר מיטן מויל, נאָר שריפטלעך, ווי אַ פּונקט פון דער פאַרשטענדיקונג.

דער דאָזיקער אַרגומענט איז טאַקע באַזירט אויף לאָגיק — דערפאַר טאַקע האָבן די יידן־פּליטים דערין געזען אַ סאָוויעטישן שפּיצל... וואָס דערין שטעקט האָט מען לכתחילה נישט פאַראויסגעזען. דאָס איז מען אינגיכן געוווּיר געוואָרן...

בעת כ׳בין שוין צוריק געווען אין גראָדנע, האָב איך אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך דערוווּסט, אַז די פאַמיליע אדלער איז טאַקע צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע מיט אַן עשאַלאָן פּאָליאַקן... דער כוח פון דאָלאַרן!...

און נאָך עפּעס בין איך געוווּיר געוואָרן אַביסל שפּעטער:

דער שטאַרק דערשלאָגענער און אַנטוישטער אַקטיאָר זישע קאַץ האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט זיין „אומגליק״ — ווי ער האָט עס אָנגערופן אין בריסק — אַז צוריקקומענדיק קיין ביאַליסטאָק, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַבלאַוועס אויף די פּליטים; בעת זיין חבר דוד לעדערמאַן, זיין מיטווינער, איז שוין געווען הינטער די קראַטן און אים האָט אויך דערוואַרט דער זעלבער גורל... — איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד: מ׳האָט אים געפונען אַ געהאַנגענעם אין דער „אוביקאַציע״ און אַראָפּגענומען פון שטריק שוין אַ טויטן — — —

און אַזוי האָט זיך די בריסקער קאָמעדיע געענדיקט מיט אַ תליה...

42

„דאָס גליק איז שוין געווען אַזוי נאָענט"...

דערוויסנדיק זיך, אַז פּאַר גראָבע דאָלאַרן קען מען נאָך עפּעס אויפ־טאָן, זענען געציילטע פאַרמעגלעכע יידן געפּלויגן בשתיקה קיין בריסק צו דער געמישטער קאָמיסיע, אָדער ריכטיקער: צו געוויסע מיטגלידער פון דער געמישטער קאָמיסיע — סיי צו די רוסישע, סיי צו די דייטשישע. דאָס נעמען אין יד אַריין — „באַקשיש" — איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער עניין, פון וואָס אַפילו, זעט אויס, אויך אַ סאָוויעטישער באַאַמטער זאָגט זיך נישט אָפּ...

אין בריסק זענען שוין געווען „מאַכערס", וואָס האָבן זיך „געקענט" מיט די דייטשן און מיט די „סאָוויעטן" פון דער געמישטער קאָמיסיע — און ס'איז געגאַנגען אַ שטילער „משא ומתן"... טייל יידן איז טאַקע אַזוי אַרום געלונגען זיך „אַרויפצוכאַפּן אויפן וואָגן" — מיטן פּוילישן עשאַלאָן. וואָס ווייטער איז עס געוואָרן שווערער און די פּרייזן זענען געשטיגן. מ'האָט שוין געמוזט „שמירן" מיט די גראָבע הונדערטער דאָלאַרן... דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן...

אַ חוץ יידן האָבן זיך אויך פּאָליאַקן געריסן אַריבערפאָרן אויף „יענער זייט": עס איז זיי ליבער געווען צו זיין אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע איידער אונטער דער באָלשעוויסטישער.

צווישן די יידישע פּליטים אין גראָדנע, וועלכע האָבן געפּרוווט מזל צו פאָרן אויף אַן אינדיווידועלן אופן, איז אויך געווען די פאַמיליע קיפּ־ניס: די קיפּניסאָווע האָט זיך אַרומגעזען, אַז בלויז פון אַרומקריגן זיך מיט איר מאַן דעם „שלים־מזל" — ווי זי פלעגט אים בעת די מחלוקתן אָנרופן — וועט זי נישט געהאָלפן ווערן. האָט זי זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן און איז אַליין אָוועקגעפאָרן קיין בריסק, און צוריקגעקומען איז זי טאַקע אַ גליקלעכע: זיי פאָרן!... איר פּנים האָט געשיינט פאַר נחת, אירע שוואַרצע אויגן האָבן ממש געשטראַלט — אַ קליינִיקייט, אַזאַ גליק, אַזאַ גליק! זיי פאָרן!...

אַלע זייערע באַקאַנטע פון די פּליטים זענען געווען מלא קנאה. מ'האָט זי געפּרוווט אויספרעגן ווי אַזוי זי האָט עס געמאַכט. זי איז אָבער געווען קאַרג אויף ווערטער — טאָמער חלילה קען עס איר שאַדן...

פריינד האָבן פאַר די קיפּניסעס איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־אָוונט. ממש אַ באַנקעט! מ׳האָט געטרונקען לחיים צו זייער שמחה און אַלע האָבן זיך געווּנטשן צו זען זיך אינגיכן אין וואַרשע. די קיפּניסאָווע האָט ממש געלאָזט טרערן פון פרייד. אַ קלייניקייט, זי וועט ווידער זען איר מאַמען, וואָס גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך איר — און דער־צו וואַרשע, זי וועט ווידער זיין אין וואַרשע — „דאָ מאָיעי אוקאָכאַנעי וואַרשאַווי"...

די דאָזיקע פרייד איז אָבער געווען נישט אויף לאַנג:

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דער פייערלעכער אַרויסבאַגלייטונג, זענען די קיפּניסעס צוריקגעקומען פון וועג — אַנטוישטע און דערשלאָ־גענע...

וואָס איז געשען?

די קיפּניסאָווע, אין איר איבערגעאיילטקייט, האָט די „טראַנזאַקציע" דורכגעפירט צו לייכטזיניק, ווייבעריש, „כאַפּ־לאַפּ": זי האָט דעם גאַנצן „באַקשיש" — אוירינגלעך און אַ בריליאַנטענעם רינג — אַוועקגעגעבן בלויז דעם „סאָוויעט" און מיטן דייטש האָט זי גאָרנישט „דערליידיקט"... ביים איינשטייגן אין עשאַלאָן האָבן די דייטשן קוועסציאָנירט. ס׳איז פאַר זיי געווען „נישט קלאָר" דאָס פאָרן פון די דאָזיקע פּאַסאַזשירן, וועגן וועלכע זיי האָבן אין ביוראָ גאָרנישט געוווּסט. דער „סאָוויעט" האָט זיך איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז „ווסיאָ אָפאָרמלענאָ" (אַלץ איז פאַר־מעל דערליידיקט); אַלץ איז פאַרזען מיט אַ פּאַפּיר און שטעמפּל... אַז די דאָזיקע פּוילישע „גראַזשדאַנעס" קענען פאָרן... די דייטשן האָבן זיך געשפּאַרט און לסוף זיי אַדורכגעלאָזט צום עשאַלאָן.

אַדורכגעלאָזט — אָבער אָנגעזאָגט טעלעפאָניש צו זייערע מענטשן אין דער געמישטער קאָמיסיע אויף „יענער זייט" — אין ביאַלאַ־פּאָד־ליאַסקאַ — מען זאָל די פאַמיליע קיפּניס נישט אַריינלאָזן...

דאָס „גליק", הייסט עס, וואָס איז שוין געווען אַזוי נאָענט, האָט געדויערט זייער קורץ: נאָר ביז איבער דער גרענעץ... ביז אויף יענער זייט בוג... פון ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ האָבן די דייטשן צוריקגעשיקט די קיפּני־סעס מיטן זעלביקן עשאַלאָן קיין בריסק, פון וואַנען זיי זענען געקומען...

די קיפּניסאָווע איז אין בריסק דאַן געלאָפן צום „סאָוויעט": היתכן?!... יענער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. ס׳האָט שוין געשמעקט מיט אַ סקאַנדאַל, מיט קאָמפּראָמיטאַציע פאַר מענטשן אין דער

קאָמיסיע. צוליב מורא פאַר „קאָנסעקווענצן“ האָט יענער איר געמוזט צוריקגעבן די ווערטפולע ביזשו, וואָס ער האָט נאָך, צום גליק, נישט באַוויזן צו פאַרטרינקען.

אַ געוויסע צייט נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָבן זיך די קיפּניסעס נישט געוויזן אין גאַס — אַזוי דערשלאָגן און צעבראָכן זענען זיי געווען. און ווער עס האָט שפּעטער באַגעגנט אין גראָדנע די קיפּניסאָווע, האָט ער זי נישט דערקענט — אַזוי פאַרענדערט איז זי געוואָרן. די פאַרב פון איר פּנים איז פאַרשוווּנדן, אונטער די אויגן שוואַרצע רונגען, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט... די דאָזיקע פרוי האָט דעם דורכפאַל איבערגעלעבט ווי די גרעסטע טראַגעדיע, גלייך ווי זי וואָלט פאַרלוירן אַ נאָענטן אין דער משפּחה... זי האָט זיך גאָרנישט געקענט טרייסטן... *).

43

אין דער אַלטער היים

ס'איז אַ פּאָר טעג פאַר שבועות און איך פאָר באַזוכן די אַלטע היים — מיין געבוירן־שטעטעלע אמדור. ס'איז אַ באַזוך און גלייכצייטיק אַ געזעגענונג... עפּעס פיל איך אין מיין אונטערבאַוווסטזיין, אַז איך דאַרף זיך געזעגענען מיטן שטעטל... אַז מער וועט מיר שוין אין לעבן נישט אויסקומען עס צו זען — — —

מיינע נאָענטע משפּחה־מענטשן וווינען שוין זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה אין גראָדנע און אין שטעטל איז פאַרבליבן נאָר איין קרוביש הויז — די מומע מלכה מיטן פעטער אַלטער. אַלטער פּרוסאַק, דער שטעטלשער גביר, דער אַמאָליקער וואַלד־סוחר. דאָס דאָזיקע הויז מיטן בלוי־געפאַרבטן גאַניק קוקט אַרויס גביריש־יחוסדיק אויף דער וואָלקאָווויסקער גאַס.

איבעריקנס, אַפילו ווען איך וואָלט אין שטעטל קיינעם נישט געהאַט,

---

*) מיט העכער אַ יאָר שפּעטער האָט זי יאָ געהאַט „גליק“: נאָכן 22סטן יוני 1941, בעת די דייטשן האָבן אָקופּירט די אַלע מערב־געביטן, דאַן איז די פאַמיליע קיפּניס באַלד צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, און דאַן האָט זי אויך געהאַט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע יידן: אין די גאַז־קאַמערן...

קיין קרוב, קיין גואל — וואָלט איך אויך צוגעפּאָרן אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס מיין אַלטע היים.

אַלטע בענקעניש! — — — —

דער שאָסיי־וועג האָט שטאַרק פאַרקירצט דעם שטח. אַמאָל, אַמאָל, איידער דער שאָסיי איז דאָ געוואָרן, פלעגט מען די סך־הכל איין און צוואַנציק ווי־אָרסט דאַרפן פאָרן אַ 5־6 שעה און אין די האַבסטיקע בלאָטעס — טאָפּלטע שעהען, און אַמאָל נאָך מער. עס האָט זיך געווענדט אין וועלכער צייט דאָס איז געווען. די באַלעגאָלישע וועגענער פלעגן קריכן ווי די שילדקרעטן; די רעדער פלעגן זינקען אין דער קלעפּיקער בלאָטע און די יידישע סוסים פלעגן נישט זיין בכוח אַרויסצושלעפּן די וועגענער. די פּאַסאַזשירן פלעגן בחרפּתם מוזן אַראָפּקריכן און העלפן אונטערשטופּן דעם וואָגן...

היינט דויערט אַזאַ נסיעהלע אַ פּאָר שעה סך־הכל. אַ פּאָר שעה מיט פערד און וואָגן. מיט אַ מאַשין דאַרף עס דויערן אַ דרייסיק מינוט.

דער פורמאַן דערציילט מיר, אַז צווישן שטעטל און גראָדנע איז שוין אויך געגאַנגען אַן אויטאָבוס, וואָס האָט אָוועקגעקוילעט אָן אַ מעסער אַלע אַמדורער באַלעגאָלעס... ווייל יעדער איינער איז געווען אַ בעלן אַ פּלי צו טאָן דעם וועג אין אַ האַלבע שעה אַנשטאָט צוויי און מער. עס ווענדט זיך מיט וועלכן באַלעגאָלע. ווער עס איז געפאָרן מיט אַ פערד — אַ פּגירה, האָט עס ביי אים געדויערט אויך דריי און פיר שעה. מעג עס טאַקע זיין אַ שאָסיי; אָבער אַז דאָס פערדל האָט נישט קיין כוח צו שלעפּן די פיס, מוז עס דאָך דויערן.

זינט דער מלחמה האָט דער אויטאָבוס אויפגעהערט צו קורסירן: אַפּנים ביי די נייע סאָוויעטישע "פּאַריאַדקעס" האָט ער זיך "פּאַרקילט"... ווי קען דאָ אַ פּריוואַטער מענטש האָבן אַן אויטאָבוס?... איז ער אַריבער צו "זיי", צו די באָלשעוויקעס...

אין די פּאָר קאַרגע שעה פון דער נסיעה ווער איך זייער גערירט: אַלט־באַקאַנטע וועגן, בערגלעך, דערפער. אַלץ ווי געווען. די נאַטור איז אייביק די זעלבע. זי ענדערט זיך נישט. די זעלביקע, אַמאָליקע ליבע, היימישע לאַנדשאַפטן. נאָר די צייט ענדערט זיך, דאָס לעבן, דער סדר־העולם...

ס'איז אַ זוניקער טאָג פון פּאָר שבועות. אַ בלויער הימל נעמט אַרום די גאַנצע גאָטס יצירה. פון ביידע זייטן — אַ מילדע, צאַרטע גרינקייט.

דער קאָרן איז שוין העלער — אָט נאָך אַביסל זון — און די זאַנגען וועלן ווייס ווערן. בלויז די זאַנגען פון גערשטן זענען נאָך גרין, גרין און נאָך נידעריק פון דער ערד. עפּעס אַזאַ ברכהדיקע גוטסקייט ווייעט אויף מיר פון די פעלדער — ווי די ברכה פון אַ גוטער, טרייסטנדיקער מאַמען פאַר איר קראַנקן זון, וואָס קערט זיך אום אַ צעבראָכענער אין איר שויס...

— וויאָ!

מיר מיידן שוין נאָוואָסיאָלקע, און אָט איז שוין זאַרוביטש. באַקאַנטע דערפלעך און הויפן. ווי אַמאָל, אויך איצט זענען זיי אַרומגערינגלט מיטביימער. די הייזער קוקן אַרויס צום וועג דורך אַ שלייער פון גרינקייט, דורך אַ געפלעכט פון צווייגן.

אָבער וווּ איז דאָ אין זאַרוביטש דאָס הויז מיטן גאַניק ביים וועג? וועלכע זאַוויערוכעס, וועלכע פייערן האָבן עס אָפּגעמעקט פון דער ערד?... אין דאָזיקן הויז האָט אַמאָל געוווינט מיין עלטער־פעטער יעקעוו. יעקעוו זאַרוביטשער. דאָס איז געווען אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע די פּאָטשט פון שטעטל. אין זיין בריטשקע, געשפּאַנט אין צוויי פערד, האָט אַ פּאָסט־באַאַמטער, באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער און לאַנגער שווערד, געפירט אַלע טאָג די קאָרעספּאָנדענץ פון אַמדור קיין גראַדנע און פון גראָדנע קיין אַמדור. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלצקייט פלעגט עס אָט דער יעקעוו זאַרוביטשער גיין איבער די שטעטלשע גאַסן. אַ הויכער, אַ פולער, מיטן גראָבן בויך פאָראויס פלעגט ער נגידיש שטעלן זיינע טריט אין די טיפע קאַלאָשן, ענטפערנדיק אויף די דרך־ארצדיקע גוטמאָרגנס פון די יידן. אָבער אויך ער, דער גביר און גבר, איז שוין אויפן עולם־האמת: אַ ראַק — וואָס ווייסט נישט פון קיין דרך־ארץ אַפילו פאַר קיין נגיד... — האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט און אים שנעל פאַרצערט... די פאַרצווייגטע משפחה — די אַלע זין און טעכטער — שיינע טעכטער! — צעזייט איבער דער וועלט...

און אָט זענען מיר שוין אין פּאָדגוריע.

שוין דער לעצטער באַרג פאַרן שטעטל. פון אויבן, פון שפּיץ באַרג, זעט זיך שוין דער הויפן הייזלעך אין טאָל. עס סטאַרטשען, ווי תמיד, ווי אַמאָל, דיביידע קלויסטערס: די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע מיטן גרינעם קופּאָל פאַרנט אַנטקעגן באַרג, און פון יענער זייט שטעטל, לינקס, דער הויכער קאַטוילישער קאָשציאָל. און אַז איך קוק זיך גוט צו רעכטס

אינעם הויפן הייזער, דערזע איך אויך דעם הויכן דאַך פון דער געמויער־טער שול, להבדיל.

דאָס פערדל לויפט באַרג־אַראָפּ צום שטעטל צו.

דאָס שטעטל ליגט פאַר מיר מיט זיינע גערטנער און הייזלעך ווי מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס מיך אַרומצונעמען... אין האַלדז ווערט מיר ענג, ספּאַזמאַטיש־ענג — ווי בעת דער באַגעגעניש מיט אַן אַלט־ און גרוי־געוואָרענער מאַמען...

— אַט האָט איר אַמדור! — זאָגט מיר דער באַלעגאָלע.

איך בין שטום. איך קען פון האַלדז קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקו־מען...

אַ היפּש ביסל יאָרן דאָ שוין נישט געווען. אין דער ערשטער ברייטער גאַס — גראָדנער גאַס — זע איך אַ נייעס, אַן „אינאָוואַציע": אַ שטיקל טראָטואַר מיט אַ פּאָר ביימלעך לענג־אויס. הע־הע, גאָר לייטיש, גרויס־שטעטיש. ווער האָט דאָ אַמאָל געטראַכט וועגן אַ טראָטואַר? וועגן אַביימל אין גאַס? אָבער גאָר אַ קליין פּיצל טראָטואַר איז עס. אַ דריי־פיר הייזער פאַרכאַפּט ער. מסתמא נאָר אַן „עקספּערימענט" פון עטלעכע יידן... און קיינער האָט עס נאָך נישט נאָכגעמאַכט...

איך זע עטלעכע עלעקטרישע סלופּעס. אויך אַ נייעס פאַר מיר. דאָס איז שוין אַפּנים מיניסטער סקלאַדקאָווסקיס פאַרדינסט געווען: דער פּוילישער „אָווושעם"־מיניסטער *) האָט טאַקע צוגענומען, אָדער געלאָזט צו־נעמען, די יידישע פּרנסות; אָבער ער האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן זאָלן באַקומען אַ שענער פּנים...

אַן אמתע שמחה געווען ביי מיין מומען און פעטער אין שטוב: אַ גאַסט אויף שבועות.

— אַזאַ גאַסט!

— אַזאַ גאַסט!

---

*) געמיינט דעם פּוילישן אינערן־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי, וועמענס ווערטל ס'איז געווען באַקאַנט: „באָיקאָטירן יידן עקאָנאָמיש — אָווושעם! (ביטע!), אָבער מאַכן פּאָ־גראָמען — דאָס נישט"...

קושן פון אַלטע לייט און אונטערגעוואַקסענע קינדער. די אַלטע לייט זענען גרוי, צעקנייטשט. דער פעטער רעדט מיט אַ געענדערטן לשון: אַלע ציין פאַרלוירן... די מומע — אַמאָל אַ דאָרפישע „קראַסאַוויצאַ" געווען, איצט... אויך זי האָט שוין פאַרלוירן יעדן שפּור פון איר אַמאָליקער שיינ־קייט. דערפאַר די קינדער זענען ווי די שלאַנקע ביימער. צוויי זין אין גראָדנע, הויך אויסגעשאָסענע, ווי די טאָפּאָלן; דער יינגערער דאָ איז שוין אויך אַ גרויסער בחורעץ. דער יורש, דער נייער דור... און דאָס מיידל, מיין קוזינע, איז ווי אַ בוטאָן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געעפנט אַנטקעגן דער זון. זי שמייכלט צו מיר אַזוי באַטעמט.

ווען זענען זיי אויסגעוואַקסן? געזען זיי דאָ אַמאָל ווי קינדער, ווי שנעקעס. זיי האָבן קוים צום טיש דערגרייכט...

אויפן טיש שטייט שוין כיבוד. אָרעמער כיבוד: אַלטע קיכעלעך, עטלעכע קליינע ביליקע עפּעלעך.

די מומע פאַרענטפערט זיך:

— נישטאָ היינט מיט וואָס מכבד צו זיין אַ גאַסט. נישט אַמאָליקע צייטן... מ'טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד... אפשר אַ גלאָז טיי דיר מאַכן?

— נישט נייטיק, אַ דאַנק.

— זאָג, שעם זיך נישט.

דער פעטער שפּאַנט אום הין און צוריק איבער דער גרויסער שטוב און פלוצלונג בלייבט ער שטיין נעבן מיר:

— הערסט, ביטערע צייטן! „זיי" קערן איבער די וועלט...

— ווער זענען דאָס די „זיי"? — מאַך איך זיך תמעוואַטע, הגם איך פאַרשטיי גוט וועמען ער קען דאָ מיינען.

— סטייטש „ווער"? „זיי", די באָלשעוויקעס... האָבן אַ תל געמאַכט פון אַלץ. מ'קען דען איצט עפּעס קויפן? פאַרקויפן?

— געהרגעט די גאַנצע פּרנסה! — האַלט אונטער די מומע.

— ווען נישט די בהמה, וואָלט געווען גאָר ביטער... — רעדט ווײַ־טער דער פעטער. — מיר וואָלטן ממש אַלע אויסגעגאַנגען פון הונגער...

— וואָס טוען אַלע יידן אין שטעטל?

— וואָס זיי טוען? מ'לייגט די ציין אויף דער פּאָליצע... איין גרוי־סער אומגליק פאַר יידן!

— און פאַר גויים?... פאַר די גויים איז גוט?...

— פאַר גויים? ווער דאַרף עס דאגהן פאַר די גויים?... כאָטש אַז דו ווילסט וויסן, — כאַפּט ער זיך, — איז אויך פאַר די גויים אַ גרויס אומגליק. מען נעמט ביי זיי צו די תבואה, מען ליידיקט זיי אויס די שייערס... אין אַנדערע דערפער קלייבט מען זיך שוין איינפירן קאָלכאָזן... די פּויערים ציטערן דערפאַר אימת מוות... טאָמער קענסטו מיר זאָגן — דו קומסט דאָך פון דער וועלט, ווייסטו אפשר, — ווער האָט געשיקט נאָך „זיי"?...

— „זיי" פרעגן דען עמיצן?...

— אָבער ווער דאַרף „זיי"? געווען אַזוי גוט אויף דער וועלט. יידן האָבן געהאַט פרנסה, האָבן געלעבט בריווח... איצט אָבער... גיב אַ קוק, אדרבה, אין שטאָט, קיין איין אָפענע קראָם זעט מען דאָך שוין נישט... אַלץ פאַרקלאַפּט, פאַרשלאָסן... אדרבה, פרווו גיין עפּעס קויפן... גיי אַריין קויפן אַ מעטער טוך, צי ווייבערשן סיץ... אָדער געפין מיר דאָ איצט צו קויפן אַ ציגאַר אין שטאָט! נעכטיקע טעג! איך מוז איצט רויכערן אָט די פּאַפּקודסטוועס! אָט די מאַכאָרקע — די שטינקוווקע... טפו! טפו!...

און כ'דערמאַן זיך, ווי אַלטער פרוסאַק פלעגט אַזוי גדלותדיק בלאָזן דעם רויך אַרום זיך — מעשה־גביר... מ'פלעגט אים גאָר קיינמאָל נישט זען אָן אַ ציגאַר, גלייך ווי דער ציגאַר וואָלט געווען אַ טייל, אַן אבר פון זיין גוף...

— ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? — פרעג איך.

— וואָס שייך ווו? „זיי" האָבן אַלץ אויסגעכאַפּט, אויסגעליידיקט. אַז ביי זיך אין דערהיים, אין „ראַסייע", האָט מען נישט קיין לייב און לעבן. נו, איז כאַפּן זיי וואָס די אויגן זעען. אַן אַנשיקעניש, אַן אומגליק! אַזעלכע האַלאַדראַנצעס!...

אַזוי האָט ער נישט אויפגעהערט צו „מאַנאַלאָגירן", מיין פעטער אַלטער. ער האָט גערעדט און זי, די מומע, האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן איר באַמערקונג — ווי אַ מין דערגאַנצונג צום מאַנס טענות...

אין שטעטל איז מען שנעל געוווּיר געוואָרן וועגן מיין קומען און יידן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מיר אָפּצוגעבן שלום־עליכם.

— מיטליב אייך מיט אייער גאַסט! — האָט מען געגריסט מיין מו־מען און פעטער.

און צו מיר האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל קשיות אינאיינעם מיט שלום־עליכמס:

— שלום־עליכם!

— אָט אַ גאַסט! שלום־עליכם!

— אָט איר וועט אונדז זאָגן וואָס מ׳רעדט אין דער וועלט.

— איז טאַקע אומעטום אַזוי ביטער?...

— און ווי לאַנג וועט מען זיך דאַרפן אַזוי מוטשען?...

— און ווי איז אין וואַרשע? ביים דייטש?

איך כאַפּ זיך אָן אָן דער לעצטער פראַגע.

— זיכער, — זאָג איך — נישט בעסער... נאָך ערגער...

— אפשר טאַקע ערגער... אָבער דאָ האָט דאָך געדאַרפט זיין גוט!

— האָט מען צו מיר אַ טענה.

— איך בין אַוודאי נישט שולדיק... — שפּאַס איך.

און ווידער הער איך אַן ענלעכע טענה ווי מיין פעטערס:

— אָבער ווער האָט „זיי" געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז „באַפרייען"?... מ׳האָט געשיקט נאָך „זיי"?... אַז מען איז „זיי" מוחל די טובות!...

אַזוי האָבן זיך געשאָטן איבער מיר די טענות און קשיות פון די ליידיקגייערישע יידן אין מיין פעטערס גאַניק.

איך קוק אַלעמען אָן — איך דערקען זיי כמעט קיינעם נישט. אַלע פאַרענדערטע, באַבערדיקטע, טייל שטאַרק אַלט־געוואָרענע.

— איך זע, יידן האָבן דאָ צייט אין מיטן העלן טאָג... — באַמערק איך.

— צום אומגליק האָבן מיר איצט צייט... אַז אַלץ איז געשלאָסן... נישטאָ מיט וואָס צו מסחרן... — באַקום איך אַן ענטפער.

צווישן די יידן, וואָס זענען מיר געקומען אָפּגעבן שלום־עליכם, איז אויך געווען איינער פון די אַלטע „נכבדי העיר", אַן אַמאָליקער קאַזיאָנער רב פון שטעטל, ר׳ מאיר־הערשל יעלין. איך קוק אים אָן — די זיקנה האָט זיך ברייטלעך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים. די באָרד אינגאַנצן גרוי, דער שטערן אין קנייטשן — אַ זקן. אָבער אין רעדן איז ער גראָד רירעווודיק און שאַרף. דער קאָפּ, זעט אויס, איז ווייניקער אַלט ווי דער גוף... פון זיינע רייד זע איך, אַז ער, ר׳ מאיר־הערשל, איז גראָד געווען „געכאַפּט אויף דער מעשה": ער איז גראָד יאָ צופרידן פונעם טויש — פון די פּאָליאַקן אויף די רוסן.

— וואָס פאַר אַן עוולות האָבן אייך די רוסן געטאָן? — מישט ער זיך אַריין אין שמועס.

— סטייטש, ווייניק עוולות? — צעשרייט זיך מיין פעטער. — אַז יידן זענען געבליבן אָן פּרנסה איז ווייניק? און אַז די קראָמען זענען ליידיק? אַז מען קריגט נישט צו קויפן קיין לייב און לעבן? ס'איז אייך נאָך ווייניק?...

ר' מאיר־הערשל בלייבט נישט שולדיק קיין ענטפער:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, און די פּוילישע „ענדעקעס", די אַנ־טיסעמיטן מיט סקלאַדקאָווסקין בראש, געפעלן אייך בעסער? האָבן די פּאָליאַקן נישט צוגענומען די יידישע פּרנסות? נו, און די פּריסטאַראָוואַ מיט איר „הומאַניטאַרער שחיטה"?... און די אוניווערזיטעט־בענק?...

— קוקט אים נאָר אָן, אָט דעם אַמדורער „באָלשעוויק"! — טייטלט אויף אים מיטן פינגער מיין פעטער, — זעט, ווי ער איז פאַרקאָכט אין „זיי", דער גרויער קאָפּ! וואַרט, וואַרט, וועסט עלטער ווערן מיט אַ מיט־וואָך, וועסטו זען.

אין גאַניק איז צוגעקומען מיינער אַן אַלטער ידיד פון שטעטל — דער לערער הירשל הימעלפאַרב. נאָך דער האַרציקער באַגריסונג גייט ער אַרויס צו מיר מיט אַ טענה:

— געהערט, אַז דו האָסט זיך רעגיסטרירט צוריקצופאָרן קיין וואַר־שע... היתכן?... סטייטש?...

פון דער פראַגע זע איך, אַז אויך ער איז „געכאַפּט אויף דער מעשה"... און איך האַלט פאַר גלייכער די גאַנצע דיסקוסיע אָפּצוהאָקן: געזינטער אין אַזעלכע צייטן...

— ווי דו קוקסט אים אָן, — ווייזט אָן אויף הימלפאַרבן מיין פע־טער, — איז דאָס אויך אַ „באָלשעוויק".

— פעטער, אַ וועלט קאָן מען נישט איבערמאַכן... — באַמערק איך מיט אַ ווונק, ער זאָל אויפהערן אַזוי אָפּן צו דרשנען...

די אַנדערע יידן לאָזן אָבער נישט אָפּ. זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג די שאַרפסטע פיילן פון „קריטיק" קעגן יעלינעך און הימלפאַרבן, וואָס זע־נען פאַרשריען געוואָרן פון דער גרויסער מערהייט.

כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער גאַנצער „דיסקוסיע", האָב איך זיך אויפגעהויבן פון אָרט און דערקלערט, אַז — ווי אין פאָלקס־ליד זינגט זיך — איך גיי אַרויס „דאָס שטעטעלע באַקוקן".

44

אויף די אַלטע, ליבע געסלעך

כ׳האָב זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט און בין אַרויס. עס באַגלייט מיך אַביסל הימלפאַרב.

— זאָג מיר, — פרעג איך אים, — ביסטו נאָך אַלץ לערער?

— נאָך אַלץ. אַזוי ווי פריער, אַזוי איצט.

— פאַראַן דאָ שולן אין שטעטל?

— פאַראַן איין שולע.

— און וועלכע קינדער לערנען אין דער שולע?

— אַלע קינדער: יידישע, פוילישע, ווייסרוסישע, רוסישע — אָן אונטערשייד.

— און יידיש לערנט מען אין דער שולע?... — גיב איך אים פּלוצ־לונג אַ פרעג.

ער האָט גענומען שטאַמלען:

— יידיש... יידיש... פאַרשטייסט... ס׳איז אַ פראַגע פון צוועקמע־סיקייט... די סאָוועטישע שול־מאַכט ווייסט וואָס זי טוט... פאַר־שטייסט?...

— ניין, איך פאַרשטיי נישט... איך פאַרשטיי נאָר, אַז מיט יידישע קינדער דאַרף מען אויך לערנען יידיש... יידישע קעגנשטאַנדן... שפּראַך... אַביסל געשיכטע... אַ יידיש לידל...

הימלפאַרב האָט אין פאַרלעגנהייט געשוויגן. ער איז באַלד אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע...

אויף דער גאַס פאַרהאַלטן מיך נאָך יידן מיט שלום־עליכמס. די על־טערע דערקען איך גיכער. די יינגערע ווייניקער: זיי זענען געענדערט געוואָרן. פון אַמאָליקע יוגנטלעכע זענען געוואָרן יידן, ווער מיט באָרד און יידישן חותם, ווער מיט סתם דערוואַקסנקייט, מיט שטאָט. ווער עס גייט אין די אַלטע דרכים פון די אבות און טראָגט דעם גלות אויף די פּלייצעס, ווער עס גייט אין די טריט פון דער נייער צייט און איז אָנגע־שלאָסן אין אַ באַוועגונג, אַ קרייזל. דעריבער איז דאָס גריסן זיך מיט מיר פון יעדערן אַן אַנדערס: מיט אַן אַנדער אָנדייט, אַן אַנדער רמז... ווער עס רופט מיך אָן פשוט ביים נאָמען, ווי מ׳האָט מיך דאָ אַמאָל אין

די יינגלשע יאָרן גערופן; ווער עס רופט מיך ביי דער פאַמיליע מעשה מאָדערנער מענטש.

פון די אַלע יידן דאָ, סיי פון די אַלטע, סיי אויך פון די יונגע, ווייעט אויף מיר מיט היימישקייט. איך דערפיל דעם אַמאָל. די היימישע נאָענטקייט פון די מענטשן. עס דוכט זיך מיר בעת־מעשה, אַז איך גיי צוריק אין די קינדער־יאָרן אַריין...

אויף דער וואָלקאָוויסקער גאַס בלייב איך שטיין: ביי דער זיים דער־קען איך אַ לאַנג הויז.

— איז דאָס נישט ישראל־מרדכיס שטוב? — פרעג איך מיין באַ־גלייטער.

— יאָ, ישראל־מרדכיס... געדענקסט גוט...

— ווי קאָן איך פאַרגעסן ישראל־מרדכי דעם בעל־תפילה? ער לעבט נאָך?

— ניין, שוין זינט עטלעכע יאָר אַ שוכן עפר.

ר׳ ישראל מרדכיס איז געווען דאָ אַמאָל אַ גאָר וואָזשנער בעל־תפילה. מיין טאַטע, געדענק איך, האָט אים מער ליב געהאַט צו הערן דאַווענען פאַרן עמוד איידער דעם חזן. זיין „מפני חטאינו״, זיין „הבן יקיר״! יידן האָבן געלעקט די פינגער. ימים נוראים פלעגט אין סענדערס בית־מדרש זיין געפאַקט. אַלע פלעגן קומען הערן ר׳ ישראל־מרדכיס „זאָ־געכץ״. היינט זיין „ונתנה תוקף״ ראש־השנה צי יום־כיפור! פון די וואַנט־לעכער פון ווייבערשן בית־המדרש פלעגט זיך הערן אַזאַ כליפעריי, אַזאַ יללה! ר׳ ישראל־מרדכיס נגינה האָט ממש הערצער געבראָכן. דערצו איז ישראל־מרדכיס געווען אַ שיינער מאַנסביל, אַ שלאַנקער, ווי אַ טאָ־פאָל, מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד, מיט ליכטיקע אויגן. מיט וואָס פאַר אַ מאַיעסטעטישקייט פלעגט ער עס שטיין ביים עמוד און איינ־נעמען דעם גאַנצן עולם, און שפּאַלטן הימלען, און שטורעמען די שערי רחמים...

איצט אָבער... ווי פלעגט ער אַמאָל אַליין זינגען? כחרס הנשבר... כציץ נובל... כחלום יעוף — — —

— די שיינע יידן שטאַרבן אויס... — זאָג איך מיין באַגלייטער.

— עס קומט אַ נייער דור... — ענטפערט ער מיט אַ רמז אויף די „נייע צייטן״...

— זאָל אָבער דער נייער דור נישט פאַרשעמען דעם אַלטן... — באַמערק איך. אַ מין תשובה אויף יענעמס רמז...

איך גיי פאַרביי דאָס הויז מיט דער לאַנגער סטאָדאָלע שוין באַלד אין עק פון דער וואָלקאָוויסקער גאַס, נעבן דער „קרומעיאַנקע" — דעם כמו טייכל, וואָס פלעגט אָפט אינגאַנצן אויסגעטריקנט ווערן. בלויז נאָך אַ שטאַרקן גוס־רעגן פלעגט עס זיך צעיאָגן און צערוישן. דאָ אין דער שטוב מיטן סעדל פון הינטן האָבן מיינע טאַטע־מאַמע אַמאָל געווױנט. דאָ טאַקע אינעם סעדל בין איך אויך רייף געוואָרן. דאָ פלעג איך אַמאָל אין מיין פרילינג שלינגען דורשטיק מיין ערשטע לעקטור: יעקב דינע־זאָנס האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען און שפּעטער — אברהם רייזענען.

אויך די שטוב, ווי די מענטשן דאָ, איז אַלט געוואָרן. דער שינדל־דאַך מער אַראָפּגעזעצט אויף די איינגעהויקערטע אויסגעבויגענע ווענט. אין „קרומעיאַנקע" זע איך ווי עס ריזלט אַ קליין וואַסערל. עס ריזלט שטיל, שטיל און טראָגט זיך ווייטער, ווייטער, פאַרביי דער קוזשניע, דורך דער גויישער גאַס, צום טייך. צו דער אינדורקע. דאָס וואַסערל מורמלט אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי ווי אַמאָל...

איך בלייב שטיין אַ ווײַלע ביי דער פאַרענטש אויף דער בריק און קוק אַראָפּ אַ פאַרטראַכטער. אינעם מורמל פונעם וואַסערל פאַרנעם איך דעם אַלטן זאָג:

דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת...

איך גיי ווייטער, ביז עק גאַס, ביז מיין באָבעס שטוב. מיין באָבע איז שוין לאַנג נישטאָ. זי ליגט שוין פון לאַנג דאָרט אויף יענער זייט שטעטל, אויפן בערגל... אין דעם הויז וווינען שוין אַנדערע מענטשן. אַן אַנדער דור. איך פאַרקריך עקסטרע פון הינטן, כדי אַ בליק צו טאָן. צי עס איז נאָך פאַראַן דער קאַרשן־בוים, ווו כ'פלעג אַלס קינד קומען רייסן קאַרשן... נישטאָ... נישטאָ דער בוים — אַזוי ווי מיין באָבע איז נישטאָ...

ווייטער הייבט זיך אָן דער שפּאַציר־וועג, פאַרביי דעם ווייסן קלויס־טער — דער „אונטערן גלח", ווי דאָס הייסט נאָך דאָ עד היום. אָבער דעם דאָזיקן שפּאַציר לייג איך דערווייל אָפּ. איך וויל ראשית זען דאָס שטעטל גופא. איך מעסט אַזוי די געסלעך און סתם דורכגעענג אין אַלע זייטן.

י ו ר ז י ק ע. — אַ געגנט לענג־אויס דער „קרומעיאַנקע". הייזער צעוואָרפן אָן סדר, אָן טאַלק. כ'בלייב דאָ שטיין ביי סענדערס בית־מדרש,

ווו איך האָב מיינע פרילינג־יאָרן פאַרבראַכט ביי דער גמרא... יוגנטלע־כע יאָרן אין די שאָטנס פון די טריבע ווענט... נעכט אין „משמורים" דאָ פאַרבראַכט... דאָ האָט זיך אַזוי געשמאַק געזונגען:

— אוי, אמר אביי... אוי, אמר רב פפא...

איך קום אַרויס פון דאָרט צום מאַרק. מ'זעט די אַלטע הילצערנע סטראַגאַנעס. פוסטע. קיינער שטייט דאָ נישט היינט. ווו זענען די אַמאָ־ליקע בעקערס? די מילך־פאַרקויפער? ווו זענען די אַמדורער בולקעס? די בייגל? ווו זענען די אַמאָליקע פאַכטערס מיט די פעסלעך פוטער, מיט די גרויסע געפּרעסטע ווייסע שמעטאַנקאָווע קעזן? ווו זענען די אַלע גוטע זאַכן? הלמאי זעט מען דאָס אַלץ נישט?...

אויפן וועג האָט זיך געטוישט מיין באַגלייטער. הימלפאַרב איז אַוועק — האָב איך מיטגענומען מיין קוזין ווי אַ באַגלייטער. איז פרעג איך מיין קוזין:

— זאָג מיר, ווו זענען די אַלע מאַרק־זיצערס מיט זייערע גוטע זאַכן?

דער קוזין קלערט מיר אויף, אַז ביז דער מלחמה איז דאָ אַלץ גע־ווען אויפן מאַרק. מ'האָט דאָ געקריגן פון פייגל־מילך. איצט אָבער... מ'פאַרקויפט אַלץ „אויף שוואַרץ"... פאַר טייערע פרייזן... אָפן האָבן יידן מורא צו האַנדלען...

דערביי דערציילט ער מיר אויך, אַז מ'האָט שוין אַרויסגעפירט אַ היפּש ביסל מענטשן פון דער געגנט: פריצים, „גאָספּאָדאַרעס" פון דער־פער, סטאַראָסטעס, וואָיטן און סתם מענטשן, וואָס מ'ווייסט אַפילו נישט פאַרוואָס און פאַרוועו... נו, האָבן יידן מורא צו האַנדלען. צווישן די אַרויס־געפירטע זענען פאַראַן אויך אַביסל יידן. ער רופט מיר אָן זייערע נעמען, אָבער דאָס זענען שוין מענטשן פונעם נייעם דור, וואָס איך קען נישט.

מיר פאַרנעמען זיך דורך גראָדנער גאַס צו לייזער שואלס שטוב אַנט־קעגן. די גרויסע שטוב מיטן ברייטן גאַניק. לייזער שואלס איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און אַ ייד אַ משכיל, מיט אַ באָרד אין צוויי עקן — אַ־לאַ פראַנץ יאָזעף. ער פלעגט תמיד לערנען „עין יעקב" פאַר אַ טיש יידן אין גרויסן בית־מדרש. שוין לאַנג אויפן עולם־האמת. אויפן דאָזיקן גאַניק איז אַמאָל געווען דער „סבאָר" פון יוגנט. לייזער שואלס קינדער — צוויי טעכטער און אַ זון — זענען געווען מנגנים, פיינע זינגער. אין

די אוונטן פלעגט מען דאָ פון גאַניק הערן אַריעס פון באַקאַנטע אָפּערעס, ציגיינער־ראָמאַנסן. פאַרבייגייער פלעגן זיך אָפּט אָפּשטעלן הערן. דאָ פלעגט זיך תמיד פאַרזאַמלען דער „אינטעליגענטני קרוזשאָק״ (אינטע־ליגענטן־קרייז) פונעם שטעטל. איך געדענק עד־היום זייערע אַלעמענס נעמען, אַקוראַט ווי מען געדענקט אַ ליד, וואָס אַ געליבטע פלעגט אַמאָל זינגען. און די דאָזיקע נעמען ווילט זיך אויסשטעלן אין שריפט ווי אַ ליד, הגם אָן ריטם:

אַלטער, לאהקע, באַשקע, סאָניע, העניע,
אברהם־זעליק, אסתר־לאהקע, איטשקע,
חיה־שרהקע, שעפסל, חיהקע, ליבקע, הירשל,
שמואל, אפרים, וועלוול, דאָרע, ציליע...

און צווישן דער זינגענדיקער יוגנט אויפן גאַניק פלעגט אויך אַמאָל גלאַנצן די עלטערע — אָבער תמיד יוגנטלעכע — טולקע דעם רבס מיט איר אליקום צונזערס „רעפּערטואַר״...

דאָס זענען נעמען פון מענטשן, וואָס טייל לעבן נאָך, צעזייט איי־בער ימים און קאָנטינענטן, און טייל זענען אַוועק מיטן רויך פון די קרע־מאַטאָריעס אין פּוילן... צווישן זיי עטלעכע נעמען איינגעקריצטע אין מיין נשמה, איינגעשפּינטע אין מיינע יוגנט־חלומות — — —

עס גלוסט זיך זיי אַלעמען דערמאָנען, פאַראייביקן... אין אונדזערע אַלע היימישע, ליבע שטעטלעך זענען געווען אַמאָל אַזעלכע קרייזלעך. אַ פיינע יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן די לויטערסטע בענקעניש, די שענסטע חלומות אין דער גרויסער וועלט — — —

דאָ אויפן גאַניק פלעגן אַמאָל קלינגען די טרויעריקע לידער פון נאַדסאָנען, געזונגען מיט אַזויפיל האַרץ, מיט אַזויפיל געפיל. ביי די פאַר־בענקטע צוהערער פלעגט נישט איין מאָל אַ פייכטקייט זיך באַווייזן אין די אויגן...

עס געדענקט זיך מיר נאָך ווי איצט, ווי אַזוי אַלטער לייזער שואלס פלעגט זיך אַנידערשטעלן אין אַן אַרטיסטישער פּאָזע און מיט זיין אביסל הייזעריקלעכער שטים נעמען דעקלאַמירן:

ניע גאַווארִיטיע מניע: אָן אומער — אָן זשיווי**אָ**ט.
פּוסט׳ זשערטוועניק ראַזביט — אָגאָן׳ יעשטשאָ פּילאַיעט;
פּוסט׳ ראָזאַ סאָרוואַנאַ — אָנאַ יעשטשאָ בּוּיעטיאָט;
פּוסט׳ אַרפאַ סלאָמאַנאַ — אַקאָרד יעשטשאָ רידאַיעט.

פאַרשווונדענע צייטן, פאַרקלונגענע לידער — — —

ווו איז איצט יענער יונגער עולם? צעשוומען איבער די וואַסערן פון לעבן. דאָס הויז גופא מיטן גאַניק זעט אויס ווי אַ יורד. איינגעהויקערט און שוואַרץ פון אַלטקייט. דער גאַניק אָפּגעלאָזן, מיט האַלב־צעפוילטע טרעפּ. אַנדערע זענען דאָ איצט די באַלעבאַטים. קיין שאָטן נישטאָ אַפילו פון יענע געשטאַלטן...

איך לאָז זיך פון דאָרט צו דער קרינקער גאַס. גיי פאַרביי דעם גרויסן פּירקאַנטיקן מאַרק־פּלאַץ. אין די מאַרק־טעג פלעגט דאָ שטענדיק זיין אַ טומל, אַ רעש פון אָנגעפּאַרענע פּויערים מיט בהמות, פערד און חזירים צו פאַרקויפן. אַ געקוויטשעריי פון די חזירים, צוגעבונדענע מיט שטריק צו די רעדער. אַ הירזשעריי פון די פערד, אַ „מו־מו"־קעריי פון די בהמות און אַ געקריי פון הענער פון קוישלעך אַרויס. דער גאַנצער מאַרק פלעגט זיין באַלאַגערט, נישט אַדורכצוגיין צווישן די וועגענער, צווישן דעם המון פּויערים און פּויערטעס אין די שווערע קאָזשוכעס, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ זויערלעכער ריח, און די יידן פערד־הענדלער, תבואה־סוחרים און סתם יאַריד־מחותנים.

איצט איז דער פּלאַץ ליידיק. אַפילו קיין איינציק פורל זעט מען דאָ נישט שטיין. נישט קיין סוחרים און נישט קיין פּויערים. אויס אַלץ. געענדערט דער סדר פון דער וועלט...

כ'גיי אַריין אין קרינקער גאַס. די הייזער זענען ווי נידעריקער געוואָרן, איינגעהויקערט, אַקוראַט ווי די זקנים, וואָס איך באַגעגן דאָ.

ביי דער זייט, דורך אַ דורכגאַנג, זעען זיך די גרויסע רויטע ציגל־געביידעס פון דער שול און גרויסן בית־מדרש.

כ'גיי צו צום דאָזיקן פּלאַץ. איינע אַנטקעגן די אַנדערע שטייען זיי, די גרויסע מאַסיווע ציגל־געביידעס. מאָדנע, אויך די מויערן פון די בתי־תפילה זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שלייער פון זיקנה. עפּעס זענען אויך די ווענט אָפּגעקרישלט, אויסגעגעסן פון אַלט־קייט, אַזוי ווי פון ווונדן. בלויז אין די לעכער פון די ווענט זע איך נאָך אַזוי ווי אַמאָל שוואַלבן־נעסטן, וווהין עס פליען אַלע ווײַלע אַרויס און אַריין שוואַלבן מיט ברעקלעך אין די פּיסקלעך. אין גרויסן בית־מדרש, גע־דענק איך, האָט נאָך אַמאָל געדאַוונט דער אַלטער רב ר' ברוך. אַהער פלעגט דאָס שטעטל לויפן הערן זיינע דרשות און אַמאָל, בעת אַ צרה, רחמנא ליצלן, אַ „הספד מר"... אַ גרויסער בעל־בכי געוועזן דער אַלטער

רב און ער פלעגט תמיד דערוואַרעמען די הערצער פון דער עדה יידן. ווי נאָר ער פלעגט אָנהייבן דרשנען, פלעגן שוין די ווייבער אין „עזרת נשים" באַלד נעמען ווישן די אויגן...

איך גיי אַרויף אויף די טרעפּלעך פון גרויסן בית־מדרש, כאַפּ אַ קוק ביי דער אָפענער טיר אינעווייניק — אַ פוסטקייט נעמט מיך אַרום מיט אַ מאָדנעם אומעט. בלויז אַ פּאָר זקנים זיצן אין דערווייטנס ביי אַ סטענ־דער פאַרגראָבן אין אַ ספר. דער גרויסער געשניצטער ארון־קודש קוקט אין דעם פוסטן חלל אַזוי ווי אַ פאַריתומטער.

איך צי מיך צוריק אויף דער גאַס.

אין שול גיי איך שוין נישט אַריין. די שול פלעגט אַמאָל זיין אָפן נאָר שבתים און ימים־טובים. היינט איז זי זיכער פאַרמאַכט. אין שול פלעגט דאַוונען פאַרן עמוד דער שטאָטישער חזן מיט משוררים. פאַרן שול פלעגט מען שטעלן חופות. פאַרן שול פלעגט מען מאַכן הספדים נאָך די חשובי העיר. און ערב־שבת אָדער ערב יום־טוב פלעגט דער אַלטיטש־קער משה בוראַק רופן יידן: „אין שול אַריין!"... ביינאַכט, פלעגט מען אַמאָל דערציילן, קומען אין שול אַריין דאַוונען די מתים פון בית־עולם... דעריבער פלעג איך קינדוויז מורא האָבן ביינאַכט פאַרבייצוגיין פאַרביי דער שול... מ'האָט אַפילו אין שטעטל אַמאָל דערציילט, אַז איינעם אַ פאַרבייגייענדיקן ייד האָבן די מתים אויפגערופן צו דער תורה און דער ייד איז פאַר פחד געשטאָרבן...

באַקוק איך די שול פון אויסנווייניק, דעם ברייטן גאַניק מיט די שטיינערנע טרעפּ, די גרויסע הויכע פענצטער מיט די פאַרשטויבטע בלויע שייבלעך פון אויבן. די יחוסדיקסטע געביידע אין שטעטל נאָך עד היום. פאַרשטייט זיך, נישט רעכענענדיק די גוישע געביידעס, ווי, להבדיל, דעם קלויסטער, די צערקווע, אָדער „אוטשילישטשע". יענע זענען רייכער, גרעסער, העכער און תקיפער...

ווייטער, נידעריקער איבער דער קרינקער גאַס. כ'בלייב שטיין פאַר אַ הילצערנער כאַטע. כ'פלעג דאָ אַמאָל זיין אַ טאָג־טעגלעכער גאַסט ביי איינער אַ מיידל, אַ לערערין אין שטעטל. אַ צאַרט וועזן געווען. יענץ מיידל האָט זיך פריצייטיק מיט דער וועלט געזעגנט... ווי נאָענט, ווי ליב איז זי מיר אַמאָל געווען, די דאָזיקע כאַטע, מיט די פּאָרביימלעך ביים פענצטער. דער נידעריקער שינדל־דאַך, וואָס איך פלעג מיט דער האַנט

דערלאַנגעז. איך כאַפּ עקסטרע אַ בליק דורך די אָפענע פענצטערלעך: פון אינעווייניק קוקן אַרויס גוישע פּנימער...

עבר! עבר!

45

אַלע וועגן פירן צום בית־עולם...

איך זע באַלד באַשיינפּערלעך, ווּ והין אַלץ גייט עס אַוועק: דאָס איז דאָס בית־עולם־בערגל, צו וועלכן עס פירט דאָס דאָזיקע געסל. פון דאָרט, פון יענער זייט טייכל, זעט מען פון דערווייטנס יענץ בערגל, און פון דאָרט ווייסלען זיך די מצבות און די עטלעכע „אוהלס" אויפן שפּיץ בערגל. אָט אַהין גייט עס אַלץ אַוועק — — —

איך בעט דעם קוזין ער זאָל מיך באַגלייטן ביזן בית־עולם. איז דאָך דאָס גוטע אָרט אַ טייל פון שטעטל. ווילט זיך עס אויך אָב־קוקן. דער הילצערנער בית־עולם־טויער איז נאָך שוואַרצער געוואָרן. פאַר די פּאָר צענדליק יאָר זענען דאָ צוגעקומען אַ היפּש ביסל שורות קברים. איך לייען די מצבות. דערמאָן זיך באַקאַנטע נעמען פון אַמאָל. יידן, וואָס האָבן נאָך פּאַר מיין צייט געלעבט, אַ ראָלע געשפּילט אין שטעטל, גע־ווען אַפילו יחידים — העלדן פון זייער דור...

איך קריך אַזוי ביז צום סאַמע שפּיץ, דורך אַלטע איינגעזונקענע שטיינער, דורך לאַנג־פאַרוואַקסענע קברים און קום צו ביז צום אוהל פון צדיק ר' חיים חייקא *). דער אוהל זעט שוין אויס חושכדיק און אָפּגע־בלאַקעוועט, פאַרוואַקסן מיט ווילדע הויכע געוויקסן. אַמאָל פלעגן די שטעטלשע ווייבער קומען אַהער אַריינוואַרפן אינעווייניק קוויטלעך מיט בקשות אויף פּרנסה, אויף קינדער, אויף אַ רפואה שלימה פאַר אַ חולה מסוכן. אין די פאַרוואַקסענע גראָזן דערקענט מען איצט נישט קיין שפּורן פון טריט...

אַפילו די יחוסדיקע מצבה פון גאָלדע האָרעס — די איינציקע מאַר־מאָרנע מצבה אויפן שטעטלשן בית־הקברות — איז אויך געוואָרן אַלט,

---

*) אַ בעל פּלוגתא פון ווילנער גאון, מחסידי ראשונים, בעל־מחבר פון ספר „חיים וחסד".

מיזערנע און אָפּגעבליאַקעוועט פון יאָרן. די אַמאָל גאָלדענע אותיות אויס־געפרעסן פון רעגנס און שנייען, כמעט שוין נישט צום איבערלייענען. כ׳דערמאָן זיך פון אַמאָל די סענסאַציע אין שטעטל: פון מרחקים. פון אַמעריקע, איז אַראָפּגעקומען גאָלדע האָרעס זון, אַן „אַמעריקאַניעץ" אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, מיט אַ היפּש בייכל, דורכגעקרייצט מיט אַ גאָלדע־נער קייט. ער איז עס געקומען אויף קבר־אבות אין דער אַלטער היים, צו שטעלן אַ מצבה אויף דער מאַמעס קבר. דערביי האָט ער נישט פאַרפעלט צו טיילן צדקה לאביונים. ער האָט געטיילט מיט אַ פולער האַנט. אַלע שטעטלשע קבצנים — און קבצנים זענען אין שטעטל שטענדיק געווען לרוב... — האָבן נישט פאַרפעלט צו קומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט ליידיק. אונטער אַ דאָלאַר, צי צוויי האָט ער קיינעם נישט געגעבן.

דער דאָזיקער „אַמעריקאַניעץ" האָט עס אָוועקגעשטעלט אויף זיין מאַמעס קבר אַ פּרעכטיקע מצבה פון שוואַרצן שפּיגלדיקן מאַרמאָר — אַ צירונג אויפן בית־עולם. שטאָט האָט זיך געגרויסט מיט דער דאָזיקער מצבה, און אַז עס פלעגט קומען אַ גאַסט אין שטעטל, פלעגט ער גיין אָנ־קוקן דעם חידוש. און זי האָט באמת אויסגעזען מאַיעסטעטיש, די דאָ־זיקע מצבה: אַ הויכע, אַ שפּיגלדיקע, אַ מלכותדיקע, דערהויבט זיך אי־בער די שורות פּשוטע גרויע און נידעריקע שטיינער, מיט די איינפאַך אויסגעמאָלטע שוואַרצע כהנים־הענט, וואָס שפּרייטן זיך אויס צום דוכ־נען...

אָבער אויך די דאָזיקע שיינקייט האָט די צייט אָפּגעמעקט. געבליבן איז דער בית־עולם אַ פּשוטער, מיט די פּשוטע שטיינער, מיט די פּשוטע שוואַרצע כהנים־הענט און מיט די פון אויבן אויסגעכתיבהטע „פּ. נ.".

כ׳האָב זיך אומגעקערט פון בית־עולם אַ שווייגענדיקער, אַ טרויע־ריקער. אין דמיון האָט זיך געפּלאָנטערט דער אייביקער „דור הולך ודור בא"...

אויף די שטעטלשע גאַסן פעלן די טריט פון די אַלע, וואָס ליגן דאָ דערנעבן אויפן בערגל. שפּרייזן אָבער אום אַנדערע יידן, יינגערע, אונ־טערוואַקסנדיקע. יידן ציען ווייטער דעם המשך...

אָבער צי ציען זיי טאַקע דאָ דעם המשך?... אין היינטיקער צייט? אין היינטיקער אויסטערלישער צייט? — — —

46

אין אַ נאַציאָנאַליזירטער אַפּטייק

אין אָוונט זיץ איך ביי אַן אַלטן ידיד — ביים היגן אַפּטייקער יתום. אַ ייד אַ היפּער־נאַציאָנאַלער, אַ ציוני פון סאַמע רעכטן פליגל. אַ גוואַלדיקער ליבהאָבער פון העברעאיש. אַזוי ער, אַזוי זיין פרוי נעמי — זיין געוועזענע שילערין טאַקע פון העברעאיש ערגעץ אין אַ שטעטל אַרום מינסק. צווישן זיך רעדן זיי נאָר העברעאיש. אויך די קינדער דערציען זיי אין העברעאיש.

מיט יאָרן צוריק, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, בין איך ביי זיי געווען אַ בן־בית, אַ טעגלעכער גאַסט. זי, די פרוי, איז אַהער אָנגעקומען שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה און דאַן האָבן זיי עס חתונה געהאַט. מיר איז דעריבער אַפילו אויסגעקומען צו זיין אַ גאַסט אויף זייער דעמאָלטיקער שמחה. יתום איז שוין דעמאָלט געווען ווייט פון דער ערשטער יוגנט. זי איז געווען אַ סך יינגער פון אים.

און פון דעמאָלט אָן שטאַמט אונדזער פריינדשאַפט. אויב איך האָב זיך אויסגעלערנט צו רעדן מיין באַשיידענעם העברעאיש, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען יענער צייט און יענעם הויז.

זיץ איך איצט ביי די יתומס אין הויז — אין דער וווינונג, וואָס אין הינטערגרונט פון דער אַפּטייק־אָפּטיילונג — און מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ. מען דערמאָנט נעמען פון מענטשן, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער ברייטער וועלט, איבער ימים. ווער עס לעבט שוין כלל נישט. דאָ אין הויז איז דורכגעגאַנגען אין משך פון אַ דור די גאַנצע אינטעליגענץ פון שטעטל. דאָ אין הויז האָט מען געקאָנט טרעפן דעם דאָקטער, דעם לערער, דעם משכיל, די פּאָר סטודענטן, וואָס פלעגן קומען אויף קאַניקולן צום טאַטן אין ווייגאָרטן און בכלל די אַלע מענטשן פון גייסט, וועמענס גורל עס איז געווען צו פאַרברענגען סטאַביל אָדער קורצווייליק אינעם שטעטל. — אַלע האָבן דאָ געפונען אַ גאַסטפריינדלעכע היים, אַ היימיש ווינקל.

יתום איז שוין „זאַט אין יאָרן". נאָך מיין חשבון טראָגט ער שוין דעם זיבעטן צענדליק, אָבער ער האַלט זיך נאָך גוט. דער קאָפּ איז נאָך „אויף די אַקסלען"...

— ווו איז אייער בכור? — פרעג איך.

— עמנואל איז שוין לאַנג אין ארץ־ישראל. — ענטפערט ער.

און די פרוי גיט צו:

— מיר זענען גליקלעך, וואָס ער איז דאָ איצט נישטאָ...

אַ שיין יינגעלע געווען, דער עמנואל. שוין אַלס קינד האָט ער גערעדט נאָר העברעאיש. אַזוי האָבן אים די עלטערן דערצויגן. דאָס איז געווען די אַמביציע פון טאַטן ווי פון אַן עקסטרעמען העברעאיסט. איך פלעג אים אַמאָל פאַרוואַרפן, אַז עס איז נישט גוט צו דערציען אַ קינד צווישן יידן און נישט געבן אים די פאָלקס־שפּראַך — יידיש. עס פלעגט קומען צווישן אונדז צו דראַסטישע וויכוחים. יתום איז אָבער געווען פאַרעקשנט און האָט געטענהט, אַז ער דערציט זיין קינד „נישט פאַרן גלות, נאָר פאַר ארץ־ישראל". און איך זע, ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט: ווי נאָר דאָס זינדל איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער אים אַוועקגעשיקט אין חיפהר טעכניקום, און דאָרט אין ארץ־ישראל איז ער שוין פאַרבליבן.

— זענט איך שווה בשווה מיט דער „נייער אָרדענונג"?... — גיב איך אַ פרעג.

— שטעלט זיך אַליין פאָר... איר קענט דאָך מיך... קיין אַנדערער בין איך נישט געוואָרן...

איך דערמאָן אים, אַגב, אַן עפּיזאָד:

— איר געדענקט? בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1915, האָט איר מיט אַלע פיבערן געוואַרט אויפן דייטש... איר זענט געווען אַ חסיד פון „יעקען". משנאת המן — דעם רוסישן צאַריזם — האָט איר דעם דייטש אויסגעקוקט ווי משיחן... און ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל — איר געדענקט? — באַלד דעם ערשטן פרימאָרגן איז צו אייער אַפּטייק פאַרפאָרן די דייטשישע קאַרעטקע פון מיליטערישן רויטן קרייץ און מ׳האָט אויסגערוימט די וויכטיקסטע מעדיקאַמענטן פון די אַפּטייק־פּאָליצעס. מען האָט אייך נאָר איבערגעלאָזט אַ „צעטל" — אַ „קבלה", הייסט עס... „וויר צאַהלען... וויר צאַהלען"... — האָט אייך דער סאַניטאַר־אָפיציר געטרייסט...

— יאָ, איך געדענק יענעם מאָמענט. כ׳בין דאַן געבליבן ביי אַ פוסטער קאַריטע... ס׳האָט היפּש געדויערט ביז כ׳בין נאָכדעם צו זיך געקומען...

— איך געדענק, — דערמאָן איך אים ווייטער, — ווי נאָר די קאַ־

רעטקע איז אָפּגעפּאָרן פון דער אַפּטייק, האָט איר אַ צאָרנדיקער אויסגע־רופן: „זיי מוזן איינגעמען אַ מיתה משונה, די דייטשן!"... און פון דע־מאָלט אָן זענט איר שוין געוואָרן אויס „דייטש"...

— נו, און איצטער?... — פרעג איך נאָך אַ קליינער פויזע, — ווי זעט עס אויס מיט אייער אַפּטייק ביי די נייע באַלעבאַטים?...

— איצט... ווי איר זעט, זענען די פּאָליצעס דערוויילן נישט ליידיק; אָבער איין קלייניקייט: כ'בין געוואָרן אויס באַלעבאָס... די אַפּטייק איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און איך בין געבליבן אַרבעטן נאָר ווי אַן אָנ־געשטעלטער... כ'בין נישט אַליין, פאַרשטייט זיך. מיט מיר אַרבעט אַ „זאַוויעדוויושטשי" (לייטער), וואָס האָט אַן אָנונג אין פאַרמאַציע ווי איך אין כינעזיש... נו, און די וווינונג... איך ציטער פאַר דער וווינונג... ווי אַ געוועזענער אייגנטימער, קאָן מען מיר הייסן גיין... אפשר וועל איך עס נאָך „אָפּשרייען"... ווי איר זעט — גיט יתום צו — אַ שטיקל אונ־טערשייד: יענע דייטשן פון 1915 האָבן ביי מיר נאָר אָפּגערוימט די פּאָ־ליצעס פון דער אַפּטייק און די איצטיקע מושלים האָבן מיך אינגאַנצן געמאַכט אויס קאַפּעליוש־מאַכער...

— איר פאַרשטייט שוין אַליין, ווי מיר זענען איצט אויס... — גיט צו זיין פרוי.

— וויפל באַקומט איר אַלס אָנגעשטעלטער? — פרעג איך.

— וואַסער אויף קאַשע... — ענטפערט יתום, — ווען נישט דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט פון די „גוטע צייטן", וואָלטן מיר געדאַרפט אָנטאָן אַ טאַרבע און גיין „זשעברעווען"... ווען איך קאָן, וואָלט איך זיי אַלץ מוחל געווען און וואָלט אַוועק פון דאַנען. אָבער וווהין?... די וועלט איז דאָך איצט פאַרמאַכט... דערצו איז מען נאָך נישט רואיק אויך מיטן נפש... איר ווייסט דאָך, פאַר ציוניזם „זיצט" מען אין רוסלאַנד... אַ ליאָ־דע טאָג קאָן עס מיט מיר געשען...

— איר גלויבט אַזוי?

— און איר גלויבט דען אַנדערש? וויפל עשאַלאָנען מיט „ניעבלאָ־גאָנאַדיאָזשנע" (נישט זיכערע עלעמענטן) זענען שוין אַוועק פון גראָדנע, פון ביאַליסטאָק?... מ'איז איצט אָנגעוויזן אויף דעם „חסד" פון די עט־לעכע קאָמוניסטישע ייִנגלעך פון „מיצקריניאָק"... *). מסתמא וועט עס

---

*) אַן אָרעמע געגנט אין שטעטל.

בקרוב אויך דערגיין צו מיר... איצט, אין די עלטערע יאָרן, איז עס גאָר־נישט קיין געשמאַקער ביסן...

— ס׳איז אויך נישט קיין געשמאַקער ביסן אין די יונגע יאָרן... — באַמערקט די פרוי יתום, אויך אַן איבערגעשראָקענע נאָך מער פון מאַן. זי רעדט נערוועז, מיט אַ ציטערדיקער שטים, קענטיק, זי לעבט עס שטאַרק איבער.

פון שכנישן צימער באַווייזט זיך אַ בלאָנד מיידעלע פון אַ יאָר צען־צוועלף.

— אמא, אני רעבה (מאַמע, כ׳בין הונגעריק), — רופט זי צו דער מוטער.

— רגע, רגע, ילדתי! — קושט איר אין קעפל די מוטער.

„אַן עקשן געבליבן ביזן סוף", — טראַכט איך ביי זיך וועגן יתומען, הערנדיק דעם קינדס העברעאיש.

די פרוי יתום נעמט גרייטן צום טיש.

— איר וועט מיט אונדז עסן אָוונט־ברויט. — לייגט זי מיר פאָר.

— ניין, אַ דאַנק. מיין מומע וועט אויף מיר זיין ברוגז. כ׳בין דאָך איר גאַסט.

— ס׳שאַדט נישט. איצט זענט איר אונדזער גאַסט.

בין איך געבליבן ביי די יתומס אויף אָוונט־ברויט. אַ באַשיידן עסן ווי אין מלחמה־צייט. דאָס ברויט, וואָס מ׳עסט, קייט מען מיט כוונה... מ׳ווייסט, אַז מען עסט ב ר ו י ט... די פוטער, דער קעז אין די פאַר־צעלייענע כלים זענען נישט אַזוי שפעדיק ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן. אַלץ איז בצמצום.

ביים עסן האָט זיך יתום געקלאָגט:

— מ׳מוז זיך אָפּזאָגן פון אַלץ און אַלעמען. מ׳מוז זיך איינשרומפּן, פאַרגעסן אָן אַלע גייסטיקע ענינים און לעבן אין די אייגענע ד׳ אמות. מיין איינציקע תפילה איז — אַז אויך „זיי" זאָלן אָן מיר פאַרגעסן...

— מסתמא... — טרייסט איך אים, — אַז מ׳האָט זיך אָן אייך ביז איצט פאַרגעסן, וועט שוין אויך ווייטער גוט זיין... עס וועט שוין וואַכן איבער „זיי" דער גוטער מלאך פון שכחה...

— הלוואי! ווי זאָגן יידן: „פון אייער מויל אין גאָטס אויערן"...

דאָס מיידעלע שווייגט ביים עסן. זי קוקט אויף מיר בגנבה און שעמט זיך פאַר אַ זייטיקן ביים טיש.

— מי מורתך? (ווער איז דיין לערערין?), — פרעג איך זי.

— אמא, — ענטפערט דאָס מיידעלע און אַ ליכטיק שמייכעלע צע־גיסט זיך איבער איר קינדיש פּנימל.

— איר ווייסט דאָך, — דערגאַנצט די פרוי יתום, — סיי איך, סיי מיין מאַן האָבן זיך אַמאָל פאַרנומען מיט דעם פאַך. ביידע האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט קנעלן. נו, איז איצט בין איך איר לערערין. איבעריקנס, אין שטעטל זענען איצט קיין גוטע העברעאישע לערערס נישטאָ, מוז איך זיך אַליין פאַרנעמען מיטן קינד.

— איך באַדויער, — זאָגט יתום, — וואָס אויך דאָס טעכטערל איז נישט אין ארץ־ישראל. איך האָב זי געוואָלט אַוועקשיקן, אָבער זי, נעמי, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל וואַרטן ביז איבער איר מאַטורע. נו, ווער איז געווען גערעכט, האַ? — שיקט ער אַ פראַגע צו דער פרוי.

— ווען מיר וואָלטן געקאָנט זיין נביאים און וויסן פאָראויס וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָ, וואָלטן מיר אַלע שוין לאַנג געווען אין ארץ־ישראל. — ענטפערט זי.

— אין אייראָפּע קאָן מען קיינמאָל קיין גוטס נישט דערוואַרטן. אַן אייביקער ווולקאַן!

און ווענדנדיק זיך צו מיר גיט ער צו:

— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, וואָס איר ווילט איצט פאָרן קיין וואַרשע... איך וואָלט עס אפשר אויך געטאָן פון פאַרצווייפלונג... אָבער די דייטשן מעגן דאָך אויך איינגעמען אַ מיתה משונה... אַזעלכע מנוולים און באַנדיטן!

— מיר לעבן דאָך אין אַזעלכע טעג, ווען עס דיקטירט אונדז די פאַרצווייפלונג...

נאָך אָוונט־ברויט זענען מיר נאָך געזעסן, ציענדיק ווייטער דעם שמועס. ס'איז אין די דאָזיקע ווינקעלעך נישט געווען די געמיטלעכקייט פון אַמאָל. עס האָט קיינער נישט פאַרצויגן קיין זמר ווי אַמאָל און יתום האָט נישט באַגלייט אויף דער פיסהאַרמאָניע, וועלכע שטייט נאָך אַלץ אויף איר אָרט אַ פאַרלאָזענע, אַ פאַרגעסענע. נישטאָ אַפילו שוין פון לאַנג קיין שטימונג ביי די באַלעבאַטים צו באַרירן אירע קלאַווישן. שווייגט זי, שטומט זי ביי דער וואַנט ווי פאַרזונקען אין טרויער...

די פרוי יתום לייגט פאָר מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר „אונטערן גלח". לכבוד מיר, דעם גאַסט. כ'בין גערן מסכים.

ס׳איז אַ העלע לבנה־נאַכט. אַ בלויקייט האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן אַרום. מיט דורשטיקע אויגן באַקוק איך דעם אַלט־באַקאַנטן וועג נאָכן קלויסטער, די פעלדער פון ביידע זייטן וועג, די ווערבעס ביי די ראָוון, די בלויע ווייטעניש. די ריחות פון די תבואה־פעלדער און לאָנקעס האָבן פאַרשיכורט, דער מילך־וועג אויפן הימל האָט זיך געצויגן פאָראויס און פון אַ זייט האָט אַראָפּגעקוקט דער זיבן־שטערנדיקער „גרויסער בער“. דורך דער לופט איז פון צייט צו צייט פאַרבייגעפלויגן אַ פויגל מיט אַ זומערדיקער טרילעריי.

עס גלוסט זיך מיר נישט אין די רגעס צו רעדן. איך שפּרייז און שווייג, און קוק ווי אַ בגילופינדיקער.

— אַלץ ווי געווען... — רייסט זיך אַרויס ביי מיר. — אַלץ ווי אַמאָל...

— די נאַטור האָט זיך נישט געענדערט — מ י ר זענען געוואָרן אַנדערע... — באַמערקט יתום.

מיר זענען שוין ביים „מאָהילניק“ (צווינטער). פון דערווייטנס שוואַרצן זיך דאָרט די ביימער, וואָס פאַרהילן אין זייער פינצטערניש די שטיינער און צלמים איבער קברים...

מיר זענען דערגאַנגען ביזן שפּיץ באַרג פאַרן ערשטן דאָרף — פּראָקאָפּאָוויטש. אויף דעם באַרג זענען מיר אַביסל שטיין געבליבן. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן. פון דאָרף ווינקען קליינע פייערלעך פון דאָרפישע כאַטעס. שטילקייט און שלווה. בלויז איין פויעריש פורל איז פאַרבייגעפאָרן פון שטאָט און געאיילט אין דאָרף אַריין, צו דער דאָרפישער רו. דער פויער האָט צוגעטריבן דאָס פערדל באַרג־אַרויף איבערן שאָסיי: „אַ נאָ! אַ נאָ!“ און דער וואָגן מיט די סקריפּנדיקע רעדער איז געקראָכן, געקראָכן ביז ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט און דאַן גיך פאַרשווונדן געוואָרן באַרג־אַראָפּ, צו פּראָקאָפּאָוויטש צו.

— צוריק!

אויף צוריקוועגס האָט מען ווייניק גערעדט.

— ווו איז דאָ די שפּאַצירנדיקע יוגנט? — פרעג איך — אַמאָל אין אַ זומער־נאַכט איז דאָך געווען דאָ לעבעדיק, געלעכטער, געזאַנג.

— ווי איר זעט, — ענטפערט יתום, — אומעטיק געוואָרן אויף די וועגן... אַ מאָדנע דערשיינונג: זינט די „באַפרייער“ זענען געקומען, האָט מען דאָ עפּעס אויפגעהערט צו לאַכן...

— דער „אונטערן גלח“ איז אינגאַנצן טויט געוואָרן... — גיט צו פרוי יתום. — נישטאָ קיין שטימונג ביי קיינעם... עפּעס איז מען שוין נישט ווי ביי זיך אין דער היים. זיצט מען אין די כאַטעס. איר זעט דאָך אַליין די פּוסטקייט — קיינעם נישט באַגעגנט, כאָטש אַזאַ פּרעכטיקע לבנה־נאַכט הייַנט.

נענטער צום שטעטל האָבן מיר באַגעגנט איין יונג פּאָרל. פּעסט געאָרעמט און צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע.

— נאָר פּאָר פּאַרליבטע איז דאָ איצט גוט. — באַמערקט פרוי יתום.

— נישטאָ קיין מענטשן, שטערט זיי קיינער נישט...

— גוט צו זיין אין הייַנטיקע טעג אַ פּאַרליבטער, — רופט זיך אָן יתום, — אַז מען איז פּאַרליבט, פּאַרשיכורט, זעט מען אפשר אין גאַנצן נישט דעם אַרום...

מיר זענען ווידער אין שטעטל, אויף דער וואָלקאָוויסקער גאַס. זעלטן שלייכט זיך דורך אַ שאָטן פון אַ מענטשן, כאָטש עס איז נאָך נישט אַזוי שפּעט. אַ סך פענצטער זענען שוין אויסגעלאָשן. שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון אַזאַ שטילקייט, פון אַזעלכע שלאָפעדיקע גאַסן.

אין מיין מומעס שטוב שלאָפט מען שוין אויך. די טיר איז אָבער אָפן צוליב מיר. עס באַגעגנט מיך דער קוזין און ווייזט מיר אויפן טיש, אַז פאַר מיר איז גרייט וואָס צום עסן. היות ווי כ'בין שוין נאָכן אָוונט־ברויט, פירט ער מיך אַריין אין אַ באַזונדער שטיבל, ווו עס איז צוגעגרייט פאַר מיר אַ געלעגער אויף אַ סאָפקע.

כ'בין לאַנג געלעגן און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ס'האָט מיך געפאַנגען און נישט אָפּגעלאָזט דער אומעט פונעם שטעטל. אַזוי ווי אין אבלות זע איך עס, דאָס שטעטל, גלייך ווי עס וואָלט די טייערסטע, די נאָענטסטע פאַרלוירן... די שאָטנס פון די אַמאָליקע געשטאַלטן, די לעבעדיקע און די טויטע, זענען געשטאַנען איבער מיר ביי מיין צוקאָפּנס. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעשוועבט אין מיין עבר — — —

47

מיין קוזינקע פון „מאַסלאָפּראָם"

אינדערפרי זאָגט מיר די מומע:

— היינט איז מאַשע פריי. זי האָט „וויכאָדנאָי" (רו־טאָג). קענסטו מיט איר אַביסל שפּאַצירן. נישקשה, זי איז שוין אַ גרויסע „באַרישניאַ"... מ'קען שוין מיט איר פירן אַ „ראַזגאָוואָר" (שמועס)...

— מאַשע אַרבעט דען?

— יאָ, זי אַרבעט אין „מאַסלאָפּראָם" (מילכיקעריי־אַמט). איר פאַר־דינסט איז גאָרנישט מיט גאָרנישט — גראָשנס. אַדאַנק איר אָבער האָבן מיר אין שטוב אַמאָל אַ שטיקל קעז, אַביסל פּוטער... פאַרשטייסט? די אַלע, וואָס אַרבעטן דאָרט, גיבן זיך אַמאָל אַן עצה... כמעט די גאַנצע מילך פון אונדזער בהמה פאַרקויפן מיר. מ'מוז דאָך האָבן אַ פּאָר גראָשן אין שטוב. אַז מען פאַרדינט דאָך נישט...

— אַזוי גאָר? — קוק איך זי אָן פאַרחידושט. — אויך דאָ מוז מען גנבענען?...

— אַזוי, מיין טייערער. אַזוי גייט עס דאָ צו אין דער „נייער אָרדע־נונג"... אַז אויפן גלייכן וועג קען מען נישט לעבן, איז גייען די אַרבעטער „נאַ ליעוואָ"...

עס קומט אַריין פון אַן אַנדער חדר מאַשע. איבערגעלאָזט זי אַמאָל אַלס קינד. אויסגעוואַקסן, אַנטוויקלט זיך. געוואָרן אַ שיין מיידל. ס'אַראַ שוואַרצע אויגן ביי איר! דער מאַמעס אויגן פון אַמאָל.

— געראָטן אין דער מאַמען, — זאָג איך אַ קאָמפּלימענט, אייגנט־לעך, דער מומען.

— אָך און ווי וואָלט געווען ווען זי איז אין מיר געראָטן... — כאַפּט זיך אָן די מומע.

— איך געדענק אייך, מומע, פאַר אַ „קראַסאַוויצע".

— אפשר אַמאָל... פאַרצייטנס...

מאַשע לאַכט, און לאַכנדיק ווייזט זי אירע רעגלמעסיקע, ווייסע, פּערלדיקע ציין. באמת אַ שיין מיידל.

— מאַשע מוז זיין די „שיינהייטס־קיניגין" פון שטעטל, נישט אמת?
מאַשע איז רויט געוואָרן און האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— נישט צו פאַרזינדיקן מיט איר פּנים... — זאָגט די מומע. — אָבער זי איז אַ שוואַך קינד. זעסט נישט איר בלאַסקייט?

— וואָס איז איר דען? איז זי דען קראַנק?

— כסדר בראָנכיטן. היינט שוין בעסער. דעריבער לאָז איך איר נישט אַרבעטן ביי דער מאַשין — זי איז דאָך אַ נייטאָרין.

— מאַכט מיך נישט פאַר קיין „קראַסאַוויצאַ" און מאַכט מיך נישט פאַר קיין קראַנקע... — פּראָטעסטירט מאַשע האַלב ערנסט. — איך בין נישט שיין און איך בין נישט קראַנק...

נאָכן פרישטיק לאָז איך זיך מיט מאַשען אויף אַ שפּאַציר. נישט זי פירט מיך, דעם גאַסט, נאָר איך פיר זי: עס גלוסט זיך מיר באַזוכן די אַלע ווינקעלעך, די אַלע וועגן־שטעגן פון אַמאָל...

מיר גייען קודם־כל „אונטערן גלח": אונטער דער לבנה האָב איך שוין נעכטן געזען די געגנט; היינט וויל איך זי זען אונטערן שיין פון דער זון.

מאַשע פרעגט מיך אויס פון דער גרויסער וועלט. פון אירע רייד זע איך, אַז זי איז נישט קיין פּראָסט מיידל. זי לייענט יידיש, פּויליש. דער עיקר ראָמאַנען. אמת, נישט איבערקלייבעריש. אַ צאַרט מיידל, די מאַשע. זי דערמאָנט מיר מיינע ערשטע ליבעס דאָ אינעם שטעטל... יענע מיידלעך זענען נישט געווען עלטער פון איר, אָבער וווייניקער נאַאיוו ווי זי... פון וואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ נאַאיווקייט? אַז כ'נעם זי אין גיין מחמת געוווינהייט אונטערן אָרעם, אָן שום כוונה, פאַרשטייט זיך, ווערט זי זשעניִרט. אַ רויטע פאַרב טוט אַ פלייץ איבער אירע בלאַסלעכע באַקן. איך לאָז תיכף אָפּ איר אָרעם און געדענק שוין צו זיין פאָרזיכטיק מיט איר...

מיר גייען פאַרביי דעם „קלוגן שטיין" — אַ ריזיקער אַלטער שטיין פאַרן קלויסטער. אויפן דאָזיקן שטיין פלעגן אין לבנה־נעכט זיצן פאַר־ליבטע פּאָרלעך אין שטילע פליסטערייען... אויך איך בין דאָ נישט איין מאָל געזעסן... דער שטיין פלעגט הערן אַלעמענס שעפּטשערייען און שווייגן... דיסקרעט שווייגן... אַלע ליבע־סודות פון שטעטל האָט ער גע־ווּסט, דער דאָזיקער שטיין. דערפאַר טאַקע מסתמא האָט מען אים גע־רופן „דער קלוגער שטיין".

— דו זיצסט אַמאָל דאָ אויפן „קלוגן שטיין"?... — פרעג איך מיין קוזינע.

זי פֿאַרשטייט מיין פֿראַגע און צעשמייכלט זיך.

— פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו נישט?...

— און אַז געזעסן?... — קריגט זי שוין מער קוראַזש אין דער שטים.

— אדרבה, נישט קיין עוולה... — זאָג איך, — ווען ווענסטו זיצן, אויב נישט איצט?...

— האָסט נאָך נישט קיין ייִנגל? — פֿרעג איך זי אין אַ ווײַלע אַרום. מאַשע ווערט ווידער רויט.

— כ'ווייס... כ'ווייס נישט ווי אייך צו זאָגן.

— זאָג מיר נישט „אייך", נאָר „דיר". ביסט דאָך אַ קוזינע.

— ס'איז מיר שווער צו זאָגן „דו" אַן עלטערן פֿון מיר.

— איז וואָס ענטפֿערסטו מיר אויף מיין פֿראַגע?

— כ'גיי אַמאָל שפּאַצירן מיט איינעם אַ ייִנגל; אָבער ער געפֿעלט מיר נישט. אַ צו פּראָסטער. איבעריקנס, וואָס האָב איך זיך צו איילן? די מאַמע וואָלט שוין געוואָלט מיך פֿירן אונטער דער חופּה... וואָס איז די איילעניש?...

— גערעכט! אויב ער געפֿעלט דיר נישט, איז זיכער נישטאָ זיך וואָס צו איילן.

— און ווי גייט עס דיר אין „מאַסלאָפּראָם"? — פֿרעג איך זי אין אַ ווײַלע אַרום.

— נישט אַזוי אינטערעסאַנט. האָב צו טאָן אַ גאַנצן טאָג מיט פּויערים, וואָס ברענגען די קאַנען מילך. איך נעם אויף פֿון יעדער פּויערטע די מילך און פֿאַרשרייב. קיין שווערע אַרבעט איז עס נישט. גרינגער ווי זיצן איינגעבויגן אַ גאַנצן טאָג איבער דער ניי־מאַשין.

— ברענגען די פּויערים גערן זייער מילך אין „מאַסלאָפּראָם"?

— אַ ברירה האָבן זיי? יעדער פּויער, וואָס האָט אַ בהמה, מוז צו־שטעלן אַ געוויסן קוואַנטום מילך. זיי קרעכצן, נעבעך, און ברענגען... אויף מיר וואָרטשען זיי, גלייך ווי איך וואָלט די שולדיקע געווען. איינע אַן אַלטע באַבע האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן: „אַלץ די זשידעס... די זשידעס ברענגען אונדז אומגליק"... און גיי טענה זיך אויס מיט איר!

— און וואָס האָט געזאָגט דער פֿאַרוואַלטער?

— דער פֿאַרוואַלטער איז גראָד נישט געווען דערביי. פֿאַרן פֿאַר־וואַלטער ציטערן זיי אימת מוות.

— ווער איז ער, דער פאַרוואַלטער?

— נישט קיין היגער. ס'איז „זייערער" אַ מענטש, פון רוסלאַנד גע־קומען. אַז ער גיט זיך אַ בייזער אויף די פויערטעס, בלייבן זיי שטיל ווי די לעמעלעך... נישט פון איין דאָרף האָט מען שוין אויסגעראַמט וועמען מען האָט געפונען פאַר נייטיק... מען ווייסט נישט אַפילו ווו זייער גע־ביין איז אַהינגעקומען... צוגענומען און — ווי אין וואַסער אַריין...

איך רייס איבער די רייד און גיב זיך איבער דער אַרומיקער שטי־לער שיינקייט.

גייען מיר, בלאָנקען מיר. די איינציקע שפּאַצירער אינמיטן העלן טאָג.

מיין בליק נעמט אַרום דעם גאַנצן אַרום. כ'זע אַלע ווייטקייטן, ביז צום האָריזאָנט. רעכטס אין דער ווייטעניש שמידט מיין בליק די גרופּע מאַהיליאַנער בערג. אַ קלייניקייט, די מאַהיליאַנער בערג! שטענדיק, גע־דענק איך, פלעגט מען אַמאָל דאָ רעדן וועגן די מאַהיליאַנער בערג; ייִנגל־ווייז האָט מען געחלומט צו זיין דאָרט אויף די הויכקייטן. כאָטש סך־הכל ליגן זיי אפשר אַ צען קילאָמעטער פון שטעטל. אַרום די דאָזיקע בערג האָבן זיך אין שטעטל געוועבט לעגענדעס וועגן מלחמות, שלאַכטן. מ'האָט דערציילט, אַז דאָרט אין די טיפע זאַמדן געפינט מען נאָך איצט מענטש־לעכעביינער, שאַרבנס...

גייען מיר, בלאָנקען מיר. מיר פאַרנעמען זיך אין דער זייט פון וועג, רעכטס, צווישן די תבואה־פעלדער. דערנעבן ציען זיך לאָנקעס. לאָנקעס באַצירטע מיט פעלד־בלימלעך, מיט ווייסע און בלויע, מיט דופּטיקן רומיאַ־נעק. אַמאָל פלעג איך דאָ פאַרברענגען גאַנצע טעג מיט ביכער און שלינ־גען דורשטיק פּרצן, טורגעניעוון, לערמאָנטאָוון... דאָ פלעג איך ליגן מיט פאַרריסענע אויגן אין די בלויע הויכקייטן און שפּינען חלומות וועגן די שיינקייטן פון וועלט, וועגן ווייטע, גרויסע שטעט — — —

דער רומיאַנעק פאַרשיכורט אַזש. די ריחות רופן אַרויס אָפּגעהאַקטע שטיקער פונעם אַמאָל, רגעס און שעהען אַן צוזאַמענהאַנג. כ'דערפיל אַזש אַן איבערגעלאָדנקייט אין געמיט. אַזוי וואַרעם ווערט אויף דער נשמה...

ביי דער אָזיערע פאַרנעמען מיר זיך צום וועג, אַנטקעגן „מאַהיל־ניק". מיר קומען צו צום שטיינערנעם פאַרקאַן. אויך דאָ, בשכנות פון די „פּאָמניקעס" איבער קברים, איז אַן אָרט, ווו כ'וואָלט געדאַרפט אַ דענק־מאָל שטעלן — אַ דענקמאָל נאָך מיינע אַמאָליקע ליבעס... עס דערמאָנט

מיר דאָ אַ סך, אַ סך... ווו זענען יענע יענע מיידלעך? יענע ליבעס? אַזוי פיל אומשולד, אַזוי פיל תמימותדיקע שיינקייט געווען!

אויף צוריקוועגס פאַרהאַלט איך זיך אַ ווײַלע בײַ אַ צלם אויף אַ קרייץ־וועג. דער הילצערנער צלם איז אַלט און מיט אַ סך שפּאַלטן, איז עטוואָס אָנגעבויגן, ווי גרייט אומצופאַלן. דער קליינער יעזוסל אויבן, אין אַ ווייס העמדל איינגעהילט, זעט אויך אויס אַלט און אָפּגעבליאַקעוועט. זיינע אויסגעצויגענע אָרעמס אויף בײַדע זייטן צלם זענען אַזוי דאַר אויס־געטריקנט, און דער קאָפּ מיטן דערנער־קרוין אַראָפּגעזונקען. די דערנער פאַרברוינט און פאַרדאַרט מחמת אַלטקייט.

דורך אומוועגן זענען מיר אַריין אין שטעטל און אָנגעקומען אויף „מיצקרינאַק" — דער אָרעמסטער טייל, אָן פלאַנירטע גאַסן. סתם אָנגע־וואָרפענע הייזלעך — נעבעכדיקע, חושכדיקע. וווינען אויף „מיצקרי־נאַק" איז אַמאָל געווען אַ פּחיתות הכבוד. אַז מ'האָט עמעצן געוואָלט אַריינזאָגן, האָט מען אים דערמאָנט, אַז ער איז אַ „מיצקרינקער"... דאָ האָט טאַקע אַמאָל אויך געוווינט דאָס געזינדל ווילע יונגען פון שטעטל, די מאַרק־שלעגער, די שיכורים און גנבים. אַז אין שטעטל פלעגט געשען אַמאָל אַ גנבה, פלעגט מען קודם־כל זיך אַוועקלאָזן צו דער ווילער חברה אויף „מיצקרינאַק". אָבער אין דער אמתן איז דער גרויסער רוב איינוווי־נער פון „מיצקרינאַק" געווען יידן ווי אַלע יידן, נישט ווינציקער חשוב ווי די יידן פון די עטלעכע הויפּט־גאַסן. יידן האָרעפּאַשניקעס, באַלמע־לאָכעס, גוטמוטיקע פּאָלקס־מענטשן. זיי זענען נאָר געווען מער אָרעם, גרעסערע אביונים...

זינט 1905, ווען די „נייע ווינטן" האָבן גענומען בלאָזן איבערן גרויסן רוסלאַנד און נישט אויסגעמיטן אויך די יידישע שטעט און שטעט־לעך פון „תחום המושב" — בתוכם אמדור — האָט „מיצקרינאַק" געלי־פערט די „מאַסע", די יוגנט, פאַר אַלע באַוועגונגען: סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע — פון אַלע קאָלירן, פון אַלע שאַטירונגען. מעסיקע און עקס־טרעמע. די גאַסן האָבן געגעבן די „אינטעליגענטע כוחות", די אָנפירער, די רעדנער; „מיצקרינאַק" — די „מאַסע"...

קוק איך זיך איצט צו צום אַלטן דלות. דער אַלטער דלות, וואָס תמיד. אַפילו איצט — בײַ דער „נייער אָרדענונג" — איז ער נישט קלע־נער געוואָרן... דער זעלבער אומעט קוקט אַרויס פון די קליינע פענצטער־לעך, פון די צעריסענע, פאַרשימלטע שינדל־דעכער איבער די נעבעכדיקע

אָרעמע כאַטעס. איך זע אויך נישט קיין שײַנענדיקע פּנימער, קיין פֿרייד בײַ די מענטשן, וואָס שלײַכן זיך דורך צווישן די כאַטעס. מענטשן אין מיזערנעם הולך, מיט בלאַסע פּנימער און מאַטע אויגן.

אַרויס פֿון דאָרט צום „באַרג־שלאָס" — אויך אַ באַרג מיט לעגענדעס וועגן הריגות און מלחמות אין די אַלטע צײַטן. אויך אין די טיפֿענישן פֿון „באַרג־שלאָס" געפֿינט מען מענטשלעכע שאַרבנס. אָבער דאָס שטערט נישט די יידישע קינדער פֿון שטעטל ווינטער־צײַט אַראָפּצולאָזן זיך מיט געמאַכטע שליטעלעך באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ, אין גאַלאָפּ, ביז העט־העט צו די פּאַרקאַנעס פֿון די גוייִשע הייזקעס.

צוריק אַרײַנגעקומען דורך קרינקער גאַס, צום מאַרק־פּלאַץ. פֿון כאַזעס מויער קוקט אַראָפּ אַ ברייטע שילד מיט אַן אָנשריפֿט: „גאַראַיספּאָלקאָם" (שטאָטישער אויספֿיר־קאָמיטעט) און איבער דער שילד אַ רויטע פֿאָן מיט האַמער און סערפּ. דער סימן פֿון דעם נײַעם סדר־העולם אין שטעטל...

48
דער אָרעמער יום־טוב־טיש

אין די שבֿועות־טעג געזעסן בײַ דעם יום־טובֿ־טיש פֿון מײַנע גאַסטגעבערס.

מײַן מומע האָט באַזאָרגט אַביסל גרינס פֿון דעם נאָענטן פֿעלד און אויסגעפּוצט די ווענט. זי האָט געוואָלט כאָטש שאַפֿן אַ זכר פֿון יום־טובֿ. אַרײַנברענגען אַביסל נשמה־יתירה אין שטוב. דער טיש גופֿא איז אָבער נישט געווען אַזוי יום־טובֿדיק. נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל האָט מען בײַ די פּרוסאַקס אין הויז אַנדערש געפּראַוועט ימים־טובֿים. ימים־טובֿים מיט הינער, מיט גענדזלעך, מיט העכט און מיט קאַרפּן, מיטן גוטן גלעזל ייִן־צמוקים, מיט די פֿײַנע, פֿעטע טשאָלנטער אין די שבתים, מיט דער פֿעטער געפֿילטער קישקע און טעמדיקע לאָקשן־קוגלען. איצט אָבער... אַ דאַרער שבֿועות. טונקעלע חלה. קידוש מאַכט דער פֿעטער איבער טיי. אַ מאָגער ביסל יויך — נישט אַפֿילו פֿון עוף. און צו פּיצל קעלבערנס בײַ איטלעכן אויפֿן טעלער. דער פֿלוימען־צימעס בלאַס און מאָגער, האָט נישט געהאַט יענעם טעם.

אַ טיש פון אַ יורד.

דער פעטער האָטביים עסן ווידער געקרעכצט און דערמאַנט מיט ווייטיק:

— פאַראַיאָרן אַן אַנדער שבועות געווען... אַלץ „זיי”... אַראָפּגע־בראַכט צו אונדז דעם דלות...

— הלוואי נישט ערגער איבעראַיאָר! — זאָגט די מומע מלכה.

און ווי דאָס עסן — אַזוי דאָס בענטשן. אַזוי די זמירות.

דער פעטער פלעגט זיך קיינמאָל, געדענק איך, נישט צערעמאָניען צופיל נישט מיט זיינע זמירות, נישט מיטן בענטשן. אָט פלעגט ער אַ מורמל טאָן אַ פּאָר ניגונים און יוצא. אַ קאַלטער מתנגד געווען. דאָס מאָל האָט ער עס גאָר געמאַכט בחיפּזונדיק. קיין זמירות האָט ער בכלל נישט אָנגעהויבן. באַלד נאָכן עסן האָט ער אָן צערעמאָניעס אַ מורמל געטאָן שנעל־שנעל ווי אַ וואַסער:

— הזן ומפרנס...

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין אויפגעשטאַנען פון זיין אויבן־אָן. נאָך אים דאָס גאַנצע הויזגעזינד. מ׳האָט זיך פאַרקליבן אויפן גאַניק, גערעדט, דערציילט. מ׳האָט דערמאָנט די משפחה־מענטשן, וואָס זענען שוין אויפן עולם־האמת. מ׳האָט דערמאָנט די אַלטע, גוטע יאָרן...

נאָך שבועות האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיטן שטעטל. כ׳בין איינער אַליין אַרומגעקראָכן אין און אַרום שטעטל, נאָכאַמאָל באַקוקט די אַלטע ערטער, די וועגן און שטעגן, די אַלע ווינקעלעך, וועלכע זענען מיר פון תמיד אָן געווען איינגעבאַקן אין האַרצן. כ׳האָב אויף אַלץ געקוקט מיט אַן אויסטערלישער בענקעניש און טרויער, מיט אַלץ זיך געזעגנט, אויף אַלץ געוואָרפן אַ לעצטן בליק... דאָס מאָל האָב איך געפילט באַשיינפּער־לעך, אַז דאָס געזעגן איך זיך מיט דער אַלטער היים אויף אייביק... אַז קיינמאָל וועט שוין מיין פוס נישט טרעטן אויף דער היימישער ערד... די נאָך נישט רייפע זאַנגען האָבן זיך צוגעשאָקלט. דוכט, גענייגט פאַר מיר, דעם מענטש פון נע־ונד. די בלויע קאָרן־בלימלעך פון צווישן די זאַנגען, די שטילע, פרומע גרעזלעך האָבן באַגלייט מיט ברכה מיין יעדן טריט...

שווערער איז געווען דאָס געזעגענען זיך מיט די היימישע מענטשן:

אויף זיי אַלע האָבן אַפּנים געפּילט, אַז דאָס געזעגענען מיר זיך שוין אויף שטענדיק... פייכטע אויגן און שטומע קושן גיבן איבער דעם צער פון הערצער...

יאָ, איך פיל עס, איך ווייס: די דאָזיקע נאָענטע מענטשן וועל איך מער שוין אין לעבן נישט זען — — — —

עפּעס גרייט דאָך שוין זיכער דער גורל!

49

אַ בריוועלע פון וואַרשע

צוריקגעקומען קיין גראָדנע און געטראָפן די צעמישטע און רעזיגנירטע פּליטים־מאַסע. די מענטשן זענען לחלוטין אומגעגאַנגען אָן קעפּ און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. גיין אַרבעטן? אָבער די אַרבעט גיט דאָך סיי־ווי־סיי נישט קיין פּרנסה.

געשריבן קיין וואַרשע וועגן מיין באַזוך אין שטעטל. דערויף באַקום איך אַן ענטפער פון מיין פרוי מיט שאַרפע טענות און פאָררוורף:

„אנשטאָט צו זיצן אין בריסק און באַמיען זיך צו פאָרן קיין וואַרשע, ליגט דיר גאָר אין זינען אַ שפּאַציר אין אמדור... כ׳האָב גערעדט מיט די אדלערס, וואָס האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון דיר, פון בריסק. אַז מען וויל שטאַרק, קען מען זיך אַן עצה געבן, אַזוי ווי די אדלערס האָבן זיך אַן עצה געגעבן״...

אפשר איז זי טאַקע גערעכט, מיין פרוי. כ׳האָב געדאַרפט לענגער זיצן אין בריסק. אָבער ווו נעם איך דאָ אדלערס דאָלאַרן אויף צו קענען פאָרן ווי ער איז געפאָרן?...

בין איך אומגעגאַנגען אַ באַטריבטער מיט מיין פרויס בריוועלע אין דער טאַש.

איך טרעף זיך מיט מאָריס ליאַמפּען, מיט די אַקטיאָרן פון אַנסאַמבל. מ׳רעדט וועגן דער צעמישונג צווישן די יידישע פּליטים. אגב, פאַר דער לעצטער צייט זענען אין גראָדנע פאָרגעקומען נייע אַרעסטן, נייע אַרויסשיקונגען... דאָס האָט נאָך טריבער געמאַכט די שטימונגען אין שטאָט. ביי די פּליטים איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דער דראַנג צו זיין וואָס ווייטער פון דעם אַלעם, וואָס ווייטער...

— וואָס־זשע טראַכט איר איצט צו טאָן? — פרעגט מיך ליאַמפּע.

— ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, ווייסט איר דאָך וואָס איך וואָלט געטאָן.

— וועגן פאָרן פאַרגעסט! — וואָרנט ער מיך, — געדענקט, איר שטעלט זיך אין געפאַר...

— איך האָב דען אַ ברירה?

— איר האָט נאָך אַ ברירה. אויב איר ווילט, קען איך אַריינגיין אין דער מיליץ און אַרויסבאַקומען פאַר אייך אַ פּאַס. אַזוי האָב איך דער־ליידיקט פאַר וואָלפשטאַטן, פאַר הילסבערגן און פאַר שיפּערן. זיי זענען דאָך אויך געווען רעגיסטרירט צום פאָרן ווי איר. נעמט אַרויס אַ פּאַס און קומט צוריק אַריין אין אונדזער קאָלעקטיוו אַרבעטן מיט אונדז. פאָלגט מיך.

איך ווייז מאָריס ליאַמפּען דאָס בריוול פון מיין פרוי.

— וואָס ווייסט זי דאָרטן, וואָס זי שרייבט! — רופט ער אויס מיט ביטול, — איר ווייסט דאָך, וואָס שושנה שרייבט מיר פון ווילנע. כ׳וואָלט גערן אַליין אויך געפאָרן... אָבער פאַראַן דען אַן אויסוועג? גיין ריזיקירן מיטן קאָפּ?...

— פונדעסטוועגן... אפשר וועט נאָך עפּעס אַרויסקומען פון אונדזער רעגיסטראַציע.

— שלאָגט זיך עס אַרויס פון קאָפּ! קיין גוטס וועט זיכער דערפון נישט אַרויסקומען... כ׳האָב גערעדט מיט טשערניאַווסקין — ער ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט...

— פאַרפאַלן... כ׳וועל נאָך אַביסל אונטערוואַרטן. אַרויסנעמען אַ פּאַס הייסט דאָך זיכער, אַז מער וועל איך וואַרשע און מיינע נאָענטע נישט זען... דאַן איז שוין אַלץ געענדיקט!...

— טוט ווי איר פאַרשטייט.

עס ראַט מיך אויך צו נעמען אַ פּאַס מיין פלימעניק דער אַדוואָ־קאַט. נישט ווייל ער איז מער אינפאָרמירט ווי אַנדערע — אין די סאָ־וויעטישע קאַנצעלאַריעס קען מען ווייניק געוווּיר ווערן. דאָרט ווערט אַלץ באַשלאָסן בשתיקה, בחדרי חדרים... אַפילו „אייגענע מענטשן״ ווייסן נישט איידער עס קומט די צייט...

אויך מיינע אַלע באַקאַנטע פּליטים פון וואַרשע, מיט וועלכע איך טרעף זיך ביי ד״ר בריזמאַנען, זענען פאַרעקשנט: זיי נעמען נישט קיין

פּאַספּאָרטן! „מ׳האָט אונדז רעגיסטרירט צום פּאָרן, מוז מען אונדז אַרויס־לאָזן!״ — טענהן זיי אַלע. יעדער איינער „דעמאָנסטרירט״ זיין געדולד צו וואַרטן, כאָטש די נערוועזיטעט ליגט ביי אַלעמען אויף די פּנימער, אין די גרימאַסן און אין די האַנט־זשעסטיקולאַציעס...

די קיפּניסאָווע האַלט פּייערדיקע, פאַרביטערטע רעדעס ביים טיש און קען זיך ממש נישט שענקען — בפרט נאָך איר דורכפאַל אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ... זינט יענע טעג קען זי נאָך אַלץ נישט געווינען איר גלייכ־געוויכט...

— טאָ יעסט זבראָדניא! (דאָס איז אַ פאַרברעכן!) — דונערט זי.

— אַזוי צו באַגיין זיך מיט „ביעזשענצעס״! שפּילן זיך מיט מענטשלעכע לעבנס... „זיי״ מוזן אונדז געבן אַן עשאַלאָן!

כמעט קיינער פון די פאַררעגיסטרירטע פּליטים האָט זיך נישט איינ־געבראָכן. מ׳איז נאָך קיין פּעסער נישט געגאַנגען. מ׳האָט ווייטער גע־וואַרט.

50

די מיליץ רופט!

איין טאָג — ס׳איז שוין אין יוני — באַווייזט זיך אין די גאַסן אַ באַקאַנטמאַכונג צו די פּליטים. אַלע פּליטים, רעגיסטרירטע צום פּאָרן, דאַרפן זיך תיכף מעלדן אין מיליץ אַרויסצונעמען פּעסער.

צווישן די פּליטים האָט געהערשט אַ צערודערונג. מ׳איז אומגעלאָפן איינע צו די אַנדערע. איטלעכער האָט געוואָלט וויסן וואָס דער טוט, וואָס יענער טראַכט צו טאָן.

— מ׳האָט זיך לסוף גענומען צו אונדז... — האָט מען גערעדט צווישן זיך.

ס׳האָט איטלעכער אויך געוווּסט, אַז נעמען אַ פּאַס הייסט אויך — תיכף צו פאַרלאָזן די שטאָט, דעם גרענעץ־פּאַס. ווידער הייסט עס, גיין וואַנדערן, דערצו איבער דער פּראָווינץ, אין די קליינע שטעטלעך. און וואָס וועט מען דאָרט טאָן? פון וואַנען וועט מען דאָרט לעבן? דאָ אין גראָדנע, הגם די צרות זענען גענוג גרויס, האָט מען זיך שוין ווי עס איז צוגעפּאַסט צו די היגע באַדינגונגען. מ׳האָט כאָטש אַ שטיקעלע סביבה.

אָבער אין דער פּראָווינץ? גיין אָנהייבן אויפסניי זוכן? זוכן אַ שטיקל ברויט? אַ דאַך איבערן קאָפּ?

פאַר מיר איז עס געווען קאַטאַסטראָפאַל: האָב איך דאָך אין גראָד־נע געהאַט אַ דירה ביי אייגענע. משפחה. היימישע. וואָס וועט איצטער זיין מיט מיר?

אָבער קיין עצה איז שוין נישט געווען: אַלע זענען געגאַנגען אין מיליץ.

בין איך אויך אַהין אַוועק.

אַ יונגע פרוי — מיט אַ „קאָמאַנדיראָווקע" פון רוסלאַנד אַפּנים...

— אַמטירט ביי אַ ברייטן טיש און דערליידיקט די פּליטים. זי הייסט איך זאָל איר ווייזן אַלע מיינע דאָקומענטן, וואָס איך האָב נאָר. איך גיב איר מיין פּוילישן פּאַס און דאָס מיליטערישע ביכל.

— וואָס האָט איר נאָך פאַר אַ דאָקומענטן?

— וואָס נאָך איז נייטיק?

— אַלץ, אַלץ.

— אויך פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין?

— ווייזט! ווייזט אַלץ!

איך דערלאַנג איר די לעגיטימאַציעס פון וואַרשעווער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, פון ליטעראַטן־פאַראיין און יידישן פּען־קלוב.

זי קוקט אַריין אויפמערקזאַם אין אַלע דאָקומענטן, פאַרצייכנט ביי זיך און הייסט קומען אין אַ וואָך אַרום נאָכן סאָוויעטישן פּאַס.

— און די לעגיטימאַציעס? — פרעג איך.

— אַלץ בלייבט ביי אונדז.

— סטייטש? פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין? פון פּען־קלוב?

די שיקסע האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פון אויבן־אַראָפּ און מיט אַ פאַרביסנקייט אַ זאָג געטאָן:

— פאַרגעסט אָן דעם אַלעם! מער וועט עס שוין נישט זיין... פּאָ־ניאַטנאָ?...

און זי שיקט שוין אירע בייזע בליקן צו אַן אַנדערן אין דער ריי:

— סליעדוויושטשי! (דער ווייטערדיקער פון ריי).

אַרויסגעגאַנגען פון מיליץ בין איך „נקי", אָן שום דאָקומענטן, בלויז מיטן צעטל פון „קאָמפּאָמביעזש", אַז איך בין רעגיסטרירט צום אַרויס־פאָרן. דאָס האָט מיר די שיקסע איבערגעלאָזט ווי אַ שאַנד־צייכן...

— דאָס היט אייך אָפּ! — האָט זי מיר עס צוריקגעגעבן מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק...

— נו, וואָס זאָגט איר איצט, פּאַניע דאָקטאָזשע? — פרעג איך דעם דאָקטער ליוביטש, איינעם פון דעם פּליטים־קרייזל, מיט וועמען איך באַגעגן זיך ביי ד״ר ברייזמאַנען אין הויז און וועמען איך האָב דאָ אויך געטראָפן איצט אין דער מיליץ.

— מען שפּילט זיך מיט אונדז... — ענטפערט ביטער ד״ר ליוביטש.

— יאָ, אַ שפּיל... אַ זייער טרויעריקע שפּיל... איר זענט אַ מבין ווי חוצפּהדיק די שיקסע פאַרהאַלט זיך?

— אַז די דאָזיקע שיקסע איז איצט איבער אונדז דער באַלעבאָס... אויף אונדז אַלעמען קוקט זי פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אָפּגעשטאַנענע, אָדער ווי אויף „בורזשויען"...

און אין אַ ווײַלע אַרום רעדט ער ווייטער:

— מיר מעגן זיך שוין איצטער געזעגענען מיט אונדזער וואַרשע...

— איר זענט כאָטש צוזאַמען מיט אייער פרוי און קינדער.

— איז אונדז אַלעמען זייער ווויל... אַ גליק האָט אונדז אַלעמען געטראָפן... — באַטאָנט ער זיין איראָניע. — אַז מען נעמט שוין אַרויס אַ סאָוויעטישן פּאַס, איז מען דאָך שוין אַ זייעריקער. מ׳קאָן שוין מיט אונדז מאַכן וואָס מען וויל... נישט אַזוי?

אַ גאַנצע וואָך האָט אַזוי געדויערט די רעגיסטראַציע אין דער מיליץ. אַלע פּליטים זענען בלית ברירה געגאַנגען אין דער מיליץ מיט אַ מינע, גלייך ווי מען וואָלט געגאַנגען אונטערשרייבן דעם אייגענעם גזר־דין...

51

מען גייט „באַפרייען" ליטע...

אומרויִקע טעג אין שטאָט.

איבער די גאַסן ציִען טאַנקען. די שווערע רעדער רודערן איבערן ברוק. נאָך די טאַנקען ציִען באַטעריעס שווערע־ און פעלד־אַרטילעריע. גאַנצע „אָבאָזן" אַמוניציע. רויטאַרמייער אין קריגס־גרייטקייט. אַלץ ציט מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ געדראַנג.

וווהין? קעגן וועמען?

עס ווערט באַלד אויפגעקלערט: קעגן ליטע — קעגן דעם ליליפוטן־לאַנד. אַלץ ציט צו דער ליטווישער גרענעץ.

דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האַלט אין איין פייערן דורך די הילכערס אויף די גאַסן: ליטע סאַבאָטירט... ליטע באַדראָט דעם שלום... מעשים־תעתועים פון ליטווינער קעגן די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען אין ווילנע... ליטווינער האָבן פאַרנאַרט סאָוויעטישע אָפיצירן אין אַ קעלער און זיי דאָרט געפייניקט... וואַלדעמאַראַס פאַרקויפט זיך צו ענגלאַנד און אַמע־ריקע... נאָטעס אַהער, נאָטעס אַהין... סמעטאָנאַ אַהער, סמעטאָנאַ אַהין... כלומרשטע אויפרעגונג פון ליטווישן פאָלק קעגן סמעטאָנאַן — דעם ליטווישן דיקטאַטאָר... דאָס ליטווישע פאָלק האָט שוין געוווג די מאַכט פון די פעאָדאַלן... דאָס ליטווישע פאָלק פאָדערט שוץ פון ראַטנפאַרבאַנד... עס חלשט ממש, עס בעט זיך, אַז ראַטנפאַרבאַנד זאָל עס „באַפרייען“...

און אַזוי כסדר אין זעלביקן נוסח. טאָג און נאַכט האָט די סאָוויע־טישע פּראָפּאַגאַנדע געאַרבעט איבער די לופט־וועלן פון דער וועלט און צוגעגרייט די עפנטלעכע מיינונג. אין דער זעלביקער צייט האָבן נישט אויפגעהערט צו ציען צו דער ליטווישער גרענעץ די האַרמאַטן און טאַנ־קען... ווי אַן אָפּגעריסענע לאַווע האָבן זיך געאיילט די אַמוניציע־אָבאָזן דורך אַלע וועגן, דורך אַלע שאָסייען — צו „באַפרייען“ ליטע, נעבעך...

און אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט טאַקע די ידיעה, אַז די רויטע אַר־מיי האָט באַזעצט נישט נאָר ווילנע — ווו מ'האָט, נעבעך, „געפייניקט אין אַ קעלער סאָוויעטישע אָפיצירן“... — נאָר גאַנץ ליטע מיט קאָוונע בתוכם.

גראָדנער יידן האָבן יענעם אָוונט געקרעכצט מיט באַדויערונג:

— אָרעמע יידישע ווילנע! ירושלים ד'ליטא!...

ביינאַכט האָט עס נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו רודערן איבערן ברוק פון די גאַסן.

און די פּליטים אויף די געלעגערס האָבן געפיבערט אין זייערע קאָשמאַרן... די גאַנצע וועלט, די גאַנצע וועלט ווערט אונטערגעצונדן פון דער שרפה! אַלץ פאַרכאַפּן זיי, דיביידע דיקטאַטורן: יענע פון רעכטס און די פון לינקס... ווי באַקומט מען זיך אַרויס צו דער פרייער וועלט?...

דו זעסט מיט די אייגענע אויגן, ווי אַ וועלט ווערט חרוב... אַ וועלט גייט אונטער — — — — — — — — — — — — — — — — —

52

די „בשורה" ביים ניעמאַן

דער זומער האָט זיך צעשפּילט מיט זון און מיט גרינקייט.

אין מיין דעפּרעסיע לויף איך צום ניעמאַן. עס ווילט זיך אַביסל פאַרגעסן. איך פאַרברענג גאַנצענע שעהען אויף די פּליאַזשע־זאַמדן צווישן קאַלאָזשע און לאָסאָסנע. אויך דער פּליטים־עולם איז דאָ פאַראַן. פון די שלעכטע דירות, פון די „ווינקלען" ביי פאַמיליעס קומט מען בע־סער פאַרברענגען די טעג אויף די הערלעכע ניעמאַן־ברעגעס — אין זון, אין וואַסער.

אַהער אויף דער פּליאַזשע ברענגט מען אַלע „פּאַטשטן": נייעסן פון ראַדיאָ, פון די פראָנטן אויף מערב... דער דייטש באַהערשט די וועלט... נייעסן פון „יענער זייט" — פון וואַרשע... נישט קיין פריילעכע בשורות... אכזריותן, רציחות איבער יידן... אַ שוידער גייט דורך איבערן לייב הערנדיק...

— יידן, וואָס וועט עס זיין?

— וואָס וויל מען פון די יידן? זענען מיר טאַקע מער זינדיק פון אַלעמען?...

— ענדיקט זיך טאַקע די וועלט?...

— פונדעסטוועגן, — רופט זיך ווער אָפּ, — וואָלט איך בעסער גע־וואָלט זיין אין וואַרשע צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדערלעך... צו וואָס דאַרף איך ליידן באַזונדער און זיי באַזונדער?...

און איין טאָג ברענגט עמיצער אויף דער פּליאַזשע די אמתע „בשורה":

— אַבלאַוועס!! אַבלאַוועס אויף פּליטים! די מיליץ גייט אַרום לויט די רעגיסטרירטע אַדרעסן און פאַרנעמט אַלע פּליטים...

צווישן נאַקעטן עולם אויפן זאַמד איז געוואָרן אַ מהומה.

עס הערן זיך שטימען פון אַלע זייטן:

— סטייטש?! מיר דאַרפן דאָך באַקומען פּעסער!

— מ'האָט דאָך אין מיליץ געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום נאָכן פּאַס.

— עס קאָן נישט זיין!

— גייט אין מיליץ, וועט איר זיך איבערצייגן... — זאָגט דער ברענ־גער פון דער „בשורה“, — איך בין עקסטראַ געקומען דאָ צו מיין ברו־דער. איר האָט אים דאָ נישט געזען? מ׳טאָר איצט נישט גיין אַהיים...

די צעררודערונג איז געוואקסן. מענטשן האָבן זיך גלייך געכאַפּט אָנטאָן די מלבושים. פון אַלע זייטן אַן אויפגערעגט גערייד:

— האָט איר זיך פאַרגעשטעלט אַזאַ סוף?

— אַזוי אַריינגענאַרט מיט דער רעגיסטראַציע...

— איז די גאַנצע רעגיסטראַציע געווען אַ שווינדל?

— זיכער אַ שווינדל! אַ כיטרער שפּיצל...

— אַזוי האַנדלען לגבי פּליטים! לגבי אומגליקלעכע, היימלאָזע מענטשן...

— וואָלט איך בעסער די פיס צעבראָכן איידער כ׳בין אַרויס פון וואַרשע...

— מ׳איז געלאָפן פון פייער אין וואַסער...

— אָבער ווי איז עס מעגלעך, טאַטע אין הימל!

— האָט איר ביי „זיי“ אַן עוולה...

— אָבער מיר גלויבט זיך פאַרט נישט. ס׳וואָלט געווען הימל־שרייענד...

— אַז מ׳זאָגט ביי „זיי“ אַרעסטן — גלייב...

אַזוי האָט זיך געפלאָכטן אַ נערוועזער שמועס אין די ערשטע רגעס פון אויפרעגונג. אַלע האָבן זיך שוין דערווייל אָנגעטאָן און מ׳איז גע־שטאַנען אין איין גרויס רעדל אויף דער פּליאַזשע. דער שמועס איז ווײ־טער געגאַנגען:

— וואָס טוט מען איצט?

— דאָ איז גאָרנישט גוט צו זיין. מ׳מוז פון דאַנען עוקר זיין.

— אָבער וווהין? אַז צו זיך אַהיים נישט.

— נישטאָ קיין אויסוועג.

— כאָטש פון בריק אין וואַסער.

— צי קאָן מען זיך דען פון „זיי“ אויסבאַהאַלטן?

— איך וועל פּרווון גיין צו עפּעס אַ קוזינע.

— איך האָב נישט צו וועמען צו גיין... איך האָב דאָ קיינעם נישט... פאַרפאַלן...

ביסלעכווייז איז דער רעדל געוואָרן שיטערער. מ׳האָט זיך גענומען

פאַנאַנדערגיין מיט נישט זיכערע טריט אין דער ריכטונג צו דער שטאָט; אָבער דורך אַנדערע וועגן, נישט צוזאַמען, נישט אין גרופּעס.

עס האָט איטלעכן באַגלייט די פּאַרצווייפלונג!...

אויף דער פּליאַזשע זענען געבליבן נאָר די היגע מענטשן. זיי זענען געבליבן ווייטער ליגן אויפן הייסן זאַמד, אונטער די שטראַלן פון דער צעשפּילטער סוף־יוני־זון, געקוויקט זיך מיט די קילע וואַסערן פונעם בלויען ניעמאַן.

איך בין פון דאָרט אַוועק, אויך דורך אַ זייטיקן וועג, נישט צום פּלימעניק, ווו איך וווין, נאָר צו מיין מוטער און שוועסטער. אויך ביי זיי איז נישט זיכער. איצט וווינען זיי שוין נישט אין „פערשטאָט“, נאָר נישט ווייט פון מיין פּלימעניק דעם אַדוואָקאַט, אויף דער זעלבער גאַס, נעבן דער תּפיסה. אָבער דערווייל, ביז וואָס־ווען, בין איך געגאַנגען אַהין דורך הינטער־געסלעך, ווי אַ גנבֿ, כּדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן.

— ביסט דאָ! גאָט צו דאַנקען! — רופט אויס מיין פאַרזאָרגטע מאַמע, אַז זי דערזעט מיך.

— וואָס איז געשען?... — מאַך איך זיך נישט וויסנדיק.

— גאָרנישט... — שטאַמלט זי אין פאַרלעגנהייט. זי וויל מיך אַפּנים נישט מצער זיין מיט דער גוטער „בשורה“.

— טאַקע אמת, מאַמע? מען אַרעסטירט?

— דו ווייסט שוין? גאָט צו דאַנקען וואָס דו ביסט אַהער געקומען. גיי נישט צו אפרימען נעכטיקן.

— וואָס וועט דאָס העלפן, מאַמע?

עס קומט אויך אַריין מיין שוועסטער — מיט פייכטע אויגן.

— וואָס וועט איצטער זיין? — רעדט זי אַרויס און צעכליפּעט זיך. די מאַמע באַגלייט איר מיט פאַרבראָכענע הענט און געוויין אויפן קול.

עס ווערט מיר פיינלעך אין דער רגע — נישט פאַר מיר, נאָר פאַר די צוויי פרויען, וואָס זענען איבערגעפולט מיט גרענעצלאָזער ליבע צו מיר...

— וויינט נישט, איך בעט אייך. מ׳וועט מיך דאָך נישט קוילענען...

— פּרוּוו איך זיי טרייסטן. און בעת מעשה פיל איך, אַז ווען איך רעד נאָך אַ פּאָר ווערטער, בין איך נישט ערבֿ, צי איך גופא וואָלט זיך נישט צע־כליפּעט אויף זיי קוקנדיק...

— איך האָב איצט גערעדט מיט אפרימען, — זאָגט די שוועסטער.

— נו, וואָס זאָגט דיין אַדוואָקאַט?

— ער זאָגט, אַז ער וועט בעטן דעם פּראָקוראָר. ער קען זיך דאָך מיט אים. דערווייל אָבער טאָרסטו נישט נעכטיקן אין שטוב. אַפילו דאָ ביי אונדז טויג נישט.

— אָבער וואָס קען שוין אויפטאָן אַפילו דער פּראָקוראָר? וואָס זאָגט אפרים?

— אפרים וועט אים בעטן מ׳זאָל דיר אַרויסגעבן אַ פּאַס.

— אַ גליק האָט מיך געטראָפן... אַ פּאַס...

— וואָס דאַרפסטו פאַרדאגהן אַ וועלט? דערווייל וועט מען דיך נישט טשעפּען.

אין משך פון טאָג האָט מען אויסגעזוכט פאַר מיר אַן אָרט צום שלאָפן ביי אַ ווייטער קרובה.

כ׳בין אַהין געגאַנגען אין אָוונט. ס׳זענען מיט מיר דאָרט געזעסן די מאַמע, די שוועסטער, גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ שווער קראַנקער, פון וועמען מ׳טאָר נישט אָפּטרעטן...ביידע האָבן מיט מיר געוואָלט זיין צוזאַמען, רעדן מיט מיר, זיך אָנקוקן אויף מיר. ווייל ביידע האָבן דאָך געוווסט, אַז אַ ליאַדע טאָג שיידן מיר זיך דאָך ווער ווייסט אויף ווי לאַנג — — — — — — — —

53

טעג פון מהומה...

היות ווי אין זעלבן הויז, ביי אַנדערע שכנים, זענען אויך געווען אויסבאַהאַלטן פּליטים, האָט מען פאַר מיר אויסגעזוכט אַן אַנדער דירה. אַזוי האָב איך מחמת זיכערקייט יעדע פּאָר טעג געביטן מיינע דירות. עטלעכע נעכט פאַרבראַכט ביי אַן אַנדער פּלימעניק. דאָרט איז געווען צו־געגרייט פאַר מיר אַ בוידעם־באַהעלטעניש אין פאַל עס וועט נייטיק זיין צו באַהאַלטן זיך. ביים אַדוואָקאַט האָב איך נישט געקענט זיין, אַחוץ צוליב דער אומזיכערקייט, אויך צוליב דעם, וואָס פאַר אים — דעם פאַר־זיצער פון דער „יורידישער קאָנסולטאַציע״ — איז נישט געווען „אויף

דער האַנט" צו באַהאַלטן ביי זיך אין וווינונג אַ „ביעזשעניעץ", וואָס איז געוואָרן „טרייף"; אויף וועמען עס לויערט די מיליץ...

איין אָוונט קומט צו מיר די שוועסטער און דערציילט מיר, אַז איר אפרים האָט שוין גערעדט מיטן פראָקוראָר. יענער האָט געשטאַמלט: אפשר... ער וועט זען...

ווי איך זע: שוואַכע שאַנסן... מען דאַרף זיך, הייסט עס, גרייטן אין וועג אַריין...

דערווייל זענען די אַרעסטן געגאַנגען מיט דער פולער פאַרע. טאָג און נאַכט האָט מען געשלעפּט די קרבנות פון אַלע הייזער, פון אַלע באַ־העלטענישן. עס האָט גענישטערט די מיליץ. עס האָבן גענישטערט אַגענטן אין ציוויל. עס האָבן נישט געפעלט קיין אונטערזאָגערס אין שטאָט...

ביי די אַרעסטן און אַבלאַוועס איז אָנגעגאַנגען אַזאַ סיסטעם:

די פּליטים, וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, מיט ווייב און קינדער, האָט מען פאַרנומען אויף לאַסט־מאַשינען און אָפּגע־פירט גלייך צום עשאַלאָן, וואָס איז געווען פון פאַראויס צוגעגרייט הינ־טער דער שטאָט אויף אַ זייטיקן „טאָר" (שינעס) ביי דער סטאַנציע לאַ־סאסנע. אַזאַ מין עשאַלאָן און אויף דעם זעלביקן אופן ווי בעת די ערשטע אַרויסשיקונגען פון די „שעדלעכע עלעמענטן" — די „בורזשויען", פאַ־מיליעס פון מיליטערלייט, פון אַרעסטירטע בונדישע און פּ. פּ. ס.־ישע טוער וכדומה.

די ערגסטע מערכה האָבן געהאַט די אַלע יחידים־פּליטים — די יעניקע, וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט קיין פאַמיליעס, אָדער וואָס זייערע פאַמיליעס זענען געבליבן אויף „יענער זייט" — זיי האָט מען איבערגע־פירט אין אַרעסט ביי דער מיליץ. און די דאָזיקע פּליטים זענען געווען די קאַלאָסאַלע מערהייט. אומעטום אין די הונדערטער טויזנטער. ווייל פאַר גאַנצע פאַמיליעס איז דאָך געווען שווער צו לויפן איבער דער גרענעץ. אגב האָט דאָך אַ פאַמיליע געוואָלט ראַטעווען מיט זיך אויך אַביסל זאַכן, מלבושים, די נייטיקסטע חפצים: מען קען דאָך נישט אַוועקלויפן פון דער אייגענער היים נאַקעט און בלויז און אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר... אגב האָט מען געהאַלטן, אַז אין סכנה זענען נאָר די מענער; אַז פרויען און קינדער וועלן די דייטשן שוינען... אַזוי האָבן יידן געטראַכט אין וואַר־שע, אין לאָדזש אין קראָקע... און אומעטום. דעריבער זענען געלאָפן על

פי רוב נאָר יחידים. אַ סך, אַ סך יחידים. אין די צענדליקער, אין די הונ־דערטער טויזנטער. פאַראַן, הייסט עס, גענוג, גענוג קרבנות...

— אפשר ווייסטו, וואָס געשעט דאָ? — פרעג איך מיין פלימעניק דעם אַדוואָקאַט, וואָס איז מיך געקומען באַזוכן.

— גאָר פשוט. מען נעמט אַלעמען. אָן אויסנאַם.

— און די פעסער, וואָס מען האָט אונדז געזאָלט אַרויסגעבן?

— נעכטיקע טעג... ס'איז געווען נאָר אַ „טריק" אַזאַ...

— אַ קאָמעדיע בלויז געשפּילט מיט אונדז?...

— רוף עס אָן ווי דו ווילסט...

— און וואָס וועט מען טאָן מיט די אַלע פּליטים?

— רוסלאַנד איז גענוג גרויס.

— וווהין וועט מען זיי שיקן?

— ווער קען ביי „זיי" וויסן?

— וואָס האָט דיר געזאָגט דער פּראָקוראָר?

— כ'האָב דעם איינדרוק, אַז אַפילו ווען ער זאָל וועלן, קען ער אויך ווייניק וואָס אויפטאָן.

— און ווי איז אין אַנדערע שטעט?

— אומעטום דאָס זעלבע. כ'האָב געהערט היינט אין דער „יורידי־שער קאָנסולטאַציע", אַז דאָס איז אַ פאַראָרדענונג פון אויבן — אַזש פון מאָסקווע... דאָ קען שוין קיינער נישט העלפן...

הייסט עס, ווייס איך שוין זיכער, אַז מיין גורל איז געחתמעט... ווי לאַנג קען מען זיך דען אויסבאַהאַלטן? איז עס דען מעגלעך?

אין שטוב ביים אַדוואָקאַט האָב איך טאַקע נישט גענעכטיקט; אָבער אויך ביים צווייטן פלימעניק פלעג איך נישט קאָנען איינזיצן. בייטאָג פלעג איך זיך אַרויסכאַפּן אין שטאָט. איך פלעג צוגיין דורך הינטער־גאַסן אויף מיטיק אין דער פּריוואַטער שטוב. דאָרט האָבן אויך געגעסן די קיפּניסעס און נאָך אַ פּאָר פּליטים. כ'מוז זיך זען מיט זיי. וואָס טראַכטן זיי? וואָס טוען אַנדערע פון מיין קרייז?

ביי די היימישע מיטיקן טרעף איך נאָר די קיפּניסעס. די איבעריקע זענען שוין „פאַרטיקע"... שוין אַרעסטירט געוואָרן... די קיפּניסעס זענען זייער פאַרצווייפלט... די קיפּניסאָווע איז בלאַס ווי די וואַנט. די אויגן פאַרשוואָלן פון וויינען.

פון מיטיק גייען מיר צוזאַמען אַריין צו ד"ר בריזמאַנען. דאָרט איז

איצט פאַראַן אַ גאַנץ געזעמל היימישע. אַלע פון אונדזער קרייז — אַחוץ צוויי דאָקטוירים, וועלכע זענען פאַריקע נאַכט אַרעסטירט געוואָרן... עס הערשט דאָ אַן אמתע לויה־שטימונג. מען זיצט נישט ביים טיש, נאָר מען דרייט זיך אַרום איבער די חדרים און מען רעדט מיט שטילע טענער ווי אין שטוב פון אַן אבל... דאָ ווערט מען געוויר פּרטים פון „שלאַכט־פעלד"... ווער עס איז שוין געפאַלן... ווער עס איז שוין אין עשאַלאָן אָדער אין דער מיליץ... אין שטאָט איז ווי בעת אַ פּאָגראָם... אַזאַ שווערע, אַזאַ דערדריקטע אַטמאָספער... יידן זענען דערשלאָגן און דערצערנט, ווייל דאָס אומגליק האָט געטראָפן נאָר די יידן, נאָר די יידישע פּליטים. ווי ענג די פּליטים האָבן נישט געמאַכט אין שטאָט — זענען זיי דאָך אָבער יידן... ברידער־יידן... פאַרוואָגלטע יידן... פאַרוואָס קומט עס זיי אַזאַ ביטערע שטראָף?... פאַרוואָס יאָגט מען זיי אַזוי ווי די חיות אין וואַלד?

די הערצער פון די גראָדנער יידן זענען געווען איבערגעלאָדן מיט רחמים און יסורים... איז אין שטאָט געווען אַן אמתער תשעה־באב...

ד"ר בריזמאַן דערציילט, אַז ער האָט גערעדט היינט מיט אַ געקומע־נעם פון ביאַליסטאָק — אויך דאָרט איז די זעלבע צרה: גוואַלדיקע אָב־לאַוועס און אַרעסטן. אויף די גאַסן זעט מען ווי מען שלעפּט יידן פאַר־טיעסווייז. מען שלעפּט די פּליטים ביינאַכט פון די בעטן, פון די בוידע־מער, פון די רעסטאָראַנען. דאָס זעלבע, דערציילט דער געקומענער, איז אין לעמבערג, אין בריסק, אין וואָלקאָוויסק, אין סלאָנים... אומעטום, ווו עס זענען נאָר פאַראַן פּליטים. לאַנגע עשאַלאָנען גייען אַלע פאָר טעג קיין רוסלאַנד...

— פון דער צרה וועלן מיר זיך נישט אַרויסדרייען... — זאָגט ווער פון די פּליטים.

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער, — איך בין שוין גרייט דערצו. כ'בין שוין „רייזע־פערטיק"... כ'האָב מיר שוין צוגעגרייט אַ פּעקעלע מיט מיין ביסל שמאַטעס... טאָמער וואָס־ווען...

— לאַכט נישט. איך האָב נאָך בעסער געטאָן — דערציילט ד"ר ליוביטש, — היות ווי איך בין דאָ מיט מיין פאַמיליע, אַ פרוי מיט קינ־דער, בין איך אַוועק אין מיליץ און האָב זיך אַליין געמאָלדן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין גרייט צום פאָרן און געבעטן מ'זאָל מיר געבן אַ טערמין פון דריי טעג, כדי צו פאַרפּאַקן מיינע זאַכן מיט מיינע מעדיצי־

נישע מכשירים. און שטעלט אייך פאָר, זיי האָבן מסכים געווען. קען איך זיך דען אויסבאַהאַלטן מיט אַ פאַמיליע?

— אָבער איך קען נישט פאַרשטיין אַזאַ ווילדקייט! — מישט זיך אַריין מיט זיין טענה דער ד״ר גאָלדמאַן, אויך אַ פּליט אָן פאַמיליע, — פאַרוואָס אַזאַ באַרבאַרישע באַציאונג צו די פּליטים־יחידים? ממה נפשך: אויב די סאָוויעטישע מאַכט האַלט, אַז די וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צום פאָרן זענען „ניעבלאַגאָנאַדיאָזשנע״, „קאָנטררעוואָלוציאָנערן״ וכדומה — דאַרפן דאָך אַפילו פון סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט גענומען ווערן אין אַכט די מילדערנדיקע אומשטענדן פון די יחידים: דאָס וועלן פאָרן צו דער פאַמיליע איז דאָך אַ וואָגיקער און לאָגישער אַרגומענט פאַר אַ מילדערער באַהאַנדלונג. דאַקעגן די מענטשן מיט פאַמיליעס האָבן דאָך נישט דעם דאָזיקן אַרגומענט. פאַרוואָס שיקט מען זיי אין עשאַלאָנען ווי „ספּעצפּערעסעלענצעס״ (אַרויסגעשיקטע, נישט אין לאַגער, נאָר אין אַ „פּאָסיאָלאָק״) און די יחידים וואַרפט מען אַריין אין די תפיסות? וואו־זשע איז דער יושר? און וווּ איז די לאָגיק?

— נאַאיווע טענות... — שמייכלט ד״ר בריזמאַן, — גייט זוכט יושר ביי אַ קאָזאַק...

— און דאָס איז טאַקע זיכער, אַז די יחידים זעצט מען איין אין תפיסה? ווי פאַרברעכער? אַזוי דראַקאָניש?

— אַזוי איז עס, צום באַדויערן...' — באַשטעטיקט ד״ר בריזמאַן.

און ער רעכנט אויס אַ צעטל נעמען פון באַקאַנטע, וואָס זיצן שוין אין גראָדנער תפיסה.

— אַריינגענאַרט אונדז אין אַ פּאַסטקע? האַ, וואָס זאָגט איר? — זאָגט צו מיר דער ד״ר גאָלדמאַן. — אַזאַ פּערפידיע! אַזאַ פאַרברעך — און פון אַ מלוכה! נישט פון אַ בייזוויליקן באַאַמטן — פון אַ מלוכה!

— איך האָב שוין נישט וואָס צוצוגעבן צו אייערע ווערטער... איך בין שוין גרייט צו מיין גורל...

ווייזט זיך אַרויס, אַז ביים ד״ר בריזמאַן אין דער וווינונג נעכטיקן איצט און באַהאַלטן זיך אויס עטלעכע פּליטים — די קאָלעגן־דאָקטוירים. ער ריזיקירט דערביי אַ סך, דער זייער סימפּאַטישער און פריינדלעכער ד״ר בריזמאַן; אָבער ער איז אַזוי דורכגענומען און צעבראָכן פון אונדזער אַלעמענס צער, אַז ער לייגט נישט קיין אַכט אויף דער סכנה, וואָס דראָט אים. נאָך מער: צו אים אין דער דירה האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַנגעקלונ־

גען אַ מיליציאָנער און געפרעגט, צי עס ווינען דאָ נישט קיין „ביעזשענ־צעס״? ד״ר בריזמאַן האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע: „ווי קומען צו מיר פּליטים?״...

דעם זעלביקן טאָג האָב איך דורך אַ געלעגנהייט איבערגעשיקט אַן אַליאַרמירנדיק בריוול צו לעאָ פינקלשטיין קיין ביאַליסטאָק. היות ווי ער איז דאָך מסתמא אויך אין דער זעלביקער געפאַר ווי איך, און ווי די אַלע אַנדערע פּליטים־שרייבער, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צום פאָרן — זאָל ער עפּעס טאָן דורכן „דאָם פּיסאַטיעליאַ״, כדי צו ראַטעווען די שרייבער. „איבעריקנס — האָב איך צוגעגעבן — גלויב איך, אַז איר טוט עס שוין אָן מיין עצה. איך בעט אייך דעריבער אויך אָן מיר נישט צו פאַרגעסן ביי דער דאָזיקער אינטערווענץ״...

„אַליאַרמירט! — האָב איך פאַרענדיקט מיין נערוועז בריוול, — אַליאַרמירט די יידישע שרייבער אין מאָסקווע! אַליאַרמירט פּרץ מאַר־קישן, דוד בערגעלסאָנען, איציק פעפערן! זיי קענען זיכער עפּעס טאָן פאַר אונדז״...

איך האָב נאָך באַוויזן צו באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל פון לעאָ פינקל־שטיין — אַ תשובה אויף מיין „ס. אָ. ס.״...

דאָס בריוול האָט געהאַט נאָר אַ פּאָר זאַצן בזה הלשון:

„ס׳איז גאָרנישטאָ וואָס אויפצוטאָן. נישטאָ צו וועמען צו רעדן... אַלע זענען טויב... פאַרפאַלן! זעט אויס, אַז מיר מוזן אויסטרינקען דעם בעכער ביטערקייט ביזן דנאָ״...

54

מיינע לעצטע פרייע טעג...

ביז „וואָס־ווען״ כאַפּ איך אַריין פון דער פרייהייט...

איך גנבע זיך אַפילו דורך צו דער פּליאַזשע. צו וואָס באַצייטנס אַפּליגן טעג אין אַ שטוביקער תפיסה?... אָבער דאָסמאָל איינער אַליין, ביחידות. איך גיי אויך נישט אויף דער אַלגעמיינער פּליאַזשע, וווּ עס זע־נען פאַראַן שטענדיק מענטשן, נאָר איך זוך מיר אויס אַ שטילן ווינקל צווישן די בערגיקע ברעגעס, ווייטער פון שטאָט, צווישן ביימער, וואָס פאַרשטעלן. איך ליג דאָרט אַפּ גאַנצענע שעהען און געזעגן זיך אין מחשבה

מיט אַלץ: מיט די פעלדער און וועלדער, מיטן היימישן ניעמאַן און מיט די פּרעכטיקע ברעגעס...

פונקט אַנטקעגן, אויף יענער זייט טייך, איז דער „פּערשטאַטער" בית־עולם. איך קוק אַהין — צום אָרט פון דער אייביקער רו. עס ווייסלען זיך פון ווייטנס מצבות. דאָרט ליגט אויך מיין טאַטע. בעט איך אַ פּאָר־בייפאָרנדיק שיפל מ׳זאָל מיך אַריבערפירן אויף יענער זייט. איך גיי זיך געזעגענען מיטן טאַטן...

די מצבה איז עטוואָס איינגעבויגן, דער קבר שוין פאַרוואַקסן מיט הויכע גראָזן. ברענג איך צו פירן דעם שומר — אַן עלטערער קריסט, גיב אים עטלעכע מטבעות און יענער זאָגט מיר צו נאָך היינט אַלץ צו־רעכט צו מאַכן: די מצבה, די שטיינער אַרום בערגל. שטיי איך אַזוי איי־נער אַליין, אַנגעבויגן איבערן בערגל אַ היפּשע צייט. איך קוק אויף דער מצבה, אויף מיין טאַטנס אויסגעקריצטן נאָמען. און די דאָזיקע אותיות פאַרוואַנדלען זיך ביסלעכווייז אין אַ געשטאַלט — מיין טאַטנס גע־שטאַלט... פאַרשווינדט בעת־מעשה דער אַרום... די וואָר... אַ טויטע וועלט רינגלט מיך אַרום... רעד איך צו אים אין דער מחשבה... דערצייל איך אים וועגן מיין גורל... וואָס עס וואַרט אויף מיר... פאַרנעם איך אין דער בית־עולם־שטומקייט, דוכט זיך, אַ שטים. מיין טאַטנס שטים:

„זון מיינער! לאַנג איז דער וועג און פול מיט פּיין... זאָל גאָט ברוך הוא אָפּהיטן דיינע טריט" — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

עטלעכע טעג האָב איך אַזוי פאַרבראַכט שעהען־לאַנג אין דעם אָפּ־געזונדערטן אָרטביים ניעמאַן. איך האָב אין די דאָזיקע טעג זיך אויפגע־האַלטן ביי אַ צווייטן פּלימעניק, וואָס האָט געוווינט אויף דער זאַמקאָווע גאַס, געציילטע הייזער פון ניעמאַן. פלעג איך באַלד אינדערפרי זיך אַראָפּכאַפּן אונטן צום טייך און זיך פאַרקלייבן אין מיין אָרט פון הת־בודדות. אפשר האָט מיך באַזונדערס געצויגן יענער אָרט, ווייל פונקט אַנטקעגן איז דער „פּערשטאַטער" בית־עולם געווען... מיין טאַטע...

די דאָזיקע טעג זענען געווען פאַר מיר ווי טעג פון חשבון הנפש... איך האָב געחשבונט און געסך־הכלט וואָס איך האָב באַוויזן ביז איצט אויפצוטאָן אויף דער וועלט... וואָס גענומען פון לעבן, וואָס געגעבן... עס האָט אַלץ אין מיר געשריען, פּראָטעסטירט: „אַזוי ווייניק! אַזוי ווײ־

ניק!"... איך האָב געשפּירט באַשײַנפּערלעך, אַז איך שטײ פֿאַר אַן אָפּ־גרונט — — —

איין טאָג איז מײַן התבודדות געשטערט געוואָרן:

גראָבע קולות פֿון אַנטקעגן רײַסן פּלוצלונג איבער מײַנע מחשבות. איך קוק זיך צו — רויטאַרמײער. אַ גאַנצע גרופּע איז געקומען פֿון יענער זײַט זיך באָדן. טײל באָדן זיך שוין און ליאַרעמען. זײ באָדן זיך אָן קאָסטיומען, אָדם־נאַקעט. דערפֿאַר אָפּנים זענען זײ געקומען אַזוי ווײַט זיך באָדן, וווּ קײן מענטשן דרײען זיך נישט. טײל ליגן נאָך אויפֿן זאַמד און רעדן אַזוי הויך, אַז איך הער אַזש פֿון דאַנען זײערע שטימען. זײערע רייד, זײערע אויסרופֿן קלינגען פֿרעמד, רוי, ווי פֿון מענטשן, וואָס זענען ווײַט און פֿרעמד פֿון אונדזער וועלט, פֿון אונדזער פֿילן און טראַכטן...

אָט צעזינגען זײ זיך און עס דערטראָגט זיך:

טרי טאַנקיסטאַ,
טרי וועסיאָליך דרוגאַ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָנגעזאָפּט זיך מיט זון, מיט דופּט און מיט פֿרײקײט און דערגאַנגען בשלום צו דער שטוב פֿון מײַנע הײמישע מיטיקן. געטראָפֿן דאָרט עטלעכע באַקאַנטע פֿון די פּליטים: די נאָך נישט געכאַפּטע אויף די אָבלאַוועס... צווישן זײ די קיפּניסעס. מען נעמט אָפּ אײנע פֿון די אַנדערע „באַריכטן" פֿון „פֿראָנט"... עס פֿעלן שוין אַ סך פֿון אונדזער קרײַז. הגם מענטשן זענען פּאַרזיכטיק און מען נעכטיקט נישט אין דער הײם. בײַנאַכט קומט דאָך צו גאַסט די מיליץ. בלויז די גאָר רעזיגנירטע באַהאַלטן זיך נישט אויס: סײ־ווי־סײ — פֿריער אָדער שפּעטער. עס וועט דאָך נישט מײַדן.

מיר גײען צוזאַמען פֿון מיטיק. אויפֿן וועג גײען מיר פֿאַרבײַ דאָס הויז, וווּ עס וווינט מײַן פּלימעניק דער אַדוואָקאַט. איך געזעגן זיך אָפּ מיט מײַנע באַגלײטערס: איך דאַרף עפּעס אַרויסנעמען פֿון מײַנע זאַכן. בײַטאָג, מײן איך, קען איך ריזיקירן אַ פּאָר מינוט.

איך פֿאַררעד זיך אַ ווײַל מיט אַ שכן אין אַ דערבײַאיקן צימער.

פּלוצלונג עפֿנט זיך די טיר פֿון דאָזיקן צימער —

אַ מיליציאָנער!

הינטער אים שטייט די אַלטע פוילישע ניאַניע פון מיין פלימעניקס קינד. זי טוט אים אַ ווייז אויף מיר:

— טען ביעזשעניעץ... (דער איז אַ פּליט).

זי, די אַלטע, האָט גאָרנישט געוווסט און גאָרנישט געמיינט מיר שלעכטס צו טאָן. געקומען אַ מיליציאַנער פרעגן, צי דאָ וווינט אַ „ביע־זשעניעץ", האָט זי אין איר תמימות געענטפערט, אַז יאָ... און אים נאָך אריינבאַגלייט צו מיר...

— גראַזשדאַנין, פּאַזוואָלטיע סאָ מנאָיו... (בירגער, קומט מיט מיר), — ווענדט ער זיך גלייך צו מיר.

— וווהין? — פרעג איך, כאָטש כ'האָב שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

— אין מיליץ.

— דאַרף איך מיטנעמען מיינע זאַכן?

— ניין, ניין, נישט נייטיק. אין מיליץ וועט מען נאָר קאָנטראָלירן אייערע דאָקומענטן.

— זיכער?

— געוויס! אין אַ שעה אַרום וועט איר שוין זיין צוריק אין שטוב.

— אפשר דאָך עפּעס מיטנעמען? אַ פּאָר העמדער?

— מען דאַרף נישט! קומט!

און כ'בין אַרויס מיטן מיליציאַנער. אין שטוב איז גראָד קיינער פון די היימישע נישט געווען און כ'האָב זיך אַפילו מיט קיינעם נישט געזעגנט.

און אַזוי ווי כ'בין געקומען פון פליאַזשע, אַזוי בין איך געגאַנגען אין מיליץ: בלויז אין אויבער־העמד אויפן לייב, אין אַ זומער־אַנצוג און לייכטע זומער־לאַטשן, אָן אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ — ווי אין אַ שיינעם זוניקן טאָג.

ביים אַריינקומען אין קאָמיסאַריאַט האָט מיך דער מיליציאַנער קאַלט און געשעפטלעך פאַרגעשטעלט דעם דעזשורני:

— געבראַכט צו פירן אָן אַרעסטירטן...

— ווער איז ער עס?

— ביעזשעניעץ.

— לאַדנאָ!

דער „דעזשורני" האָט מיך רעווידירט, אויסגעליידיקט אַלע טאַשן; דעם פּאָרטפעל, זייגער, פּאַרקער־פּעדער און אַנדערע קלייניקייטן; האָט אויך צוגענומען מיין „ספּראַווקע" פון „קאָמפּאַביעזש". די אַלע חפצים

מיטן געלט האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ טאָרבעלע און צוגעטשעפּעט דערצו אַ צעטל מיט מיין נאָמען.

— פּאַרטיק! פיר אים אָפּ!

כ׳האָב שוין גאָרנישט געפרעגט. כ׳בין שטום געוועזן ווי די וואַנט. כ׳האָב שוין אַלץ פאַרשטאַנען: „אַן אַרעסטירטן״... — האָט ער דאָך גע־זאָגט.

דער מיליציאַנער האָט מיך געפירט דורך אַ קאָרידאָר און איז שטיין געבליבן פאַר אַ פאַרריגלטער, מאַסיווער טיר. אויבן אין טיר איז געווען אַ קליינער לאָך. ער האָט אָפּגעשלאָסן די טיר און מיך אַהין אַריינגעלאָזט. די טיר הינטער מיר איז תיכּף ווידער פאַרשלאָסן געוואָרן.

אינעווייניק איז געווען האַלב־פינצטער. און אפשר איז מיר סתּם פינצטער געוואָרן אין די אויגן... באַלד קום איך צו זיך און קוק זיך אַרום. בלויז אין איין וואַנט איז געווען אַ קליין קראַטן־פענצטערל, וואָס איז אַרויס אויף עפּעס אַ שמאָלן טונקעלן הויף. אויף אַ גרויסער נאַרע זע־נען געלעגן אויסגעצויגן אַ קופּע גופים פון מענטשן.

— אַ „ביעזשעניעץ״? — שיקט מיר עמיץ פון דער קופּע אַ פראַגע.

— אַ „ביעזשעניעץ״.

— טאָ לייגט אייך, חבר. דאָרט אין ווינקל האָט איר נאָך אַ שטיקל פּלאַץ. איר באַקומט עס אָן „שליסל־געלט״...

כ׳בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צעמישטער און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— זיצט, חבר, — זאָגט מיר ווידער דער זעלביקער „לץ״, — פילט זיך נישט ווי קיין פרעמדער... זייט ווי ביי זיך אין דער היים... פון היינט אָן זענט איר שוין אַ היגער!

— וואָס הייסט אַ „היגער״? — כאַפּ איך זיך אָן אָן דער לעצטער פראַזע.

— אַ היגער הייסט, — טייטשט מיר יענער אויס מיט דער גאַנצער ברוטאַלקייט, — אַז מיר זענען אַלע שוין אין „פּעקל״... אַז מיר ווען די פרייהייט מער נישט אָנזען. איצט פאַרשטייט איר שוין דעם פּשט?

עס האָבן זיך גענומען דאָן שיטן צו מיר פראַגן פון אַלע זייטן: ווער? פון וואַנען? איך האָב קאַרג געענטפערט. יוצא געווען נאָר מיט עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער. כ׳האָב מיך געפּרווט צוזעצן: אָבער די נערוון

האָבן מיך געטראָגן, געיאָגט — האָב איך אומגעשפּאַנט אַן אויפגערעג־טער הין און צוריק איבער די ד׳ אמות.

„די חזירײ האָט זיך, הייסט עס, אָנגעהויבן״... — האָב איך גע־טראַכט אין די ערשטע רגעס פון מיין פאַרלוירענער פרייהייט...

„און אָקאָרשט פריער — טראַכט איך ווייטער —ביים אַריינגאַנג אין דער מיליץ האָב איך אויבן איבער דעם סאַמע אַריינגאַנג געזען פלאַ־טערן אַ רויטע פאָן מיט דער עמבלעמע פון האַמער און סערפּ און מיט די גרויסע בוכשטאַבן: „ס. ס. ס. ר.״... אַ רויטע פאָן — אינקלוסיוו אויך איבער דער דאָזיקער שמוציקער נאָרע... אַ רויטע פאָן — דער סימבאָל פון פ ר יי ה יי ט, ג ל יי כ ה יי ט, ב ר י ד ע ר ל ע כ ק יי ט״ — — —

55

הינטער די קראַטן...

די ערשטע נאַכט הינטער די קראַטן... אויף אַ האַרטער נאָרע, מיט דער פויסט צוקאָפּנס. אַ נאַכט לחלוטין אָן שלאָף. דורך דאָס קליינע קראַטן־פענצטערל זע איך אַ פּיצל בלויקייט פון דער זומער־נאַכט. ס׳איז די נאַכט פון 3טן אויפן 4טן יולי.

פאַר די אויגן האָב איך געזען צוויי פּרויען: מיין מאַמען און שוועס־טער. איך האָב אַזוי נישט געפילט מיין אייגענעם בראָך, ווי דעם צער פון די דאָזיקע נאָענטע ווענזס. ווי אַזוי וועלן זיי איבערלעבן דעם צער?...

מחשבות האָבן זיך איינגעגעסן און געשטאָכן ממש אין מוח: „סטייטש און סטייטש! היתכן! אַזוי טוט מען מיט פּליטים? מיט נע־ונד־ניקעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די נאַצישע באַרבאַרן? וואָס זענען גע־קומען אַהער זוכן שוץ ביי די, וואָס רעדן וועגן באַפרייען די גאַנצע וועלט?... די גאַנצע וועלט — און ביי מיר, און ביי אָט די אַלע יידן, מיי־נע שכנים אויף דער נאָרע, ביי אַלע, אַלע פּליטים האָבן די זעלביקע „באַ־פרייער״ גאָר אָוועקגערויבט די פּערזענלעכע פרייהייט און פאַרשלאָסן אין אָט־דער טונקעלער, שמוציקער נאָרע?״...

„באַפרייען די גאַנצע וועלט!״ — ווי ליגנעריש זעט אויס די דאָזיקע פראַזעאָלאָגיע איצט — אויף אָט־די האַרטע ברעטער...

איך דריי זיך אַזוי פון איין זייט אויף דער אַנדערער אַ גאַנצע נאַכט

און קען זיך נישט דערוואַרטן אויפן טאָג. איבעריקנס, און אַז דער טאָג וועט קומען — וואָס קען ער מיר שוין ברענגען?...

אינדערפרי בין איך אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע אַ צעבראָכענער, אַ צעקנייטשטער. דער אנצוג אויף מיר זעט אויס ווי אַ צעקנאָדערטע שמאַטע, דאָס פאַנאַנדערגעקנעפּלטע העמד צעפּאָרן. דאָס פּנים, פיל איך, צעקאָרפּעט, די אויגן ברענען ווי פאַרשאָטענע מיט זאַמד. אונטערן קאָל־נער, דוכט זיך מיר, קריכט עפּעס... איבלדיקס... בררר! עס נעמט דורך אַן עקל די ביינער.

איך באַקוק זיך אַליין פון אויבן־אַראָפּ — גאָט, וואָס פון מיר איז אין איין נאַכט געוואָרן! איך זע אויס ווי אַ גאַסן־שלעפּער! אין איין נאַכט קענען „זיי" מאַכן פון אַ מענטש אַ בראָדיאַגע!...

עס עפנט זיך די טיר.

מען רופט מיך אויס ביים נאָמען. מען פירט מיך אַריין אין אַ חדר צו אַן עלטסטן פון דער מיליץ. ער הייסט זיך מיר זעצן אַנטקעגן אויף אַ שטול. נעמט מיר שטעלן פראַגן און פאַרשרייבט מיינע תשובות. פראַגן אין פלוג אומשולדיקע, אָבער זייער גענויע. אַפילו וואָס איז שייך מיינע אבות אבותי. ווי זיי אַלע האָבן געהייסן, וואָס יעדער האָט געטאָן. וועגן מיר גופא — אוודאי און אוודאי. אינפאָרמאַציעס זינט מיין געבוירן ווערן ביז היינט. די סאַמע פּרעציזסטע אַנקעטע, וואָס קען נאָר געמאָלט זיין. אַזאַ אַנקעטע וואָלט גיכער געפּאַסט צו מאַכן פאַר אַ פּסיכיאַטער... נישט אין אַ פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. ער פאַרשרייבט אויך ווען און אין וועלכן פּונקט איך בין אַריבער די גרענעץ.

— איר האַלט דען פאַר אַ פאַרברעכן מיין אַריבערגיין די גרענעץ? — פרעג איך.

— אַוודאי איז עס אַ פאַרברעך.

— כ׳בין דאָך אַ „ביעזשעניעץ". די סאָוויעטישע „פּאָגראַניטשני־קעס" האָבן מיך דאָך אַדורכגעלאָזט.

— דאָס איז נישט וויכטיק...

דער מיליץ־עלטסטער זעט מיר אויס צו זיין גאַנץ העפלעך אין זיין רעדן און אין דער באַנעמונג. צי אפשר דערפאַר ווייל ער ווייסט שוין פון מיינע תשובות, אַז איך בין אַ שרייבער, דעריבער באַציט ער זיך העפלע־כער צו מיר?

איך פּרוווּ אים אַ פרעג טאָן:

— וואָס גייט איר טאָן מיט מיר?

— גאָרנישט. — טוט ער אַ בליק אויף מיר מיט אַ שמייכל. — מיר שיקן אייך קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט.

— אויף אַרבעט? ווי איר ווייסט שוין, בין איך אַ שרייבער — איז ביי וואָס וועל איך דאָרט אַרבעטן?

— געוויס ביי אייער ספּעציאַליטעט. וואָס־זשע מיינט איר, מיר זע־נען אַזעלכע אידיאָטן, וואָס וועלן הייסן אַ שרייבער גראָבן קאַנאַלן?...

„ער רעדט גאָר שיין... — טראַכט איך. — די פראַגע איז נאָר, צי דאָס איז אמת?"...

— וווהין? אין וועלכער שטאָט? — מאַך איך זיך גלויבנדיק און נאַאיוו.

— אין צענטראַל־רוסלאַנד. מסתמא אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד...

אַז ער האָט מיר דערמאָנט „מאָסקווע" און „לענינגראַד", האָב איך שוין קלאָר געזען, אַז ער גייט מיך איינוויגן מיט שיינע ליגנס.

ער רעדט און שמייכלט צו, דער עלטסטער מיליציאָנער. הגם עס איז זיכער כזב ושקר, פונדעסטוועגן איז עס אָנגענעמער צו הערן איידער ברוּ־טאַלקייטן. דאָך אַ מענטשלעכער טאָן. ווען עס וואָלט טאַקע געווען אַלץ אמת וואָס ער זאָגט, איז מה רעש? וואָלט עס נישט געווען אַזוי געפער־לעך. אדרבה, זאָל זיין רוסלאַנד. לאָמיר דאָרטן איבערקומען די מלחמה. אָבער ווען עס וואָלט געווען אמת...

געענדיקט דעם ערשטן פאַרהער, פירט מען מיך ווידער אַריין אין דער אַרעסטאַנטן־נאַרע.

— נו, ווי איז עס צוגעגאַנגען? — פרעגן מיך די שכנים־יידן פון דער נאַרע.

— גאָרנישט. אַלץ פאַרשריבן. דער קאָמיסאַר זאָגט, אַז מען פירט אונדז קיין מאָסקווע אָדער לענינגראַד... — דערצייל איך זיי מיט אַ סקעפּטישן שמייכל.

— איר זאָלט אים למען השם האַלטן ביים וואָרט... — וויצלט זיך וועֶר.

„און אפשר? אפשר וועט עס נישט זיין אַזוי שלעכט ווי מען מיינט? אפשר איז פאַראַן כאָטש איין דאָזע אמת אין די רייד פון דעם מיליץ־עלטסטן?" — אָט אַזעלכע געדאַנקען מישן זיך אויך אַריין אינעם קנויל

שוואַרצע, פינצטערע מחשבות, וואָס לאָזן מיך נישט איינזיצן אויף דער נאַרע. עס טראָגט מיך.

בייטאָג ברענגט מיר דער שומר אַריין אַ פּעקעלע עסנוואַרג: דאָס האָט מיין שוועסטער געבראַכט.

— אפשר קען איך זען מיין שוועסטער? — בעט איך זיך.

— ניעלזיאַ! (מען טאָר נישט!).

— אויף אַ רגעלע כאָטש!

— ניעלזיאַ!

געחלשט זען מיין שוועסטער. אגב געוואָלט וויסן, צי מיין פּלימע־ניק דער אַדוואָקאַט טוט עפּעס פאַר מיר. דורך זיין באַקאַנטן פּראָקוראָר. אָבער — „ניעלזיאַ!"...

ד' על ד' איז געווען די נישט־גלייכע שטיינערנע פּאָדלאָגע — האָב איך זי אין מיין צעטראָגנקייט געמאָסטן כסדר, אָן אויפהער, אָן סוף, הין און צוריק, הין און צוריק. גאַנצע קילאָמעטערס בין איך אַזוי אויסגעגאַנ־גען. די שכנים אויף דער נאַרע האָבן געהאַט צו מיר פּרעטענזיעס:

— עס שווינדלט דאָך שוין אין די אויגן פון אייער מאַרשירן. זעצט זיך אַביסל אַנידער. וווהין איילט איר זיך?...

אָבער ווי קען מען זיצן, אַז עס טראָגט, עס יאָגט — כאָטש צעשפּאַר די ווענט!

שפּעטער, פאַרנאַכטלעך, האָט מען אַריינגעלאָזט אַ גאַנצע גרופּע פּרישע קרבנות — אַלץ פּליטים, אַלץ יידן, געכאַפּטע דאָ און דאָרט אין שטאָט. אפנים, די אַבלאַוועס הערן נישט אויף.

— וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז?

די דאָזיקע פראַגע איז נישט אַראָפּ ביי קיינעם פון די ליפּן. איטלע־כער האָט דערציילט אַן אַנדער נייס, אַן אַנדער ווערסיע. איין בחור דערציילט, אַז אַלע פּליטים וועט מען האַלטן אין אַ לאַגער אַרום פּינסק, כדי צו אַרבעטן ביים טריקענען די פּינסקער בלאָטעס.

— דאָס וואָלט שוין גוט געווען! — כאַפּט זיך אָן ווער אָן דעם. — אַבי נישט פאַרוואָרפן ווערן אין רוסלאַנד הינטער די הרי חושך...

אין דער שטייג איז געוואָרן שרעקלעך ענג. אַזוי פיל מענטשן צוגע־קומען. נישט געווען שוין ווו זיך אויסצודרייען. האָב איך איבערגעריסן מיין „שפּאַציר" און האָב פאַרנומען „מיין" אָרט אויף דער נאַרע. כ'האָב זיך אויסגעצויגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ. מיין אנצונג איז שוין סיי־

ווי צעקנייטשט, צעקנאָדערט, קען מען זיך שוין וואַלגערן הפקרדיק, ווי אַן עכטער בראָדיאַגע...

צווישן די ביי־צוגעקומענע האָב איך איין באַקאַנטן — אַ יונגן אַד־וואָקאַט פון וואַרשע, — קורלאַנדסקי. פון צייט צו צייט פלעג איך כאַפּן מיט אים אַ שמועס אין קאַפּע. אַ גאַנץ סובטעלער מענטש. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַמאָל אַ טרעפלעכן וויץ — אַפילו אויפן אייגענעם חשבון. אַז כ׳האָב אים דאָ דערזען, בין איך געוואָרן הייטערער. כאָטש איין באַקאַנט פּנים.

אַזוי ווי קיין אָרט אויף דער נאַרע האָט ער נישט געהאַט, פאַרבעט איך אים צו זעצן זיך נעבן מיר, ביי מיין צופוסנס. ער טוט עס גערן. ער איז מיד און צעבראָכן.

— געפעלט אייך דאָ אין אונדזער נייעם „אַפּאַרטאַמענט״?... — פרעג איך אים.

— מ׳קען נישט זאָגן... אַ פיינער „קאָמפאָרט״... די נאַרע, זע איך, מוז זיין געמאַכט פון מאַהאָן... נישט אמת?... פון וועלכן „סטיל״ איז עס?...

— זיכער גאָר אַן אַנטיק... דאָס זעט מען לויטן שטויב פון די שפּאַלטן אין די ברעטער...

קורלאַנדסקי קוקט זיך אַרום און באַמערקט:

— און די שייבלעך דאָרט, זע איך, זענען אַ פיינע מאָזאַאיק: די שוואַרץ־גרויע פלעקן אימיטירן שטויב און שפּינוועבס... ממש נאַטורעל!... ער באַקוקט די נאַרע.

— אָט־אָ־דאָ שלאָפן מענטשן? כ׳גלויב, אַז די כנים זענען דאָ אויך נאַטורעל... — פאַרענדיקט ער שוין צו „נאַטוראַליסטיש״...

— כ׳האָב מורא, אַז יאָ... „נאַטורעל״, נישט קיין אימיטאַציע... נישט ווי די וורשטן אין די ביאַליסטאָקער וויטרינעס...

און בעת־מעשה נעמט מיך פשוט איבלען... עס דוכט מיר, עפּעס קריכט איבער מיין לייב...

איך טאַנץ אַראָפּ פון נאַרע. קורלאַנדסקי פאַרנעמט מיין אָרט.

— כ׳בין אַזוי מיד און צעבראָכן — זאָגט ער, — די לעצטע נעכט געוואַלגערט זיך ביי באַקאַנטע אויף שטולן. דאָך האָט עס נישט גע־האָלפן. מען האָט מיך פון אַ קאַפּע צוגענומען.

— וווהין, פּאַניע מעצענאַשיע, וועט מען אונדז פירן? וואָס טראַכט איר?

— זיכער אין אַ קוראָרט... — פאַרלאָזט אים אַלץ נישט זיין הומאָר.

— ס׳איז דאָך איצט זומער־סעזאָן. מסתמא וועט מען אונדז פירן קיין קרים, צי אויף קאַווקאַז...

— אייך ווילצט זיך?...

— מען מוז דאָך דערשטיקן דעם וואָרעם, וואָס פרעסט...

— וואָס־זשע מיינט איר, אויף קאַווקאַז זענען נישטאָ קיין תפיסות און לאַגערן?...

די דאָזיקע באַמערקונג האָט אַריינגעוואָרפן אַן אונטערהערער פון דער זייט.

בעת מ׳האָט שפּעטער קורלאַנדסקין אַרויסגערופן אויפן פאַרהער, האָב איך צוריק פאַרנומען מיין אָרט אויף דער נאַרע. ווידער האָט זיך אָנגערוקט אַ נאַכט. אַ שווערע נאַכט. היינט איז געווען ענגער, געדיכטער, שטיקנדיקער ווי נעכטן. היינט זענען דאָ פאַראַן מער ווי טאָפּלט מענטשן. אַ סך האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. אויך קור־לאַנדסקי איז געלעגן אין אַ ווינקל איינגעקנוילט אַ פאַרחלשטער, די קני צום בויך, ווייל קיין סך אָרט אויף אויסציען די פיס איז נישט געווען.

— פּאַניע מעצענאַשיע, — פרעג איך אים אין זיין טאָן, — אייער בעט איז פון מאַהאָן צי פון ניסנהאָלץ?

— פון פּימפּסן־האָלץ... אין סטיל פון לואי דעם 14טן...

— און די גערוכן דאָ?...

— די פיינע גערוכן אין אונדזער „שלאָף־צימער“?... דערמאָנען אייך נישט די ריחות יענע אַראָמאַטן פון שיר השירים?... פון שלמה המלכס ווייבער?...

— העי דאָרטן! — רופט זיך אָפּ וועער פון קנויל גופים אויף דער פּאָדלאָגע, — וואָס טרייבט איר קאַטאָוועס איבער אַ סאָוויעטישער אַרעס־טאַנטן־קאַמער?... עס געפעלט אייך דאָ נישט?...

— אדרבה... — ענטפערט קורלאַנדסקי, — מען באַזינגט דאָך די סאָוויעטישע אַרעסטאַנטן־קאַמער. מאַריאַ אַנטואַנעטס צעלע פאַר איר גי־ליאָטינע איז געווען אַ הונט קעגן אונדזער קאַמער...

אַזוי האָט עס געדויערט ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין — דאָס טוישן זיך מיט פראַזן, מיט ליצנות. ס׳איז געווען אַ געלעכטער מיט יאַשטשער־

קעס... אַז שלאָפן האָט מען נישט געקענט אין אַזאַ ענגשאַפט, אין אַזאַ שמוץ... אַז די מענטשן האָבן פּאָרט געהאַט אין זיך די געוווינהייטן און זיטן פון „צעפוילטן מערב" — צו שלאָפן אין אַ בעט און אויף ווייכע מאַטראַצן...

56

אין די „פיר אותיות"... *)

באַגינען עפנט זיך די טיר און מ׳נעמט אויסרופן נעמען. אויך מיך. מ׳נעמט אונדז אַלעמען צו. די גאַנצע שטייג איז מיטאַמאָל כמעט ליידיק געוואָרן און גרייט אויפצונעמען אַנדערע קרבנות... מ׳גיט איטלעכן צוריק זיינע אַלע קלייניקייטן און געלט, וואָס מ׳האָט צוגענומען ביים אָנקומען אין דער מיליץ, און מ׳פירט אונדז אַלעמען אַרויס אין דרויסן. עס רינגלט אונדז באַלד אַרום אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיליציאָנערן מיט ביקסן. מ׳שטעלט אונדז אויס צו פיר אין אַ שורה — און מאַרש! מען פירט אונדז איבער נאָך האַלב־טונקעלע גאַסן. מיר גייען איבער דער מיט גאַס, אַרומגע־רינגלט פון מיליץ־קאָרדאָן. מ׳ציט אַריין אין די לונגען די פרישקייט פון באַגינען. מיט אַזוי פיל פאַרסמטער לופט זיך אָנגעגעסן דאָרט אין דער ענגער שמוציקער נאָרע, וואָס איז אָנגעפילט מיטן ריח פון מענטשישן שוויס, אָנגסטן און אויסדעמפונגען פון ענג־צונויפגעדריקטע גופים. ס׳האָט זיך געגלוסט, אַז דער וועג זאָל דויערן וואָס לענגער. אָבער דער דאָזיקער „שפּאַציר" האָט לאַנג נישט געדויערט. אפשר אַ פופצן מינוט סך־הכל. ביי ערגעץ אַ הויז מיט אַ הויף איז מען שטיין געבליבן — דאָס הויז פון דער „נ. ק. וו. ד.". עס האָט זיך געעפנט אַ טויער און מ׳האָט אונדז אַהין אַריינגעפירט.

— נאָך מיר! — האָט איין מיליציאָנער אויסגערופן צו אונדז.

— איצט האָבן מיר שוין נישט וואָס צו טראַכטן. איצט טראַכטן „זיי" שוין פאַר אונדז... מ׳פירט אונדז אַהער, אַהין... מיר האָבן דאָ שוין נישט וואָס צו זאָגן...

דאָס האָט אַזוי צו מיר גערעדט קורלאַנדסקי, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר אין איין שורה.

---

*) אַזוי האָבן יידן גערופן די „נ. ק. וו. ד.".

מ׳איז אַריין אין אַן אַריינגאַנג, פון דאָרטן אין אַ לאַנגן קאָרידאָר. דאָ בלייבן מיר. קיין בענק צו זיצן זענען נישטאָ. דערפאַר זענען שוין דאָ פאַראַן אַ סך, זייער אַ סך מענטשן. מענטשן אין די הונדערטער. אַלץ פּליטים. פונקט ווי דאָרט אין דער מיליץ, ליגט מען אויך דאָ אויף דער פּאָדלאָגע. דאָ איז איבערהויפּט קיין נאָרע נישטאָ. און ווער עס פאַרלירט די כוחות צו שטיין, מוז זיך אויסציען לענגאויס ביי דער וואַנט. זוך איך אויך אויס אַן אָרט און זעץ זיך אַנידער מיט די פיס אונטער זיך. נעבן מיר — קורלאַנדסקי. ער טרעט נישט אָפּ פון מיר.

— אַ נס וואָס איך האָב אייך דאָ געטראָפן, — זאָגט ער מיר — כאָטש איין היימישער מענטש.

— אַ שיינעם דאַנק אייך. הלוואי וואָלט איר מיך בעסער געטראָפן אין דער וואַרשעווער אָפּערע...

ס׳איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן. דער קאָרידאָר ווערט אַלץ פולער און פולער. מענטשן קריכן אום, שטויסן זיך און טרעטן ממש איינע די אַנדערע אויף די הינער־אויגן. אַ געמורמל, אַ גערייד. דורך די פענצטער אין קאָרידאָר זעט מען ווי דער גאַנצער הויף איז פול מיט „נ. ק. וו. ד.יסטן״. פון צייט צו צייט רופט מען אַריין וועמען פון עולם ערגעץ אין אַ חדר אויף אַ פאַרהער. יענער קומט שפּעטער אַרויס פון דאָרט אַן אויפ־געדעגטער, אַ דענערוווירטער. אַז מען פרעגט אים אויס, ענטפערט ער נישט צו דער זאַך.

— איר וועט באַלד אַליין געוווירווערן... — טוט ער אַ מורמל.

מיך רופט מען נישט אין משך פון גאַנצן טאָג. אָפּנים, פאַראַן ביי זיי אַ געוויסער סדר. לויט דער צייט פון אָנקומען אַהער. קיין עולם פעלט דאָך נישט. עס קומט אַזוי ווידער אָן אַ נאַכט. כ׳בין שוין אויסגעמאַטערט פון עגמת־נפש און פון כסדרדיקן וואַך־זיין. שוין די דריטע נאַכט אָן שלאָף. און כסדר אין די מלבושים. וואָס פאַר אַן אויסזען איך האָב איצ־טער, וואָס פאַר אַ פּנים — איז גלייכער נישט אָנצוקוקן...

אין מיטן נאַכט — אַ גראָבער קול רופט אויס מיין נאָמען איבערן קאָרידאָר. מ׳האָט זיך לסוף דערמאָנט אָן מיר...

מען פירט מיך אַריין אין אַ קאַבינעט. צוויי מענטשן זענען דאָ גע־זעסן. איינער ביי אַ שרייבטיש, אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן, מיט טאָוולנע טעקעס. דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען אָנגעטאָן אין מיליטערישע

בגדים — אַן „נ. ק. וו. ד.״־מונדיר. דער צווייטער — אין אַ ציווילן אַנ־צוג, אויף אַ באַנק דערנעבן.

ווידער אַן אויספרעגעניש. דער, וואָסביים שרייבטיש, האַלט מיינע פּאַפּירן פון דער מיליץ.

— צו וועלכער פּאַרטיי געהערט איר? — שיקט ער צו מיר אַ פראַגע.

— אומפּאַרטייאיש.

— פון וועלכער פּאַרטיי איז געווען די צייטונג, ווו איר האָט גע־אַרבעט?

— פון קיין איינער נישט.

— וואָס הייסט? ווי איז עס מעגלעך?

— פשוט, אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג.

— און די אייגנטימער ווער זענען געווען? בונדיסטן אָדער ציו־ניסטן?

— די צייטונג איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו. זי האָט געהערט צום גאַנצן פּערסאָנאַל.

— צו וועלכער פּאַרטיי האָבן געהערט די אַלע מיטאַרבעטער? דער ר'עדאַקטאָר?

— כ'קאָן אייך נישט זאָגן גענוי... איך בין געווען אַן אומפּאַר־טייאישער.

— איר ווילט נישט זאָגן קאָנקרעט?

— כ'האָב שוין געזאָגט: איך בין געווען אַן אומפּאַרטייאישער. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן מיר...

— און אייערע חברים?

— כ'ווייס נישט... ס'האָט מיך נישט אינטערעסירט...

— איר ווילט נישט זאָגן, איז ערגער פאַר אייך.

— איך האָב אייך נישט וואָס צו זאָגן.

דער אויספרעגער האָט גענומען עפּעס פאַרצייכענען אין מיינע פּאַ־פּירן. בעת־מעשה נעמט זיך צו מיר דער צווייטער אין ציווילן.

— ווען זענט איר אַוועק פון וואַרשע? — פרעגט ער.

— דעם 11טן דעצעמבער.

— אין בערלין זענט איר געווען?

— געווען אַמאָל מיט אַ באַזוך.

— אין וועלכן יאָר?

— דאָס לעצטע מאָל אין דעצעמבער 1932.

— שוין ביים נייעם רעזשים?...

— איר זענט זיך טועה... היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אַביסל שפּעטער: אין אָנהייב 1933.

— אין וועלכע ענינים זענט איר דאַן געפאָרן?

איך ווער שוין אַביסל דענערווירט: וואָס איז עס אַלץ זיין באַבעס דאגה און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס איצט צום ענין?...

— כ׳בין געפאָרן אין די ענינים פון אונדזער צייטונג־קאָאָפּעראַטיוו. אָבער עס איז דען אינטערעסאַנט צו וויסן?

— דאָס איז שוין אונדזער זאַך! — ווערט יענער בייז, — אייער זאַך איז צו ענטפערן אויף אַלץ, וואָס מ׳פרעגט אייך.

איך קוק אָן מיט דערשטוינונג דעם דאָזיקן חוצפּהניק, וואָס מאַכט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט דאָ געריעדט מיט ווער ווייס וואָס פאַר אַ פאַרברעכער...

פּלוצלונג פּאָרט ער אַרויס מיט אַזאַ מין קלאָץ־קשיא, ציענדיק לאַנג־זאַם די ווערטער:

— זאָגט מיר, פּאַזשאַלויסטאַ, מיט וועלכע דייטשישע אָפיצירן זענט איר לעצטנס געווען אין קאָנטאַקט?...

די דאָזיקע אומגעריכטע פראַגע האָט מיך ממש אַ ברי געטאָן און כ׳בין שוין אַרויס פון די כלים.

— חזרט איבער נאָכאַמאָל אייער פראַגע, — זאָג איך מיט ביטער־קייט אין דער שטים, — ווייל איך גלייב נישט מיין געהער...

יענער האָט פאַרשטאַנען מיין גאַליקן שטאָך און געשוויגן.

יענער האָט געשטומט, אָבער איך האָב שוין נישט געשוויגן.

— ווי שעמט איר זיך נישט, — רעד איך אין אַן אויפגערעגטן טאָן, — ווי שעמט איר זיך נישט מ י ר צו שטעלן אַזאַ פראַגע, — מ י ר, אַ יי ד י ש ן שרייבער? איר ווייסט דען נישט ווי אַזוי די דייטשן באַ־גייען זיך איצט מיט יידן?...

ער האָט אויף מיינע ווערטער מיט גאָרנישט רעאַגירט.

— לאַדנאָ! איר קאָנט שוין גיין.

כ׳בין אַרויס פון דאָזיקן קאַבינעט מיט אַ באַליידיקטן געפיל, ווי אַ באַשפּיגענער...

מיין אָרט אין קאָרידאָר איז שוין געווען פאַרנומען דורך עמיצן אַנ־

דערש. כ׳בין געשטאַנען ביי אַ וואַנט אַ דערצערנטער. דער גאַנצער פאַר־הער האָט מיר אין גרונט אויסגעזען ווי אַ קאָמעדיע. דערפאַר טאַקע האָט עס נאָך מער געקרענקט. אָט, מ׳האָט מיר געשטעלט פראַגן סתם אין דער וועלט אַריין. כ׳בין זיכער, אַז זיי, די אויספרעגער, האָבן אַליין נישט גע־גלויבט זייערע אייגענע ווערטער און „רמזים״. ס׳איז זיכער יענעם אויף אַ סעקונדע נישט איינגעפאַלן, אַז איך בין אַ דייטשישער שפּיאָן... אָט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל... פּשוטער ציניזם!... אַז מען אַרעסטירט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פליטים, מוז מען דאָך מיט עפּעס פאַר־מעל באַרעכטיקן די שיינע עובדה! מוז מען דאָך פאַרפּראָטאָקאָלירן אַזעל־כע נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע בבא־מעשיות... עפּעס אַזוינס, וואָס וואַרפט אַ שאָטן, אַ חשד...

איך שמועס שפּעטער אין דער שטיל מיטן יונגן אַדוואָקאַט קור־לאַנדסקי וועגן מיין פאַרהער. אויך ער איז שוין געווען נאָכן פאַרהער.

— אַדרבה, זאָגט איר. ווי פאַרקוקט איר זיך ווי אַ יוריסט אויף אַזעלכע מיני פאַרהערן?

— ביי „זיי״ גילט נישט די יוריספּרודענץ פון „צעפוילטן מערב״... די „נ. ק. וו. ד.״ האָט אירע אייגענע מעטאָדן...

— איר ווייסט, — זאָגט ער מיר אַ שמייכלדיקער אין אַ מינוט אַרום, — אויך מיר האָט מען געשטעלט די זעלבע פראַגע, וואָס אייך: „מיט וועלכע דייטשישע אָפיצירן כ׳בין געווען אין פאַרבינדונג?״... עס גייט ביי זיי, אַפּנים, לויט אַ שאַבלאָן... אויף דער צונג איז ביי מיר געלעגן אַ פראַגע. זי האָט זיך שיער נישט אַראָפּגעריסן: „די דייטשן זענען דאָך איצט אייערע פאַרבינדעטע — פאַרוואָס־זשע זענען ביי אייך טרייף די דייטשישע אָפיצירן?״...

— גלייכער, וואָס איר האָט נישט געפרעגט. גלייכער וואָס ווייני־קער מיט „זיי״ צו טענהן. גענוג איז: „יאָ״, „ניין״, „כ׳ווייס נישט״...

אין משך פון דער גאַנצער נאַכט האָט מען די פליטים איינציקווייז געפירט אין יענעם קאַבינעט. דאָס איז אין גרונט געווען אַ פּשוטע „אָפּאַר־מליעניע״ (פאַרמעלע דערליידיקונג) פון די אַרעסטן: עפּעס האָט מען דאָך געמוזט צו איטלעכן צוטשעפּען אַ שטיקל שולד אָדער אַ שאָטן פון אַ חטא, אַ חשד... אַ סך, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון קאַבינעט, האָבן געשמייכלט, ווי איינער זאָגט: „אָט האָקן „זיי״ אַ טשייניק״...

מיט דער נאַכט האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. אין דער פרי

האָט מען ווידער גענומען אויסרופֿן אַלעמען פֿון דאָס ניי. דאָס מאָל צו אַן אַנדערן, אויפֿן ערשטן שטאָק.

ביי מיין אַריינקומען אַהין, זע איך אַן עלטערן אָפֿיציר פֿון „נ. ק. וו. ד.". ביי דער זייט אַ יונגע פֿרוי, די פּראָטאָקולאַנטין.

ווידער די זעלבע סדרה פֿראַגן. מיינע אַלע תשובֿות ווערן פֿאַרשריבן פֿון דער פֿרוי. די פּראָצעדור איז דאָ אויך אַ גאַנץ מעכאַנישע. אויך דער דאָזיקער אויספֿרעגער גלייבט קענטיק אַליין נישט אין דעם, וואָס ער פֿרעגט...

פּלוצלונג אַקצענטירט ער איין פֿראַגע:

— האָט מען אייך אין פּוילן פֿאַרפֿאָלגט?

— וואָס הייסט?

— זענט איר געזעסן אין תּפֿיסה?

— ניין...

— פֿאַרשרייבט! — באַפֿעלט ער גלייך דער פּראָטאָקולאַנטין, — נישט פֿאַרפֿאָלגט געוועזן פֿון דער פּוילישער מאַכט און נישט געזעסן אין תּפֿיסה...

איך לאַך אין געדאַנק: זיי האָבן „געפּאַקט" קעגן מיר אַזאַ „וואָגיקן" אַרגומענט... ווילט זיך מיר פֿאַרבעסערן מיין מערכה און איך דערצייל, אַז איין בוך מיינס איז דערשינען אין „גאָסיזדאַט" (מלוכה־פֿאַרלאַג) אין מאָסקווע.

— וואָס הייסט אין „גאָסיזדאַט"? — גלויבט ער נישט.

— יאָ, אין מאָסקווער „גאָסיזדאַט".

— ווען?

— אין 1930.

— ווי הייסט דאָס בוך?

איך זאָג אים.

— איך ווייס נישט פֿון אַזאַ בוך...

— איר לייענט דען אַלע ביכער? — זאָג איך מיט באַהאַלטענער איראָניע, — מסתּמא צוליב אייער אַמט האָט איר נישט קיין צייט פֿאַר ביכער...

— און איר האָט עס יאָ געלייענט? — ווענדט ער זיך צו דער פּראָטאָקולאַנטין.

— ניין, נישט געלייענט.

— זייט זיכער, — זאָגט מיר דער העכערער „ג. ק. וו. ד."־אָפיציר, — א י צ ט וואָלטן מען אייער בוך נישט אַרויסגעגעבן אין „גאָסיז־דאַט"...

— פון וואַנען ווייסט איר? איר האָט עס דאָך נישט געלייענט...

יענער ווערט שטיל. ער מאַכט אויך זיינע נאָטיצן אין מיינע פּאַפּירן און לייגט אַלץ אַריין אין אַ פּאַפּירענער טעקע.

— איר קאָנט שוין גיין.

איך בלייב נאָך אָבער שטיין אַ רגע און וואַג צו פרעגן כלומרשט מיט תמימות:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָט מען מיך אַרעסטירט?...

— איר וועט שוין וויסן... — פאַלט אַ קורצער ענטפער.

— אָבער דאָך... טאָר איך עס נישט וויסן?...

— מיר האָבן געענדיקט...

און ער האָט אַ דריק־געטאָן אַ קנעפּל אויפן טיש — אַ גלעקל אין קאָרידאָר אַרויס. עס האָט זיך באַוויזן דער זעלבער פאַרשוין, וואָס האָט מיך דאָ אַהער אַריינגעפירט, כדי מיך איצט אַרויסצובאַגלייטן פון דאַנען.

קורלאַנדסקי האָט מיך באַגעגנט אין קאָרידאָר מיט אַ פרעג־צייכן אויפן פּנים:

— נו?

— די זעלביקע קאָמעדיע... אַן אינסצעניזאַציע פאַרן מאַסן־געברויך...

— נו, יאָ. מיט אונדז האָבן „זיי" נישט וואָס צו צערעמאָניען זיך. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען אַ מאַסע אין די שווערע טויזנטער. קאָנען „זיי" דען זיין מיט איטלעכן באַזונדער „אָריגינעל"?... מען נעמט אונדז אַלעמען אויף איין „קאָפּיטע"...

— אָבער וואָס ווילן „זיי" פאַרט פון אונדז?

— מ'עט עלטער ווערן מיט אַ טאָג, וועט מען זען...

געווען אַפילו נאַאיווע מענטשן צווישן דער מאַסע אין קאָרידאָר, וועלכע האָבן געטענהט, אַז ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט... אַז מ'וועט זיכער אַרויסגיין... אַז נאָך היינט ביינאַכט וועט מען אַהיימגיין...

— אדרבה, — האָבן יענע מאָטיווירט, — פאַרוואָס קומט אונדז צו אַרעסטירן? מיר האָבן דען געגנבעט, געגזלט?

— ס׳איז דאָך קעגן יעטוועדן געזעץ אונדז צו האַלטן אונטערן שלאָס! — אַרגומענטירט אַ צווייטער די „טעזע“.

— ס׳איז אויך קעגן דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע!... — דער־קלאַמירט כמעט אַ דריטער, זעט־אויס אַ „געכאַפּטער“ אויף קאָמוניזם...

-— די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט די פרייהייט פון יעדן בירגער... איך האָב אַליין געלייענט די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע...

— זאָגט נאָר, — פרעגט אים אַ סקעפּטיקער, — מ׳האָט אייך שוין פאַרהערט?

— נאָך נישט.

— טאָ זייט אַזוי גוט, פאַרגעסט נישט אויפן פאַרהער צו דערמאָנען דעם נאַטשאַלניק פון „נ. ק. וו. ד.“ וועגן פסוק פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע... למען השם...

אַ גאַנצן טאָג האָט מען אונדז אַזוי געהאַלטן אין דאָזיקן קאָרידאָר. עס זענען כסדר צוגעקומען נייע און נייע. נישט געווען שוין ווו אַ שפּילקע אַריינצושטעקן.

אין אָוונט האָבן שוין אַלע אָן אויסנאַם — אַפילו יענער קאָמוניסט — גוט פאַרשטאַנען דעם פשט פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע: אויפן הויף זענען געשטאַנען עטלעכע אַרעסטאַנטן־קעטשלעך מיט פּי־טשינקע פאַרקראַטעוועטע פענצטעלעך ווי טונקעלע שאַטקעס. אין די דאָזיקע קעטשלעך האָט מען אָנגעפּאַקט גרופּעסווייז די מענטשן פון קאָרידאָר און זיי אָפּגעפירט אין תפיסה. ס׳איז געגאַנגען אַ כסדרדיקע פאָרעריי. איין פּאַרטיע איבערגעפירט — געקומען נעמען אַן אַנדערע. אַזוי ביז אַלע זענען געוואָרן איבערגעפירט. איך בין געווען פון די לעצטע גרופּעס.

אינעם קעטשל איז לחלוטין קיין לופט נישט געווען. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דערשטיקט. מ׳האָט אָנגעפּאַקט ממש איינע אויף די אַנדערע, ווי די גענדז. אַ נס, וואָס דער וועג האָט לאַנג נישט געדויערט. ס׳איז געווען גאַנץ נאָענט. די שווערע תפיסה־מויערן אין דער לאַנגער מאַסיווער וואַנט האָבן זיך פאַנאַנדערגעעפנט און אונדז איינגעשלונגען.

אין משך פון מיין לעבן פלעגט מיר אויסקומען פאַרבייגיין יענע גאַס — ליסטאָווסקיעגאָ, איצט קיראָווא. תמיד פלעג איך זען די מאַסיווע ווייסע תפיסה־ווענט פון אויסבווינק. איצט, באַלד אין ערשטן יאָר פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט; אין ערשטן יאָר פון גראָדנעס

„באַפרייאונג" — האָט מען מיר געוויזן די תפיסה פון א י נ ע ו יי־
נ י ק — — —

57

אין גראָדנער תפיסה

דער באַלויכטענער טורמע־הויף איז געווען נישקשהדיק איבערפולט פון מענטשן. דער „ג. ק. וו. ד."־אַפּאַראַט אַרבעט, זעט־אויס, מיט דער גאַנצער פּאַרע. „פּאָ סטאַכאַנאָווסקי".

איך זע פון דער ווייטנס באַקאַנטע. נישט געוווסט וועגן זיי. איצט זע איך — דער זעלביקער גורל וואָס מיינער. מען גריסט זיך פון דער ווייטנס מיט אַ ווונק, מיט אַ מאַך פון דער האַנט אין דער לופטן. קיין געלעגנהייט צו רעדן, צו באַוועגן זיך איבערן הויף, גיט מען נישט. סיידן מיט די נאָענטסטע אין דער גרופּע. טייל שטייען, טייל זיצן פאַרחלשטע אויפן ברוקירטן באָדן פונעם טורמע־הויף.

מ'רופט אויס נעמען לויט רשימות. מ'פירט ערגעץ אַוועק די מענטשן פּאַרטיעסווייז. דאָס דאַרף מען דורכגיין די אויפנאַם־פּראָצעדור אין תפיסה.

עס דערגייט לסוף צו מיין גרופּע. מ'קריכט דורך קאָרידאָרן, דורך טרעפּ.

צום פיינלעכסטן איז געווען די רעוויזיע. פיינלעך און באַליידיקנ־דיק. די מענטשלעכע ווערדע ווערט נידעריק צעטראָטן ווי אַ וואָרעם אונ־טער אַ שווערן גראָבן שטיוול. לכתחילה הייסט מען מיר אַרויסלייגן אויפן טיש אַלצדינג פון די טאַשן. כ'ליידיק אויס יעדן טאַש באַזונדער. אויף דעם טיש ליגט שוין מיין גאַנץ „האָב און גוטס": זייגער, פּולפּעדער, פּאָרטפּעל מיט עטלעכע הונדערט רובל און נאָך אַנדערע טאַשן־קלייני־קייטן. אויפן זייגער און געלט קריג איך אַ קוויטאַנציע. די פּעדער ווערט אַריינגעלייגט אין טאַשן־פּאָרטפּעל און פאַרוויקלט מיטן פּאַסעק פון די הויזן. אין פּאָרטפּעל זענען געבליבן ליגן עטלעכע אומשולדיקע פּאַפּיר־לעך: אַ פּאָר געשריבענע לידער; אַ געדרוקטע ליברעטאָ פון „טוביה דער מילכיקער", אַ לעצטע פאָטאָגראַפיע מיינע, אַ פּאָר רעצעפּטן וכדומה.

אָבער דאָס אַלץ גיט מען מיר נישט צוריק. איך באַקום בלויז צוריק אַ קעמעלע און אַ נאַז־טיכל.

און דאָ הייבט זיך אָן דאָס ערגסטע:

מען הייסט מיר זיך אויסטאָן נאַקעט, מוטער־נאַקעט און אַ „נ. ק. וו. ד.יסט" נעמט זיך בודק זיין דעם קערפּער. ער פאַרקוקט אין מויל, אונטער דער צונג, אין די אויערן, דרייט מיך אויס אין אַלע זייטן. צום סוף קומט דער פינאַל פון דער רעוויזיע: מען הייסט זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט, אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ טריט, דאַן אָנשפּאַרן זיך מיט ביידע הענט פאַראויס אָן וואַנט און צעשפּרייטן אַביסל די פיס — אַזוי אַז דער הינטערשטער טייל זאָל אַרויסשווימען אויפן „זע־פעלד" פונעם רעוויזאָר... דער לעצטער — אָן דעם מינדסטן געפיל פון עקל — בייגט זיך נאָך איין און באַקוקט מעשה „ספּעץ" דעם רעקטום... אַזוי טוט אַ דאָקטער אין די פאַלן, ווען דאָס פאָדערט די מעדיצינישע אָבסערוואַציע...

אין דעם מאָמענט דערפילט מען באַלד, אַז מען איז שוין נישט מער מענטש, נאָר נ ו מ ע ר... אַ נומער צווישן אַזוי פיל נומערן... אַ נומער, מיט וועלכן מען רעכנט זיך לחלוטין נישט, צי עס קאָן וויי־טאָן, צי עס קאָן באַליידיקן...

נאָך דער דאָזיקער רעוויזיע הייסט מען זיך צוריק אָנטאָן. איצט פאַרשטיי איך שוין דעם טעם, פאַרוואָס „זיי" האָבן באַהאַלטן דעם פּאַסעק פון די הויזן, די שעלקעס: שוין בלויז נאָך אַזאַ „קבלת־פּנים" קאָן נישט איינעם איינפאַלן צו מאַכן פון פּאַסעק אָדער פון די שעלקעס אַ תליה — — —

צוליבן זעלביקן טעם האָבן די רעוויזאָרן אויך צוגענומען ביי יעדן איינעם די מעסערלעך און די זשילעטקעס צום ראַזירן זיך, מיט וואָס מען קאָן זיך איבערשניידן די אָדערן אָדער דעם האַלדז...

מען מאַכט דאַן פון מיר פינגער־אָפּדרוקן — פון אַלע פינגער, אויף עטלעכע פּאַפּירן.

דאַן פירט מען מיך אַריין אין אַ ספּעציעלן חדר צום פאָטאָגראַפירן. מען שפּילעט־צו אַ נומער צו מיין ברוסט. כ'בין דאָך געוואָרן אַ נומער. אַ נומער פון פיר ציפערן...

און אַזוי ווער איך פאָטאָגראַפירט, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, מיט אַ נישט־ראַזירטן פּנים, מיט אַ צעקנייטשטן רעקל און צעכראַסטעטן העמד. און אַז עס וועט ווער אַ קוק־טאָן אויף אַזאַ פאָטאָגראַפיע — צי וועט ער

נישט טראַכטן, אַז דאָס איז אַ פּאָטאָגראַפיע, אַרויסגענומען פון אַן אמת־דיקן פאַרברעכער־אַלבאָם? אַז דאָס איז אַ נאָטאָרישער פאַרברעכער, אַ רעצידיוויסט, אַ קאַטאָרזשניק, אַ „דזשעק דער בויכשניידער" פון אבות אבותיו?... און דאָס האָט מען פון מיר געמאַכט אַזוי בליצשנעל! אַזאַ אויס־זען האָב איך באַקומען אין משך פון אַ פּאָר טעג בלויז — פון 3טן ביזן 5טן יולי! „געניאַלע ספּעצן" די „נ. ק. וו. ד.", טראַכט איך בעת־מעשה מיט גאַל און ביטערניש.

58

צעלע 16

נאָכן פאָטאָגראַפירן פירט מען מיך אין תפיסה־באָד. דאָרט איז אַ גוואַלדיקע שטיקעניש, אַ געדראַנג. דעם גאַנצן עולם, געבראַכטע דורך דער נאַכט, אַריינגעשטופּט אין אַזאַ קליינע באָד. אין אַ פאָדער־חדר נעמט מען צו פון יעדערן די מלבושים צו דעזינפעקצירן. נאָכן אָרומשטויסן זיך צווישן דער מאַסע נאַקעטע לייבער, נאָכן רייבן זיך כסדר מחמת ענג־שאַפט לייב אָן לייב, טו איך זיך אָן. כ׳טו אָן מיין העמד, — מיין איינ־ציק אויבער־העמד — און באַמערק גלייך, אַז פון די מאַנזשעטן האָט מען אַראָפּגעגנבעט די ספּינקעס... אַזוי אַז פון די אַרבל קריכן מיר אַרויס די פאַנאַנדערגעעפנטע טאָפּלטע מאַנזשעטן פון העמד... און דאָס האָט נאָך צוגעגעבן אַ בולטערן שטריך צו מיין בראָדיאַגישן אויסזען...

כ׳בין שוין אַ „געלייטערטער". שוין דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער אויפנאַם־פּראָצעדור און כ׳בין שוין ראוי צו ווערן אַריינ־געלאָזט אין תפיסה־„גן־עדן".

ס׳איז שוין שפּעט אין אָוונט. שעהען האָט געדויערט די פּראָצעדור פאַר דעם גרויסן עולם. לסוף נעמט מען זיך פאַנאַנדערפירן די מענטשן — אָדער די „נומערן"... — איבער די צעלן. מען פירט פאַרווייז, איינ־ציקווייז.

אַ תפיסה־„קליוטשניק" פירט מיך דורך קאָרג־באַלויכטענע, לאַנגע קאָרידאָרן. פון ביידע זייטן — טירן פון די צעלן. אַ סך טירן. אַ מאָדנע שטילקייט אין די קאָרידאָרן. אַ פאַרדעכטיקע, איינגעהאַלטענע שטום־

קייט. דער „קליוטשניק״־„נ. ק. וו. ד.״יסט רעדט נישט קיין וואָרט. גייענ־דיק זוכט ער אינעם גרויסן בונד שליסלען דעם נייטיקן נומער.

ביין איין צעלע בלייבט ער שטיין — צעלע 16. דאָ וועט זיין מיין צעלע.

ער גרילצט מיטן שליסל אין שלאָס און טוט אַן עפן פאַר מיר אַ שווערע, מאַסיווע, אייזערנע טיר.

— גיי אַריין!

און פאַרהאַקט באַלד הינטער מיר צוריק די טיר.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט:

אַ לעבעדיקע וואַנט פון מענטשישע, האַלב־נאַקעטע גופים. בלייכע פּנימער. פאַרוואַקסענע, באַבערדיקטע. מסתמא דערהערנדיק דעם גרילץ פון שליסלען ביי דער טיר, זענען אַלע אַרעסטאַנטן געוואָרן געשפּאַנט און מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן — ווער אויף דער פּאָדלאָגע, ווער אויף דער נאַרע — אַזוי אַז עס האָט זיך באַקומען אַ וואַנט פון גופים.

דער ערשטער רעפלעקס פון געדאַנק איז ביי מיר געווען: מיצקע־וויטשעס „דזיאַדי״... אַ סצענע פון „דזיאַדי״: אין די קאַזעמאַטן פון אַ ווילנער תפיסה, אַנגעפּילט מיט פּאָליאַקן — אויפשטענדלער קעגן רו־סישן צאַר. אין נאָוואָסילצעווס צייטן. אַן ענלעכע סצענע איז מיר פאַר־בליבן אין זכרון פון אַ פאַרשטעלונג פון „דזיאַדי״ אין וואַרשע. דער־זעלבער מענטשן־קנויל. די זעלבע פאַרשלאָסענע, געפּייניקטע...

קורץ נאָכדעם ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט האָט זיך די מאַסע גופים אַ באַוועג געטאָן און האָט מיך אַרומגערינגלט. אַלץ פּאָליאַקן. כ׳זע נישט קיין איין יידיש פּנים.

מ׳האָט מיך פאַרשאָטן מיט פראַגן פון אַלע זייטן:

— וואָס הערט זיך אויף דער פריי?

— ווי האַלט עס מיט דער מלחמה?

— וואָס הערט זיך ביי די „פאַרבינדעטע״?

איך ווער אַביסל צעטומלט.

— איר ווייסט גאָרנישט? — פרעג איך.

— שוין וואָכן ווי אין אונדזער קאַמער איז קיינער נישט צוגעקומען.

— אַז פּאַריז איז געפאַלן ווייסט איר?

— טאַקע געפאַלן פּאַריז?!

— ראַני באָסקיע! (גאָטס וואונדן!).

— געפּאַלן פּאַריז — טראַגט מען פון מויל צו מויל.

— איז אַ ווונדער וואָס אונדזער וואַרשע איז געפּאַלן?...

— און אַז די „רויטע" האָבן איצט פאַרנומען ליטע, ווייסט איר אויך נישט? — זאָג איך.

— פאַרנומען ליטע?!

— פאַרנומען ליטע... מיט ווילנע... מיט קאָוונע...

— ראַני באָסקיע!

— ביידע שותפים נעמען איין די וועלט... איינער אין מזרח, דער אַנדערער אין מערב...

— ווי לאַנג זיצט איר דאָ שוין, ראַדאַצי? (לאַנדסלייט), — פרעג איך.

— ווי נאָר מ'האָט אונדז „באַפרייט", זיצן מיר... — ענטפערט איי־נער איראָניש.

— פאַרוואָס האָט מען אייך אַרעסטירט? — טוט מען מיך באַלד אַ פרעג.

כ'דערציייל זיי בקיצור — ווי אַ „ביעזשעניעץ", וואָס האָט זיך פאַר־שריבן צוריקצופאָרן קיין וואַרשע...

דעם דאָזיקן אויסטערלישן עולם, זע איך, אימפּאָנירט עס.

— און מיר האָבן געמיינט, — רופט זיך איינער אָפּ, — אַז נאָר אונדז, פּאָליאַקן, פאַרפאָלגן „זיי"... צום סוף... אויך צו די „זשידקעס" האָט מען זיך גענומען...

דאָס האָט אַזוי גערעדט אַן עלטערער פּאָליאַק מיט אַ לאַנגער באָרד. עס האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער, אַ דריטער — און ס'איז אַוועק אַ שמועס וועגן יידן. וועגן „גוטע" יידן און וועגן „שלעכטע" יידן... ווער ס'האָט קריטיקירט, ווער פאַרטיידיקט. יעדער האָט געבראַכט אַנדערע ביישפּילן פון „גוטע" און „שלעכטע" יידן... מיר איז עס געווען שטאַרק דערווידער. כ'בין געווען איין ייד צווישן לערך 40 פּאָליאַקן. האָב איך גע־האַלטן פאַר גלייכער זיך נישט אָפּצורופן אַפילו מיט קיין וואָרט. נישט רעאַגירט אויף זייערע אַלע רייד, סיי די לאָקריצדיקע, סיי די בייסיקע. זאָלן זיי רעדן וואָס זייער האַרץ גלוסט! כ'בין געווען פאַרנומען מיט מיי־נע אייגענע ביטערע רעיונות...

מ'האָט זיך געקליבן גיין שלאָפן. ווי אַ פריש־אָנגעקומענעם, האָט מען מיר אויפגעקלערט דעם סדר אין דער צעלע:

פלאַץ אויף דער נאַרע איז פאַראַן פאַר 16 מענטשן. אין קאַמער זע־נען אָבער פאַראַן גאַנצע 40. אַן „איבערבאַפעלקערונג"!...

— ביי דער פויליִשער מאַכט איז אין גראַדנער תפיסה קיינמאָל נישט געווען אַזאַ ענגשאַפט... — באַמערקט ווער.

— אויף דער נאַרע, — דערקלערט מען מיר ווייטער, — שלאָפן די ערשטע „פּענסיאָנערן". אַז איינער פון זיי גייט אַוועק, פאַרנעמט זיין אָרט דער ערשטער קאַנדידאַט, וואָס איז אָנגעקומען אַהער נאָך די 16 — און אַזוי כסדר.

די אַלע „קאַנדידאַטן" שלאָפן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. ווי לאַנג דאָס דאַרף דויערן — דאָס איז אַ מזל־זאַך. מ'ווייס קיינמאָל נישט ווען און ווער עס וועט איבערגעפירט ווערן „ערגעץ אַנדערש"...

פון דעם געשילדערטן סדר זע איך, אַז איך, ווי אַ לעצט־געקומענער, האָב שוואַכע שאַנסן צו דערוואַרטן זיך אויף אַ פּלאַץ אויף דער נאַרע... סיידן... סיידן מיין זיין דאָ וועט זיין אַ לאַנג־דויערנדיקער... ווער קאָן עס וויסן?...

אַפילו אויף דער פּאָדלאָגע איז מיין אָרט דער סאַמע ערגסטער: ביי דער טיר און ביי דער „פּאַראַשאַ"... (נאַכט־צעבער). די לופט אין קאַמער איז אַזוי אויך אַ שווערע, אַ שטיקנדיקע. בפרט נאָך אַז מ'האָט די „פּאַ־ראַשאַ" אונטער דער נאָז... קיין סך פּלאַץ אויף דער פּאָדלאָגע האָב איך אויך נישט. אַזוי פיל גופים לייגן זיך אויס אויף דעם קליינעם שטח פון דער צעלע. מען קאָרטשעט זיך איין, מען ציט איין די קני — ווי אַ קנויל. וואָלט איך כאָטש געהאַט וואָס נישט איז אונטערצולייגן אונטערן קאָפּ — האָב איך דאָך מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען: דער ליגנערישער מיליציאָנער האָט דאָך נישט געלאָזן. ער האָט דאָך מיך פאַרזיכערט, אַז אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין צוריק אין שטוב. אַזאַ שקרן און רשע! לייג איך אונטער די פויסט אונטערן קאָפּ. אַז די רעכטע פויסט ווערט פאַרחלשט, לייג איך אונטער די לינקע. נאָך אַ צרה איז וואָס איז דער ענגשאַפט איז שווער זיך אויסצודרייען. איז דאָס ליגן אַ פּיין, אַן אָפּקור־מעניש. איך שטעל אַן דעם קאָלנער פון מיין רעקל, — דער איינציקער רעקל! — צי אים, דעם קאָלנער, אַלץ העכער, ער זאָל „אימיטירן" אַ צור־דעק, אַ קאָלדרע. איך פּרוּוו פאַרמאַכן די אויגן צום איינשלאָפן. אָבער כאָטש כ'בין שוין אַ פאַרחלשטער, פונדעסטוועגן אַנטשלאָפן ווערן איז מיר אוממעגלעך: ליגנדיק אַזוי איינגעקנוילט, הייבן מיר אָן ווי טאָן אַלע

גלידער, דער עיקר אין די קני. פּרווו איך עטוואָס אויסציען די פיס, דער־הער איך אַ זידלעריי פון שכן, וואָס פּראָטעסטירט: כ׳בין אים אַריינגע־פאָרן, זאָגט ער, מיט אַ פוס אין אויג אַריין... ער איז טאַקע גערעכט, מיין שכן. אָבער וואָס בין איך שולדיק? איך קאָן אויך אַזוי קיין טענה נישט האָבן צו מיין שכן פון לינקס, וועלכער האָט אין מיטן שלאָף אַ צי אויס געטאָן אינסטינקטיוו אַ פוס און מיר אַ טיפּן זעץ געטאָן אין דער געגנט פון דער בלינדדאַרם. דערצו זענען נאָך צוגעקומען די אָפּטע באַזוכן ביי דער „פּאַראַשאַ" — אין שכנות פון מיר... און דאָס אַליין וואָלט אויך געקלעקט אויף צו פאַרטרייבן דעם שלאָף פון די מידע אויגן...

און ליגנדיק אַזוי אַ שלאָפלאָזער איז מיר אויך אויפגעקלערט גע־וואָרן פאַרוואָס די מענטשן דאָ גייען האַלב־נאַקעט, אָן העמדער אַפילו: ערשטנס טאַקע צוליב דער דושנעקייט. ביי אַ טייל מענטשן האָבן איבערן נאַקעטן לייב גערונען ריטשקעלעך שווייס. צווייטנס צוליב די לייז... אַזוי איז מיר מסביר אין דער שטיל מיין שכן אויף דער פּאַדלאָגע, ווען עס שלאָפט זיך אויך נישט אין דאָזיקן „קאָמפאָרט". די העמדער ביי אַלעמען זענען שוין פאַרלייזיקט, אַז ס׳איז גלייכער צו גיין נאַקעט — אַבי נישט געביסן צו ווערן.

אַזוי איז צוגעגאַנגען די נאַכט־„רו" אין דער גראָדנער סאָוויעטישער תפיסה. הינטער דער אייזערנער טיר, אויף יענער זייט, איבער די לאַנגע קאָרידאָרן האָט אַרומגעשפּאַצירט דער „נ. ק. וו. ד."־שומר, וועלכער האָט אָפּגעהיט אונדזער „שלאָף"...

און איבערן תפיסה־טויער אין דרויסן — ווי איך פלעג אַלע טאָג זען ווי אַ פאַרבייגייער — האָט אויך געפלאַטערט די רויטע פאָן מיטן האַמער און סערפּ, וועלכע האָט סימבאָליזירט די מענטשלעכע פ ר יי־ה יי ט — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

59

און אַז טאָג איז געקומען...

אַוועק די ערשטע נאַכט אין תפיסה. אויבן דורכן קליינעם קראַטן־פענצטערל האָט אַריינגעקוקט אַ פּיצל גרויקייט פון אַ טאָג.

אויפגעהויבן זיך מיט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער. אין קאָפּ אַ שווע־רער קאַשמאַר פון נישט אויסשלאָפן זיך שוין די דריטע נאַכט. די האָר

צעשויבערט: ווייזט זיך אַרויס, אַז אין באָד בעת דער דעזינפעקציע, האָט מען פון מיינע מלבושים אויך מיין טאַשן־קעמעלע צוגעלקחנט... די דע־זינפעקציע־מאַכער מוזן שוין זיכער האָבן אַ גאַנצן מאַגאַזין פון די קליי־ניקייטן... טאָג־טעגלעך ברענגט מען דאָך דאָ פרישע „געסט", איז דאָך פאַראַן וועמען צו „באַאַרבעטן"...

און נישט האָבנדיק קיין קעמעלע, „פּאַרקעם" איך די צעשויבערטע האָר מיט צעשפּרייטע פינגער — אַזוי ווי עס טוען פּרימיטיווע פּויערים אין די אָפּגעשטאַנענע דערפער.

מ׳פירט אונדז גרופּעסווייז אין וואַש־צימער. פון אַ לאַנגער בלע־כענער רער שטעקן אַראָפּ אַ שורה דינע אייזנדלעך — אויך אַזעלכע קליי־נע רערעלעך. ביים אויפהייבן אַזאַ אייזנדל רינט אַראָפּ וואַסער; אָבער קאַרג, כמעט טראָפּנסווייז. איך זאַמל אַן אַביסל וואַסער אין הויפּן און פריש אָפּ דערמיט די אויגן, דאָס געזיכט, רייב זיך די הענט. אָבער דאָס ביסעלע וואַסער צעשמירט נאָר די ברודיקייט פונעם לייב. זאַמלען אין הויפּן מער וואַסער איז נישטאָ קיין צייט. דער „וויוואָדנאַי" (אונטערפי־רער) יאָגט כסדר:

— ביסטרעי, ביסטרעי! (שנעלער, שנעלער!).

נישט צו חידושן זיך אויף דער איילעניש: איין וואַש־צימער פאַרן גאַנצן שטאַק. אויף יעדן שטאַק אַזוי פיל אָנגעשטאָפּטע קאַמערן.

מיט וואָס זיך אָפּצווישן האָב איך נישט. צי איך אַרויס פון טאַש מיין איינציקע נאָז־טיכל, וואָס איז שוין שמוציק ווי אַ שמאַטע, און רייב זיך אָפּ אַביסל דאָס פּנים, די הענט. נאָך אַ נס, וואָס דער גנב פון „דע־זינפעקציע" האָט מיר איבערגעלאָזט דאָס נאָז־טיכל: דאָס איז זיכער דערפאַר, ווייל דאָס טיכעלע איז שוין געווען צעקנייטשט און נישט אַזוי ניי און עס האָט אים נישט „אימפּאָנירט"... מיין גליק!...

אַז אַלע גייען דורך דאָס וואַש־צימער, ברענגט מען אַריין „קיפּיאַ־טאָק" (קאָכיק וואַסער) און ברויט. איך זע ווי אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער — קוים זיך דערוואַרט.

מען נעמט זיך טיילן די פּאַרציעס. דאָס ברויט איז אין קליינע לע־בעלעך: אַ ברויטל פאַר פיר פּערזאָן. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צעטיי־לונג איז דער „סטאַראָסטאַ". דער „סטאַראָסטאַ" איז אַן אַרעסטאַנט ווי אַלע אַרעסטאַנטן. דאָס באַשטימט די טורמע־מאַכט וועמען עס איז פון דער קאַמער אויפן דאָזיקן אַמט און ער איז דער ממונה איבער אַלעמען

אין קאַמער. אַז מען ברענגט אַריין דאָס ברויט אין צעלע, נעמט עס גלייך איבער דער „סטאַראָסטאַ" אין זיין רשות און ער טיילט עס אויס די אַלע אימפּראָוויזירטע גרופּן פון פיר.

ביי איטלעכער „טשוורקאַ" (פירל) באַזונדער איז די פּאַרטיילונג צוגעגאַנגען לויט אַזאַ סיסטעם: ס'האָט איינער צעשניטן דאָס ברויטל אויף פיר גלייכע חלקים. געטאָן האָט עס איינער פון די פיר, וואָס איז דורך די איבעריקע אנערקענט געוואָרן פאַר אַ מענטש מיט אַ גענויט אויג און מיט אַ פלינקער האַנט. געשניטן האָט מען דאָס ברויט מיט אַ הילצער־נעם „מעסערל" — מיט אַזאַ מין פאַרשאַרפטן שפּענדל. די אמתע מעסער־לעך האָט מען דאָך ביי אַלעמען צוגענומען בעת דער רעוויזיע. דער „שניי־דער" האָט איטלעכע פּאָרציע געוווגן אויף דער האַנט אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ, באַקוקט אויך פון אַלע זייטן מיטן אויג און אויסגעגלייכט. אַמאָל אָפּגעצופּט פון איין פּאָרציע אַ פּיצל און צוגעלייגט עס צו אַן אַנ־דערער, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין עטוואָס קלענער, „באַעוולה־טער"... נאָכן צעשניידן איז צוגעגאַנגען אַזאַ מין סדר: איטלעכן טאָג האָט יעדער פון דער גרופּע געהאַט זיין ריי: ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער. דער, וואָס איז היינט, למשל, געווען אין דער ערשטער ריי, האָט געהאַט דעם שאַנס דער ערשטער אויסצוקלייבן זיך אַ פּאָרציע פון אַלע פיר, לויט זיין איינזען. נאָך אים קומט דער, וואָס איז אין דער צווייטער ריי. דער דאָזיקער קלייבט אויס אַ פּאָרציע שוין פון די דריי; דער דרי־טער לויט דער ריי קלייבט אויס שוין פון צוויי; דער פערטער נעמט די געבליבענע פערטע פּאָרציע שוין אָן אויסוואַל. דעם דאָזיקן פאַלט אַריין די קלענסטע פּאָרציע.

קיין געליטענע זענען אָבער נישט געווען, ווייל צומאָרגנס האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט: דער פערטער איז שוין געוואָרן דער ערשטער און אַזוי כסדר — אַזוי אַז אין לויף פון פיר טעג האָבן זיך אַלעמענס שאַנסן אויסגעגלייכט...

אַזוי איז צוגעגאַנגען אין יעדער גרופּע און זיכער אויך אין אַלע קאַמערן פון דעם איזאָלירטן וועלטל...

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער פּראָצעדור און זיך גע־וווּנדערט, ווי אַזוי מענטשן פּאַסן זיך צו צו די „אומשטענדן": ווי אַזוי עס שאַפן זיך „סיסטעמען" אַפילו אין אַזאַ „מיסט־קאַסטן"... איך פאַר־ענטפער עס גלייך מיט דעם אָפּטימיזם, מיט דער פאַרבאָרגענער האָפע־

נוגג, וואָס לעבט אין יעדן באַשעפעניש — און אַ פּשיטא שוין אין אַ בן־אָדם — אַ האָפענונג, וואָס צווינגט צום ראַנגלען זיך, צו האַלטן זיך אַפילו אָן אַ שטרוי אויף די כוואַליעס...

איך קוק זיך צו צו די מענטשן, וואָס שטייען אַרום דעם טיילער; צו זייערע הונגעריקע זשעדנע אויגן און — איך דערזע, איך דערשפּיר דעם גרויסן שוידער פון הונגער... די דאָזיקע מענטשן זיצן דאָ שוין נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. קיין פּעקלעך פון קרובים לאָזט מען דאָ נישט אַריין. בכלל איז איבערגעריסן איטלעכער קאָנטאַקט מיט קרובים פון דער אויסערלעכער וועלט. אַפילו קיין בריוול, קיין וואָרט, קיין גרוס ווערט נישט צוגעלאָזן אַהער, גלייך ווי די תפיסה וואָלט עקזיסטירט אויף אַן אַנ־דער פּלאַנעט... מוז מען אַזוי אַרום לעבן בלויז פון דעם, וואָס מען באַ־קומט אין תפיסה.

און וואָס, אומשטיינס געזאָגט, באַקומט מען דאָ! די פּאָרציע ברויט האָט פיר הונדערט גראַם; אָבער דאָס ברויט איז זייער שווער, איז פול מיט וואַסער און קלעפּיק. איטלעכער שלינגט עס גלייך איין מיטן „קי־פּיאַטאָק״ באַלד אין דער פרי און בלייבט שוין אַ גאַנצן טאָג אָן אַ ביסן ברויט. צו מיטיק ברענגט מען אַריין אַ זופּקע — און דאָס גאָר. אַ שיטערע זופּקע, אין וועלכער עס שווימען אַרום קליינע פּיצלעך קאַרטאָפל אָדער צעריבענע פּיצלעך פון פישלעך. דער פּאַרטיילער ביי דער טיר פון קאַ־מער גיסט איטלעכן אַריין אַ קאָכלע אין בלעכענעם שיסעלע און נישט איטלעכן איז באַשערט דאָס „גרויסע געווינס״ — צו האָבן אין שיסעלע אַ פּיצל קאַרטאָפל אָדער אַ זכר פון אַ פישל. זופּט מען דעם וואַרעמען שי־טערן מאכל און מען דערוואַרעמט דעם מאָגן און געדערים. ביים עסן ערשט צעגלאַנצן זיך די אויגן פון הונגער; אָבער מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער איז נישטאָ...

אין די ערשטע פּאָר טעג האָב איך נאָך דעם הונגער נישט געפילט. מיין אָרגאַניזם האָט נאָך געצערט די אייגענע רעזערוון פון דער פריי. אדרבה, מחמת אויפגערעגטקייט האָב איך כלל נישט געהאַט קיין שום אַפּעטיט — נישט אין דער מיליץ, נישט אין דער „נ. ק. וו. ד.״ און נישט די ערשטע פּאָר טעג אין תפיסה. נאָך מער: צוקוקנדיק זיך צו דער זשעד־נעקייט פון מיינע שכנים; צו דעם אַפּהיטן יעדעס ברעקעלע, יעדעס קריש־קעלע פונעם בידנעם ברויט — איז מיר נישט איין מאָל איינגעפאַלן אָפּ־צוצופּן אַ שטיקל פון מיין קלעפּיקן ברויט און געבן עס אַ שכן.

— מיר וועלן זען, צי איר וועט זיין אַזאַ גוטער אַביסל שפּעטער...
— באַמערקט דערביי אַ צווייטער שכן מיט איראָניע.

שפּעטער האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז ער איז טאַקע גערעכט געווען, דער דאָזיקער שכן, מיט זיין באַמערקונג. שפּעטער — שוין אויפן דריטן טאָג. כ׳האָב פּלוצלונג דערשפּירט אַזאַ ליידיקייט אין מאָגן, אַזאַ גריזשענדיקע פּוסטקייט... און מיט וואָס קאָן מען עס אויספילן?

דאַן האָב איך שוין ,פּונקט ווי אַלע אין קאַמער, באַלד אין דער פרי אויפגעגעסן צום „קיפּיאַטאָק" די גאַנצע פּאָרציע ברויט. און פּונקט ווי אַלע האָב איך אויך אונטערגעשטעלט די האַנטפלאַך, כדי נישט צו פאַרלירן חלילה קיין קרישקעלע... און צו מיטיק האָב איך נישט אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט די זופּקע, פון וואָס איך האָב געשפּירט אַ נישטגוטקייט, נאָר האָב אויסגעזופּט ביזן דנאָ, נישט איבערלאָזנדיק קיין לעק. און מסתמא האָבן זיך בעתן עסן אויך מיינע אויגן צעגליט מיטן זעלביקן הונגער ווי ביי אַלע מיינע שכנים...

איך בין געוואָרן אַן אמתער אַרעסטאַנט ווי אַלע, מיטן שטענדיקן הונגער, מיטן שטענדיקן לעכצן נאָך אַ שטיקל ברויט. דער חילוק צווישן מיר און די אַלטע „תושבים" איז נאָר געווען דער, וואָס יענע, די אַלטע, זענען געווען „פּריווילעגירטע" און געשלאָפן אויף דער נאַרע און איך — אויפן קאַלטן שטיינערנעם דיל. זיי פלעגן דעריבער יאָ זיך ביינאַכט צעכראָפּען מיט אָפענע מיילער און איך פלעג זיך אָפּמוטשען די נעכט, נישט געפינענדיק קיין אָפּרו נישט פאַרן גוף און נישט פאַר דער נשמה, וואָס האָט געגאַרט אַביסל פאַרגעסנקייט... אַביסל צו קאָנען אַנטלויפן אין דער אירעאַלער וועלט פון חלומות... ווי פלעג איך עס ביינאַכט מקנא זיין די אַלע שלאָפערס: זיי פלעגט אַמאָל אַ חלום פאַרטראָגן אויף דער פריי...
און איך — איך פלעג מוזן זיין אין תפיסה כמעט גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת!...

60
געשרייען אין דער נאַכט

איך האָב זיך שוין אַביסל מער באַקענט מיט מיינע שכנים פון דער צעלע. פאַראַן אויך עטלעכע אינטעליגענטן, צווישן זיי דער דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי" (פּוילישע נאַציאָנאַלע באַנק) אין גראָדנע. אַלע האָבן

אים טיטולירט מיט רעספּעקט: „פּאַניע דירעקטאָזשע!". געווען אַביסל „וואַיטן" און סתם „קולאַקעס" פון די אָרומיקע דערפער. מ'רעדט כמעט נישט וועגן די „ספּראַוועס" (פּראָצעסן); פאַרוואָס מ'האָט אַרעסטירט; אין וואָס מ'באַשולדיקט. אפּנים, יעדער באַזונדער האַלט פאַר גלייכער וואָס ווייניקער צו רעדן וועגן זיך. וואָרום סוף־כּל־סוף קאָן מען דאָך נישט וויסן אויף זיכער וואָס אין אַנדערן שטעקט. באַגרענעצט זיך יעדער מיט אַריינוואַרפן סתם אַ וואָרט, אַ רמז. איבעריקנס, אַפילו נישט רעדנדיק קאָנקרעט וועגן די „ספּראַוועס", ווייסן אַלע פאַרוואָס מען זיצט דאָ אין תּפיסה. אַלעמען וואַרפט מען פאָר: „שונאים פון פאָלק!", „שונאים פון נייעם סאָוויעטישן רעזשים"... אַחוץ דעם האָט מען צו דעם און צו יענעם צוגעטשעפּעט נאָך עפּעס אַ חטא, אַזוי ווי אַ „לונג־און־לעבער צו דער נאָז"... דער האָט אַגיטירט, יענער האָט גערופן צו מרידה, דער דריטער האָט סאַבאָטירט ביים צושטעלן תּבואות פאַר „גאָסודאַרסטוואָ".

די וואָס זענען שוין דאָ באַקאַנט, פון פריער צי פון דאַנען, רעדן צווישן זיך אויף אַן אינטימערן אופן, אין דער שטיל און מיט רמזים. יע־נע טיילן זיך אַפילו מיט זייערע פּערזענלעכע ענינים — סיי פון דער פריי, סיי וואָס איז נוגע זייער „ספּראַווע". איך האָב שנעל געוווּנען דעם צוטרוי ביי די עטלעכע אינטעליגענטן. איינער איז אַפילו געווען אַן אַר־בעטער־טוער, אַ „פּ. ס.אָוויעץ", וואָס האָט ליב געהאַט אויסצוגיסן פאַר מיר דאָס האַרץ. ער האָט זיך גאָרנישט געקאַנט שענקען, וואָס די ראַטן־מאַכט איז אַזוי ברוטאַל לגבי בּרידער־סאָציאַליסטן... וואָס זי וואַרפט אַריין אין די תּפיסות קרישטאָל־ריינע אַרבעטער־טוער, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן מקריב געווען פאַר דער אַרבעטער־זאַך... פאַר דער אידייע פון סאָציאַליזם... „מילא, — האָט ער געטענהט — מיט דער בורזשואַזיע טוט וואָס אייך געפעלט; אָבער מיט אונדז, סאָציאַליסטן, מיט ברידער־־פּאַרטייען"...

— נו, און די נייע צעטיילונג פון פוילן?... — האָט ער זיך גע־היצט — טאָן דאָס זעלבע וואָס צאַרן האָבן אַמאָל געטאָן? און מיט וועמען? מיט היטלערן?! „זיי" וועלן נאָך דערפאַר אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר דער געשיכטע...

אַזוי האָט ער אין מיר אַריינגערעדט זיינע „נאַאיווע" טענות, דער פּ. ס.ישער אַרבעטער־טוער. עס האָט זיך מיר געגלוסט אים אַ זאָג־

טאָן דעם אַלט־יידישן זאָג: „כל דאלים גבר"... אָבער גיי זאָג תורה פאַר אַ גוי!... האָב איך פּאַראַפראַזירט:

— דערווייל געוועלטיקט אויף דער וועלט די פויסט: די ר ע כ־ ט ע פויסט, די ל י נ ק ע פויסט — אַלצאיינס. ביז די געשיכטע וועט משפּטן — איז פאַלג מיך אַ גאַנג!...

— אויב עס וואָלט כסדר אַזוי געווען, וואָלט דאָך נישט געלוינט צו לעבן אויף דער וועלט... מיר, סאָציאַליסטן, גלויבן אין אַ שענערער וועלט...

— מסכים! אָבער דערווייל... דערווייל... דערווייל גייט אונטער אַ וועלט...

און אַזוי זענען געגאַנגען די שמועסן צווישן די באַזונדערע פאַרלעך און גרופּקעס. און אין אַלע גערעדערייען פלעגט פאַמעלעך קריכן דער טאָג. אַמאָל פלעג איך בייטאָג פּרוּוון אויסנוצן אַ שטיקל נאַרע און כאַפּן אַ דרימל — ווי אַ „רעקאָנפּענסאַציע" פאַר דער ביינאַכטיקער שלאָפלאָזיקייט; אָבער דאָס אויג פון שומר, וואָס קוקט אַריין דורכן טיר־לאָך, באַמערקט עס באַלד און עס דערהערט זיך אַ ברום: „סליעזאַי!"... (קריך אַראָפּ!). שלאָפן בייטאָג — דאָס איז קעגן תפיסה־רעגולאַמין. צום שלאָפן איז באַשאַפן די נאַכט.

יאָ, צום שלאָפן איז פאַראַן די נאַכט... אָבער נאָר פאַר די, וואָס ליגן אין בעטן... אָדער כאַטש אויף נאַרעס... אָבער נישט פאַר די, וואָס ליגן איינגעקנוילט אויף אַ קאַלטער שטיינערנער פאָדלאָגע מיט אַ „פּאַראַשאַ" ביים צוקאָפּנס...

רעגולאַמין!...

אויך די יעניקע שלאָפן נישט ביינאַכט, ווען מען רופט אויף אַ פאַרהער. ווייל אַזוי גייט עס דאָ צו: אויף די „דאָפּראָסן" רופט מען נאָר ביינאַכט. אין מיטן נאַכט עפנט זיך פּלוצלונג די מאַסיווע, אייזערנע טיר. עס ווייזט זיך דער קאָפּ פון „דיעזשורני". ער רופט אויס:

— וונימאַניע! (אַכטונג!).

זיין גראָבער קול וועקט אַלעמען אויף. די איינגעגנורעטע קעפּ רייסן זיך אויף.

— ווער איז דאָ אויף בוכשטאַב „מ" — רוף זיך אָפּ!

עס דערהערן זיך שטימען:

— מאַזשדזשעק!

— מאָטיל!

— מאַקאָווסקי!

— מאַזאָך!

— מאַזאָך, סאָבעריס! (קלייב זיך), — פאַרהאַלט זיך דער „דעזשורני" ביים לעצטן נאָמען און נעמט אים אַרויס פון קאַמער.

די סיסטעם פון בוכשטאַבן איז אין דער סאָוויעטישער תּפיסה איינגעפירט, כדי אָפּצוהיטן די געהיימעניש: ווען דער „דעזשורני" וואָלט אויסגערופן „מאַזאָך" און מאַזאָך וואָלט אין דער קאַמער נישט געווען, וואָלטן דאָך אַלע אַרעסטאַנטן געוווּסט געוואָרן דערוויל, אַז אין תּפיסה — אין אַן אַנדער קאַמער — געפינט זיך אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען. ביי דער סאָוויעטישער בוכשטאַבן־סיסטעם איז עס אויסגעשלאָסן. פּערפעקציאָנירטע געהיימעניש!...

די תּפיסה־נאַכט איז אימהדיק לאַנג. אין משך פון דער נאַכט עפנט זיך נישט איין מאָל די טיר. מ'לופּטערט כּסדר אַנדערע בוכשטאַבן... און נאָך איטלעכן בוכשטאַב שלעפּן זיך נאָך לעבעדיקע מענטשן, און די דאָזיקע מענטשן ווערן איינציקווייז געפירט דורך די לאַנגע קאָרידאָרן ביז מען באַגלייט זיי אַריין אין די תּפיסה־קאַבינעטן פון די אויספאָרשערס. ביי וועמען דער פאַרהער גייט צו מעכאַניש, גרינג און קורץ, און ביי וועמען לאַנג און פּיינלעך, ווי אַן עקזעקוציע... היות ווי איך בין געווען פון די נישט־שלאָפערס, פלעג איך אין מיטן נאַכט, אין מיטן דער שטילקייט, זייער אָפט הערן געשרייען און גוואַלדן פון די ווייטערע חדרים... עס פלעגן זיך אויפרייסן אַנדערע קעפּ אין קאַמער און מ'פלעגט זיך איבערקוקן מיט צעשראָקענע אויגן:

— מ'שלאָגט...

— טאָרטורן!...

און דער פּ. פּ. ס.ישער אַרבעטער־טוער, וואָס רייסט זיך אויך אויף פון שלאָף אַ צעשויבערטער, אַ דענערווירטער, וואַרפט מיר צו פון דער נאַרע:

— די געשיכטע וועט „זיי" משפּטן...

ווי ער קלאַמערט זיך אָן דער „געשיכטע", דער נאַאיווער מענטש...

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אין אונדזער קאַמער פלעגן זיך אַ פּאָר מענטשן תּמיד אומקערן פון פאַרהער צעקיילטע און צעניזוקטע. נישט צוזאַמען, נאָר באַזונדער, אין אַנדערע שעהען פון דער נאַכט. דער צע־

ממיתטער פלעגט אַ פאַל־טאָן אויף דער פּאָדלאָגע, צי אויף דער נאַרע, ווי אַ סנאָפּ און נישט רעדן קיין וואָרט. ער האָט נאָר געשטיקט אין זיך זיינע קרעכצן, געקריצט מיט די ציין פון יסורים. אַז מען פרעגט אים, ענטפערט ער נישט. שטום, ווי דאָס לשון וואָלט אים געוואָרן אָפּגענומען.

מיט איינעם פון די געשלאָגענע — אַ וואָיט פון אַ דאָרף, גראָד אַ באַרעדעוודיקער פויער — פּרווו איך צומאָרגנס כאַפּן אַ שמועס.

— ווי איז נעכטן צוגעגאַנגען אייער פאַרהער? — פרעג איך אים.

— פרעגט בעסער נישט.

— וואָס הייסט?

— איר זעט? — טוט ער מיר אַ ווייז אַ צייכן הינטערן אויער. אַ בלויען אויפגעלאָפּענעם צייכן.

— מ׳האָט אייך אַזוי צעשלאָגן?

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, — זאָגט ער, — ווען איך דעק אייך אָפּ מיינע זייטן, וואָלט איר געזען עפּעס ערגערס.

— וואָס ווילן „זיי" פון אייך? פאַרוואָס?

— „זיי" האַלטן מיך אין איין פרעגן: ווער האָט דערהרגעט דעם רויטאַרמייער?

— מ׳האָט טאַקע דערהרגעט אין אייער דאָרף אַ רויטאַרמייער?

— אין דאָרף זיכער נישט. אפשר אין דער געגנט אַרום. איך האָב אַפילו נישט געהערט דערפון. ערשט פון „זיי" דאָ הער איך עס...

ווי מאוימדיק, ווי גרויליק זענען געווען די געשרייען און קולות אין מיטן דער תפיסה־נאַכט! עס האָט אין אַלעמען אויפגעוועקט פּחד און פאַרביטערונג אינאיינעם. קיינער האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן ווער עס איז יאָ אַ קאַנדידאַט צו די קלעפּ און ווער נישט... און בעת די טיר פון קאַמער פלעגט זיך אין מיטן נאַכט עפענען און דער „דעזשורני" פלעגט נעמען אויסרופן: „קטאָ נאַ בוקווו..." (ווער איז אויפן בוכשטאַב...) — פלעגט ביי יעדן דאָס האַרץ אַ צאַפּל טאָן. ס׳האָט זיך איטלעכער געפילט אין דער ריי — צו די פאַרבאָרגענע טאָרטורן...

טאָרטורן אונטער די פליגל פון דער תפיסה־נאַכט — — — — —

61

עס קומט מיין ריי

— ווער איז דאָ אויפן בוכשטאַב „ז״? — רופט מען אַמאָל אויס אַזוי אין מיטן נאַכט ביי דער אויפגעריגלטער טיר.

איך רוף אָן מיין נאָמען.

— סאָבעריס!

מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ גיי איך פאָראויס פאַר דעם „דעזשורני״. די טריט וואַקלען זיך אַביסל. מיין מוח, מיין גאַנץ וועזן איז פול מיט די נאַכטיקע געשרייען... ווער ווייס...

קאָרידאָר־איין, קאָרידאָר־אויס. אין ערגעץ אַ קאָרידאָר עפנט פאַר מיר דער „דעזשורני״ אַ טיר און איך גיי אַריין. מיין באַגלייטער טרעט נישט אַריין און פאַרמאַכט באַלד צוריק די טיר.

איך דערזע פאַר זיך איין מענטש הינטער אַ קאַנצעלאַריע־טיש. אַ ציווילער אין אַ שוואַרצן אַנצוג. פון רגילות טו איך אַ זאָג:

— גוט ג׳אָוונט!

יענער ענטפערט נישט אויף מיין גרוס און טוט נאָר אַ ווייז אויפן בענקל ביים טיש אַנטקעגן אים:

— זיצט.

דער מענטש אין שוואַרצן אַנצוג קוקט אַ היפּשע ווײַלע אַריין אין מיינע פּאַפּירן און רעדט נישט קיין וואָרט. ער קוקט, בלעטערט, נישטערט. ער לייענט אַדורך פאַרשיידענע נאָטיצן און באַמערקונגען, געשריבן מיט כלערליי האַנטשריפטן: אין מיליץ און אין „ג. ק. וו. ד.״. צופעליק באַמערק איך אויף דעם רעכטן טאָוול פון דער טעטשקע אַן אָנשריפט מיט גרויסע בוכשטאַבן, קווער איבער דער גאַנצער לענג פון דעם טאָוול: „פּיסאַטיעל״ (שריפטשטעלער).

דער מענטש אין שוואַרצן אַנצוג רייסט לסוף איבער דאָס לייענען און נעמט זיך צו מיר.

עס חזרן זיך איבער די אַלע פראַגן וואָס שייך מיינע פּערסאָנאַליען, קאָנטראָלירט ביי מיין יעדן ענטפער די פּינקטלעכקייט אין פאַרגלייך מיט מיינע תשובות אין די פריערדיקע אינסטאַנצן.

דאַן נעמט ער זיך פאָרלייענען שוין אַ צוגעגרייטן פּראָטאָקאָל: פּלוני

בן פלוני... אַריבער אַן דערלויבעניש די גרענעץ... געוווינט אין גראָדנע אויף קיראָווא 39... אַן באַשטימטער באַשעפטיקונג...

— אַנטשולדיקט... — רייס איך איבער, — פאַרוואָס „אַן באַשטימטער באַשעפטיקונג״? איך האָב דאָך געאַרבעט ווי אַ „זאַווליט״ אין יידישן טעאַטער. איך האָב עס אָנגעגעבן סיי אין מיליץ, סיי אין „נ. ק. וו. ד.״...

— דאָס איז נישט וויכטיק... — ענטפערט מיין אויספרעגער.

— ס׳איז יאָ וויכטיק. איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט שפעקולאַציע, נאָר געאַרבעט אין טעאַטער־קאָלעקטיוו.

— נישט וויכטיק! — חזרט יענער איבער און נעמט זיך לייענען ווייטער:

„...אויף דער פאַראָרדענונג פונעם פּראָקוראָר פאַר דער שטאָט גראָדנע און סביבה ווערט ער פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן אין רשות פון „נ. ק. וו. ד.״.

— שרייבט זיך אונטער! — טוט ער מיר אַ רוק אונטער דאָס פּאַפּיר.

— איך בעט צו פאַרריכטן, אַז איך האָב יאָ געאַרבעט... איז מיין פּאָרטפעל, וואָס געפינט זיך אין קאַנצעלאַריע, ליגט אַפילו אַ „ספּראַווקע״ פון טעאַטער...

— איר ווילט נישט אונטערשרייבן? עס ענדערט אַבסאָלוט נישט די לאַגע... — זאָגט ער גאַנץ רואיק און ציט צוריק דאָס פּאַפּיר.

— איך בעט אייך דאָס צו פאַרריכטן... ס׳איז דאָך אַ גרויסער חילוק...

— קיין חילוק...

— אגב... — הייב איך אָן אַביסל שטאַמלענדיק, — אפשר... זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, פאַרוואָס האַלט מען מיך אין תפיסה?

— לויט אַ פאַראָרדענונג פון פּראָקוראָר...

— אָבער דער פּראָקוראָר האָט דאָך מיר נישט וואָס פאָרצוואַרפן... „אַן באַשטימטער באַשעפטיקונג״ איז דאָך נישט ריכטיק... אַ מיספאַרשטייעניש...

— איר האָט אויך איבערגעשריטן די גרענעץ אָן אַ דערלויבעניש.

— ענטפערט יענער, ווי שפּילנדיק זיך מיט מיר.

— כ׳בין דאָך נאָר אַ „ביעזשענייעץ״. בין געלאָפן פון די באַרבאַרישע דייטשן ווי אַנדערע צענדליקער טויזנטער יידן. געזוכט שוץ אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

— און זיך פּאַרנומען מיט שפּעקולאַציע... — גיט יענער צו, ווי רייצנדיק זיך מיט מיר.

— מיט וועלכער שפּעקולאַציע? אַפילו אין פּראָטאָקאָל רעדט זיך דאָך נישט וועגן דעם. זאָגט מיר, פּאַזשאַלויסטאַ!

— נישט אַלץ דאַרף זיין אין פּראָטאָקאָל...

— וואָס הייסט? איך דאַרף דאָך וויסן קאָנקרעט אין וואָס מען באַשולדיקט מיך. דער גרעסטער פאַרברעכער האָט אַזאַ רעכט.

— איר וועט שוין וויסן... — ענטפערט יענער אין זעלבן קאַלטן טאָן.

— ווען איך באַקומען דעם באַשולדיקונגס־אַקט? איך וויל צוגרייטן מיין פאַרטיידיקונג. כ׳בעט צו פאַרצייכענען מיין אַדוואָקאַט.

— ס׳איז נאָך פריצייטיק... — באַווייזט זיך ביים אויספרעגער אַן איראָנישער שמייכל אויפן פנים. — דערווייל שרייבט אונטער דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל.

און ער רוקט מיר ווידער צו דאָס פּאַפּיר צום אונטערשרייבן.

— ניין! — ענטפער איך קאַטעגאָריש, — כ׳וועל אונטערשרייבן, ווען איר וועט מאַכן די אויסבעסערונג.

— לאַדנאָ! — גיט ער שוין אַ זאָג מיט אַ שטרענגן טאָן. — כ׳האָב אייך שוין געזאָגט: דאָס ענדערט נישט אַבסאָלוט אייער לאַגע...

און ער גיט אַ דריק אַ גלעקל אויפן טיש. די טיר טוט זיך גלייך אַן עפן און עס באַווייזט זיך דער „דעזשורני״.

— פיר אים אַרויס!

„נאָך מיט חסד אָפּגעשניטן״... — טראַכט איך שוין אויף יענער זייט, אין קאָרידאָר — געריכט זיך אויף עפּעס ערגערס... אַפּנים מיט אונדז „ביעזשענצעס״ צערעמאָניעט מען זיך גאַנץ ווייניק... „זיי״ מאַניפּולירן בלויז מיט די פּאָר פראַזן: „איבערגעשריטן די גרענעץ״... „שפּעקולאַציע״... מיט עפּעס מוז מען דאָך „פאָרמולירן״...

בעת מיר זענען נאָך געווען אין מיטן קאָרידאָר דערהערט זיך אַ רוף פון הינטן:

— שטיי!

דער „דעזשורני״ האַלט מיך אָפּ.

דאָס איז געווען מיין אויספרעגער. ער קומט צו נאָענט און פרעגט מיך:

— איר האָט אין „גאָסאיזדאַט" אַרויסגעגעבן אַ בוך?
— יאָ.
— ווי הייסט דאָס בוך?
— „אונטער די פליגל פון טויט".
— לאַדנאָ, גיי!
און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט.

איך ווער געפירט ווייטער דורך געדרייטע קאָרידאָרן. אין איין קאָרידאָר דערהערן זיך טריט פון אַנטקעגן: דאָס פירט מען עמיצן אַנדערש אויפן פאַרהער.

— סטאָי! — גיט מיר אַ קאָמאַנדע מיין „דעזשורני".

ער נעמט מיך תיכף אָן פאַר ביידע אַקסלען און דרייט מיך אויס מיטן פנים צו דער וואַנט.

— ריר זיך נישט!

די טריט זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אונדז איבערן שטיינערנעם דיל און האָבן זיך דערווייטערט.

— געגאַנגען! — באַקום איך ווידער אַ קאָמאַנדע.

מיר זענען אַזוי צוריקגעקומען צו מיין צעלע 16.

אַזוי אַרום קאָן שוין קיין ילוד אשה קיינמאָל נישט וויסן ווער און וואָס עס געפינט זיך אין די איבעריקע צעלן פון אַ סאָוויעטישער תפיסה...

62

דער אָוונטיקער „אַפּעל"

אַלע אָוונט, נאָכן אָוונטברויט, קומט פאָר אין קאַמער אַ „פּאָווערקאַ" (אַפּעל).

עס קומט אַריין דער „דעזשורני" און הייסט זיך אַלעמען אויסשטעלן אין רייען לענג־אויס דער צעלע — אויף וויפל עס דערלויבט די גרויסע ענגשאַפט. ביי דער זייט פון „דעזשורני" שטייט דער „סטאַראָסטאַ" (עלטסטער פון קאַמער). דער „דעזשורני" האַלט אַ רשימה און רופט אויס אַלעמען לויט די נעמען. יעדער אַרעסטאַנט מוז זיך אָפּרופן:

— יאָ! (איך).

צום סוף פון דער „פּאָוויערקאַ“ פרעגט דער „דעזשורני“ אַ סטעַ־רעאָטיפּישע פראַגע וואָס ער חזרט איבער אַלע טאָג:

— ווער האָט אַן אָנקלאַגע?

— איך האָב אַן אָנקלאַגע, — פלעג איך אויפהייבן די האַנט.

— זאָג!

און כ׳גיי אַרויס מיט לשון:

— ביים אַרעסט האָט מיר דער מיליציאַנער נישט געלאָזן מיטנע־מען מיינע זאַכן. איך בין אָן מלבושים, אָן וועש. כ׳בעט שיקן אַ שליח אָדער אַ מעלדונג דורך פּאָסט — צו מיין מוטער, וועלכע וווינט גראָד פונקט נעבן תפיסה, קיראָוואַ נומער 3, וועט זי מיר באַזאָרגן מיינע זאַכן.

— לאַדנאָ! — קומט אָן ענטפער.

און אַז דער „דעזשורני“ פלעגט שוין זיין אויף יענער זייט, פלעגט מען זיך אין צעלע וויצלען:

— איר זאָלט אים האַלטן ביים וואָרט...

פונדעסטוועגן פלעג איך די דאָזיקע אָנקלאַגע מיינע כסדר איבער־חזרן אָוונט נאָך אָוונט, ביי יעדער „פּאָוויערקאַ“. אפשר וועט עס אים פּאַרט אַריינקריכן אין קאָפּ אָדער אין געוויסן... ווי נאָר דער „דעזשורני“ פלעגט נאָך דער „פּאָוויערקאַ“ אַ פרעג טאָן: „ווער האָט אַן אָנקלאַגע?“ פלעג איך תיכף אויפהייבן די האַנט און אַרויסגיין מיט מיין טענה. איך פלעג עס אָפּט מוזן איבערחזרן אינגאַנצן, ווייל די „דעזשורניס“ פלעגן זיך דאָך בייטן. אָבער פון די אַלע „דעזשורניס“ האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געפונען קיין איינציקער, ביי וועמען מיין אָנקלאַגע זאָל האָבן אַ פּעולה. „לאַדנאָ“ — און דאָס גאָר. „לאַדנאָ“ — און נישט קיין וועש... אַזוי אַז די גאַנצע צייט האָב איך געמוזט טראָגן אויפן לייב מיין איינציק שוואַרץ־געוואָרן העמד.

און בשכנות — צופעליק די צווייטע שטוב ממש — האָט מיין אַל־טע גרויע מאַמע אויסגעוויינט אין די נעכט די אויגן איבערן גורל פון איר בן־יחיד... נישט נאָר אַ העמד וואָלט זי מיר געשיקט — אַ שטיק האַרץ וואָלט זי אַריינגעוויקלט אינעם שטאָף פונעם העמד — — —

און דאָס זעלבע אויך מיין איינציקע שוועסטער — די פרוי מיט אַזוי פיל גוטסקייט, מיט אַזוי פיל נשמה פאַר מיר! און מיט אַזוי פיל טרערן צוליב מיין גורל — איך פיל עס, איך פיל עס אַזוי ממשותדיק,

גלייך ווי זייער ביידנס ליבע וואָלט געפונען אַ וועג צו מיר אַפילו דורך די דיקע תּפיסה־ווענט...

אין גרונט האָבן זיי זיכער נישט געוווסט, אַז איך בין אַזאַ נאָענטער „שכן"... אויף אַ דיסטאַנץ פון איין גאַס־נומער סך־הכּל... ביי דער סאָ־וויעטישער פּערפעקציאָנירטער תּפיסה־געהיימניש איז אַזאַ איין נומער אַלץ איינס ווי אַ ווייטער אומבאַקאַנטער קאָנטינענט! — — —

63

אַ גרוס פון זלמן רייזען

אַחוץ מיט דעם פּ. פּ. ס.ישן טוער האָב איך זיך אויך איינגעלעבט מיט נאָך אַ פּאָר שכנים: מיטן דירעקטאָר פון גראָדנער „באַנק פּאָלסקי" און מיט איינעם אַ „וואַיט" — אַ זייער סימפּאַטישער, הגם פּרימיטיווער פּויער. דאָס שווערע תּפיסה־לעבן, דער אייביקער הונגער האָט דעם פּויער אויסגעאיידלט. זיין בלאַס פּנים, די ווילד־צעוואָקסענע האָר אויפן קאָפּ, די עטוואָס־איינגעזונקענע אויגן — דאָס אַלץ האָט אים צוגעגעבן אַ פּאַר־גייסטיקט אויסזען ווי פון אַ מדבר־נביא... דער „וואַיט" האָט גערעדט מיט מיר שטיל, בלחש, געהיימנישפול.

— וואָס ערגער, אַלץ בעסער! — האָט ער כסדר איבערגעחזרט דאָס ווערטל מיט אַ באַזונדער אַקצענטירונג.

איין נאַכט האָט זיך אין דער שטילקייט דערטראָגן פון גאַס אַ שטאַרקע רוישעריי פון שווערע רעדער. אַ רוישעריי, וואָס האָט געדויערט זייער לאַנג.

איך הייב אויף פון פּאָדלאָגע — פון מיין „געלעגער" — דעם קאָפּ און באַמערק, אַז אויך דער „וואַיט" שלאָפט נישט (ער איז דאָ פון די „פּריווילעגירטע": פון די נאַרע־באַזיצער...). ער איז כמעט ווי געזעסן און אַנגעשטעלט מויל און אויערן.

— איר הערט? — טוט ער מיר אַ ווייז צום פענצטערל — צום גע־רויש פון גאַס.

איך טייטש עס אים אויס:

— מסתמא לאָזן זיך נישט די ליטווינער אַזוי גרינג „באַפרייען"...

מסתמא קומט נאָך דאָרט עפּעס פאָר... נו, גייען נאָך טאַנקען צו דער ליטווישער גרענעץ...

— טאַק יעסט, מוי פּאַניע! (אַזוי איז עס, מיין הער!) וואָס ערגער, אַלץ בעסער... — חזרט ער איבער זיין ווערטל און הערט זיך ווייטער איין אין שווערן געוויש, וואָס קומט פון דער גאַס. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין שטיק געהער, דער „וואַיט".

— זעט טאַקע אויס, די ליטווינער לאָזן זיך נישט... — זאָגט ער אַ פאַרטראַכטער אין גערויש פון גאַס.

ווי אויסטערליש האָט עס אויסגעזען: דער גאַנצער עולם אויף דער נאַרע און אויף דער פּאָדלאָגע ליגט איינגעקנוילט אין די שמאַטעס, ווי אין אַ מיסט־קאַסטן, ווי אָפּפאַל פון דער „באַפרייאונג"... און דאָרט, הינ־טער די תפיסה־ווענט, גייט מען נאָך פאַרענדיקן די „באַפרייאונג" פון אַנדערע שטעט... אַזוי ווי דאָ... אַזוי ווי אונדז... ווי ווייט וועט זי נאָך דערגיין, די דאָזיקע „באַפרייאונג"?... ווי גרויס וועט זיך עס צעוואַקסן דער „אָפּפאַל" פון דער „באַפרייאונג"?... וועלן קלעקן תפיסות? — —

איך האָב שטום געקוקט אויבן צום אָפענעם קראַטן־פענצטערל, דורך וואַנען דער שווערער רעדער־גערויש איז צו אונדז אַריינגעדרונגען. דאָס פיצל נאַכטיקער הימל האָט ווי פאַרנומען מיינע טראַכטונגען, אָבער קיין ענטפער נישט געגעבן...

אין אַ שמועס מיטן דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי" איבערראַשט ער מיך איינמאָל מיט אַ פראַגע:

— איר קענט זלמן רייזענען? אַ שרייבער פון ווילנע?

— יאָ, אַוודאי קען איך אים. ווי קומט איר עס פרעגן?

— באַקענט זיך מיט אים אין ווילייקער תפיסה...

— טאַקע? ווען האָט איר אים געזען?

— ערשט מיט אַ חודש צוריק. פון ווילייקער תפיסה האָט מען מיך איבערגעפירט אַהער. מיר זענען געזעסן אין איין צעלע.

— דערציילט, איך בעט אייך!

— וואָס איז פאַראַן צו דערציילן? ער זיצט ווי מיר אַלע.

— ער איז דאָך נישט קיין „ביעזשעניעץ". ער איז דאָך אַ ווילנער. פאַרוואָס זיצט ער?

— און איך? און די אַלע דאָ אין קאַמער? קיינער, אַחוץ אייך, איז דאָ נישט קיין „ביעזשעניעץ". רייזען זיצט ווי מיר אַלע...

— ניין, — טענה איך, — זלמן רייזענס אַרעסט איז פֿאַר מיר נישט צו פֿאַרשטיין... זיין צייטונג — „דער טאָג" וואָס ער האָט רעדאַגירט, האָט זיך לגבי סאָוויעטן־רוסלאַנד מיט גאָרנישט פֿאַרזינדיקט... אַדרבה, רייזען איז געווען אַ פֿריינד פֿון רוסלאַנד... היתכן?...

— זעט איר דאָך... די פֿריינדשאַפֿט מיט אַ וואָלף איז קיינמאָל נישט קיין זיכערע... אין מיטן שמייכלען צו אים קאָן ער פּלוצלונג אָנכאַפּן מיטן פּיסק פֿאַרן גאָרגל...

— לאַנג זענט איר געווען מיט רייזענען אין איין צעלע?

— אַ גאַנצן חודש לערך. ביזן איבערשיקן מיך אַהער. כ'בין געהאַט געווען אַנטלאָפֿן פֿון גראָדנע קיין ווילנע, האָט מען מיך דאָרט אַרעסטירט און שפּעטער, בעת די מאַכט האָבן איבערגענומען די ליטווינער, האָט מען אַלע אַרעסטאַנטן איבערגעפֿירט אין ווילייקער תּפֿיסה — אין סאָוויעטישן געביט.

— ווי האַלט ער זיך דאָרט, זלמן רייזען? וואָס רעדט ער?

— ער איז זייער נידערגעשלאָגן... צעבראָכן... ליגט תּמיד אויף דער נאַרע אַ שווייגעוודיקער... דער וועכטער פֿון יענער זייט טיר פֿלעגט כסדר שרייען אויף אים ער זאָל אַראָפּקריכן פֿון דער נאַרע... בייטאָג טאָר מען דאָך נישט ליגן...

— אָבער וואָס רעדט ער? דערציילט, דערציילט!

— די ערשטע צייט פֿלעגט ער כסדר טענהן: „אַ יוסטיץ־טעות"... דאָס הייסט, אַז די סאָוויעטישע יוסטיץ איז לגבי אים באַגאַנגען אַ טעות... שפּעטער אָבער, אַז די תּפֿיסה האָט אים שוין שטאַרק דאַקוטשעט און קיין סוף האָט אַלץ נישט גענומען, האָט ער שוין באַנוצט אַן אַנדער פֿראַזע: „פֿאָדלי שוויאַט"... (אַ געמיינע וועלט...)... איינמאָל, געדענק איך, האָט ער אַ פּאָר טעג לחלוטין נישט געוואָלט אָננעמען קיין עסן, ער האָט געמיינט, אַז „זיי" וועלן זיך דערפֿון איבערנעמען... ביי דער „פּאָווערקאַ" האָט דער „סטאַראָסטאַ" פֿון קאַמער געמאָלדן וועגן דעם דעם „דעזשורני".

— טי טשעווא? (ס'הייסט: וואָס פֿאַרלאַנגסטו?), — פֿרעגט יענער רייזענען.

— איך פֿאָדער אַ געריכט! — האָט רייזען געענטפֿערט.

— ווּעסט נישט עסן, ווּעסטו פּגרן... — האָט דער „דעזשורני" אַ זאָג געטאָן און איז אַרויס.

— מיר האָבן, — דערציילט ווייטער דער דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי", — קוים נאָכדעם געפּועלט ביי רייזענען, אַז ער זאָל איבער־רייסן זיין נאַרישן הונגער־שטרייק. אָן אָפּגעשוואַכטער, אָן אָפּאַטישער, האָט ער קוים דאָן געקייט זיין אָרעמע „פּייקע" ברויט. ער פלעגט אַלע ווײַלע אויפהערן און איך פלעג אים דערמאָנען: „יעדז פּאַן"... (עסט, עסט). און רייזען האָט בעת־מעשה געמורמלט: „פּאָדלי שוויאַט"... „פּאָדלי שוויאַט"...

איך הער זיך איין מיט אַלע מיינע חושים אין די רייד פון פּאָליאַק. אין דער רגע איז מיר זלמן רייזען אַזוי נאָענט געווען. איך האָב געזען זיין ליידנדיק פּנים, זיינע צעשויבערטע האָר... זיינע אויגן... אַזוי נאָענט... גלייך ווי צווישן אונדז, צווישן די ביידע תפיסות, ווילייקער און גראָד־נער וואָלטן אַלע דיסטאַנצן פאַרשוווּנדן... אפילו די תפיסה־מויערן... די דיקע ווענט... אָט זע איך אים נעבן זיך... אויף דער נאַרע... איך הער, דוכט, זיין שטים:

— אַ געמיינע וועלט! *) — — — —

64

טעג און נעכט

האָבן זיך געצויגן טעג און נעכט ווי אַן אומענדלעכקייט צווישן די דיקע מויערן. די גאַנצע פרייע וועלט זעט שוין אויס ווי אַ ווייטער חלום... אַלץ אָפּגעריסן... פאַרשווּנדן... ווי די ערד וואָלט זיך פּלוצלונג אָפּגעריסן פון אונטער די פיס און כ'בין עס אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שמוציקן אָפּ־גרונט...

אויך די מענטשן פון דער פריי זעען שוין אויס אין דער מחשבה

---

*) שפּעטער, אין יוני 1941, בעתן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, איז זלמן רייזען, צוזאַמען מיט אַדוו. יוסף טשערניכאָוו (דניאלי), ביי דער עוואַקואַציע פון ווילייקער תפיסה, דערשאָסן געוואָרן דורך דער „נ. ק. וו. ד.". מ'האָט זיי געטריבן צופוס אויף אַ לאַנגן וועג. רייזען און טשערניכאָוו זענען אין מיטן גיין אָפּגעשטאַנען און די „נ. ק. וו. ד." האָט זיי מיט עטלעכע קוילן „פאַרטיק געמאַכט"...

אַזוי ווייט, אַזוי ווייט... ווי פון אַ פאַרשווונדענער וועלט... נישט רעאַל... נאָר דאָס האַרץ קלעמט אַזוי, צופּט, מאָנט... איז עס הונגער?... פּשוטער הונגער?...

די „פייקע" ליימיק ברויט, די וואַסערדיקע זופּקעס בייטאָג, דער „קיפּיאַטאָק" — דאָס אַלץ פילט נישט אויס די אומאויפהערלעכע נאַגנ־דיקע פּוסטקייט, די קלעמעניש אינעם האַרץ־גריבל. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער הונגער — דאָס איז אַ פּלאָגעניש, אַ מוראדיקע ליידיקייט נאָכן פאַרלירן אַלצדינג — די גאַנצע וועלט — — —

איך שפּיר: איך בין מאָגערער געוואָרן. די הויזן — אָן פּאַסעק — האַלטן זיך נישט און כ׳מוז זיי כסדר אונטערהייבן. וואָס צו רויכערן איז אויך שוין ביי קיינעם נישטאָ. ליידנשאַפטלעכע רויכערער ווערן פּשוט משוגע אָן אַ פּאַפּיראָס. וויקלען זיי איין סתם שטיקלעך פּאַפּיר און פּרוּוון אַריינציען דעם עסנדיקן רויך — אַבי צו האָבן די אילוזיע, אַז מען רויכערט; אַבי זיך אַליין אָפּצונאַרן... די לונגען אָבער פּראָטעסטירן — און די רויכערער פאַרהוסטן זיך ביז בלוט ווערן.

בייטאָג פירט מען אונדז אויף „פּראָגולקאַ" (שפּאַציר) אויף איי־נעם פון די טורמע־הויפלעך. מען פירט יעדע קאָמער באַזונדער: קיינער טאָר דאָך נישט וויסן, ווער עס געפינט זיך אין די אַנדערע צעלן... אויפן הויפל שטעלט מען אונדז אויס פּאָרווייז אין אַ לאַנגער קייט און מיר לאָזן זיך אַזוי מאַרשירן אַרום דעם פירקאַנטיקן בלינדן קאַסטן. דאָס איז עפּעס אַ זייטיקער הויפל, נישט קיין גרויסער, מיט פענצטער, פאַרשטעל־טע דורך גרויסע בלעכענע דאַשקעס. דער מאַרש איז אַ שטומער, אָן ווער־טער. רעדן איז בעתן שפּאַציר פאַרבאָטן. מ׳הערט נאָר דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון די טריט. אַזוי דרייט מען זיך אין דער אויסטערלישער „הקפה" אַרום די ווענט פון הויפל. די הענט מוז מען כסדר האַלטן פאַרלייגט פון הינטן. די פיס פלאָנטערן זיך פון אָפּגעשוואַכטקייט. דו אָטעמסט דורש־טיק און טיף אַריין די פרישע לופט. דו שלינגסט אַריין די פרישקייט אין די פאַרשמאַכטע לונגען אַריין, פאַררייסט די אויגן צום פירקאַנטיקן שטיק הימל איבערן הויף־קאַסטן, גלייך ווי דו וואָלסט עס אַלץ וועלן איינשלינגען אויפן גאַנצן מעת־לעת...

אָבער דער שפּאַציר דויערט נישט לאַנג — צוואַנציק מינוט סך־הכל. גיך לויפן זיי אַריבער, די געציילטע מינוטן. אין די דאָזיקע מינוטן

דערמאָנט מען זיך נאָר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ הימל מיט אַ זון, ליכט און לופט...

עמיץ פון דער בריגאַדע „נ. ק. וו. ד.יסטן״, וואָס היטן אונדז, גיט באַלד אַ קאָמאַנדע:

— צו־רי־יק!

געענדיקט. צוריק דורך די טויבע, לאַנגע קאָרידאָרן אין דער טונקעלער, ענגער, שמוציקער צעלע אַריין.

געציילטע מענטשן פון דער נאַרע זענען שוין געוואָרן איבערגעפירט ערגעץ אַנדערש. וווהין האָט קיינער נישט געוווסט. אַפילו אַז מען באַפרייט עמיצן, זאָגט מען עס־אים אויך נישט ביים אַרויסנעמען פון צעלע. סיי ביים איבערפירן אין אַן אַנדער תפיסה, סיי ביים אַוועקשיקן אין אַ לאַגער, סיי אַפילו ביים אַרויסלאָזן אויף דער פריי — אַלץ איינס. דער „דעזשורני״ האָט פאַר אַלעמען שטענדיק איין נוסח:

— קלייב זיך מיט די זאַכן!

דער גערופענער ווערט בעת־מעשה זייער נערוועז און געשפּאַנט: צו וואָס רופט מען עס אים „מיט די זאַכן״? צו ווייטערדיקע פּלאָגענישן אָדער צו דער ליכטיקער וועלט?... די עטלעכע פריי־געוואָרענע פּלעצער אויף דער נאַרע זענען תיכף פאַרנומען געוואָרן דורך די ערשטע „קאַנדידאַטן״ און איך בין געבליבן ווייטער אויף דער פּאָדלאָגע. צו מיר איז נאָך ווייט...

ביינאַכט, ווי דער שטייגער, פלעגט זיך עפענען די טיר און דער „דעזשורני״ פלעגט אויסרופן:

— נאַ בוקווו „ג״!

— נאַ בוקווו „ק״!

— נאַ בוקווו „ש״!

אאַז״וו.

מיך רופט מען שוין כלל נישט. איך וואַרט אויף אַ קאָנקרעטער באַשולדיקונג, אויף אַ באַשולדיקונגס־אַקט. אָבער בחנם דאָס וואַרטן. „נאַ בוקווו ז״ רופט מען גאָרנישט... און ווי תמיד קומען די עטלעכע זייער אָפּט גערופענע מיט צייכנס אויפן קערפּער. צעקיילטע און צעביילטע, מיט אונטערגעשלאָגענע לאַמטערנעס אונטער די אויגן...

צוקוקנדיק זיך צו די דאָזיקע צעניזוקטע, בין איך שוין צופרידן וואָס מען לאָזט מיך צורו... אָבער ווי לאַנג?... ווי לאַנג וועל איך זיך אַזוי וואַלגערן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אָן לופט, אָן לעבן?... אָן אַ מינימום שלאָף?... ווי לאַנג קאָן עס דער מענטשלעכער אָרגאַניזם אויס־האַלטן אַזאַ פּלאָגעניש ביז דעם ענדגילטיקן אויסגעלאָשן ווערן? אין דעם איינציקן שמוציקן העמד? אין די ברודיקע מלבושים?... ווי לאַנג קאָן מען עס?...

און אַ פראַגע פּיקט אין מוח ווי דער שאַרף פון אַ חלף:

פּ אַ ר וו אָ ס   א ו ן   פּ אַ ר וו ע ן ? — — — —

אַפילו קעגן פּייניקער פון חיות זענען שוין אין דער וועלט פאַראַן געזעצן! פאַרשריפטן!

און דאָ — מענטשן! לעבעדיקע מענטשן! אָן אַפילו אַ שמץ פון שול־דיקייט! סתם פּייניקן לשם פּייניקן! — — —

סאַדיזם איבער מענטשן אין מיטן העלן טאָג! פאַרן שיין פון דער וועלט! אונטערן שוץ פון באַגנעטן! — — —

אין מוח פרעגט עס, לעכערט עס:

פּ אַ ר וו אָ ס ?   פּ אַ ר וו ע ן ?

זלמן רייזען — טראַכט איך — האָט עס לסוף אָנגערופן ביים נאָ־מען: „פּאָדלי שוויאַט״, אַ געמיינע וועלט!... און אפשר איז די וועלט נישט אַזוי געמיין ווי נאַריש, ווי אידיאָטיש: אַ גאַנצע וועלט האָט מען איינגעוויגט מיט אַ מעשהלע וועגן פ ר יי ה יי ט, — וועגן דער פריי־הייט, וואָס קומט פון מזרח, און — ס׳איז גאָלע ליגן, גאָלע שקר! — —

דורך די טעג און נעכט אין דאָזיקן מענטשישן מיסט־קאַסטן ווערט געבוירן אַן עקל צום אייגענעם קערפּער: אָן זייף און אָן אַ מינימום וואַ־סער אין דעם וואַש־צימער; אָן אַ פּיצל פּאַפּיר אין דער „אובאָרנאַיאַ״ און אין אייגענעם באַזין; אויפן לייב דער שיכט שמוץ, וואָס פאַר־מערט זיך אַלץ און וואַקסט און עסט זיך איין אין די הויט־פּאָרן; די שמור־ציקע וועש, וואָס קלעפּט זיך צום שווייסיקן לייב! דאָס פּאַסקודנע קריכנ־דיקע איבערן לייב, איבער אַלע טיילן פון קערפּער, וואָס רייצט טיילמאָל ביז משוגעת — דאָס אַלץ ברענגט עקל און שנאה צום אייגענעם גוף... אַפילו דער סאַמע פאַרליבטער אין זיך אַליין ראַנגלט זיך נישט איין מאָל

מיט דעם פאַרצווייפלטן געדאַנק: זיך גופא אָנצוכאַפּןביים גאָרגל און אַ סוף מאַכן! — — —

איך האָב שוין אין דער „אובאָרנאַיאַ" אויסגענוצט אַלע תחבולות און „טריקן", כדי צו פאַרמיידן נאָכדעם דאָס עקל־געפיל: פון די הויזן אויסגעצופּט שטיקלעכווייז דעם אונטערשלאַג, די „אומנייטיקע" צודאַטן אַרום דער טאַליע, דעם „לוקסוס"־אונטערשלאַג אונטער די קני — אַלץ איז שוין אויסגענוצט! און איצט ציען זיך טעג, ווען איך האָב שוין גאָר־נישט, גאָרנישט, מיט וואָס זיך צו ראַנגלען קעגן דעם מוראדיקן עקל!

וואָס טויג אַזאַ גוף, וואָס טויג אַזאַ „כלי" פאַר אַ נשמה, וועלכע ראַנגלט זיך אין אַזעלכע יסורים? איז טאָקע נישט גלייכער אַ סוף צו מאַכן? — — —

אָבער כוחות! ווער האָט עס כוחות זיך אַליין אָנצוכאַפּן מיט די גאָלע הענט פאַרן אייגענעם גאָרגל?...

יאָ, זיי ווייסן וואָס „זיי" טוען, די געניטע לייט פון „נ. ק. וו. ד.": זיי האָבן מעשה־שטן באַצייטנס צוגענומען דעם פּאַסעק, די שעלקעס פון די הויזן, די ראַזיר־מעסערלעך...

און נישט פון ליבע צום קרבן — פון שנאה, פון האַס, פון רשעות, צולהכעיסדיק: אַט זאָלן זיי זיך פּייניקן, זאָלן זיי זיך פּרעגלען אין אייגענעם „סאָס", זאָלן זיי פילן דעם אמתן טעם פון אַ סאָוויעטישער תפיסה! — — —

„פאַרפאַלן! מיר מוזן אויסטרינקען דעם בעכער ביזן דנאָ"... — דערמאָן איך זיך דאָס לעצטע בריוועלע צו מיר פון לעאָ פינקלשטיין, אין די לעצטע טעג פאַרן אַרעסט.

אַ צו ביטערער געטראַנק! דער טייוול אַליין וואָלט אַזאַ „משקה" נישט געקאָנט אויסטראַכטן — — —

אין אַזעלכע ביטערע רגעס, אין אַ מיטן נאַכט, רופט מען מיך ווידער אויס צום פאַרהער. פון שלאָף האָט מען מיך נישט איבערגעריסן, ווייל כ'בין סיי־ווי־סיי נישט געשלאָפן.

דאָס מאָל פרעגט מיך אויס אַן אַנדער פאַרשוין, אויך אין ציווילן.

— פאַרוואָס שרייבסטו נישט אונטער דעם פּראָטאָקאָל? — ווענדעט ער זיך צו מיר פער „דו".

— ווייל ער איז נישט ריכטיק אָנגעשריבן געוואָרן.

— פאַרוואָס נישט ריכטיק?

— כ׳האָב דערקלערט פאַרוואָס: ערשטנס שטייט דאָ געשריבן „אָן באַשעפטיקונג״, דאַן ווען איך האָב יאָ געאַרבעט — אין יידישן טעאַטער... צווייטנס: עס שטייט געשריבן: „אַריבער די גרענעץ אָן דערלויבעניש״... די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך האָט מיך פריי אַדורכגעלאָזט... בעט איך דאָס אַריינצושרייבן...

— דו ווילסט אונדז פּריקאַזעווען ווי אַזוי צו שרייבן פּראָטאָקאָלן?!
— פאַלט שוין יענער אַריין אין אַ העכערן טאָן.

איך שווייג.

— נאָ, שרייבט אונטער!

איך ריר זיך נישט פון אָרט.

— זאָגסט זיך אָפּ, וועט זיין ערגער פאַר דיר.

— מיר איז שוין אַלצאיינס...

— וועסט באַדויערן!

איך שווייג.

— נו, גיי צום טייוול!

ער דריקט דאָס קנעפּל אויפן טיש — מען פירט מיך אַרויס. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך געפילט אַביסעלע דערהויבן. דאָס האָט מיר געגעבן אַביסעלע חשיבות צו זיך אַליין אין מיין געפאַלנקייט, אין מיין איצטיקן ווערעמדיקן לעבן...

די זעלבע נאַכט בין איך שפּעטער, נאָכן פאַרהער, לאַנג געזעסן צו־פוסנס פון מיין באַקאַנטן „וואָיט״, מיין תפיסה־פריינד, ווען עס האָט זיך אויך נישט געשלאָפן. אין מיינע אויגן איז ער גייסטיק אויסגע־וואַקסן. איך האָב אין אים ביסלעכווייז אַנגעהויבן זען איינעם פון מיצ־קעוויטשעס „דזיאַדי״־העלדן, אַ העלד פון די אַמאָליקע צאַרישע קאַזע־מאַטן... כ׳האָב זיך דורך די ברודיקע גופים צו אים צוגערוקט נעענטער, גאָר נאָענט. עס האָט זיך מיר געגלוסט צו רעדן מיט אים, צו טיילן זיך מיט אים. און כ׳ווייס נישט ווי אַזוי, פון וואַנען, נאָר דורכן מוח האָבן זיך פּלוצלונג דורכגעטראָגן באַקאַנטע צוויי שורות פון מיצקעוויטשעס „גרויסער אימפּראָוויזאַציע״ — און כ׳האָב עס אים, מיין מיטשמועסער, געמורמלט אַרויסברענגען שטיל, בלחש:

ציעמנאָ ושענדזיע, גלוכאָ ושענדזיע —
צאָ טאָ בענדזיע, צאָ טאָ בענדזיע? *)

הגם איך גלויב קוים, צי דער פּויער, אַפילו אַן אויסגעאיידלטער, האָט אַמאָל דערפון געוווּסט...

— וואָס ערגער, אַלץ בעסער... — חזרט ער מיר איבער שוין צום ווּיפלטסטן מאָל, ווי אַן ענטפער אויף מיין שטיל רעציטירן.

— אָט זעט איר, — איז ער מיר ווייטער מסביר: — פּאַריז איז געפאַלן. דער שוואָב פון איין זייט טוט דאָס זייניקע... און דאָ — „זיי״... די „באַפרייער״... „זיי״ האָבן שוין אַ טייל פון אונדזער פוילן „באַפרייט״... — איצט ליטע... אָבער עס בלייבט נאָך נישט ביי דעם... געדענקט, פּאַניע, מיינע ווערטער: אויף שלעכטס קאָן די וועלט נישט שטיין... לאָמיר וואַרטן אויפן סוף...

— אָבער אָט־אָ־דאָ וואַרטן? ווי לאַנג קאָן מען עס?...

— פּאַרפאַלן, ברודער... ווי זשע איז יעזוס געגאַנגען אויף גאָלגאָטע? נאָר אין דער דערנער־קרוין קומט מען צו דעם גרויסן ליכט...

ער האָט אין דער אמתן גערעדט ווי אַן אַפּאָסטאָל אין דער תפיסה־נאַכט, אָט דער דאַזיקער פּויער מיט די איינגעזונקענע אויגן, מיטן שטאַרק צעשויבערטן קאָפּ. איך האָב געקוקט אויף אים אַ פאַרחידושטער: פון וואַנען אַזוי פיל רואיקייט, אַזוי פיל בטחון אין אָט דעם פּרימיטיוון דאָרפישן פאָלקס־מענטש?...

פון דרויסן, פון ערגעץ ווייט, דערהערט זיך ווידער דאָס שוין באַקאַנטע שווערע רעדער־געריוש איבערן ברוק.

— איר הערט? — טוט ער אַ ווונק צום פענצטערל אויבן — „זיי״ מיינען, אַז מיט טאַנקן און האַרמאַטן קאָן מען איינגעמען די וועלט... גאָטס קיניגרייך איז שטאַרקער פון זייערע טאַנקן...

— ווען גייען „זיי״ ווידער „באַפרייען״?

— סיידן דעם טייוול אַליין...

---

*) פּינצטער, טויב אַרום אַן שיין, —
וואָס וועט זיין? וואָס וועט עס זיין?

65

איך רעד „צו דער לאָמפּ“

עס פֿאַלט מיר איין טאָג איין זיך צו ווענדן מיט אַ שריפֿטלעכער בקשה צום נאַטשאַלניק פֿון תּפֿיסה. פֿאַר אַ האַלבער „פּייקע“ ברויט קויף איך ביי איין אַרעסטאַנט אַ זייטל פּאַפּיר פֿון זיין העפֿט וואָס ער האָט צופֿעליק פֿאַרמאָגט. ער האָט מיר אויך אויסגעבאָרגט אַ בלייפֿעדער.

איך פֿאָרמולירט קורץ און דייטלעך מיין בקשה:

„צום נאַטשאַלניק פֿון גראָדנער תּפֿיסה אויף קיראָוואָ נומער 1.

איך ווענד זיך דורך אייער פֿאַרמיטלונג צו די באַטרעפֿנדיקע מאַכט־אָרגאַנען אין שייכות מיט מיין ענין.

אויף דער אויספֿאָרשונג, ביי אַלע פֿאַרהערן — סיי אין מיליץ, סיי אין נ. ק. וו. ד., סיי אין טורמע — האָט מען מיר נישט פֿאָרגעוואָרפֿן קיין שום קאָנקרעטע באַשולדיקונג. די באַמערקונג אין פּראָטאָקאָל, אַז איך בין געווען „אָן באַשטימטער באַשעפֿטיקונג“, שטימט נישט מיטן אמת. איר קאָנט פֿעסטשטעלן אין גראָדנער „אָטדיעל איסקוסטוואַ“ (אָפּטיילונג פֿאַר קונסט), אַז איך האָב געאַרבעט ווי אַ „זאַווליט“ אין יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו. דעריבער טאַקע האָב איך דעם פּראָטאָקאָל נישט געוואָלט אונטערשרייבן.

איך בעט מיר צו ענטפֿערן:

1. אויף וועלכן גרונט האַלט מען מיך אין תּפֿיסה?

2. איך בעט מיר צוצושטעלן אַ קאָפּיע פֿון באַשולדיקונגס־אַקט — אויב ס'איז איבערהויפּט פֿאַראַן קעגן מיר אַ באַשולדיקונג.

3. איך בעט מיר צו דערלויבן שטעלן אַן אָפֿיציעלן פֿאַרטיידיקער — אַדוואָקאַט אפֿרים ליוביטש, פֿאָרזיצער פֿון דער יורידישער קאָנסולטאַציע.

4. איך בעט צו דערלויבן מיין מוטער חיה זאַק (קיראָוואָ 3) זי זאָל אַריינבאַזאָרגן פֿאַר מיר אין טורמע די נייטיקסטע זאַכן, דער עיקר וועש. איך פֿאַרמאָג נאָר דאָס איינציקע העמד אויפֿן לייב, וואָס עס ברענגט מיר צו דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג“...

צום סוף פֿון די פֿיר פּונקטן האָב איך נאָך צוגעגעבן אַן אַזוי־צו־זאָגן „ליטעראַרישן“ פּאַסוס:

„דאָס רעדט צו אייך אַ לאָיאַלער מענטש, וואָס איז נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעך קעגן דער סאָוויעטישער יוסטיץ; וואָס איז לגבי קיי־נעם נישט שולדיק. און דאָס גיט מיר דאָס מאָראַלישע און יורידישע רעכט צו אַפּעלירן צו אייער געוויסן: באַגייט נישט קיין עוולה לגבי אַן אומ־שולדיקן!"

געוועז רגעס, ווען איך האָב געגלויבט, נאַאיוו געגלויבט, אַז אַזאַ בקשה קאָן האָבן אַ פּעולה.

אין אָוונט, ביי דער „פּאָוויערקאַ", אַז דער „דעזשורני" האָט, ווי זיין שטייגער, אַ פרעג געטאָן: „ווער האָט אַן אָנקלאַגע?", האָב איך צו אים אויסגעשטרעקט מיין פּאַפּיר:

— איך האָב אַ „זאַיאַוולעניע"... (בקשה).

דער „דעזשורני" האָט צוגענומען, געגעבן אַ וואָרף אַדורך מיט די בליקן איבערן פּאַפּיר. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ לייכטער שמייכל.

— לאַדנאָ... וועסט וואַרטן...

זיין שמייכל האָט עס פאַרטייטשט: „וועסט האָבן געדולד"... און אויף יידיש לשון וואָלט עס געהייסן: „ביז עס וועט קומען משיח"...

פונדעסטוועגן אין די ווייטערדיקע טעג, בעת די טיר פלעגט זיך אַמאָל אויפריגלען, פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז דאָס גייט מען צו מיר; אַז דאָס איז אין שייכות מיט מיין ווענדונג צום טורמע־נאַטשאַלניק. דאָס האַרץ פלעגט האַסטיקער אָנהייבן קלאַפּן.

אָבער...

— נאַ בוקווו „ק"...

— נאַ בוקווו „פ"...

„נאַ בוקוו „ז" " האָט מען מעשה־שטן נישט אויסגערופן. מ'האָט לחלוטין אָן מיר „דאַרטן" פאַרגעסן...

אַ פּאָר מאָל האָב איך געפרעגט דעם „דעזשורני" ביי דער „פּאָ־וויערקאַ":

— וואָס איז מיט מיין „זאַיאַוולעניע"? פאַרוואָס ענטפערט מען מיר נישט?

— ביסט צו אומגעדולדיק... — באַקום איך אַן ענטפער.

און נאָך דער „פּאָוויערקאַ" באַמערקט מיר דער דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי":

— די ערשטע צייט נאָך מיין אַרעסט בין איך אויך געווען נאַאיוו און געשריבן „זאַיאַוולעניעס״... איצט בין איך זיכער, אַז מען לייענט זיי אַפילו נישט... עס איז גלייך ווי גערעדט צו דער לאָמפּ...

66

אַ נאַכט אין תפיסה־קעלער

אין איינער אַ נאַכט — פּונקט צו די פיר וואָכן — עפנט זיך די טיר פון אונדזער קאַמער 16. אַלע רייסן אויף די קעפּ. אין דער אָפענער טיר שטייט דער „דעזשורני״ מיט נאָך צוויי באַגלייטער.

— נאַ בוקווו „ז״!

— יאָ! — רוף איך אויס מיין נאָמען מיט אַ פריידיק קול, כאָטש איך ווייס נישט וואָס איז דאָ מיט מיר די שמחה... די פרייד האָט נאָר געקאָנט זיין ביי מיר ווי אַן אינעווייניקסטער קורטש, ווי אַ צאַפּל אין מיין וועזן, וואָס לעכצט נאָך אַן ענדערונג. אפשר... אפשר וועט די ענדערונג אַ סוף מאַכן צו מיין אומאויפהערלעכער פּלאָגעניש, צו דער לאַנגזאַמער פיזישער און גייסטיקער וועגעטאַציע אין דער דאָזיקער שמוציקער, חזירישער צעלע. זאָל קומען אַן ענדערונג וועלכע עס זאָל נישט זיין — אַבי ווייטער. ווייטער פון דאַנען! אַבי ווייטער, ווייטער פון דער חזירייי. פאַר די גאַנצע פיר וואָכן איז נאָך מיין „ריי״ נישט געקומען צו קאָנען ליגן אויף דער נאַרע. פון דער ערשטער נאַכט ביז איצט בין איך געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטער ווי אַ יעזש אויף דער פּאָדלאָגע.

— פאַרנעם זיך מיט די זאַכן! — דערהער איך די קאָמאַנדע.

מיינע זאַכן... וואָס האָב איך דען אַחוץ מיין פּויסט צוקאָפּנס? און אפשר... אפשר גיי איך אויף דער פריי?... „פאַרנעם זיך מיט די זאַכן״! — קלינגט מיר ווי אַ בשורה.

איך שטעל זיך פלינק אויף און פון איבעררעאַשונג געזעגן איך זיך אַפילו נישט ווי עס געהער צו זיין מיט מיינע פאַר היימיש־געוואָרענע מענטשן. איך טו צו זיי נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט.

— ז׳פּאַנעם באַגיעם! (מיטן האַר גאָט!), — שיקט מיר נאָך זיין ווונטש דער „וואָיט״, וואָס האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער נאַרע.

כ׳בין געווען דער איינציקער, וועמען מ׳האָט אַרויסגענומען פון צע־

לע. די צעלע האָט זיך באַלד צוריק פאַרריגלט און פאַרבאָרגן דעם מענטשן־קנויל. אין דער רגע האָב איך שוין געוווּסט, אַז כ׳וועל זיך שוין אין דאָ־זיקן מיסט־קאַסטן נישט אומקערן.

אין קאָרידאָר באַמערק איך באַלד נאָך עטלעכע אַרעסטאַנטן, באַ־גלייט פון אַנדערע שומרים. עס איז פאַר מיר געווען אַ גוטער סימן, וואָס דאָס מאָל הייסט מען מיר נישט אויסדרייען זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט... מען האָט מיך גענומען פירן אין דער זעלביקער ריכטונג, דורך די זעלבע קאָרידאָרן, וואָס יענע מיט יענעם באַגלייטער. מען הייבט מיך אָן פירן דורך טרעפּ, אין דער נידער. מ׳איז אַזוי דערגאַנגען ביז אַ סוטע־רינע, אַ טונקעלער אונטערערדישער קאָרידאָר. אַ טיר האָט זיך פאַר מיר אויפגעריגלט און כ׳בין אַריין אינעווייניק.

אַ באַוועגונג פון צענדליקער מענטשן. משונהדיקע מענטשן, פאַר־וואַקסענע, פאַרשמוציקטע, צעקנאָדערטע. די פּנימער ווילדע, חושכדיקע, באַדעקט מיט אַ שטעכיקן האָר־געוויקס. איך קוק זיך צו צו דעם און צו יענעם.

פלוצלונג רופט אויס ווער מיין נאָמען...

האַ? ווער קאָן עס זיין?

כ׳קוק זיך גוט צו — קוים דערקענט. אַ באַקאַנטער. דאָס איז דער יונגער אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי. אין מיליץ, אין „נ. ק. וו. ד.״ זיך דאָך געזען. גאָט מיינער, ווי ער האָט זיך געענדערט. ער זעט אויס ווי אַ פאַר־שטעלטער...

— ווי שרעקלעך איר זעט אויס, — רופט ער אויס, מיך אָנקוקנ־דיק, — ס׳אַראַ בערדל!... — טוט ער אויף מיר אַ טייטל מיטן פינגער.

— און איר, מיינט איר, זעט בעסער אויס?... — לאַך איך.

איך באַטאַפּ זיך ערשט די באַקן, דעם קין. „עס מוז טאַקע אויסזען עקלהאַפט״... — טראַכט איך ביי זיך.

— אַ נס, וואָס מיר האָבן נישט קיין שפּיגל... — זאָג איך.

— אָבער איינער איז דאָ אַ שפּיגל פאַרן אַנדערן... אויב איר ווילט וויסן ווי איר זעט אויס, טוט אַ קוק אויף מיר...

— וואָס מ׳האָט פון אונדז געמאַכט אין איינע פיר וואָכן!...

— קונצנמאַכער זענען „זיי״...

איך קוק זיך אַרום צווישן עולם, גיי צו נעענטער צו די שאָטנס און

געפֿין נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע. אַלע זעען אויס ווי אַן אמתע באַנדע קרימי־נאַליסטן, מיט אויסטערלישע פּנימער פֿון אונטערוועלט־מענטשן...

— וואָס גייט מען טאָן מיט אונדז? — פֿרעגט ווער.

— אויף דער פֿריי גייען מיר זיכער נישט. — קומט אַן ענטפֿער פֿון אַ צווייטן.

— זיכער נישט אויף דער פֿריי. אויף דער פֿריי לאָזט מען נישט אַרויס מאַסנווייז.

— און איך האָב שוין געמיינט... — זאָג איך פֿאַרשעמט, — גע־מיינט, אַז היינט נעכטיק איך שוין אין דער היים...

— פֿאַרגעסט, פּעטער... אַן דער היים פֿאַרגעסט...

עס ווערן אַרויסגעזאָגט פֿאַרשיידענע השערות, ווי עס איז תמיד גע־ווען, בעת די פּליטים פּלעגן זיך צונויפֿקומען אין די געזעמלען, אין די קנייפּעס, אויף די וואָקזאַלן. איינער, למשל, דערציילט דעם אַלטן קלאַנג, אַז מען גייט אונדז איבערפֿירן קיין פּינסק, צו טריקענען דאָרט די זומפּן.

— איר וועט שוין פֿאָרן אַביסל ווייטער ווי קיין פּינסק... — פֿאַלט אַריין אין שמועס אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי.

—פֿון וואַנען ווייסט איר עס? אייך האָט מען דען יאָ פֿאַרטרויט?

— מ'האָט עס מיר געזאָגט, פּונקט אַזוי ווי אייך. אָבער דאָס לייגט זיך אויפֿן שכל.

— מיר וועלן שוין זען פֿאַרטיקערהייט.

— מ'פֿרעגט אונדז דען?

פֿון די אַלע נערוועזע קורצע שמועסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף די פֿאַרהערן איז כמעט מיט אַלעמען פֿאָרגעקומען די זעלביקע פּראָצע־דור און כמעט איטלעכן האָט מען געשטעלט די זעלביקע פֿראַגן, די זעל־בע „קלאָץ־קשיות" און די זעלביקע פּראָטאָקאָלן געגעבן צום אונטער־שרייבן: „אַריבער די גרענעץ אָן אַ דערלויבעניש"... „אָן באַשטימטער באַשעפֿטיקונג" אאַז"וו.

— אין גרונט — רייד איך מיט אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי — חזרט זיך מיט אונדז איבער דאָס זעלביקע, זינט דעם ערשטן טאָג פֿון אַרעסט: „זיי" טראַקטירן אונדז אין אַלע הינזיכטן נישט אינדיווידועל, נאָר ווי אַ מאַסע, גרעמיאַל, ווי אַ פּליטים־מאַסע. דעריבער קאָן מען אפֿשר האָפֿן, אַז „זיי" וועלן אונדז סוף־כל־סוף מוזן אַרויסלאָזן... ווי פֿאַרקוקט איר זיך דערויף ווי אַ יוריסט?

— גערעכט זענט איר... — ענטפערט קורלאַנדסקי סקעפּטיש, — אויב אָפּערירן מיט די קאַטעגאָריעס פון יורידישן קאָדעקס, דאַרף עס טאַקע אַזוי זיין... ווייל ס'איז נישטאָ אין קיין שום קאָנסטיטוציע אַזאַ מין געזעץ, וועלכער זאָל דערלויבן צורויבן ביי מענטשן די פּערזענלעכע פרייהייט לחלוטין אָן שום גרונט... אָבער די פראַגע איז: מיט וועלכע קאַטעגאָריעס דענקען „זיי"?... לויט וועלכן „קאָדעקס" האַנדלען „זיי"? דערויף קאָן שוין אַפילו אַ גענייאַלער יוריסט אויך נישט ענטפערן.

— הייסט עס, מיר מוזן וואַרטן אויף די פאַקטן?

— נישטאָ קיין אַנדער ברירה. אַלנפאַלס, קיין אילוזיעס איז נישטאָ וואָס זיך צו מאַכן.

67

ווידער אין די תפיסה־קעטשלעך

די טיר פונעם קעלער־זאַמל־פונקט ווערט אַלע פאָר מינוט געעפנט און עס קומען אַלץ צו נייע און נייע גרופּעס פון די אַלע שטאָקן און קאַמערן. אַלע זעען אויס ווי די בראָדיאַגעס און איינער האָט זיך נישט צו שעמען פאַרן אַנדערן.

אין איין גרופּע, וואָס איז צו אונדז אַריינגעלאָזן געוואָרן, האָב איך באַלד דערקענט אַ היימישן וואַרשעווער דאָקטער, מיט וועמען איך פלעג זיך אָפט באַגעגענען אין דער וווינונג פון ד"ר בריזמאַן. כ'האָב זיך ממש דערפרייט מיט אים און בין גלייך צו אים צוגעגאַנגען.

— שלום־עליכם, פּאַניע דאָקטאָזשע!

— עליכם־שלום, פּאַניע רעדאַקטאָזשע!

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונדזער „האָטעל"?...

— ער געפעלט מיר פונקט ווי אייך...

ער קוקט מיך אָן, באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן.

— איר זעט דאָך אויס ווי אַ פּורים־שפּילער... — שמייכלט ער.

— כ'זע אויס פונקט ווי איר, פּאַניע דאָקטאָזשע... מיר זענען אַלע געוואָרן „לומפּן"...

— ווי איז עס אייך געגאַנגען אין דאָזיקן „האָטעל"?

— וואָס שייך צו זאָגן... אַזאַ „קאָמפּאָרט"... זיך אָפּגעוואַלגערט די גאַנצע צייט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

— קענטיק אָן אייך אין וואָסער „רחבות" איר האָט געלעבט.

— איך מיין, אַז ווי אַ מעדיקער, וואָלט איר אונדז אַלעמען — און זיך אַליין אויך בתוכם... — געשיקט אויף „נאַכקור" קיין אָטוואָצק...

— מסתמא פאַרשטייט איר דאָך אויך, אַז אין קיין קוראָרט וועט מען אונדז איצטער נישט שיקן...

איך קוק אויף דעם דאָקטער מיט האַרצווייטיק: ס'אַראַ ליכטיק פּנים ער האָט געהאַט, ווי רעפּרעזענטאַבל זיין אויסזען! און איצט... אויך ער טראָגט אַ צעקנייטשטן אנצוג, אַ שמוציק העמד און זיינע באַקן און קין זענען באַדעקט מיט שטעכיקע האָר — שוואַרצע און גרויע. די אויגן טיף פּער איינגעזעצט אונטערן שטערן.

— זענט איר כאָטש געזונט, דאָקטער?

— ווען איך לעב עס איבער אין דער היים, וואָס דאָ, וואָלט איך זיך שוין אויף די פיס נישט געהאַלטן...

— מיט וואָס, דאָקטער, דערקלערט איר די דאָזיקע אויסהאַלטעוו־דיקייט פון אָרגאַניזם?

— דאָס זענען אַלץ אונדזערע רעזערוון. די רעזערוון פון דער היים. ווער עס האָט אין אָרגאַניזם ווייניק רעזערוון, גייט שלאָפן...

— אַ פּראָפּאָ שלאָפן... זענט איר כאָטש געשלאָפן אויף אַ נאַרע?

— צוויי וואָכן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. באַקומען הויכע טעמפּעראַטור, אַ וואָך צייט געלעגן אין תפיסה־שפּיטאָל; געמיינט אַז עס ענדיקט זיך אַלץ... אָבער צו צרות ווערט מען שטאַרק און מען האַלט אויס.

אין קעלער איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אַ פרישע גרופּע. דער דאָקטער האָט זיך צוגעקוקט און איז אַן איבערראַשטער צוגעלאָפן צו איינעם פון די פריש־אַריינגעקומענע מיט אַן אויסגעשריי:

— פּאַניע קאָלעגאָ!

אויך אַ וואַרשעווער דאָקטער, אויך אַ „ביעזשעניעץ", וועלכער האָט פאַרבראַכט דאָ אַ חודש אין אַן אַנדער צעלע פונעם „האָטעל"... און ווידער אַ ווערטער־אויסטויש, און ווידער טיילט מען זיך מיטן איבערגעלעבטן, און ווידער פרייט מען זיך וואָס מען זעט זיך ווידער מיט היימישע. יאָ, מען פרייט זיך איינע מיט די אַנדערע. די געמיינזאַמע איבער־

לעבונגען, די בשותפותדיקע צרות און פּלאָגן פֿאַרברידערן, דערנענטערן, מאַכן משפּחהדיק... בפֿרט אַז מען האָט נישט די נאָענטע פֿון דער היים... מען איז עלנט און אַליין מיטן אומגליק... ווערן די ברידער פֿון דער נויט משפּחהדיק נאָענט.

די ענגשאַפֿט אין קעלער איז געוואָרן זייער גרויס. מ׳רייבט זיך ממש איינע אָן די אַנדערע. שוין אַ פּאָר הונדערט פּליטים זיך אָנגעקליבן אין קעלער. די טיר עפֿנט זיך אָפֿט — און די משפּחה ווערט גרעסער...

אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

אין פֿלוג זענען אַלע פּליטים צופֿרידן, וואָס מ׳האָט אונדז אַרויס־גענומען פֿון די תּפֿיסה־צעלן, ווו אַלע האָבן פּשוט געפֿוילט לעבעדיקער־הייט. אַלע זענען פֿאַרחזירט און פֿאַרלייזיקט געוואָרן. כאָטש קיינער ווייס נישט וואָס עס דערוואַרט אונדז איצט... אפֿשר גאָר עפּעס ערגערס... ווער ווייס? דאָך! פֿון איין שלעכטס דערווייל פּטור געוואָרן.

צי דערפֿאַר ווייל מענטשן זענען ווידער געווען צוזאַמען, עס האָבן זיך געטראָפֿן באַקאַנטע, פֿריינד, צי דערפֿאַר ווייל אפֿשר האָט פֿונדעסט־וועגן ביי איטלעכן געטליעט אויך אַ שטיקל האָפֿענונג — נאָר די שטי־מונג ביי אַלעמען איז געוואָרן אַ מער הייטערע, אַ מער לעבעדיקע. אַנ־דערע זענען שוין אַפֿילו געוואָרן אויפֿגעלעבט צו זאָגן אַ וויץ, אַ גלייכ־ווערטל. וויצן אַקטועלע, פֿון די אייגענע צרות.

אַזוי דערציילט, למשל, איין „לץ״, אַז בעתן פֿאַרהער לייענט מען אים פֿאָר דעם פּראָטאָקאָל: „איבערגעשריטן די גרענעץ אָן דערלויבע־ניש״...

— איך האָב די גרענעץ איבערהויפּט נישט איבערגעשריטן — האָט ער דערקלערט דעם אויספֿאָרשער — כ׳בין צופֿעליק געווען פֿון פֿאַר דער מלחמה אין גראָדנע... נאָר עמיץ אַנדערש האָט שפּעטער איבערגעשריטן די גרענעץ אָן אַ וויזע...

— ווער איז עס דער „עמיץ אַנדערש״? — פֿרעגט אים דער אויס־פֿאָרשער.

— טאַקע איר... די רויטע אַרמיי... — האָט ער שפּאַסיק געענט־פֿערט.

דער אויספֿאָרשער האָט אַ שמייכל געטאָן פֿון שפּאַס; אָבער דעם פּראָטאָקאָל האָט ער געלאָזט אין זיין נוסח...

ס׳איז נאָך געווען פֿינצטער, בעת מ׳האָט אונדז פֿאַרטיעסווייז אָנ־

געהויבן אַרויספירן פון קעלער אויפן תפיסה־הויף. די לונגען האָבן פּלוצ־לונג דערשפּירט — לופט. אַך, לופט! ס׳האָט איטלעכער גענומען דורש־טיק אָטעמען טיפער, טיפער. אַך, לופט!

אויפן הויף זענען געשטאַנען פאַרמאַכטע תפיסה־קעטשלעך, אַ גרו־פּע טונקעלע קעטשלעך — ווי ריזיקע קאַסטנס. יעדעס קעטשל מיט אַ פּיטשינקן שאַטקע־פענצטערל פון ביידע זייטן. ביי די קעטשלעך זענען געשטאַנען אַ סך „ג. ק. וו. ד.יסטן" מיט רויטע „אָקאָלאָשקעס" אויף די היטלען. אַ פאַרשטאַרקטע שמירה.

— נו וואָס זאָגט איר? — רופט זיך אָפּ צו מיר קורלאַנדסקי, וועל־כער איז גראָד געשטאַנען נעבן מיר — מען לאָזט אונדז אויף דער פריי? קוקט אָן די קעטשלעך!

— יאָ, מיט קעטשלעך פאָרט מען נישט אויף דער פריי...

מ׳האָט אָנגעהויבן פּאַקן די מענטשן אין די קעטשלעך. מ׳האָט אַריינ־געשטופּט אין יעדן קעטשל וויפל עס האָט זיך געלאָזט. מ׳האָט אַריינגע־שטויסן איינע אויף די אַנדערע. ווער ס׳האָט פאַרכאַפּט אינעווייניק אָן אָרט אויף די צוויי בענק פון ביידע זייטן, איז אים געווען נאָך ערגער, ווייל די שפּעטערדיקע אַריינגעשטויסענע מענטשן זענען אַרויפגעפאַלן מיט זייער גאַנצער משא צו זיי אויף די קני, אויף די פיס. דער קליינער פאַר־שלאָסענער רוים פונעם קעטשל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט מענטשישע גופים און מיט קולות.

אַזוי אין יעדן קעטשל. אין יעדן קעטשל די זעלביקע ענגשאַפט, די זעלביקע שטיקעניש, גלייך ווי נישט קיין מענטשן וואָלט מען עס דאָ גע־דאַרפט פירן, נאָר עפּעס נישט קיין לעבעדיקע זאַכן, וואָס מ׳וואַרפט אָן איינע אויף די אַנדערע, איינע אויף די אַנדערע, וואָס מער, וואָס שפּאָר־זאַמער.

איך ליג איינגעהויקערט אויף עמיצנס קני. דעם קאָפּ קאָן איך נישט אונטערהייבן. אַ שווידערלעכע פּאָזיציע, וואָס מ׳קאָן לאַנג נישט אויס־האַלטן.

טררררר! דאָס קעטשל פאָרט לסוף. עס פאָרט, עס פאָרט! ווער ווייסט וווהין?... אפשר וואָלט מען עפּעס געקאָנט באַמערקן דורך די שאָטקע־פענצטערלעך? אָבער די געדיכטע מענטשן־מאַסע פאַרשטעלט אַלץ. הערט מען נאָר גרילצן די רעדער איבערן שטיינערנעם ברוק. הערט מען נאָר די קולות פון די מענטשן, וואָס פּייניקן זיך אין דער גוואַלדיקער ענג־

שאַפּט. איך ווייס נישט, ווי לאַנג איז מעגלעך פאַר אַ שטערבלעכן אויס־צוהאַלטן אַזאַ רייזע און די געדערים זאָלן זיך אינעווייניק נישט איבער־דרייען...

עס האָט אָבער נישט געדויערט צו לאַנג. אַ צוואַנציק מינוט סך־הכל. דאָס קעטשל איז געבליבן שטיין. עס האָט זיך אַן עפן געטאָן דאָס טירל פון הינטן:

— קריך אַרויס!

מ׳קריכט אַרויס איינציקווייז און מ׳גלייכט אויס די גלידער.

מיר שטייען פאַר אַ צוג אויף אַ פּראַכט־סטאַנציע. אַן אַרעסטאַנטן־צוג מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער.

ס׳איז שוין גרויער באַגינען. אויף יענער זייט פאַרקאַן — צוואָר־פענע הייזער, פאַרזונקענע אין שטילקייט און שלאָף.

68

אין אַרעסטאַנטן־צוג

מ׳הייסט אונדז אַריינגיין אינעווייניק אין די וואַגאָנעס.

אין יעדן וואַגאָן — אַ לאַנגער קאָרידאָר און ביי איין זייט — קע־מערלעך, ווי קאַסטנס. די וואַגאָנעס, וואָס האָבן אויף אונדז געוואַרט, שלינגען באַלד אַלעמען איין.

אין מיין קעמערל, וווהין איך בין אַריינגעפאַלן, — און מסתמא אויך אַזוי אין די אַלע אַנדערע קעמערלעך — זענען פאַראַן זעקס בענק: צו דריי פון ביידע זייטן, איינע איבער די אַנדערע. דריי גאָרנס. פאַקטיש נאָר זעקס ליג־פּלעצער. אָבער אַריינגעפּאַקט אין קעמערל האָט מען נישט זעקס, נאָר זעכצן פאַרשוין. און, פאַרשטייט זיך, וועגן אויסציען זיך איז קיין רייד נישט געווען. אַלע בענק זענען גלייך באַזעצט געוואָרן. די, וואָס זענען געזעסן אויבן, האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט די פיס; די פון אונטן האָבן כסדר פּראָטעסטירט, אַז די פיס פּלאָנטערן זיך איבער זייערע קעפּ. געקומען אַפילו באַלד צו „אינצידענטן": איינער אַ נערוועזער פאַרשוין פון אונטן האָט אָפּגעשטויסן אַן אויבערשטן פוס מיט אַ ווילד־קייט און מיט קלעפּ איבערן פרעמדן פוס. דער אייגנטימער פונעם פוס איז נישט געבליבן שולדיק און טאַקע מיטן זעלבן געשלאָגענעם פוס מכבד

געווען דעם שלעגער איבערן קאָפּ... ס׳איז קוים געלונגען צו באַרואיקן די צעהיצטע געמיטער. דער עיקר האָבן זיך דערהערט קולות פונעם „נ. ק. וו. ד.״־שומר, וועלכער איז כסדר געשטאַנען מיט אַ ביקס ביי אונדזער טיר און אַריינגעקוקט דורך אַ ספּעציעלן לאָך.

— שרייט נישט, מערזאָווצעס! — האָט ער געזידלט.

ס׳איז אַריינגעטראָגן געוואָרן פון עמיצן אַ פּאָרשלאָג, אַז היות ווי מיר אַלע זענען דאָך אויסגעמאַטערט פון נישט דערשלאָפן, זאָל מען שלאָפן רייענווייז צו שעה אָדער צוויי. אויבן אויף די פיר בענק פוןביידע זייטן זאָלן ליגן פיר מענטשן, און די איבעריקע צוועלף זאָלן זיך ווי עס איז אַריינקוועטשן אויף די אונטערשטע צוויי בענק. נאָכדעם וועלן אַנדערע פיר פאַרנעמען די אויבערשטע פיר ליג־פּלעצער. אַזוי כסדר. אַזוי איז טאַקע געבליבן.

בעת מיין ריי איז געווען צו ליגן אויף אַן אויבערשטער באַנק, איז מיין ליגנדיקער שכן קעגנאיבער געווען אַדוו. קורלאַנדסקי. כ׳בין זייער צופרידן געווען פון דער שכנות. ער איז מיר דאָ געוואָרן היימיש, אייגן.

— זעט איר, ס׳איז מיר שוין איצט בעסער, — זאָג איך אים, — גאַנצע פיר וואָכן נישט געלעגן אויף אַזאַ „רחבותדיקן״ געלעגער...

— ווער וייס אויף וואָסערע „רחבותן״ מיר קאָנען זיך נאָך ריכטן...

— זעט אויס, לויט אונדזערע וואַגאָנעס, אַז מיר פאָרן נישט קיין פּינסק...

— איר חלומט אַלץ פון פּינסק?

— כ׳ווייס... אַביסל נעענטער... היימישער...

— נו, און אַז איר זענט אָפּגעווען פיר וואָכן אין גראָדנער תפיסה, אין אייער היימישן גראָדנע, איז אייך דען געווען גרינגער?...

— יאָ, גערעכט. די תפיסות רויבן אומעטום די זון, די וועלט... אַפילו אין דער אייגענער היים... אדרבה, אויב איר ווילט וויסן, איז אין דער היימישער תפיסה דער ווייטיק אפשר אַ גרעסערער. דו זיצסט פאַרשפּאַרט — און הינטער די ווענט פון תפיסה איז — היים... נאָענטע... אָט האָב איך אַליין טאַקע דאָ איבערגעלעבט אַזאַ פּיין: אויף קיראָוואָ 1 איז די גראָדנער תפיסה און אויף קיראָוואָ 3 — אין צווייטן הויז ממש — וווינט מיין מאַמע... זי וווינט און זי — ווייינט...

— איז וואָס־זשע אינטערעסירט אייך אַזוי פּינסק?

— איך מיין דאָן׳ נישט פּינסקער תּפיסה... איך מיין אפשר ביי אַ געוויסער אַרבעט אין פּינסק...

— ביי די זומפּן?...

— ווייס איך ביי וואָס?

— טאָ פאַרמאַכט איצט די אויגן. אפשר וועט איר אַביסל אַנטשלאָפן ווערן און זען אין חלום די... פּינסקער בלאָטעס...

— אויב חלומען, איז שוין פון עפּעס בעסערס...

מיר זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳איז מיר געווען אַ שאָד אין דעם מאָמענט אַנטשלאָפן צו ווערן. ס׳האָט זיך געגלוסט צו לייזן די רעטעניש: וווהין? וווהין גייט מען אונדז פירן? איך האָב מיינע בליקן איינגעגראָבן אין קראַטן־פענצטער און געשלונגען דורשטיק די גרויקייט פון באַגינען. ס׳איז ביסלעכווייז געוואָרן אַלץ ליכטיקער, העלער. די זון איז שוין אַפּנים אויפגעגאַנגען, ווייל אַט זע איך שוין אויך אין איין זייט אַ ראָזלעכן אָפּשיין. עס נעמט אַלץ נישט קיין שלאָף און קיין חלום איז נישט געקומען. מיין געהער האָט פאַרנומען דעם גערויש פון די תּפיסה־קעטשלעך, וועלכע זענען פון צייט צו צייט אָנגעקומען מיט פרישע „פּאַסאַזשירן״ פאַר אונדזער אַרעסטאַנטן־צוג.

אינדערפרי האָט מען אין אונדזער „קופּע״ אַריינגעבראַכט פאַר אונדז ברויט. אויך לויטן זעלביקן „מאָדוס״: אַ ברויטל פאַר פיר. דאָס מאָל האָט מען צום בר:יט גאָרנישט באַקומען. נישט קיין „קיפּיאַטאָק״, נישט קיין זופּקע. אַפילו שפּעטער צו מיטיק האָט מען אויך קיין לעפל פליסיקייט נישט באַקומען. צוליב דער דורשטיקייט און ענגשאַפט אין קעמערל האָט איטלעכן געברענט אַ גוואַלדיקער דורשט. מ׳האָט ממש געחלשט מיט עפּעס פייכט צו מאַכן דעם פאַרטריקנטן גומען. דערצו האָט זיך די זון שוין צעגליט און דער וואַגאָן איז געוואָרן אַלץ מער צעוואַרעמט.

— וואַסער! — האָט אַלע ווײַלע עמיץ געמאָנט ביים שומר פון יענער זייט טיר.

דער „נ. ק. וו. ד.יסט״ איז געשטאַנען גלייכגילטיק, ווי נישט אים מיינט מען עס. אַז די קולות זענען געוואָרן שטאַרקער און די געשרייען „וואַסער!״ האָבן אים שוין דעם קאָפּ געלעכערט, האָט ער נאָר באַוויליקט אַמאָל אַ ברום צו טאָן:

— ניע האַלדי! (ליאַרעם נישט!).

איין אַרעסטאַנט פון אונדזער „קופע", אַ מער היציקער פאַרשוין, האָט פון גרויס פאַרביטערונג אַ וואָרף געטאָן צו אונדזער גלייכגילטיקן שומר אויף יענער זייט:

— פאַשיסט, פשיאַ קרעוו!

דער „נ. ק. וו. ד.יסט", וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען ווי טויב צו אונדזערע קולות, האָט דעם לעצטן אויסרוף גראָד יאָ תיכף אויפגע־כאַפּט...

— ווער האָט עס געשריען? — האָט ער אַן עפן געטאָן די טיר און געוואָרט מען זאָל אים אָנווייזן, געזוכט מיט די אויגן.

איצט אָבער זענען מיר אַלע, אַזוי ווי ער פריער, געווען טויב ווי די וואַנט... קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

— ווער האָט געשריען? — חזרט ער איבער נאָכאַמאָל.

אַ שטומקייט.

— הינטישע זין! — גייט ער שוין אַרויס פון די כּלים.

— פאַרוואָס גיט מען אונדז נישט קיין וואַסער? — פרעגט אים ווער מיט אַ העכערן קול. — איר זעט נישט, ווי מענטשן פייניקן זיך?

— ברענגט אונדז וואַסער!

— וואַסער!

— וואַסער!

מ'האָט אים פון אַלע זייטן פאַרשריען. אַ בייזער, אַ דערצערנטער, האָט ער האַסטיק פאַרהאַקט די טיר און אַריינגעשריען דורכן טיר־לאָך:

— שלאָגט אייך קאָפּ אָן וואַנט!

ווי אין איין כאָר האָבן אַלע גענומען שרייען:

— וואַסער!

— וואַסער!

באַלד דערהערן מיר אויך פון די שכנותדיקע קעמערלעך די זעלביקע געשרייען:

— וואַסער!

— וואַסער!

דאָס געשריי האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע וואַגאָנעס. דער גאַנצער צוג האָט זיך צעשריען, צעליאַרעמט. אָבער די קולות און גוואַלדן האָבן נישט געהאָלפן. מיר האָבן קיין וואַסער נישט באַקומען. די טרוקענע גור־

מענס זענען נאָך מער טרוקן געוואָרן און האָבן געשטאָכן, גלייך ווי זיי וואָלטן באַשאָטן געוועזן מיט זאַמד...

— פּאַניע מעצענאַשיע! — זאָג איך איראָניש צו קורלאַנדסקין, — מיר באַפּולמעכטיקן אייך אונטערצונעמען אַ יורידישע אינטערווענץ וועגן וואַסער...

קורלאַנדסקי איז געווען מאָדנע בלאַס, פאַרחלשט. די וואַסער־קללה האָט אים לחלוטין דערשלאָגן.

— מען קאָן נאָר אינטערווענירן ביים רבונו של עולם... — ענטפערט ער מיט אַ פאַרחלשטער שטים, מיט טרוקענע ליפּן. — איבעריקנס, — גיט צו קורלאַנדסקי, — ווענדט זיך אָט צו דעם „חבר": ער קאָן זיכער ביי „זיי" פּועלן.

און ער ווייזט אָן אויף איינעם אין אונדזער קעמערל.

— וואָסער כוח האָט ער, דער דאָזיקער „חבר"?

— ס'איז „זייערס" אַ „חבר", אַ פּאַרטיי־חבר.

דאָס איז געווען איינער אַ נעבעכדיקער, שוואַרץ־באַבערדלטער יונגערמאַן פון אַ יאָר 35, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער און מיט קיין איינציק וואָרט זיך נישט אָפּגערופן. איבעריקנס, זיינע יאָרן איז שווער געווען צו באַשטימען אויפן אויג, ווייל אַלע האָבן מיר דאָ אויסגעזען ווי זקנים... אַזוי אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז אפשר אויך אַ סך יינגער ווי ער זעט אויס.

— פאַרוואָס־זשע שווייגט איר טאַקע, חבר? — ווענדט זיך ווער צו אים אין אַ שפּאַסיקן טאָן. — מסתמא קאָנט איר דאָך עפּעס אויפטאָן...

— אדרבה, — מישט זיך אַריין אַ צווייטער, וואָס קען אים אַפּנים, — פּועלט אויס וואָסער כאָטש פאַר זיך אַליין — ווי אַן „אייגענער", ווי אַ פּאַרטיי־חבר. הא, וואָס־זשע זאָגט איר, חבר חיים?

דער „חבר חיים", דער קאָמוניסט, האָט זיך לסוף אָפּגערופן מיט אַן ערנסטער, שוואַכער שטים:

— אייך ליגן אין זינען חכמות... נישט איצט איז דער מאָמענט פאַר וויצן...

— וואָס הייסט? — ענטפערט אים קורלאַנדסקי, — איר ווי אַ פּאַרטיי־חבר ליידט אומזיסט. איר דאַרפט זיך נישט שעמען. זאָגט דעם „שומר", אַז איר זענט אַ „חבר", וועט ער זיכער אייך גלייך דערלאַנגען

אַ טעפּל וואַסער... דאַן וואָלט איך ביי אייך געבעטן כאָטש איין טראָפּן פאַר מיר... כ'פיל, כ'גיי אויס...

— נו, חבר חיים! וואָס שווייגט איר? — מונטערט אים עמיץ אַנ־דערש.

— נישט קיין „חבר"... נישט קיין „אייגענער"... — רופט זיך לסוף אָפּ דער „חבר חיים", — דאָס אַלץ איז געווען... אָבער שוין נישט איצט...

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך קורלאַנדסקי, — ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט איר גאָר אַנדערש גערעדט... איר געדענקט, איר געדענקט בעת מיר זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין דער „ברעכאַל־קע"?... *) ווי איר האָט זיך עס דאַן געהיצט, געקאָכט און פאַרטיידיקט דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט?... איר געדענקט?...

— יאָ, איך געדענק... אָבער אַ מענטש איז נישט קיין פאַרגליווער־טע טויטע זאַך... ביי אַ מענטש, וואָס איז נישט קיין מאַשין, קאָנען זיך אויך איבערצייגונגען בייטן...

— וואָס הייסט? אויך ביי אייך?...

— שטעלט אייך פאָר, אויך ביי מיר... איך בין שוין נישט מער דער, וואָס געווען... כ'בין איצט ווי איר... אָט ווי איר אַלע...

— זינט ווען?

— זינט טאָקע די לעצטע פיר וואָכן... אין דער פינצטערער תפיסה איז מיר ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ... בלויז די „דאָפּראָסן" אין „נ. ק. וו. ד." האָבן מיר אויפגעעפנט די אויגן... אין לעבן טרעפן אַמאָל טראַגישע טעותים... אומזיסט יאָרן אַוועקגעגעבן אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג... אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע... אומזיסט געפּטרט יאָרן אין תפיסה צוליב קאָמוניזם...

ער האָט גערעדט כמעט בלחש, דער „חבר חיים", ווי אַ ווידוי. ער האָט עס גערעדט צו די עטלעכע מענטשן אין קעמערל, וועלכע האָבן אים אויסגעהערט מיט מיטגעפיל. נאָכן ענדיקן איז ער אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַן אויסדרוק פון דערלייכטערונג, גלייך ווי ער וואָלט צופרידן געווען פון דער געלעגנהייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ.

---

*) „ברעכאַלקע" — אַזוי האָט מען אין גראָדנע שפּאַסיק אָנגערופן דעם שווייצער־טאָל.

— דאָס הייסט, חבר, אַז קיין ביסל וואַסער קאָנט איר איצט נישט אויספועלן? אַ גרויסער שאָד!

— ניין, חברים... — ענטפערט ער מיט אַן אומעטיקן שמייכל, — עס טריקנט מיר אין האַלדז אַזוי ווי אייך...

נאָכן אויסהערן דעם ווידוי פון „חבר חיים" האָב איך געקריגן פאַר אים דרך־ארץ: גוט איז, אַז אַ מענטש איז ערלעך. קאָן ציען קאָנסעקווענצן פון געשעעענישן, פון דערפאַרונגען און לעבט נישט אין קאָנווענציאָנעלן ליגן... נישט אַלע זענען פעאיק דערצו... דער גרויסער רוב לעבט אָפּ אַ גאַנץ לעבן מיטן ליגן, און באַוווסטזיניק! ס'איז זיי אַזוי בעסער, באַקוועמער...

— אָבער, רבותי, ווו נעמט מען פאָרט אַביסל וואַסער? — פרעגט קורלאַנדסקי.

ער גייט צו צו דער טיר, פּרוווט אין אַ מילדן טאָן אַרויסרעדן דורכן לאָך צו דעם שומר־„נ. ק. וו. ד.יסט":

— טאָוואַרישטש, ווען וועט מען אונדז דאָך אַריינגעבן וואַסער?

— וואָס בין איך דיר פאַר אַ „טאָוואַרישטש"? — קומט אַ געבייזער פון יענער זייט, און דער שומר הייבט אָן אַרומשפּאַצירן איבערן קאָרידאָר הין און צוריק.

— זעט נאָר אַ רשעות!

— סדום!

— נו, ווער וואָלט אַזוינס געגלויבט!

די זון האָט זיך נאָך מער צעגליט און די וואַגאָנעס דערהיצט. נישט געווען אין דער דושנעקייט פון קעמערל מיט וואָס צו אָטעמען. מ'האָט שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקעס, און אַנדערע — אַפילו די העמדער.

ביים אַנידערלייגן אויף די בענק די מלבושים האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת.

— פאַרזיכטיק מיט דיין העמד... מיט דיינע לייז...

— נאָט אייך אַן אַריסטאָקראַט צום טיש! נו, און דיינע לייז?...

— געגנוג פאַר מיר מיינע אייגענע... נאָך דיינע לייז פעלן מיר?

— שאַט, שאַט, רבותי! קריגט זיך נישט! עס פעלט אונדז קיינעם נישט די „מציאה"... דערמיט זענען מיר אַפילו רייכער פון ראָטשילדן...

אין דער אומגעהויערער היץ פון קעמערל האָט מען אַפילו קיין

הונגער הײנט נישט געפּילט. עס האָט איטלעכן נאָר געבּרענט אַ מורא־דיקער דורשט. אינעווייניק האָט אַלץ געחלשט נאָך אַביסעלע פייכטקייט.

69

אין אומבאַקאַנטן וועג אַרײַן...

ס׳איז שוין מיטן טאָג. די זון שטייט שוין הויך אויפן הימל. אַפילו דורכן קראַטן־פענצטער זעט מען אַ שטיק הימל־בלויקייט. אַ פּרעכטי־קער זומער־טאָג. אין דערוויטנס זעען זיך דורכגייער. ווען עמיץ גייט פאַרבײַ נעענטער, וואָלט איך אַרויסגעשריען מען זאָל איבערגעבן אַ גרוס פון מיר מײַן מוטער, זי זאָל וויסן וווּ מען האָט מיך געזען. אָבער דער פאַרקאַן לאָזט נישט צו אַזוי נאָענט.

פּלוצלונג דערשפּירן מיר ווי די רעדער רירן זיך.

— מיר פאָרן!

— מיר פאָרן!

איך הער זיך צו צו דעם טאָן פון די אויסרופן. איך פיל אין זיי אַ דאָזע פרייד, אַ הייטערקייט. וואָס פרייען זיך די מענטשן? צי וויסן זיי דען וווהין מען פירט אונדז? ווי איך זע, לאָקט טאַקע אַלעמען דער „ער־געץ אַנדערש״, כאָטש קיינער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וווּ עס איז דער „ערגעץ אַנדערש״ און ווי וועט ער אויסזען...

— מיר פאָרן!

— מיר פאָרן!

אַזוי קענען זיך אויך פרייען קליינע קינדער, פאַר וועמען דאָס פאָרן גופא איז אַ גרויסע שמחה — אַפילו בעת מען פירט זיי אין נע־ונד — — וווהין גייט אָבער דער צוג? אין וועלכער ריכטונג?

איך קוק אַרויס געשפּאַנט דורכן קראַטן־פענצטער. איך שלינג מיט די בליקן די בערגלעך ביי דער זייט פון דער אייזנבאַן, די הײַזער פון דערוויטנס, די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט. באַלד דערזעט מען די אייזנ־באַן־בריק. מיר זענען שוין איבערן ניעמאַן. דאָס הייסט, אַז מיר פאָרן נישט אין דער ריכטונג צו ווילנע, נאָר, פאַרקערט, צו ביאַליסטאָק.

דער צוג גייט זייער פּאַמעלעך איבער דער הויכער בריק. איך קוק זיך צו צו דער הערלעכער פּאַנאָראַמע פון מײַן היימישן גראָדנע, וואָס

שפּרייט זיך אויס פאַר מיר אַלץ ברייטער, אַלץ אָפענער... אַט פּאָדאָל... קאַלאָזשע... די גרויסע, לאַנגע קאַזאַרמעס אויף פּאָדאָל... דער באַטאַרי־שלאָס איבערן ניעמאַן... די הייזלעך צעוואָרפן איבער די גרינע ברעגעס...

אין אויג, פיל איך, בריען טרערן... איך געזעגן זיך מיט אַלץ, מיט אַלעמען... מיטן היימישן ניעמאַן... מיט די אויסגעשפּרייטע גאַסן... מיט די נאָענטע דאָרט ערגעץ אויף קיראָוואַ 3... מיט אַלעמען... אַלעמען...

צי וועל איך נאָכאַמאָל זען די שטאָט? די מענטשן? — — — ווער ווייסט? ווער ווייסט?...

די וואַגאָן־רעדער רוישן איבער דער לאַנגער בריק און פאַרטויבן די מחשבות. די בריק ענדיקט זיך. דער צוג הייבט אָן גיין שנעלער. מיינע בליקן שלינגען די גאַסן פון „פערשטאָט״. אַט פאַרביי שוין די „ראַגאַט־קע״ אויף אמדורער גאַס. דער וועג צו מיין שטעטל...

— טראַ־טאַ! טראַ־טאַ! טראַ־טאַ!

אַלץ פאַרשווינדט — דער ניעמאַן, די ברעגעס, די גאַסן... אַלץ שוין אין דער ווייטנס... אַלץ אַנטלויפט פון מיין אויג... נישטאָ! — — —

מיר פאָרן שוין צווישן גרינע בערגלעך. בערגלעך באַוואַקסענע, באַ־דעקט מיט סאָסנעס און יאָדלעס.

מיר פאָרן פאַרביי די סטאַציע לאָסאָסנע. לאָסאָסנע — דאָס פריי־לעכע דאַטשע־אָרט ביי גראָדנע. אַן אָרט, וואָס האָט אַמאָל געגעבן אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל זאָרגלאָזיקייט...

אויך לאָסאָסנע שוין נישטאָ. פאַרשווונדן — ווי פאַרשוווּנדן ס׳איז די אַמאָליקע פרייד — — —

— טראַ־טאַ! טראַ־טאַ! טראַ־טאַ! — הילכן די רעדער, און זייער גערויש מישט זיך אַריין אין די רעיונות. די אויגן, וואָס זענען כסדר גע־ווענדט צום קראַטן־פענצטער, כאַפּן אויף די וואָקזאַלן, די היימישע שטעט־לעך, ווו דער אַרעסטאַנטן־צוג פאַרהאַלט זיך נישט אַפילו אויף קיין רגע.

קוזניצע, סאָקאָלקע. שפּעטער לאַפּי. מיר פאָרן, הייסט עס, זיכער קיין ביאַליסטאָק.

און ווידער גייט אַוועק אַ סדרה השערות ביים עולם וועגן דעם וווהין מען פירט אונדז. די פאַנטאַזיעס צעשפּילן זיך. יעדער פרווּוט טרעפן.

קורלאַנדסקי, — דער שוואַרץ־זעער, — גיסט אָפּ די היץ־קעפּ מיט אַ קאַלטן „דוש״:

— דער „פּאַראַד״, מיט וועלכן מען פירט אונדז, איז אַ גוטער סימן, אַז די „נסיעה״ איז נישט אַזאַ נאָענטע...

זייגער פינף פּאַרנאַכט איז אונדזער אַרעסטאַנטן־צוג אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ביים הויפּט־וואָקזאַל, נאָר ערגעץ ווייטער, צווישן אַ סך באַן־רעלסן, אַנטקעגן אַ לאַנגן, ריזיקן עשאַ־לאָן. פוןביידע זייטן — פּאַרקאַנעס און הינטער די פּאַרקאַנעס — הייזער, טיילן פון גאַסן, וואָס ענדיקן זיך דאָ.

אונדזער צוג איז תיכּף אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער מחנה „נ. ק. וו. ד.יסטן״, באַוואָפנטע מיט ביקסן.

— קריך אַרויס! — דערהערן זיך קולות איבער דער גאַנצער לענג פון אונדזער צוג.

פון אַלע וואַגאָנעס קריכן אַרויס די אַרעסטאַנטן. אַן עולם פון עט־לעכע הונדערט פּליטים. יעדע גרופּע ווערט פאַרהאַלטן ביי איר וואַגאָן. אונדזער צוג, אַ פּוסטער, פּאַרט באַלד אָפּ פון פּלאַץ.

אונדזער עולם נעמט זיך אַרומקוקן, מ׳זוכט מיט די בליקן באַקאַנ־טע, היימישע. אַ סך דערקענען זיך און עס הייבן זיך אָן איבעררופן:

— שיינמאַן! סערוווס...

— גראָס! גראָס!

— גרינבלאַט!

— זעלמאַן! ביסט, גאָט צו דאַנקען, אויך דאָ?...

— נישט רעדן! — דערהערן זיך געשרייען.

איך קוק צום לאַנגן עשאַלאָן — ווייזט זיך אַרויס, אַז טייל וואַגאָ־נעס זענען פאַרהאַקטע, פאַרריגלטע און פון אויבערשטע קליינע פענצ־טערלעך קוקן אַרויס קעפּ, אַ סך קעפּ. קעפּ פון הונדערטער, הונדערטער... די וואַגאָנעס אַזוי פיל און אומעטום — קעפּ... קעפּ... בלויז אַ קליינער טייל וואַגאָנעס — טאַקע דאָרט, וווּ מיר זענען שטיין געבליבן, — זענען אָפענע, מיט פאַנאַנדערגעקראַסטעטע ברייטע טירן. זעט אויס, אַז די דאָ־זיקע וואַגאָנעס זענען עס טאַקע פאַר אונדז. פאַר אונדז עקסטראַ רעזער־ווירט. דאָס זענען נישט אַזעלכע וואַגאָנעס ווי פון אונדזער אַרעסטאַנטן־צוג, נאָר „טיעפּלושקעס״.

צוליב דעם, וואָס מ׳האָט זיך פאַרט איבערגעשריִען איינער מיטן אַנ־דערן, איז געגעבן געוואָרן אַ קאָמאַנדע צו זעצן זיך אויף דער ערד. אפשר אויך דערפאַר, כּדי פאַרבייגייער ביים סאַמע פּאַרקאַן פון יענער זייט זאָלן

אונדז נישט קענען אָנקוקן. אַלע האָבן זיך געמוזט אַנידערזעצן מיט די פּנימער פֿאָראויס, כּדי די מענטשן זאָלן זיך פֿון דערווייטנס נישט קענען אָנקוקן און במילא נישט רעדן.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאָגל־נײַע רעוויזיע. וואָס זוכט מען ווידער? מ'האָט אונדז דאָך אַרויסגענומען פֿון תּפֿיסה, פֿון אַ סאָוויעטישער תּפֿיסה, מ'האָט אונדז דאָך דאָרטן שוין אַזוי בודק געווען — אַזוי גרינט־לעך און אַזוי ברוטאַל! וואָס ווילן „זיי" ווידער פֿון אונדז? צי האָבן „זיי" נישט קיין צוטרוי צו זייער אייגענעם תּפֿיסה־פּערסאָנאַל, וועלכער זאָל אונדז האָבן באַזאָרגט מיט... פּולעמיאָטן און באָמבעס?... אַ קשיא אויף אַ מעשׂה!...

70

אַ סצענע פֿון נאַקעטקייט...

אויך די דאָזיקע רעוויזיע אויף דרויסן, פֿאַרן עשאַלאָן, איז אַ פֿײַנ־לעכע, אַ ברוטאַלע. אַלע האָבן געמוזט, לויט אַ קאָמאַנדע, אַראָפּלאָזן די תּחתּונים און אַנטבלויזן דאָס לײַב... היות ווי דאָס זוכן האָט געדויערט, האָט במילא געדויערט די סצענע פֿון נאַקעטקייט פֿון הונדערטער מענטש־לעכע גופֿים. דער אופֿן פֿון זוכן ביי איטלעכן, דאָס פֿאַרקוקן צווישן די פֿיס און פֿון הינטן האָט ממש מבֿזה געווען דאָס מענטשלעכע וועזן... דער מין מענטש, דער כּבֿוד פֿון דער מענטשלעכער בריאה, איז אין די דאָזיקע רגעס געוואָרן אַזוי דערנידעריקט, געפּאַלן, אַז ביי אַ סך האָבן ממש גע־פֿלאַמט די פּנימער און זייערע אויגן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד...

נישט געשעמט האָבן זיך בלויז די אונטערזוכער, די רעוויזאָרן. זיי, די „נ. ק. וו. ד.־יסטן", האָבן מעכאַניש און גלײַכגילטיק אויסגעפֿירט זייער אַרבעט, נישטערנדיק און גראַבלענדיק זיך מיט זייערע הענט צווישן די קויטיקע מלבושים פֿון די אַרעסטאַנטן און צווישן די נאַקעטע מענטשלע־כע אבֿרים...

בעת דער רעוויזיע האָב איך צום פֿאַרקאָן נישט געקוקט. כ'בין זי־כער געווען, אַז נישט איין פֿאַרבייגייער אויף יענער זײַט פֿאַרקאַן האָט

זיך אָפּגעשטעלט קוקן מיט שוידער צו דעםווילדן, מאַקאַברישן ספּעק־טאַקל...

איך בין לאַנג אַזוי געשטאַנען אויף די קני, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד...

אַז די רעוויזיע האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונדז צוגעפירט נעענ־טער צום עשאַלאָן, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדז. דעם שפּיץ פון עשאַ־לאָן האָט מען נישט געזען — אַזוי לאַנג איז ער געווען. פאַר יעדער טיר, ביי יעדן וואַגאָן, איז געשטאַנען אַ לייטערל אָדער אַ ברעט מיט צוגע־שלאָגענע דרענגלעך אָנשטאָט טרעפּ, אַז דער פוס זאָל זיך פאַרהאַלטן.

מ'האָט גענומען אַרויסלייענען אונדזערע נעמען פון אַ רשימה. יע־דער, וועמען מ'האָט אַרויסגערופן, האָט זיך געדאַרפט אָפּרופן: — „יאָ!" (איך!).

— קריך אַהין! — האָט מען אים אַ ווייז געטאָן צום לייטערל.

אַזוי זענען די אַלע אונדזעריקע שנעל איינגעשלונגען געוואָרן פון די „טיעפּלושקעס".

די טיר פון מיין וואַגאָן איז פאַררוקט און פאַרריגלט געוואָרן. אינע־ווייניק זענען מיר געווען אַ „משפּחה" פון פערציק פאַרשוין!

ווידער אַ פאַרמאַכטער קאַסטן! ווידער אַ תפיסה־צעלע!

איך קוק זיך צו צום עולם — אַלץ אומבאַקאַנטע. בלויז דער געוועזענער לאָדזשער קאָמוניסט, דער „חבר חיים", איז דאָ פאַראַן. מיין באַ־קאַנטער אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי איז אַריינגעפאַלן, לויט די רשימות, אין אַן אַנדער „טיעפּלושקאַ".

די „מעבלירונג" אינעווייניק איז ווי פאַר אַרעסטאַנטן: פון ביידע זייטן — נאַרעס. צו צוויי נאַרעס, איינע איבער די אַנדערע. אַזוי פון ביי־דע זייטן. צוזאַמען הייסט עס, פיר נאַרעס, צו צען פאַרשוין אויף אַ נאַ־רע. איבער די צוויי אויבערשטע נאַרעס זענען געווען קליינע פענצטער־לעך אין קראַטן. אין גאַנצן וואַגאָן אַזעלכע צוויי פענצטערלעך. דערפאַר איז אין וואַגאָן האַלב־טונקל, חושכדיק.

פאַראַן דאָ אויך אין וואַגאָן נאָך אַ וויכטיקע „באַקוועמלעכקייט" — אַן „אובאָרנאַיאַ": אַ פּשוטער לאָך אין דער פאָדלאָגע פון וואַגאָן פאַר מענטשישע באַדערפעניש...

— „ביי אונדז איז זייער קולטורעל"... — דערמאָנט זיך מיר די באַרימערישע פראַזע, וועלכע מ'פלעגט תמיד הערן פון די רויטאַרמייער,

אַז מען פלעגט זיי אין גראָדנע צי אין ביאַליסטאָק אויספרעגן וועגן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דיביידע פלעצער ביי די צוויי פענצטערלעך זענען תּיכּף פאַרנומען געוואָרן. צו איינעם פון זיי האָט מען צוגעלאָזן אַן עלטערן ייד — אַ שוואַכער, אַ בלאַסער, מיט אַ שווערער אַסטמע. דאָס האָבן אַלע געזען פון זיין שווער אָטעמען און פון די שווייס־טראָפּנס אויף זיין שטערן. מען האָט דעריבער אַראָפּגענומען אַ יינגערן פון יענעם אָרט ביים פענצטערל און אַרויפגעלאָזט אַהין דעם קראַנקן עלטערן ייד.

דאָס אָרט ביים פענצטערל, נישט געקוקט אויף זיין גרויסער מעלה — לופט, לופט! — האָט אויך געהאַט אַ חסרון: שטענדיק איז עס געווען באַלאַגערט, ווייל אַלע האָבן זיך געשטופּט אַהין, וועלנדיק כאַפּן אַ בליק וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. אגב, טאַקע צוליב דער לופט אויך. עס האָט איטלעכן זיך געוואָלט אַ טיפן אָטעם טאָן אַביסל ריינע לופט פון דרויסן.

דורכן פענצטערל האָט מען געזען איבער דער באַריער, ווי עס שטעלן זיך אָפּ דורכגייער. מענטשן פאַרהאַלטן זיך און קוקן זיך צו נייגעריק צו אונדזער קילאָמעטער־לאַנגן עשאַלאָן. די נייגעריקע דאָרט זענען אַלץ יידן. מסתּמא האָבן יענע פון דערווייטנס באַמערקט אין אונדזערע פענצטערלעך יידישע קעפּ.

אונדזער עשאַלאָן האָט נישט געשוויגן. פון פאַרשיידענע וואַגאָנעס האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קולות:

— וואַסער!

— וואַסער!

אָבער, זעט אויס, אַז דער „נ. ק. וו. ד." איז איצט נישט געלעגן אין זינען צו פאַרזאָרגן אַזוי פיל וואַגאָנעס מיט וואַסער. פאַראַן בילכערע אַר־בעט: רעוויזיעס פון די פריש־צוגעקומענע אַרעסטאַנטן ביים אַנדערן עק פון עשאַלאָן; די פאַרטיילונג און „פּאָסאַדקאַ" (באַזעצונג) אין די וואַ־גאָנעס אַריין. אַלץ דאַרף „קלאַפּן" שנעל. היינט וואָס־זשע גייען זיי אָן די געשרייען „וואַסער!"...

איך רוק אויך צו מיין קאָפּ צום פענצטערל. אויף יענער זייט פאַר־קאָן דערזע איך עטלעכע יידישע פרויען. עלטערע פרויען. אפשר אויך מאַמעס, וואָס זענען געקומען מלווה זיין זייערע זין, וועלכע ווערן פון זיי

אָפּגעריסן?... איך האָב דייטלעך געזען ווי די דאָזיקע פרויען האָבן זיך געווישט די אויגן — — — —

איין פרוי פון אַ רעדל גייט צו נעענטער צום פּאַרקאַן, שטרעקט אַרויס די האַנט, אין וועלכער זי האַלט אַ ברויטל, און זי רופט צו די „ב. ק. וו. ד.״־שומרים נעבן אונדזערע וואַגאָנעס:

— טאָוואַרישטש... טאָוואַרישטש... זייט אַזוי גוט... גיט זיי דאָרט איבער... דאָרטן אין וואַגאָן... איך בעט אייך...

די „ב. ק. וו. ד.יסטן״ האָבן צו איר אַפילו דעם קאָפּ נישט אויסגע־דרייט. אדרבה, זיי זענען אַריינגעפאַלן אין צאָרן, געוואָרפן זיך צו די וואַגאָנעס און מיט די אויפגעהויבענע ביקסן־שטיקעס אין דער לופטן אָפּ־געטריבן די אַרעסטאַנטן פון די פענצטערלעך.

דאָס פאַרטרייבן די קעפּ פון די פענצטערלעך האָט אָבער נישט פאַר־טריבן דעם דורשט, די ברענעניש אין די געדערים, די טריקעניש פון גו־מען... און די געשרייען זענען געוואָרן נאָך שטאַרקער, נאָך העכער. די קולות האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג פון עשאַלאָן. מ׳האָט געשריען איינציקווייז און אין כאָרן:

— וואַ־סער!

— וואַ־סער!

— וואַ־סער!

די גוואַלדן האָבן זיך געריסן צום דרויסן, צו די גאַסן, צו דער שטאָט, צו דער וועלט — — —

כאָטש די שומרים האָבן געטריבן מיט די שטיקעס, פונדעסטוועגן האָבן זיך אַלע ווײַלע צוגערוקט אַ פּאָר קעפּ צום פענצטערל — ביז יענע אונטן האָבן באַוויזן אַ הייב צו טאָן די ביקס. אַזוי האָט זיך עס כסדר איבערגעחזרט ביי אַלע וואַגאָנעס, גלייך ווי אַ שפּיל אין קאַץ און מויז...

דאָרט, פון יענער זייט פּאַרקאַן, ווערן די רעדלעך גרעסער. ביאַליס־טאָקער יידן, אחינו בני ישראל, האָבן דערזען וואָס מען גייט טאָן מיט די פּליטים — מיט די היימלאָזע יידן... זענען זיי געשטאַנען און גע־קוקט מיט מיטלייד, מיט צער, געשאָקלט מיט די קעפּ אויף דעם גרויסן בראָך...

פון איין רעדל דערטראָגט זיך צו אונדז אַ שטים פון אַ פרוי:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, נישטאָ צווישן אייך איינער גאָלד־שטיין?

— גאָלדשטיין! גאָלדשטיין! — רופט מען זיך איבער אין די שכני־שע וואַגאָנעס.

— נישטאָ, מומעשי! נישטאָ! גייט פרעגן ווייטער... צו יענע וואַ־גאָנעס...

מיר באַמערקן באַלד, ווי פון יענער זייט פּאַרקאַן וואַקסן אויס אַ פּאָר „נ. ק. וו. ד."־לייט, וואָס צעטרייבן די רעדלעך יידן. זיי בלייבן שוין דאָרט, די שומרים, דרייען זיך אום הין און צוריק און לאָזן מער נישט אָפּשטעלן זיך קיינעם ביים פּאַרקאַן. און אַז עמיצער גייט פאָרט פאַרביי, מאַכן זיי צייכנס מען זאָל גיין ווייטער, נישט אַזוי נאָענט פון פּאַרקאַן. געזינטער, הייסט עס, פאַר די בירגער נישט צו זיין אַזוי טשיקאַווע און נישט אַזוי בעל־רחמנותדיק...

71

די ערשטע נאַכט אין עשאַלאָן

ס'איז געוואָרן אָוונט. אַ פינצטערניש האָט אַרומגענומען אונדזער „אַפּאַרטאַמענט": די שמוציקע „טיעפּלושקאַ". בלויז דורך די קראַטן־פענצטערלעך האָט אַריינגעדרונגען אַ פּיצל קאַרגער אָפּשיין פון אַ שכנישן לאַמטערן. בלויז אַ קליינעם טייל, אַ פּאָר פּלעצער בלויז ביים פענצטערל, האָט דער דאָזיקער אָפּשיין פאַרכאַפּט. דער עולם האָט זיך אויסגעצויגן אויף די נאַרעס און געוואַרט אויף אַביסל שלאָף, וואָס זאָל מאַכן אַביסל פאַרגעסן; וואָס זאָל אָוועקטראָגן פון דאַנען...

פאַר מיר איז דער וואַגאָן געווען אַן ענדערונג צום גוטן: צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ צייט געקאָנט ליגן אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג... ליגן אויף ברעטער, נישט אויף אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע... אמת, האַר־טע ברעטער, מיט דער פויסט צוקאָפּנס; אָבער דאָך בעסער ווי אין תפיסה. מען איז געלעגן איינגעפּרעסט איינע אין די אַנדערע. די נאַרע איז צו שמאָל געווען פאַר צען פאַרשוין. האָט מען זיך איינגעפּרעסט ווי די הערינג אין אַ פאַס. די לופט איז דאָ אויך געווען אַ בעסערע ווי אין דער תפיסה־קאַמער, ווייל די קראַטן־פענצטערלעך זענען געווען אָן שויבן און עס איז אַריין דורך זיי אַביסל לופט. עס האָט אַביסל גרינגער געמאַכט און דורכגעלופטערט די אויסדעמפונגען פון פערציק שלאָפנדיקע נפשות.

איז טאַקע אין דער דאָזיקער נאַכט געקומען צו מיר אַ שלאָף. כ'בין אַנט־שלאָפן געוואָרן האַרט, האַרט ווי אין קבר. כ'האָב אין דאָזיקן האַרטן שלאָף אַפילו נישט געפילט, אַז איך לעב...

לאַנג האָט מען אָבער נישט געלאָזט שלאָפן. אין מיטן נאַכט — אַ „טרעוואָגע" ביי דער ברייט־פאַנאַנדערגערוקטער טיר.

— אויפשטיין! — דערהערט זיך אַ געשריי פון אַ „ב. ק. וו. ד.יסט", וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר און באַלויכטן אונדז מיט אַן עלעק־טרישן טאַשן־לעמפל. דאָס לעמפל האָט אַלעמען געשטאָכן אין די פאַר־שלאָפענע אויגן.

וואָס ווידער? וואָס קומט ער אונדז לאָזן הערן?...

ער הייסט אַלעמען אַראָפּקריכן פון די נאַרעס און איבערגיין אויף איין זייט פון וואַגאָן.

— פּאָווערקאָ!

דער „ב. ק. וו. ד.יסט" האָט גענומען אַרויסלייענען פון אַ רשימה די נעמען, באַלייכטנדיק זיך דערביי מיטן טאַשן־לעמפל.

יעדער אויסגערופענער איז אַריבער אויף דער אַנדער אויסגעליידיק־טער זייט. אַזוי ביזן לעצטן. אַ „פּאָווערקאָ", הייסט עס, ווי אין תפיסה. אָבער פאַרוואָס גראָד אין מיטן נאַכט? פאַרוואָס נישט לאָזן די מענטשן כאָטש אַביסל רו! כאָטש אַביסל זיך צו פאַרגעסן ווו מיר זענען? — — —

— אויף די ערטער! — האָט ער דאַן אַ קאָמאַנדע געגעבן.

— ווער איז דער עלטסטער? — פרעגט ער.

מ'ווייזט אים אָן אויפן קראַנקן ייד אין דער הויך ביים פענצטערל.

— דו וועסט זיין סטאַראָסטאָ פון וואַגאָן, — זאָגט ער צום ייד.

— כ'בין קראַנק... — רופט זיך אָפּ דער ייד מיט אַ נעבעכדיק קול.

— אמת, אמת, ער איז אַ קראַנקער! — באַשטעטיקן אַנדערע אין וואַגאָן.

— לאַדנאָ!

דער „ב. ק. וו. ד.יסט" פירט מיטן עלעקטרישן לעמפל איבערן וואַ־גאָן און שטעלט זיך אָפּ ביי אַן אַנדערן:

— דו וועסט זיין סטאַראָסטאָ.

— גוט.

— דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע פערציק מענטשן אין וואַ־גאָן. דו הערסט?

יענער האָט געשוויגן. אין דער רגע האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער „פאַראַנטוואָרטלעכקייט"...

— טאָמער אַנטלויפט עמיצער, צאָלסטו מיטן קאָפּ... — גיט צו דער „נ. ק. וו. ד.יסט".

דער ביי־געקרוינטער סטאַראָסטאַ הערט אויס מיט אַ זויערער מינע.

יענער איז אַרויס און די ברייטע טיר האָט זיך ווידער צוגערוקט און פאַרשלאָסן פון יענער זייט.

עולם האָט זיך אויף דאָס ניי אויסגעלייגט אויף די נאַרעס. אָבער נישט צו אַלעמען איז צוריקגעקומען דער שלאָף. איך בין געלעגן שוין מיט אָפענע אויגן און זיך איינגעקוקט אין חלל פון פענצטערל, אין געלב־לעכן אָפּשיין פון דער לאַמטערן. ערגעץ האָבן צוגן געפּייפט אין דער נאַכט אַריין. וואָס פאַר אַ בשורות זאָגן זיי אָן דער וועלט?... וווהין איילן זיי? צי פאָרן דאָרט מענטשן פריי, וווהין זיי ווילן? צו נאָענטע, צו היי־מישע שטעט? אָדער פירט מען זיי אויך אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען, אַזוי ווי אונדז?... און מענטשן ליגן דאָרט אויך אויף נאַרעס, קוקן אויך אַרויס דורך קראַטן־פענצטערלעך? — — —

די פינצטערניש איז ביסלעכווייז צעקראָכן געוואָרן. עס איז פון מי־נוט צו מינוט געוואָרן העלער, ליכטיקער. דורכן פענצטערל זע איך אַנט־קעגן ווי די שויבן פון עפּעס אַן איינזאַמען פּוסטן וואַגאָן האָבן זיך צע־שפּילט מיט קאָלירן: די זון, הייסט עס, איז שוין אויפגעגאַנגען. שוין טאָג.

72

אַדיע, ביאַליסטאָק!

פּלוצלונג הייבט זיך דער עשאַלאָן אָן צו באַוועגן. עס קרעכצן די רעדער אַזוי שווער.

באַלד נעמט דער עשאַלאָן גיין האַסטיקער. די רעדער צערווישן זיך.

— מיר פאָרן!

— מיר פאָרן!

אַלע כאַפּן זיך אויף, רייסן זיך אויף אויף די נאַרעס.

מען באַלאַגערט די פענצטערלעך.

די ביאַליסטאָקער גאַסן שאַרן זיך שנעל אַוועק, שאַרן זיך און בלייבן פון הינטן. פאַרשווינדן.

עמיץ האָט זיך צעזונגען:

אוי, אוי ביאַליסטאָק...

און דער גאַנצער כאָר האַלט אונטער:

אוי, אוי, ביאַליסטאָק...
מיין שטעטעלע ביאַליסטאָק — — —

דאָס האָט מען געזונגען מיט דעם ניגון פון „מיין שטעטעלע בעלז", פאַראַפראַזירנדיק דעם טעקסט, פאַרטוישנדיק „בעלז" אויף „ביאַליסטאָק". דערביי האָט יעדערער אין זינגען אַליין אַריינגעפלאָכטן אַנדערע ווערטער — אַזוי אַז עס האָט זיך באַקומען אַ ווילדער געמיש — האַלב־ערנסט, האַלב־גראָטעסק. דער ניגון איז אָבער געווען איין און דער זעלביקער — אַ רירנדיקער, אַן אומעטיקער. די זינגער אַליין זענען גערירט געווען און ביי אַ סך האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן... דער עלטערער ייד ביים פענצטערל, דער אַסטמאַטיקער, האָט זיך צעכליפּעט אויפן קול...

דער עשאַלאָן פליט שנעלער. די רעדער רוישן האַסטיקער:

— טראַ־טאַ! טראַ־טאַ! טראַ־טאַ!

די לעצטע גאַסן פון שטאָט פאַרשווינדן. ביאַליסטאָק פאַרשווינדט. מענטשן הייבן זיך ווידער אָן צו קליגלען:

— וווהין? אין וועלכער ריכטונג?

קיינער ווייס נאָך נישט זיכער. מען היט דאָס פענצטערל, מען וויל אָפּהיטן די ווייטערדיקע סטאַנציעס.

דער עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי עפּעס אַ קליינער סטאַנציע. אין דער זייט זעט זיך אַ דאָרפישער ישוב.

באַלד ריגלט זיך אָפּ און עס רוקט זיך פאַנאַנדער די טיר פון וואַגאָן.

— סטאַראָסטאַ! — רופט אויס אַ „נ. ק. וו. ד.יסט".

אונדזער סטאַראָסטאַ טאַנצט אַראָפּ פון דער נאַרע.

דער „נ. ק. וו. ד.יסט" הייסט דעם סטאַראָסטאַ גיין נאָך ברויט פאַרן גאַנצן וואַגאָן. ער דאַרף מיטנעמען אַ זאַק אָדער דעקע. קיין זאַק האָט דאָך קיינער נישט, נעמט ער אַ דעקע. און ווער ווייסט וואָס אין דער דעקע טוט זיך נאָך אַ חודש תפיסה?...

דער „נ. ק. וו. ד.יסט" נעמט אים מיט מיט זיך, פאַרשליסט צוריק די טיר נאָך זיך. דער עולם וואַרט געשפּאַנט. שפּעטער לאָזט מען דעם סטאַראָסטאַ צוריק אַריין שוין אַן אָנגעלאָדענעם מיט ברויט.

— מיר באַקומען אויך וואַסער! — גיט ער איבער מיט שמחה.

— וואַסער!

— וואַסער!

ער לאָזט איבער ביי אַ פּאָר מענטשן די צונויפגעבונדענע דעקע און גייט ווייטער אַראָפּ נאָך וואַסער. עס דויערט נישט לאַנג און ער ברענגט אַן עמער וואַסער פון אַ פּלומפּ ביי דער סטאַנציע. דאַן ווערט שוין די טיר ווידער פאַרהאַקט.

מען נעמט זיך צו דער חלוקה. ווייזט זיך אַרויס, אַז צום ברויט האָט מען נאָך צוגעגעבן פיש. אַלטע, פאַרדאַרטע, געזאַלצענע פיש. די פיש זענען געווען גרויס און דין, פאַרצויגן מיט אַ ווייסקייט ווי שימל.

— פריער דאָס וואַסער! — רופט ווער אויס.

און אַלע נאָך אים:

— פריער וואַסער!

— וואַסער!

ביי אַלעמען איז דאָס וואַסער אין דער רגע געווען אַ סך חשובער ווי דאָס ברויט מיט די פיש.

דער סטאַראָסטאַ האָט גענומען צו זיך נאָך אַ פּאָר געהילפן און מען האָט גענומען אויסטיילן דאָס וואַסער. איטלעכער האָט באַקומען דערוויַיל אַ טעפּעלע, אַן אַנדערטהאַלבן גלאָז לערך. מענטשן האָבן געציטערט איי־בער יעדן טראָפּן. מ׳האָט קודם־כל אָפּגענעצט די ליפּן, אַ שלונג געטאָן, זיך איינגעהאַלטן נישט אויסצוטרינקען עס פאַר איין מאָל, כאָטש עס האָט זיך גוואַלדיק געגלוסט אַ צי אַריין טאָן דאָס גאַנצע טעפּל אין פאַר־טריקנטן גומען און זיך דערקוויקן, מחיה זיין. וואַסער! וואַסער! ס׳אַראַ חיות! ס׳אַראַ תענוג! ווער נאָך וואָלט געקאָנט אָפּשאַצן דעם טעם פון וואַסער אַזוי ווי מיר, אָט די פאַרשמאַכטע!... דער פאַרטריקנטער גומען איז אָפּגעפרישט געוואָרן. די אויגן האָבן זיך ווי לעבעדיקער צעעפנט... וואַסער! וואַסער!

איך פאַרגין זיך אויך אַ „פאַרשווענדערישקייט": איך נעץ אָפּ פאַר־זיכטיק מיט עטלעכע טראָפּנס די שפּיצן פינגער און וויש מיר אויס די אויגן, וואָס האָבן געשטאָכן פון לאַנג נישט באַנעצן זיי. איך טו עס מיט

דער גאַנצער אָפּגעהיטנקייט — אַזוי אַז קיין איינציקער טראָפּן זאָל, חלילה, נישט אַראָפּטריפן אויף דער פּאָדלאָגע.

נאָכן פאַרטיילן דאָס וואַסער נעמט מען זיך צום ברויט מיט די פיש. דאָס איז שפּייז אויף צוויי טעג. אַ ברויטל פון צוויי קילאָ לערך פאַר צוויי מענטשן. יעדער באַקומט אַ האַלב ברויטל. אויך פאַר די פיש האָט מען ווי עס איז געשאַפן אַ טייל־„מאָדוס". די פיש האָבן אָבער ווייניק גע־לאָקט. זיי זענען געווען האַרט, ווי ברעטלעך, אָן שום יידישן טעם. דערצו איז עס געווען אַזוי געזאַלצן. עס האָט אַזש געריסן ביים גומען, אַזוי ווי לוגער. דאָס ברויט איז אויך געווען אַלט און פאַרשימלט. אָבער ס'האָט זיך קיינער נישט פאַרגונען אויסצוקלאַפּן דעם שימל פונעם ברויט און מ'האָט געגעסן צוזאַמען מיטן שימל.

פון פאַרשימלטן ברויט און געזאַלצענע פיש האָט ווידער גענומען ברענען דער דורשט. אָבער מ'האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און זיך געמאַטערט איבערצולאָזן כאָטש אַביסעלע וואַסער אויף שפּעטער. נישט אַלע האָבן עס געקענט ביי זיך פועלן. געווען אַזעלכע „טרייפענע העל־דזער", וואָס האָבן באַלד פאַר איינמאָל אַלץ אויפגענאַשט: סיי דאָס ברויט, סיי דאָס וואַסער און געבליבן ביי גאָרנישט...

איך וואַרף אַ בליק צום פענצטערל: די סטאַנציע אַנטקעגן איז לחלו־טין ליידיק. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. אַפּנים, אַז מען האָט באַצייטנס דאָ עקסטראַ אָפּגערוימט פון נייגעריקע. אַ סימן: אויפן פּעראָן דרייט זיך דאָ אום אַ גאַנצע בריגאַדע פון „נ. ק. וו. ד.".

צו וואָס די „צושויער"?... גלייכער, אַז אַזאַ עשאַלאָן פאָרט אַדורך דורך אַ מדברדיקע פוסטקייט...

דער עשאַלאָן רירט ווייטער. ווייטער אין דעם אומבאַקאַנטן וועג אַריין...

באַלד דערהערן זיך קולות אין וואַגאָן:

— אַ סטאַנציע! אַ סטאַנציע!

— וואָלקאָוויסק!

— וואָלקאָוויסק!

דער עשאַלאָן בלייבט אָבער נישט שטיין. ער איילט ווייטער — אַזוי ווי אַן עקספּרעס־צוג אויף אַ נישט־וויכטיקער פּראָווינץ־סטאַנציע, וואָס פאַרדינט נישט אַזאַ זכות. מיר זעען אין דער ווייטנס די שטאָט, נאָענטע פאַרבייגייער, וואָס פאַררייסן די קעפּ און קוקן פאַרגאַפט צום פליענדיקן

לאַנגן עשאַלאָן. גלייכער נישט צו ווייזן אַזאַ „לאָדונג" די בירגער פון די „באַפרייטע" געביטן... אַ קנאַפּע רעקלאַמע!...

אַזוי איז אויך געווען שפּעטער, בעת מיר זענען פאַרבייגעפאָרן סלאָנים און נאָכדעם באַראַנאָוויטש. דער עשאַלאָן איז דורכגעגאַנגען, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אויף קיין מינוט נישט אַפילו.

אויך אין באַראַנאָוויטש צעזינגט זיך דער עולם מיטן ניגון און פּאַראַפראַזע פון „בעלז"

אוי, אוי, באַראַנאָוויטש — —

און מערקווערדיק: נישט נאָר אין אונדזער וואַגאָן צעזינגט מען זיך, נאָר עס דערגייען אויך די זעלבע טענער, דער זעלבער ניגון אויך פון אַנדערע שכנישע וואַגאָנעס, גלייך ווי עס וואָלט אַזוי „רעזשיסירט" געוואָרן פון פאָראויס...

אוי, אוי, באַראַנאָוויטש —
מיין שטעטעלע באַראַנאָוויטש — —

וויפל ווייי האָבן די מענטשן אַריינגעלייגט אין דאָזיקן געזאַנג! דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון געבראָכענע הערצער — — —

אָפּגעשטעלט האָט זיך דער עשאַלאָן הינטער באַראַנאָוויטש, ביי עפּעס אַ קליין סטאַנציעלע. מיר זענען דאָ לאַנג געשטאַנען. קיינער האָט לכתחילה נישט געוווסט פאַרוואָס. מ'האָט אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך און גאָרנישט באַמערקט. די „נ. ק. וו. ד." האָט זיך אומגעדרייט לענג־אויס דעם לאַנגן עשאַלאָן, הין און צוריק, הין און צוריק.

באַלד איז קלאָר געוואָרן די סיבה פון אונדזער לאַנגן שטיין: פון דער באַראַנאָוויטשער זייט איז אָנגעפאָרן אַן אַרעסטאַנטן־צוג און זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אונדז. עס איז פאָרגעקומען דאָס זעלביקע וואָס מיט אונדז אין ביאַליסטאָק; מ'האָט פון אַרעסטאַנטן־צוג אַרויסגענומען מענטשן — אַ סך מענטשן, פּליטים, אַזוי ווי מיר — און מ'האָט זיי גענומען רעווידירן. פּונקט ווי אונדז, מיט דער זעלבער אומפאַרשעמטקייט, מיט דער זעלבער ברוטאַלקייט. דאָס האָט געדויערט גענוג לאַנג. נאָך דער רעוויזיע האָט מען די צוגעקומענע אַרעסטאַנטן געפירט לענג־אויס פון אונדזער עשאַלאָן, פאָראויס. אַפּנים דאָרט זענען געווען רעזערווירט נאָך ליידיקע וואַגאָנעס פאַר די נייע „פּאַסאַזשירן"..

איצט איז שוין קלאָר אויף וועמען דער עשאַלאָן האָט געוואָרט... עס איז אויך קלאָר און פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער עשאַלאָן האָט אין באַראַנאָוויטש גופא נישט אויפגענומען די דאָזיקע „פּאַסאַזשירן", די „דערפאַרונג" אין ביאַליסטאָק, די סצענעס אַרום עשאַלאָן, די געזעמלען פון פאַרבייגייער אויף יענער זייט פּאַרקאַן — דאָס אַלץ האָט באַוויגן די „נ. ק. וו. ד." צו מאַכן די „פּאַסאַדקע" פון די אַרעסטאַנטן הינטער דער שטאָט און אַזוי אַרום אויסמיידן דעם נישט־נייטיקן „ספּעקטאַקל"...

דער אויסגעליידיקטער אַרעסטאַנטן־צוג האָט לאַנג מאַנעווורירט און איז לסוף צוריקגעפאָרן פון וואַנען ער איז געקומען. אונדזער עשאַלאָן האָט זיך אָבער ווייטער פאַרהאַלטן. צי מחמת דער וועג איז נישט געווען פריי, אָדער אפשר האָט נאָך אונדזער עשאַלאָן געהאַט אויפצונעמען פריי־שע פּאַרטיעס פּליטים?...

דער עולם אין וואַגאָן האָט זיך צערעדט, צעשמועסט. צייט איז דאָך שוין איצט פאַראַן אַ סך... וווהין צו איילן זיך איז נישטאָ... פאַראַן דאָ יידן פון וואַרשע, פון לאָדזש, פון לובלין, פון טשענסטאָכאָוו און פון אַנ־דערע מקומות. אַן עמכדיקער עולם. מען געפינט־אויס געמיינזאַמע באַ־קאַנטע און מען ווערט היימישער. מ'דערנענטערט זיך. נישטאָ קיין אַנ־דער געזעלשאַפט אין וואַגאָן. מ'מוז זיך איינלעבן מיט די דאָזיקע מענטשן. עס גייט אַ גערייד בציבור און גרופּקעסווייז, פּאָרווייז. ווער עס ליגט אויף דער נאַרע, ווער עס דרייט זיך אום אַ דענערווירטער איבערן קליינעם שטח פון נאַרע ביז נאַרע.

מיינע שכנים אויף דער נאַרע זענען: פון איין זייט — אַ פעטלייבי־קער יונגערמאַן מיט קאַלירן אין די באַקן, מיטן נאָמען האַלצמאַן, אַ וואַרשעווער, פון פאַך אַ קאָנדיטאָר. פון דער צווייטער זייט — דער „חבר חיים", דער געוועזענער לאָדזשער קאָמוניסט.ביים פאַרנעמען די פּלעצער האָט ער עקסטראַ זיך צוגעשאַרט צו מיר, ווערנדיק ווערן מיין שכן.

האָלצמאַן ליגט אויסגעצויגן אויף דער נאַרע, פאַרלייגט ביידע הענט אונטערן קאָפּ און ווייצלט זיך:

— פונדעסטוועגן זענען זיי גאַנץ גוטהאַרציקע לייט, די „נ. ק. וו. ד."... זייער גאַסטפריינדלעכע... גיבן אונדז אומזיסטע באַנען... מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן... אַפילו מיט אַן אייגענער „אובאָרנאַיאַ" אינטער דער נאָז... אַבי אונדז נישט צו פּאַטיגירן...

אַ גאַנץ גוטמוטיקער מענטש געווען, דער דאָזיקער האָלצמאַן. איינ־

דערפֿרי, אַז ער האָט דערזען ווי איך ליג בלויז מיט דער פּויסט צוקאָפּנס, האָט ער מיר געגעבן אונטערצולייגן זיינס אַ צווייט רעקל, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. דאָס איז טאַקע געווען אַ שטיק ישועה פֿאַר מיין קאָפּ, וואָס איז פֿון די האַרטע ברעטער געווען אָנגעגאָסן ווי מיט בליי.

ס׳איז געוואָרן נאַכט און מיר שטייען נאָך אַלץ אויף אַן אָרט. אַלע האָבן זיך פֿאַרקליבן אויף די נאַרעס. היינטיקע נאַכט וועל איך מסתמא שלאָפֿן בעסער ווי די גאַנצע צייט: האָב איך דאָך שוין וואָס אונטערצולייגן צוקאָפּנס.

און אַז איך צי זיך אויס גוט אויף דער נאַרע, זאָג איך צו האַלצמאַנען:

— כ׳בין אייך זייער דאַנקבאַר פֿאַר אייער חסד... ס׳איז באמת אַ חסד של אמת... וואָרום מיט וואָס וועל איך אייך דאָ קאָנען אָפּדאַנקען?...

— אַ גוט וואָרט איז אַמאָל בעסער פֿון אַלץ. — ענטפֿערט ער.

איך נורע זיך איין אין האַלצמאַנס מאַרינאַרקע און באַמי זיך איינצושלאָפֿן. אָבער דער שכן פֿון דער אַנדערער זייט — דער „חבר חיים“, — איז אומרואיק און דרייט זיך פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער. מחמת ענגשאַפֿט שטויסט ער זיך אַלע ווילע אָן אָן מיר און שטערט מיר איינצושלאָפֿן. איין מאָל, ביים איבערדרייען זיך האָט ער שיער נישט זיין פּלאַץ פֿאַרלוירן: זיין שכן פֿון יענער זייט האָט זיך אינסטינקטיוו אַ רוקגעטאָן בעת־מעשה אויף „חבר חיימס“ טעריטאָריע. ס׳איז געקומען צו אַ גאַנצער מחלוקת. „חבר חיים“ האָט גענומען פּראָטעסטירן קעגן דעם אַנדערן שכן, צוליב וועמען זיין פּלאַץ איז אַזוי איינגעשרומפּן געוואָרן. בעתן דאָזיקן קאָנפֿליקט האָט מען זיך דערעדט, אַז להבא זאָל זיך קיינער נישט איבערדרייען „ביחידות“, נאָר „בציבור“, לויט אַ קאָמאַנדע... נאָר אַזוי אַרום וועלן אַלע קענען אָפּהיטן די „סוווערעניטעט“ פֿון זייערע פּלעצער אויף דער נאַרע...

— פֿאַרוואָס שלאָפֿט איר נישט, „חבר חיים“?

— עס נעמט מיך נישט קיין שלאָף... איך טראַכט און טראַכט און קאָן מיר נישט שענקען...

— שלאָפֿט, שלאָפֿט. איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן... איר וועט שוין איצט נישט כאַפּן צוריק...

„חבר חיים“ פֿאַלט ווידער אַריין אין אַ ווידוי־טאָן, ווי דאָן אין גראַדנער אַרעסטאַנטן־צוג. ער רעדט שטיל, פֿאַרשטיקט אַליין זיין שטים.

אָבער די אויפגערעגטקייט, דער ווייטיק, שפּאַרט אַרויס פון אים ווי פון אַן אויפגעפּראַלטן פּאַס:

— איר פֿאַרשטייט?... עס טוט ווײ... עס פּייניקט... פֿאַרוואָס האָב איך עס געפּוילט פיר יאָר אין דער פּוילישער תּפיסה?... אַז איך טענה אויפן „דאָפּראָס" אין „ב. ק. וו. ד.", אַז איך בין אַן „אייגענער", אַ קאָמוניסט; אַז איך בין געזעסן פֿאַר קאָמוניזם — ענטפערט מען מיר, אַז איך בין געקומען אַהער זיך פֿאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש... נו, קאָן דאָס האַרץ נישט פּלאַצן?... האָט זיך עס געלוינט?...

— פֿאַר אַן אמתן אידעאַל לוינט יעדער קרבן...

— יאָ, פֿאַר אַן אמתן אידעאַל... מסכים... אָבער וואָס האָט מען דאָ געמאַכט פון אַזאַ שיינעם אידעאַל?... מיט וואָס זענען זיי בעסער פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען? פון דער אַמאָליקער „אָכראַנע"?... צי פון די פּוילישע פֿאַשיסטן?... איר פֿאַרשטייט מיך אַוודאי, מיין ווייטיק?...

— יאָ, איך פֿאַרשטיי, אַז אייך קאָן עס וויי־טאָן נאָך מער ווי מיך... פֿאַר מיר, אַ זייטיקן, אַ פרעמדן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, איז די אַנטוישונג פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי פֿאַר אייך... האָט איר דאָך אייער לעבן פֿאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג!

— איר פֿאַרשטייט מיך, חבר. איר פֿאַרשטייט מיך אויסגעצייכנט. דערפֿאַר טאַקע רעד איך עס מיט אייך אַזוי. נישט מיט אַלעמען קאָן מען וועגן דעם רעדן.

אין זיין פליסטערנדיקער שטימע איז געלעגן אַזוי פיל פּיין. פון דער נאָענט האָב איך געקאָנט באַמערקן אין דער טונקלקייט, ווי זיין געזיכט האָט זיך אַלע ווײלע געקרימט ווי אין נערוועזע קאָנוולסיעס. ס'איז מיר אין דער רגע געווען באמת אַ רחמנות אויף דעם דאָזיקן ליידנדיקן מענטשן.

— באַמיט זיך איינצושלאָפן. — לייג איך אים פֿאָר, — די איינציקע זאַך, וואָס עס בלייבט אונדז, איז — צו פֿאַרגעסן זיך...

— פֿאַרגעסן... — כאַפּט ער זיך אָן אַן מיין לעצטער פראַזע. — ווי קאָן מען זיך פֿאַרגעסן? — סיידן אויסשניידן דעם מוח פון קאָפּ... רק עס טראַכט זיך: צי דאָס האָט געמיינט קאַרל מאַרקס?... צי דאָס האָט פֿאָרגעזען דער פֿאָטער פון סאָציאַליזם?... סאָציאַליזם איז קודם־כּל ליבע; ליבע צום פֿאָלק, צום מענטש! ליבע צו דעם כּלל ווי צום יחיד. אָבער וואָס מאַכן „זיי" פון די מענטשן? אָט זעט! — טוט ער אַ וויַיז מיט דער האַנט

אויף די נאַרעס, — אַזוי צו טרעטן דעם מענטשלעכן כבוד מיט די שטיוול! און פאַרוואָס? פאַרוועך?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט באַרואיקן, דער „חבר חיים“. עס האָט פון אים אַרויסגערעדט דער באַעוולהטער מענטש, דאָס אויפגעוואַכטע געוויסן... ער האָט גערעדט מיט קליינע הפסקות. אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווייל, נאָכגעטראַכט און ווידער אין מיר אַריינגערעדט. איך האָב אים מער נישט איבערגעריסן. אַפּנים דאָס אויסגיסן פאַר מיר דאָס האַרץ האָט אים געבראַכט אַ געוויסע פאַרלייכטערונג.

73

פאַרשוועכטע פּאָנען

אינמיטן נאַכט האָבן מיר זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו וויגן אויף די נאַרעס. דער עשאַלאָן האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. איך האָב געקוקט אַנטקעגן צום קראַטן־פענצטערל. די סטאַנציע איז פאַרשוווּנדן. אויך די איינציקע לאַמטערנעס זענען געבליבן פון הינטן מיט זייערע פייערלעך. עס האָט אַריינגעקוקט צו אונדז אַ טונקעלע נאַכט. דוכט, אַלע זענען שוין געשלאָפן. קיינער רעדט נישט מער. מ׳הערט נאָר פון אַלע זייטן אַ שנאָרכן. אויך מיין באַריידעוודיקער שכן, דער „חבר חיים“, איז אַנטשוויגן געוואָרן. גוט, וואָס ער שלאָפט. זאָל ער פאַרגעסן, דער צעפייניקטער, אָן זיינע פיינען...

אויפגעוועקט אויף אַן אַנדער קליינער סטאַנציע האָט אונדז אַלעמען די „פּאָווערקאַ“:

אַזוי ווי די „מלאכי־חבלה“ האָבן זיי זיך צעטאַנצט, די „ג. ק. וו. ד.יסטן“, אויפן דאַך פון דער „טיעפּלושקאַ“, זוכנדיק צי מ׳מאַכט נישט קיין לעכער. באַלד נאָכדעם האָבן זיי אויפגעפּראַלט די טיר פון וואַגאָן מיט זייער „ברוך־הבא“:

— אויפשטיין!

און ווידער די גאַנצע פּראָצעדור: דאָס איבערגיין אויף איין זייט, דאָס אויסרופן ביי די נעמען אאַז״וו.

— וווהין פאָרן מיר, בירגער נאַטשאַלניק? — פּרווט עמיץ אַ פרעג צו טאָן.

— קיין לענינגראַד... — ענטפערט מיט חוזק דער „נ. ק. וו. ד.יסט״.

נאָך דער „פּאָוויערקאַ״ איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. און ווידער האָט מען זיך צערעדט, ליגנדיק אויף די נאַרעס. אונדזער תפיסה אויף רעדער האָט זיך געצויגן דורך פינצטערע וועלדלעך, צווישן בערגלעך און שלאָפנדיקע ישובים. זעלטן־ווו פון אַ כאַטע האָט געווונקען אַ פייערל, וואָס האָט דערמאָנט אָן היים...

מיין שכן האָלצמאַן פאָרט־אַרויס מיט אַ נייעם וויץ אינעם טונקעלן וואַגאָן:

— אַ מאָדנע זאַך: מיר טוען איצט צוויי זאַכן מיטאַמאָל: — מיר „זיצן״ און מיר פאָרן...

— זאָגט בעסער: „מיר „זיצן״ און מיר ליגן״... — פאַרריכט אים ווער דעם וויץ.

די פינצטערניש איז געוואָרן שיטערער. דאָס קראַטן־פענצטערל איז געוואָרן גרויער און גרויער. דער עשאַלאָן האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין לויף. דורכן פענצטערל דערזעען זיך הייזער, גאַסן. מיר פאָרן־פאַרביי אַ סטאַנ־ציע. מ׳פאַלט־צו מיט די קעפּ צום פענצטערל. עס דערהערן זיך אויסגע־שרייען פון אַלע זייטן:

— סטאָלבצי!

— סטאָלבצי!

דער עשאַלאָן שטעלט זיך נישט אָפּ. ער מיידט־אויס די סטאַנציע און פאָרט ווייטער.

— מען פירט אונדז קיין רוסלאַנד!

— קיין רוסלאַנד!

פאַר אַלעמען איז עס שוין איצט קלאָר געוואָרן. עס איז אויך פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז נישט „קיין לענינגראַד״ — ווי דער „נ. ק. וו. ד.יסט״ האָט זיך געחכמהט.

אין וואַגאָן טראָגן זיך שטימען:

— אַדיע, פּוילן!

— אַדיע, וואַרשע!

— אַדיע, גראָדנע!

— אַדיע, לאָדזש!

— ווער ווייס, צי מיר וועלן נאָך אַמאָל אָנקוקן די היימען...

אַ טרויער האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן אין וואַגאָן, גלייך ווי ערשט איצט וואָלט מען זיך גענומען רעכט אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס מיט אונדז איז געשען. דער קראַנקער זקן ביים פענצטערל אַנטקעגן האָט זיך צעכלי־פּעט אויפן קול. צעכליפּעט זיך ווי אַ קליין קינד...

אין דעם זעלבן פרימאָרגן איז דער עשאַלאָן דורכגעפאָרן די אַלטע פּויליש־סאָוויעטישע גרענעץ — ניעגאָריעלאָיע. דורך די קראַטן־פענצ־טערלעך האָבן מיר אַפילו דערזען דעם גרויסן טויער ביי דער גרענעץ, און אויפן טויער אַ ריזיקער טראַנספּאַרענט מיט ריזיקע אותיות: „פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!"... און איבערן טויער פלאַ־טערט אַ רויטע פאָן מיט דער עמבלעם פון האַמער און סערפּ.

אַלע אין וואַגאָן שפאַרן זיך צו די פענצטערלעך. יעדער וויל עס אָנ־קוקן מיט די אייגענע אויגן.

— איר זעט? — פרעג איך דעם „חבר חיים".

— יאָ, איך זע... איך זע... — ענטפערט ער מיר שטיל, מיט אַ ציט־טערדיקער שטים און בלאַס געוואָרענעם פּנים, — איך זע... איך שעם זיך פאַר דער לאָזונג... איך שעם זיך פאַר דער רויטער פאָן... פאַר דער פאַרשוועכטער פאָן — — —

74

אויף סאָוויעטישער ערד

ווידער אַ טאָג. ווידער אַ בלויער הימל איבער ווייטקייטן, איבער פעלדער און וועלדער.

מיר פאָרן שוין, הייסט עס, אויף דער סאָוויעטישער ערד. איבער ווייסרוסלאַנד. מיר פאָרן פאַרביי איין דערפל, אַ צווייטס, אַ דריטס. אָרע־מע דערפער, קליינע פויערישע כאַטקעס מיט שטרוי־דעכער, מיט קליינע פענצטערלעך, מיט פיטשינקע שייבלעך. אויף איין לאָנקע פאַשעט אַ פויערל אַ קליינע, גאָר קליינע סטאַדע בהמות. דאָס קליינע פויערל קריכט אום אַ באָרוועסער אָרום זיין סטאַדע, אין אַ גרויער, לייוונטענער סער־מיגגע און גרויסן טונקעלן שטרויענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. דער פּאַס־טוך פאַררייסט גולמעוואַטע דעם קאָפּ צו אונדזער עשאַלאָן, ווי ער וואָלט

געוועז פאַרחידושט: „הע, מ׳פירט נייע געסט צו אונדז?״... פון די אַלע דערפער ווייעט מיט דער אַמאָליקער אָרעמקייט און דחקות. זעט אויס, אַז אויך דאָ איז נישט מקוים געוואָרן יענער שיינער חלום פון זשעראָמ־סקיס אַ העלד וועגן „גלעזערנע הייזער״ *) — — —

אויך די יידישע שטעטלעך, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, מאַכן אַ נעבעכ־דיקן איינדרוק: אַלטע הילצערנע כאַטעס, טונקעלע, דורכגעפוילטע פון רעגנס און שנייען. אויך אין די שטעטלעך וואַרפן זיך דורך שטרוי־דע־כער. דער רוב דעכער איז מיט שינדלען. אַ סך דעכער זענען לעכערדיקע, אויסגעפוילטע, אויסגעצופטע. נישט מקנא צו זיין יענע איינוווינער בעת עס רעגנט אַריין. מסתמא מוזן דאָרט די פאָדלאָגעס דעמאָלט אויסגע־שטעלט ווערן מיט טעפּ און מיט שיסלען...

אויף די שכנישע געסלעך פון די סטאַנציעס זעט מען יידישע דורכ־גייער. די יידן פאַררייסן די קעפּ צום פאַרביילויפנדיקן לאַנגן עשאַלאָן און קוקן לאַנג אונדז נאָך מיט פאַרווונדערונג. אויך דער „הולך״ פון די יידן איז אַ נעבעכדיקער, אַן אָרעמער. אין אָפּגעטראָגענע רעקלעך, ווער אין אַרבעטס־שיך, ווער אין „טאַפּאַטשקעס״ — כמו שטעק־לאַטשן. אַלע אין היטלען, קיין איין קאַפּעליוש. אַזוי פלעגט אַמאָל אויסזען די אָרעמ־קייט אויף דער יידישער גאַס, אין די קליינע שטעטלעך.

אָרעמע יידישע שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד! זעט אויס, אַז איר האָט זיך נאָך נישט געזעגנט מיטן אַלטן דלות. עס האָט נישט געענדערט אייער אויסזען אויך די נייע אָרדענונג... וואָס טוען זיי דאָ, די יידן? פון וואָס לעבן זיי? צי גייען זיי אַרום אין מאַרק שלינג און שלאַנג, ווי אַמאָל, קייענדיק אַ שטרוי פון אַ וואָגן? צי וואַרטן זיי אָפּ אַ בריוו מיט אַ פּאָר דאָלער אויף יום־טוב פון ווייטן אַמעריקע?... אויב זיי האָבן זיך יאָ גע־ענדערט, „איבערגעשיכטעט״ — טאָ ווו זענען זייערע „גליקן״?... פאַר־וואָס אַזוי אָרעם זייער „הולך״? אַזוי נעבעכדיק זייערע געצעלטן?...

יאָ, מיר פאָרן שוין אויף דער סאָוועטישער ערד.

ס׳איז אָנהייב אויגוסט. שניט־צייט. אויף די פעלדער אַרבעטן פויע־רים — די „קאָלכאָזניקעס״. מאַנסביל און ווייבער, יונג און אַלט. זיי אַר־בעטן שטיל, שווייגנדיק. נאָר אַ טראַקטאָר רוישט פון דערווייטנס. ער ציט אַ ריזיקן קאָמביין און שערט די זאַנגען. אויף אַן אַנדער פעלד לייגט

*) זע סטעפאַן זשעראָמסקיס „פאַר פרילינג״.

מען צונויף סנאָפּעס. דער עשאַלאָן פליט פאַרביי און ברענגט אונדז פון אַנטקעגן אַנדערע דערפלעך, אַנדערע פעלדער און אַנדערע גרופּעס פויערים ביי דער אַרבעט.

פאַרוואָס אַרבעט מען אומעטום אַזוי שטיל? פאַרוואָס אָן געזאַנג? פאַרוואָס זינגען נישט די שקצים און שיקסעס? אַמאָל פלעגט דאָך שניטצייט דאָס פעלד פאַרקלינגען פון געזאַנג. פאַרוואָס זינגט נישט איצט די דאָרפישע יוגנט? צי איז איר פרעמד געזאַנג, פרייד?... פאַרוואָס אַזאַ אומהיימלעכע שטילקייט אויף די סאָוויעטישע פעלדער? — — —

75

דער וואַגאָן זינגט...

פון גרויס לאַנגווייל און אומעט האָט זיך אין מיטן דרינען עמיץ אין וואַגאָן צעזונגען:

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט — — —

— פאַלש! פאַלש! איר זינגט ווי אַ „דראָנג“...

דאָס האָט אויסגערופן איינער אַ וואַרשעווער, שיינקין, וועלכער האָט אַמאָל, ווי ער דערציילט, געזונגען אין שניאורס כאָר.

— טאָ זינגט איר בעסער, אדרבה!

— ווייזט נאָר וואָס איר קענט!

מ׳איז צו אים צוגעשטאַנען און יענער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן.

און ער האָט טאַקע געיכולט, דער שיינקין: ער האָט פאַרמאָגט נישט קיין שלעכטן באַריטאָן. קודם־כל האָט ער „געוויזן“ ווי מ׳דאַרף זינגען „הוליעט, הוליעט“. ביי דער צווייטער סטראָפע האָט ער געמאַכט מיט די הענט און דיריזשירט מיטן עולם אין וואַגאָן מ׳זאָל אים העלפן, אַלע זאָלן מיטזינגען. און ס׳איז אַוועק אַ כאָר־געזאַנג מיט אַלע פּיטשעווקעס. שיינקין איז אַריין אין טראַנס און האָט גענומען לופטערן זיין גאַנצן רעפּערטואַר. און אַ רעפּערטואַר האָט ער געהאַט אַ גענוג גרויסן: די פּאָפּולערסטע יידישע פאָלקס־לידער, סתם לידער און אַפילו אָפּערן־אַריעס. אַ

ספּעציעלן רעפּערטואַר האָט ער אויך געהאַט פון לייכטע קופּלעטן. גע־זונגענע אין פאַרשיידענע רעווי־טעאַטערן, וואַרשעווער שלאַגערס, טאַנ־גאָס א. ד. גל.

מענטשן אין וואַגאָן האָבן אים פּראָוואָצירט מיט זייער פאַלש זינ־גען. ווי נאָר עמיצער האָט פאַרצויגן עפּעס אַ מאָטיוו, האָט שיינקין תיכף איבערגעריסן:

— לאָזט אָפּ! איר זינגט ווי אַ „דראַנג"...

מ'איז אים עקסטראַ אַזוי „אונטערגעפּאַרן", כדי ער זאָל זינגען...

— מיין אויער קאָן עס נישט פאַרטראָגן, אַז כ'הער זינגען פאַלש...

— האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט ביים איבעררייסן די פאַלשע טענער.

שיינקין איז געוואָרן דער „קליר" אין וואַגאָן. אין דאָזיקן טאָג — און אין אַ סך ווייטערדיקע טעג... — האָט ער געבראַכט דעם עולם צו פאַרגעסן אַביסל אָן די צרות. שיינקין האָט זיך בעת־מעשה אַליין אויך פאַרגעסן און מיטגעריסן אין אַן אַנדער וועלט אויך דעם גאַנצן עולם אין וואַגאָן.

— שיינקין קען אויך זינגען חזנות — רופט ווער אויס.

— דערלאַנגט! פאַדאַוואַי! — איז מען צו אים צוגעשטאַנען.

— כ'בין דערצו נישט אויפגעלייגט. — וויל ער זיך אַרויסדרייען.

אָבער דאָ איז צו אים צוגעשטאַנען דער עלטערער ייד, דער חולה ביים פענצטערל:

— כ'בעט ענק... גיט אַ זינג „ומפּני חטאינו"...

דער גאַנצער וואַגאָן האַלט אונטער:

— „ומפּני חטאינו"!

— „ומפּני חטאינו"!

און שיינקין האָט געוויזן, אַז ער קען אויך זיין אַ חזן, אַז ער האָט אַ פיינעם חוש פאַר יידישער סקאַרבאָווער נגינה. ער האָט גענומען דעם עכטן חזנישן שטייגער:

ומפּני חטאינו גלינו מארצנו...
אוי, גלינו מארצנו...

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ יום־נוראימדיקע שטימונג. דער אַלטער מאַן ביים פענצטערל האָט זיך צעכליפּעט. זעט אויס, דעם אַלטנס האַרץ

איז זייער צעוויטיקט. ווי נאָר מען גיט עס אַ ריר, צעכליפּעט זיך דער אַלטער.

אַז שיינקין האָט שוין געהאַלטן ביי סקאַרבאָווער נגינה, האָט ער שוין אויך דערלאַנגט אַ „כבקרת״, אַ „רצה״. און פון די דאָזיקע ניגונים האָט זיך שוין געבעטן אַריבערצוגיין צום לוי יצחק בערדיטשעווערס „קדיש״, צו „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא״ און צו די ניגונים פון „דיבוק״.

אַחוץ סאָלאָ־נומערן האָט שיינקין צוגעקליבן פּאַסיקע נומערן פאַרן גאַנצן „אַנסאַמבל״ פון וואַגאָן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן וואַגאָן און דיריזשירט מיט אַ לעפל.

בעתן „קאָנצערט״ אין וואַגאָן בין איך געלעגן אויף דער נאַרע ווי אַ „צוהערער״. איך האָב פון צייט צו צייט פאַרמאַכט די אויגן. כ׳האָב זיך דערזען אין אַן אַנדער אַמביאַנס. עס איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקער זאַל, אַ יום־טובדיקער עולם...

און אַזוי זענען פּוילישע יידן, היימלאָזע, פאַרוואָגלטע, מיט יידיש געזאַנג געפאָרן צו דעם גרויסן עלנט, צום וויסטן נע־ונד אין די רוסישע וויטקייטן — — —

76

ווידער די קללה: וואַסער!

ס׳אַראַ קללה: מ׳גיט אונדז ווידער נישט קיין וואַסער. נאָכן פאַרצערטן פאַרשימלטן ברויט און דאַרע געזאַלצענע פיש האָט זיך ביי אַלעמען צעברענט דער דורשט. כאָטש אַ גאַנצן טאָג האָט שוין קיינער היינט גאָר אין מויל נישט געהאַט. פונדעסטוועגן האָט מען נישט געפילט קיין הונגער, נאָר די גוואַלדיקע ברענעניש אין אַלע אינגעווייידן.

באַוועגסט מיט דער צונג אין אַלע זייטן אין מויל, אָבער עס געלינגט נישט אַרויסצוברענגען אַביסל פייכטקייט, אַביסל שפּייעכץ. שרייט מען ווידער:

— וואַסער!

— וואַסער!

אָבער אין וועג הערט דאָך קיינער נישט. די רעדער רוישן און פאַר־

טויבן די שטימען. און טאָמער הערט יאָ עמיצער פון דער וואַך, וואָס געפינט זיך אין די וואַך־טורעמלעך צווישן יעדע עטלעכע וואַגאָנעס, נעמט ער זיך נישט איבער מיט אונדזערע קולות. אַפילו אַז מיר שרייען ביים פאַרבייפאָרן אַ דערפל, צי אַ שטעטל, אַרן אויך נישט דער „ג. ק. וו. ד." אונדזערע געשרייען: דאָס זענען דאָך שוין אייגענע, סאָוויעטישע ישובים... נישטאָ, הייסט עס, איצט פאַר וועמען זיך צו שעמען...

ליגט מען פאַרחלשט אויף די נאַרעס און מען שוויגט. נישטאָ ביי קיינעם קיין כוח צו רעדן...

אויף ערגעץ אַ פונקט — ביי אַ ישוב פון געציילטע הייזער — בלייבט דער עשאַלאָן שטיין. היות ווי דאָ איז אַן אויסבויג פונעם וועג, זעען מיר דורכן פענצטערל ווי אונדזער לאָקאָמאָטיוו נעמט אָן וואַסער ביי אַ „וואָדאָקאַטשקאַ". איז וויבאַלד דאָ איז פאַראַן וואַסער, האָט זיך דער גאַנצער עשאַלאָן צעליאַרעמט, ווי לויט אַן איינהייטלעכער קאָמאַנדע:

— וואַסער!

— וואַסער!

— וואַסער!

פון אַלע וואַגאָנעס האָט זיך עס געטראָגן איבערן גאַנצן האַלבן בויגן, וואָס דער ריזיקער עשאַלאָן האָט פאַרמירט.

קיינער פון דרויסן האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן. די שומרים — „ג. ק. וו. ד.יסטן" האָבן רואיק אַרומגעשפּאַצירט מיט זייערע ביקסן פאַרביי אונדזערע וואַגאָנעס און אַפילו די קלענסטע אַכט נישט געלייגט אויף די געשרייען, גלייך ווי פאַר זיי וואָלט עס געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז אַרעסטאַנטן דאַרפן שרייען...

ווייטער, אַנטקעגן אויף אַ זייטיקן „טאַר", שטייט אַן איינצלנער, אָפּגעזונדערטער וואַגאָן. איך באַמערק, אַז אינעווייניק געפינען זיך קינדער, אַ סך קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך. מסתמא איז עס אַן אויספלוג פון עפּעס אַ שולע. מיין השערה ווייזט זיך באַלד אַרויס פאַר אַ ריכטיקע: איך דערזע אויך צווישן די קינדער זיך אַרומדרייען אַ פּאָר דערוואַקסענע. אַ מאַן און אַ יונגע פרוי. זעט אויס, לערער, אינסטרוקטאָרן. אין די וואַגאָנעס זעען זיך אויף טישלעך, אַרום וועלכע די קינדער זיצן, זופּנדיק עפּעס פון טעפּעלעך.

אונדזערע וואַגאָנעס האָבן זיך נאָך מער צעשריִען:

— וואַסער! העי קינדער!

— העי וואַסער! קינדער! קינדער!

די קינדער פון אַנטקעגן האָבן זיך אָפּגעריסן פון די טישלעך און צו־געפאַלן צו די אָפענע פענצטער פון זייער וואַגאָן. זיי האָבן זיך פאַרקוקט צו אונדזער עשאַלאָן. אָבער די פּאָר דערוואַקסענע צווישן זיי האָבן די קינדער אָפּגעצויגן פון די פענצטער און צוריק איינגעזעצט ביי די טיש־לעך. די לערערס אַליין האָבן נאָר ווי בגנבה געוואָרפן אַ קורצן בליק דורכן פענצטער...

אונדזער עולם האָט געשריען מיט די לעצטע כוחות, מיט די פאַר־טריקנטע העלדזער, מיינענדיק, אַז די „נ. ק. וו. ד.יסטן" וועלן זיך דאָך פאַרשעמען פאַר די קינדער...

אָבער אויך פאַר די קינדער האָבן זיך די „נ. ק. וו. ד.יסטן" נישט פאַרשעמט: דאָס זענען דאָך היימישע קינדער, סאָוויעטישע קינדער... איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען פאַר זיי...

אונדזער עשאַלאָן האָט זיך צוגערוקט מיטן צווייטן לאָקאָמאָטיוו פון הינטן צו דער „וואָדאָקאַטשקאַ", אָנגעטרונקען זיין אויסגעליידיקטן קער־פּערנעם מאָגן און — ווייטער אין וועג אַריין.

דער „חבר חיים" איז געלעגן נעבן מיר מיט פאַרטריקנטע ווייסלע־כע ליפּן און אַרויסגעוואָרפן אָפּגעריסענע ווערטער, מיט הפסקות:

— סאַדיסטן... מעטאָדן פון פּייניקער... עס פעלן זיי נאָר „ברוינע העמדער"... פאַשיסטן...

ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט באַרואיקן, דער „חבר חיים". ער וואָלט גערעדט און גערעדט, געשאָטן פעך און שוועבל. אָבער עס האָט אים נעבעך קיין כוחות נישט געקלעקט און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַזוי אָפּגעשוואַכט איז ער געבליבן ליגן, ווי אַ שווער קראַנקער. און נישט נאָר ער — אַ גרויסער טייל פון די מענטשן אין וואַגאָן איז געלעגן אַזוי פאַרחלשט. דער וואַגאָן האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פּאַלאַטע פון שווער־קראַנקע אין אַ שפּיטאָל...

וואַסער האָבן מיר ערשט געקריגן ביינאַכט — אויף דער סטאַנציע דזשערזשינסק, ווו דער עשאַלאָן איז געשטאַנען זייער לאַנג. מ׳האָט דאָ באַקומען צו עמער וואַסער פאַר יעדן וואַגאָן און ווידער — פאַרשימלט ברויט און אַלטע, פאַרדאַרטע, געזאַלצענע פיש.

דאָס וואַסער — צו טעפּעלע אויף אַ מענטשן — האָט יעדער גלייך

אַראָפּגעשלונגען. ס׳האָט זיך קיינער נישט געקאָנט באַהערשן און איבער־לאָזן כאָטש אַ פּאָר טראָפּנס אויף נאָכאַמאָל צו באַנעצן דעם גומען. בלויז דער סטאַראָסטאַ האָט איבערגעלאָזן — מיט כוח ממש! — אַביסל וואַסער אין עמערל: טאָקע נאָר אויף אַ רפואה...

— נישט צופעליק האָבן „זיי" אויסגעקליבן פאַר אונדז אַזאַ שפּייז...

— רעדט אין מיר ווידער אַריין „חבר חיים", וועלכער איז שוין צו זיך געקומען נאָכן טעפּל וואַסער... — פאַרדאַרטע ברויט און געזאַלצענע פיש, און איין מאָל אין צוויי טעג אַ טעפּעלע וואַסער! ראַפינירטע פּייניקונג־מעטאָדן פון ערגסטן מין...

ער האָט זיך צעדרשנט, דער „חבר חיים"! ער כאַפּט איצט אַריין... שפּעטער אָדער מאָרגן וועט ער ווידער ליגן אַ מאַכטלאָזער און וועט נישט קאָנען די צונג איבערדרייען אין פאַרשמאַכטן מויל...

מיר שטייען אויף אַ זייטיקן „טאָר". פון דערווייטנס זעען זיך מענטשן. צו דער סטאַנציע קומט אָן אַ פּאַסאַזשיר־צוג. נעמט אויף אַביסל מענטשן און פאָרט ווייטער אין זיין וועג אַריין. צו אונדזער עשאַלאָן לאָזט מען קיין ציווילע נישט צו.

אומזיסט שרייט מען פון אונדזערע וואַגאָנעס:

— גראַזשדאַניק, גיט אַ פּאַפּיראָס!

— גיט צו פאַררויכערן!

— גראַזשדאַנקאַ, גיט אַ שטיקל ברויט!

קיינער פון די ציווילע וואַגט גאָרנישט דערנענטערן זיך צו אונדזער עשאַלאָן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט דער עשאַלאָן גערירט ווייטער אין וועג אַריין. דער עולם האָט זיך אויסגעלייגט אויף די נאַרעס צום שלאָפן און מ׳איז טאַקע איינגעשלאָפן נאָכן וואַסער און נאָכן ברויט. די פיש האָבן שוין טייל מורא געהאַט צו עסן. צו וואָס זיך אָנמאַכן אַ שריפה אין די געדערים? נישט אַלע האָבן אָבער געקאָנט ביישטיין דעם נסיון: פאַראַן דען עפּעס אַנדערש צום עסן? טאָקע שאַרף — אָבער עס פאַרטרייבט בעסער דעם הונגער...

מ׳איז איינגעשלאָפן ווי יענע נאַכט נאָר ביז „פּאָוויערקאַ": דאָס איז געווען ערגעץ אויף אַ קליינער סטאַנציע, וווּ דער עשאַלאָן איז געשטאַנען אַ געוויסע צייט. די „מלאכי־חבלה" זענען אַריינגעקומען אין וואַגאָן מיט זייער אַליאַרם:

— אויפשטיין! פּאָווערקאַ!

נאָך דעם האָט שוין נישט גענומען קיין שלאָף און דער עולם האָט זיך צערעדט:

— צו אַלדי רוחות! — הערט זיך אַ שטים פון עמיצן אינעם חושך, — פונקט מיך איבערגעריסן אינמיטן אַ טייערן חלום: כ׳האָב פּונקט גע־האַלטן אין רעדן מיט מיין פרוי וועגן איינאָרדענען די „אוראָדזשינעס" (געבוירן־טאָג) פון מיין בן־יחידל... די פרוי האָט אויסגערעכנט וועמען אַלץ זי האָט בדעה צו פאַרבעטן... דאַן האָט זי מיט מיר גענומען דיסקו־טירן צי מען זאָל מאַכן בלויז אַ טיי מיט זיסע זאַכן, אָדער אַ „קאָלאַציע" (אָוונט־ברויט)... איך האָב געהאַלטן פון אַן אָוונט־ברויט, מיט עוף, מיט בוליאָן, מיט מערעלעך, מיט קאָמפּאָט... און זי האָט געטענהט, אַז ס׳איז שווער פאַר איר זיך אונטערצונעמען אַזאַ מין „פּאָדריאַד"; אַז גענוג איז אַ טיי מיט זיסוואַרג און פרוכט... און אין מיטן אָט דעם שמועס — „ווסטאַט׳!"... פּשיאַ קרעוו!...

— אַ שאָד, אַ שאָד — רופט זיך ווער אָפּ — איר האָט דאָך געקאָנט אַראָפּנעמען פון טיש אַביסל כיבוד פאַר אונדז דאָ אין וואַגאָן...

— אָבער צו אַלדי רוחות! פאַרוואָס קומען זיי נישט מיט דער „פּאָ־ווערקאַ" בייטאָג? — הערט זיך אַ טענה.

און אויף דער טענה קומט אין דער פינצטער אַן ענטפער:

— דאָס גיבן „זיי" אונדז אָפּנים צו פילן, אַז מיר זענען נישט אין קיין פּענסיאָן, ווו עס ליגן טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע, כדי חלילה נישט אויפצוועקן די געסט...

— דער אמתער טעם פון די ביינאַכטיקע רעוויזיעס, — איז עמי־צער אַנדערש מסביר, — איז דער, וואָס ביינאַכט קאָן מען אַנטלויפן.

— חכם פון „מה נשתנה"! אַנטלויפן... ווו און ווי אַזוי? אַז אַפילו אַ ראַזירמעסערל האָבן „זיי" צוגענומען. אפשר קאָנט איר מיט די נעגל מאַכן אַ לאָך אין וואַנט? צי אין דער פּאָדלאָגע? אפשר מיט די ציין וועט איר אויסבייסן דעם דאַך?

— אדרבה, זאָגט זשע איר מחמת וואָס די ביינאַכטיקע רעוויזיעס?

— פּראָסט און פּשוט: כדי אונדז צו פּייניקן. כדי זיך איבער אונדז צו „איזדיעקעווען"...

לאַנג האָט מען זיך אַזוי איבערגעוואָרפן פון נאַרע צו נאַרע מיט רייד, מיט אַמפּערייען און אַמאָל אויך מיט שטעך־ווערטער, ווען עמיצער

האָט זיך דערפילט פון וועמען אָנגעגריפן. דער עשאַלאָן איז געגאַנגען ווייטער מיט זיין געוויינלעכן ריטם, וויגנדיק אונדז צום שלאָף, וואָס איז נאָר צו געציילטע, מער גליקלעכע געקומען...

77

א טאָג אויף מינסקער וואָקזאַל

אין מיטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין דעם אַמאָל יידישלעכן מינסק. ווי עס זעט איצט אויס די גרעסטע שטאָט אין ווייס־רוסלאַנד ווייס איך נישט. אַזוי יידישלעך ווי אַמאָל זיכער נישט... ווען איך וואָלט זיך געקאָנט אַראָפּכאַפּן אין שטאָט אַריין! אָבער די פאַרריגלטע טיר! דאָס קראַטן־פּענצטערל!...

עס קומט מיר אויפן זינען: דער מינסקער „אָקטאָבער"... פאַראַן דאָך דאָ יידישע קאָלעגן־שרייבער... אפשר איז שוין אויך דאָ צוריק פון ביאַ־ליסטאָק זעליק אַקסעלראָד... ווען אַקסעלראָד ווייס, אַז איך געפין זיך דאָ אין אַן עשאַלאָן! ער וואָלט זיכער געהאַט גרויס צער; אָבער קומען צו מיר צום וואָקזאַל וואָלט ער מורא געהאַט... אין אַן אַנדער לאַנד און אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלט איך זיכער זיך באַמיט דורך עמיצן געבן צו וויסן אַ קאָלעגע. יענער וואָלט דאָך אַלץ געטאָן מיך צו ראַטעווען... פדיון שבויים... אָבער דאָ... איך טאָר אַפילו פאַר קיינעם קיין פּיפּס נישט טאָן, אַז איך קען אַ זעליק אַקסעלראָד... מיר וואָלט עס קיין טובה נישט געטאָן און יענעם וואָלט עס געקאָנט טאָן די גרעסטע רעה...

אונדזער עשאַלאָן שטייט פאַררוקט אויף אַ ווייטן „טאָר", אָבער מיר זעען פון דער ווייטנס די וואָקזאַל־געביידע, די באַוועגונג פון מענטשן אויף דעם פּעראָן, אַ היפּשע באַוועגונג. אַ צוג קומט, אַ צוג גייט אָפּ. אַ געמיש פון ציווילע און מיליטערלייט. דער אַלגעמיינער אויסזען פון די מענטשן אַ גרויער. זייער באַשיידן אָנגעטאָן. מ'זעט אַלץ מענטשן אין היטלען אָדער מיט בלויזע קעפּ. אויך דאָ צווישן די אַלע פּאַסאַזשירן — קיין איין קאַפּעליוש!

אויך אין מינסק האָט מען אַרויסגערופן אונדזער סטאַראָסטאַ מיטן עמער. זעט אויס, אַז איינגאַנצן אויסגיין פון דורשט לאָזט מען אונדז נישט... מסתמא דאַרף מען אונדז נאָך צו עפּעס האָבן...

דאָס מאָל האָט מען דאָס וואַסער פאַרטיילט מיט מער חשבון. קיין גאַנץ טעפל וואַסער פאַר איין מאָל האָט מען שוין איצט קיינעם נישט געגעבן, נאָר צו האַלבע. עס האָט געמוזט בלייבן אַ העלפט אויף נאָך אַ צעטיילונג. אַזוי האָט געפאָדערט די ערנסטקייט פון דער שעה!... אַלע אין וואַגאָן האָבן מסכים געווען אויף דער דאָזיקער שפּאָרזאַמקייט און קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט.

אַן אויסנאַם האָט מען נאָר געמאַכט פאַר דעם קראַנקן ייד ביים פענצטערל. יענער האָט שוין קוים מיט דער נשמה געפאָכעט און מען האָט אים פון צייט צו צייט געמוזט מינטערן מיט אַ שלוק וואַסער.

איך גיי צו צום דאָזיקן אַלטיטשקן און פאַרפיר מיט אים אַ שמועס.

— פאַרוואָס,פעטערל, האָט מען אייך אַרעסטירט?

— געוואָלט צוריקפאָרן צו מיין טאָכטער קיין וואַרשע. נו, האָב איך מיך פאַרשריבן. נו, מילא, איר ווייסט דאָך...

— יאָ, יאָ, איך ווייס. זענט איר אַ וואַרשעווער?

— אַוודאי אַ וואַרשעווער. פון דער שמאָלער מילע. דער רוח האָט מיך אָנגעטראָגן אַוועקצופאָרן פון וואַרשע...

— איר האָט געשמוגלט די גרענעץ?

— ווער געשמוגלט! וואָס געשמוגלט! כ'בין געפאָרן קיין ביאַליסטאָק מיט דער באַן, נאָך פאַר דער מלחמה. דעם 15טן אויגוסט. איר פאַרשטייט?

— צו וועמען זענט איר עס געפאָרן?

— צו אַ זון. כ'האָב געהאַט אין ביאַליסטאָק אַן אויסגעגעבענעם זון. נו, איז נאָכדעם געשען דאָס אומגליק און מ'האָט אים אַרויסגעפירט... אין מיטן דער נאַכט האָבן „זיי" אים פון בעט אַרויסגענומען. די „באָלשעוויקעס"...

— פאַרוואָס און פאַרווען?

— אַ קשיא פאַרוואָס? אַ פאַבריקאַנט געווען... די דירה האָבן „זיי" צוגענומען... מיין שנור מיטן קינד איז אַוועק צו איר משפחה אין אַ שטעטל... נו, איז ווו זשע וועל איך מיך אַרומוואַלגערן אין ביאַליסטאָק? געהערט, אַז מען פאַרשרייבט קיין וואַרשע, בין איך אויך געגאַנגען אין „זייער" קאָמיטעט און האָב זיך אויך פאַרשריבן...

— יאָ, קלאָר...

— זאָגט מיר, פאַניע־לעבן, אפשר ווייסט איר וווהין מען פירט עס

אונדז? — פרעגט ער מיך צום סוף, — איר פֿאַרשטייט דאָך בעסער פֿון מיר.

— נישטאָ היינט קיין חכמים. אדרבה, איך זע, איר דאַוונט אַלע טאָג... אפשר ווייס דער רבונו של עולם...

דער ייד האָט זיך צעכליפּעט. זיין כליפּעריי איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ שווער פֿאַרהוסטן זיך.

— באַרואיקט זיך, ר' ייד. נישט שיין פֿאַר אַ מאַנסביל...

אַז ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט האָט ער ווייטער גערעדט:

— כ'בין קראַנק... כ'פֿיל, כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן... כ'בעט ענק, טאָמער... טאָמער שטאַרב איך, גיט צו וויסן מיין טאָכטער אין וואַרשע... זי וווינט אויף דער שמאָלער מילע 18... גרינבערג הייסט זי פֿון מאַן... כ'בעט ענק...

— ווייס איך וואָס... איר וועט נאָך אַליין זיין ביי אייער טאָכטער... — באַרואיק איך דעם אַלטן.

— גאָט ווייס... עס גלויבט זיך נישט...

דער ייד האָט זיך ווידער פֿאַרקייכט אין אַ שווערן הוסט. זיין פּנים איז בעת־מעשה אַזש בלוי געוואָרן און אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פּנים.

— גיט אַביסעלע וואַסער פֿאַרן קראַנקן! — בעט איך ביים סטאַראָסטאַ.

כ'האָב אים אונטערגעטראָגן אַ קליינעם שלוק וואַסער צו די פֿאַרשמאַכטע ליפּן. ער האָט קוים געקאָנט אַראָפּשלינגען. די קעל איז ביי אים ווי פֿאַרלייגט געווען. דער חולה איז קוים צו זיך געקומען.

— ליגט, רואיק, ר' ייד, און טראַכט נישט אַריין... עס וועט נאָך גוט זיין...

כ'בין אַרויפֿגעקראָכן אויף מיין אַנטקעגנאיבערדיקער נאַרע און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטערל. ביי די שינעס אַנטקעגן אַרבעט אַ גרופּע אַרבעטער. מענער און פֿרויען. זיי שרויפֿן די שינעס, פֿאַרריכטן די שפּאַלן, קלאַפּן מיט האַמערס. אויך די פֿרויען אַרבעטן גלייך ווי די מענער. אויך זיי גייען אין „ספּעצאַוועקעס": אין פֿאַרפּעצטע, ברודיקע בלוזן און הויזן, אין גרויסע אַרבעטס־שיך. אַנדערע אין שטיוול. די פּנימער ביי די פֿרויען פֿאַרשוואַרצטע, ווי ביי מולאַטקעס. ווען נישט די האָר פֿון אונטער זייערע בערעטן, וואָלט שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָס זענען פֿרויען.

אין זייערע בלאַטיקע הענט האַלטן זיי פּונקט אַזעלכע שווערע האַמערס ווי די מאַנסביל און קלאַפּן און מייסטרעווען אויך אַזוי ווי די מאַנסביל.

„יאָ, — טראַכט איך, — פּרויען זענען דאָ ג ל י י כ ב אַ ר ע כ ט י ק ט... זיי קלאַפּן מיט די שווערע האַמערס גלייך ווי די מענער... אָבער צי האָבן טאַקע די דאָזיקע פּרויען — די צאַרטע פּרויען — גע־גאַרט נאָך אַ ז אַ גלייכבאַרעכטיקונג? צי זענען זיי גליקלעך דער־פון?" — — —

ווי גערן וואָלט איך געכאַפּט אַ שמועס מיט אַט אַזאַ פּרוי! אַז איך וועל זי אַ רוף טאָן, וועט זי דען נישט מורא האָבן צוצוגיין? צי וועט זי דען דער שומר ביי די וואַגאָנעס צולאָזן נאָענט?

איבעריקנס, איר ענטפער ווייס איך אַליין אַזוי אויך. כ'בין זיך קלאָר משער איר „גליק"...

— טאָוואַרישטש! גיב צו פאַררויכערן! — האָט עמיץ פון אונדזער שכנישן וואַגאָן אַ רוף געטאָן צו די אַרבעטער פון אַנטקעגן.

אַלע אַרבעטער האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו אונדזערע וואַגאָנעס.

— טאָוואַרישטשי, גיט צו פאַררויכערן!

אַ פּאָר פון די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ צייכן מיט די הענט און געדריקט מיט די אַקסלען: ס'האָט געהייסן: „ניעלזיאַ"... (מ'טאָר נישט). זיי וואָלטן געגעבן צו פאַררויכערן, נאָר מ'קאָן נישט...

באַלד טאַקע וואַקסט אויס אונטער אונדזערע וואַגאָנעס אַ „ג. ק. וו. ד.יסט", וועלכער צעבייזערט זיך:

— אוכאָדי בליאַד'! (גיי אַוועק, דו זונה!).

ער האָט אונטערגעהויבן די ביקס און געטריבן די אַרעסטאַנטן פון די פענצטערלעך. די אַרבעטער אַנטקעגן האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע האַמערס, ווי זיי וואָלטן די סצענע גאָרנישט באַמערקט.

— צי זענען מיר טאַקע פאַרברעכער?... האָבן מיר עס טאַקע פאַר־דינט?... — פרעג איך דעם „חבר חיים", וועלכער ליגט כסדר אַן אַפּאַ־טישער אויף דער נאַרע.

— „ז יי" זענען די פאַרברעכער! — רופט ער אויס אַן אויפגערעג־טער, — „זיי" אַלעמען וואָלט איך געשטעלט פאַר אַ פאָלקס־טריבונאַל... אָט קוקט אָן אַ „פאַרברעכער"... — טייטלט ער מיט אַ פינגער צום קראַנקן זקן ביים פענצטערל קעגנאיבער.

ס'איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט. די אַרבעטער אַנטקעגן זענען שוין

נישטאָ. נאָך דער שווערער פּראַצע זענען זיי אַוועק צו זייערע היימען. צי האָבן זיי כאָטש אַ זאַטן מאַלצייט אין שטוב?... צי האָבן זיי כאָטש אַ געמיטלעכע, ליכטיקע היים?... ווער ווייס...

ביי די אַלע שינעס אַרום אונדזער עשאַלאָן איז געוואָרן אַ פּוסט־קייט. בלויז אין דער ווייטנס ביים וואָקזאַל דרייען זיך נאָך אום מענטשן. דאָס וואַרטן אַפּנים פּאַסאַזשירן אויף אַ צוג.

אַ גליקלעכע סטאַנציע פאַר אונדז מינסק: באַגינען עפנט זיך די טיר פון אונדזער וואַגאָן און מען הייסט ווידער דעם סטאַראָסטאַ אַרויסקו־מען מיטן עמער. דאָס מאָל ברענגט ער נישט קיין וואַסער, נאָר „קיפּיאַ־טאָק”. דער עולם דערפרייט זיך און מ׳שפּרינגט אויף פון די נאַרעס.

שוין לאַנג, לאַנג נישט געהאַט קיין וואַרעמס אין די קישקעס. יעדער האָט באַקומען אַ פול טעפּעלע און יעדער האָט זיך געקוויקט מיט דער הייסער פליסיקייט. דאָס קאָכעדיקע וואַסער איז געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר די איינגעשרומפענע געדערים.

78

דורך די ווייסרוסישע פליינען

אינדערפרי האָט אונדזער עשאַלאָן ווייטער געשניטן דעם וועג דורך די ווייסרוסישע פליינען, דורך פעלדער, דורך בעריאָזעווע וועלדלעך.

ווידער אַ בלויער הימל איבער גאָטס פרייער וועלט. ווידער אַ זון, וואָס שטראַלט און וואַרעמט אַזוי פריידיק, אַזוי טרייסטנדיק. אָבער דורך אונדזערע פּיטשינקע קראַטן־פענצטערלעך דערגייט זי נישט צו אונדז. אי־רע שטראַלן פאַלן נישט אויף אונדזערע אַלעמענס אויסגעבלייכטע, אויס־געגעלטע, פאַרוואָקסענע פּנימער... אַלע פּנימער אין „טיעפּלושקאַ” האָבן אַ וואַקס־קאָליר און עס בעט זיך — אַביסעלע זון, אַביסעלע זון!

נאָכן „קיפּיאַטאָק” איז ווידער געקומען — הונגער! פון דעם ברויט, וואָס מען האָט באַקומען צוגעטיילט אין דזשערזשינסק, איז שוין ביי קיי־נעם קיין זכר נישט געבליבן. ביי יעדער סטאַנציע, וווּ דער עשאַלאָן האָט זיך אַביסל פאַרהאַלטן, האָט מען פון אַלע וואַגאָנעס געליאַרעמט:

— ברויט!

— ברויט!

אָבער קיינער פון די „נ. ק. וו. ד.יסטן“ האָט זיך נישט אָפּגערופן. אויף איין סטאַנציע האָט איינער פון זיי אונטער אונדזער וואַגאָן באַ־וויליקט אַ וואָרף צו טאָן:

— דערווייל קומט אייך נישט... ליאַרעמט נישט...

אַזוי דעם גאַנצן טאָג. אומעטום האָבן זיך אונדזערע קולות געטראָגן; אָבער אין ערגעץ האָבן די געשרייען נישט אָנגעשלאָגן אָן די „נ. ק. וו. ד.ישע“ הערצער... אַפילו אין באָריסאָוו, אַ גרעסערע סטאַנציע, ווו דער עשאַלאָן איז געשטאַנען העכער אַ שעה צייט, האָט מען נישט באַקו־מען נישט קיין ברויט און נישט קיין וואַסער... „דערווייל קומט אייך נישט“...

מיט אונדזער הונגער און דורשט זענען מיר אַזוי אָנגעקומען קיין אָ ר ש אַ.

אין אָרשאַ זענען מיר לאַנג געשטאַנען. גאַנצענע שעהען. דאָ האָט מען געטוישט די לאָקאָמאָטיוון. דאָ האָבן באַן־אַרבעטער קאָנטראָלירט מיט זייערע העמערלעך די רעדער אונטער אונדזערע וואַגאָנעס. דאָ האָבן מיר לסוף — נאָך לאַנגע גוואַלדן „סאָלאָ“ און אין „כאָרן“... — באַקומען אונדזער צוטיילונג שפּייז און וואַסער. שפּייז ווי ביז אַהער: אַלט ברויט און די שוין גוט באַקאַנטע פאַרשאָלטענע „ריבאַ“ (פיש). מענטשן אין וואַגאָן האָבן די פיש שוין נישט גערן גענומען. דער סטאַראָסטאַ האָט זיי אַנידערגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און אויסגערופן, אַז ווער עס וויל, קאָן נעמען די „ריבאַ“ וויפל זיין האַרץ גלוסט. נישט איין פיש האָט מען אַרויסגעשמיסן דורכן פענצטערל: אפשר וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיי אַ פאַרבייגייענדיקער חזיר... מיר האָבן שוין געהאַט גענוג ברענעניש, די שריפה אין די געדערים...

אַרויסגעפאָרן פון אָרשאַ איז מען אין מיטן נאַכט. ס'איז שוין גע־ווען נאָך „פּאָווערקאַ“. נאָכן ברויט און וואַסער איז מען רואיקער גע־שלאָפן.

אין דער פרי האָט מען דורכן פענצטערל געזען נייע לאַנדשאַפטן, נייע פרעמדע ישובים. אַלץ האָט פאַרבייגעשוועבט ווי אויף אַן עקראַן.

אויף דער דאָזיקער טראַסע טרעפן מיר אַ זאַך, וואָס רופט אַרויס אונדזער אַלעמענס פאַרוווּנדערונג: פון אַנטקעגן קומען אָן און ציען אין דער ריכטונג צו דער פּוילישער גרענעץ, פון וואַנען מיר קומען, — רי־זיקע עשאַלאָנען מיט אַמוניציע: האַרמאַטן, טאַנקן, פּולעמיאָטן... צו

וועלכן ציל גייען זיי אַהין? קעגן וועמען? פּוילן גופא איז דאָך שוין „דער־ליידיקט"... ביידע שותפים האָבן זיך דאָך שוין מיט פּוילן איינגעטיילט... ליטע איז דאָך שוין אויך „באַפרייט" און די סאָוויעטן זיצן דאָך שוין אין ווילנע און קאָוונע פעסט אויפן זאַטל... איז קעגן וועמען גרייט מען זיך ווידער?...

איינער אַ לאָדזשער ווענדט זיך מיט אַ שטאָך צום „חבר חיים":

— זאָגט נאָר, חבר, איר מוזט דאָך וויסן... איר זענט דאָך אַ „היי־מישער"... קעגן וועמען פירט מען דאָס די דאָזיקע כלים?...

„חבר חיים" פילט זיך געטראָפן און ענטפערט נישט.

— אפשר געפינט זיך אויף דער מאַפּע נאָך אַ פאַרבאָרגן לענדל, וואָס מען דאַרף „באַפרייען"?...

דאָס האָט באַמערקט מיין פערטער שכן פון רעכטס, צום פענצטערל, אַ בריסקער, אַ מיטליעריקער קאָרפּולענטער פאַרשוין. דער איינציקער נישט־פּליט אין אונדזער וואַגאָן. אים האָט מען אַרעסטירט ווי אַ „בורזשוי" און ציוניסט, ווי אַן אַקטיוון מיטגליד פון די רעכטע „פּועלי־ציון" אין בריסק. אויף די „דאָפּראָסן" אין „נ. ק. וו. ד."‚ דערציילט ער, האָט מען אים פאַרגעוואָרפן אַז ער האָט „פאַרפינצטערט די מוחות פון די אַרבעטער מיט זיינע רעאַקציאָנערע אידייען"..

די פראַגע האָבן מיר אין וואַגאָן בשום אופן נישט געקאָנט לעזן: קעגן וועמען? קעגן וועמען די האַרמאַטן? די טאַנקן?...

אין סמאָלענסק שטעלט זיך אָפּ אונדזער עשאַלאָן פּונקט ביי אַ צווייטן עשאַלאָן, וואָס איז דאָ פון פריער געשטאַנען. אינגאַנצן אַ פיר־פינף „טאָרן" האָבן אונדז אָפּגעטיילט.

מ'קוקט אַרויס דורך די פענצטערלעך — אייגענע! היימישע, פּויל־לישע יידן!

עס הייבט זיך אָן אַן איבעררופן:

— פון וואַנען פירט מען אייך?

— פון בריסק!

— און אייך פון וואַנען?

— פון ביאַליסטאָק!

— פאַראַן ביי אייך וואַרשעווער?

— און לאָדזשער?

— און קראָקעווער?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן!
— העי, לובלינער!
— אפשר איז פֿאַראַן ביי אייך איינער גרינבלאַט?
— פֿרידמאַן! פֿרידמאַן! ווי זשע גייט אייך דער וועג?
— וווהין פֿירט מען אונדז? אפשר ווייסט איר וווהין?
— קיין זאַקאָפּאַנע... מיר זענען „זאַקאָפּאַני" *).

די „נ. ק. וו. ד.יסטן" פֿון ביידע עשאַלאָנען האָבן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט: זיי האָבן געהאַלטן אין איין טרייבן מיט די שטיקעס פֿון די פֿענצטערלעך; האָבן זיך אָבער בשום אופֿן קיין עצה נישט געקאָנט געבן. דאָס איבעררופֿן זיך איז געגאַנגען לענגאויס די עשאַלאָנען. אויב מ'האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון די סאַמע פֿענצטערלעך, האָט מען זיך פֿון אביסל טיפֿער איבערגעשריען.

— און ווי קאָרמעט מען אייך, יידן?
— ברויט מיט „ריבאַ"... מיט האַרץ־ברענעניש...
— און וואָסער גיט מען אייך צו לעשן די שריפֿה?...
— אַז ברענען זאָלן „זיי"...

אין מיטן האָט יענער עשאַלאָן גענומען רירן. אַ פֿאָכען פֿון הענט:
— צום ווידערזען ביי די „ווייסע בערן"...

אַלע האָבן זיך געוואָרפֿן צו די פֿענצטערלעך. יעדער איינער האָט געזוכט אין די פֿאַרבייפֿאָרנדיקע וואַגאָנעס אַ באַקאַנט פּנים.

— שלום, יידן!
— שלום!

די לעצטע וואַגאָנעס פֿאַרשווינדן. אין אַ האַלבע שעה אַרום לערך איז אויך אונדזער עשאַלאָן אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג.

אַז מיר זענען ביינאַכט געשטאַנען אין וויאַזמאַ און צומאָרגנס ביי־טאָג אין מאָזשאַיסק, האָבן אַלע זיך געשטויסן צו די פֿענצטערלעך: מ'האָט געזוכט דעם נעכטיקן עשאַלאָן. אָבער ס'איז פֿון אים קיין זכר נישט גע־ווען. אָדער ער איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, אָדער ער האָט ווייט אַוואַנסירט אין זעלבן וועג, וואָס מיר פֿאָרן.

לויט די אויסרעכענונגען פֿון די „זאַכקענער" אין וואַגאָן, פֿאָרן מיר

---

*) אַ וואָרט־שפּיל: זאַקאָפּאַנע — אַ באַרג־קוראָרט אין פּוילן און „זאַקאָפּאַני" מיינט אויך באַגראָבן...

אין דער ריכטונג צו מאָסקווע. אַלע זענען געווען געשפּאַנט אָנצוקוקן כאָטש פון דער ווייטנס, כאָטש דורכן קראַטן־פענצטערל די סאָוויעטישע רעזידענץ, דעם זיץ־אָרט פון די נייע מושלים, די „וועלט־באַפרייער״... אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאָסקווע איז פון אונדזער דירעקטן מאַרשרוט אויסגעמיטן געוואָרן דורך אַ זייטיקן וועג.

ס׳איז פאָרט נישט באַקוועם צו „פּאַראַדירן״ מיט אַזעלכע עשאַלאָנען אין דער קרוין־שטאָט, ווו עס זענען פאַראַן צופיל פרעמדע אויגן... אַז דאָס איז טאַקע אַזוי האָבן מיר זיך איבערצייגט בעת מיר זענען צוגעקו־מען צו דער סטאַנציע זאַגאָרסק — שוין נאָך מאָסקווע.

— אַ שאָד, אַ שאָד, נישט געזען מאָסקווע... — האָט זיך ווער אָפּ־גערופן מיט באַדויערונג.

— וואָס׳יז? — ענטפערט יענעם דער בריסקער „פּע־צעק״, — איר האָט געוואָלט שיקן אַ דעלעגאַציע אין קרעמל וועגן „קיפּיאַטאָק״?...

79

„סצענעס״ אין וואַגאָן

אין אונדזער וואַגאָן האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקתן און „סצענעס״. און געשען איז עס איבער דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון די „פּאַסאַזשירן״ איז קראַנק געוואָרן אויף די מאָגנס. און נישט קיין חידוש: דער הונ־גער, דער כסדרדיקער דורשט, די אַלטע געזאַלצענע דאַרע פיש, דאָס ברויט אַמאָל פאַרשימלט, אַמאָל ווידער — צו פריש, וואַסערדיק און לייַ־מיק, דאָס קאַרגע ביסל רויע וואַסער, וואָס מען באַקומט אַמאָל אויף אַ סטאַנציע ווער ווייס פון וואָס פאַר אַ פלומפּן, צי פרימיטיווע ברונימס, — דאָס אַלץ מוז סוף־כל־סוף אָנמאַכן אַ צרה אין די געדערים...

מענטשן זענען כסדר געזעסן איבער דעם לאָך אויף דער פּאָדלאָגע... איינע נאָך די אַנדערע, איינע נאָך די אַנדערע. איינער האָט זיך אויפגעע־הויבן, דער אַנדערער האָט זיך אַראָפּגעזעצט. די לופט איז צוליב דעם געווען פאַרסמט פון שלעכטע ריחות, פון מיאַזמען. מ׳איז געלעגן אויף די נאַרעס אין איבלעניש.

אין וואַגאָן האָבן זיך געטראָגן „געשמאַקע״ וויצן איבער די קראַנ־קע מאָגנס.

— העי דאָרטן! — שרייט איינער צו אַ זיצנדיקן איבער דעם לאָך,
— אָן קולות וברקים...

אַן אַנדער „בת־קול“:
— העי דאָרטן! מאַכט עס גיכער... שלאָפט שוין נישט, מ׳דאַרף האָבן די קישן... איר זעט נישט, אַז מ׳שטייט אין „אָטשערעד“...

און נאָך אַ „וויצלער“:
— העי חבֿר, גענוג מיט אייערע „פּערפומען“...

אָדער איינער אַן אומגעדולדיקער, שוין מיט אָפּגעקנעפּלטע הויזן, בעט זיך רחמים ביי אַ זיצנדיקן איבערן לאָך:
— טאָמער וואָלט איר מיך אויך צוגעלאָזט צום „פּסוק“?...

אַמאָל פּלעגט עס קומען צו שאַרפע אינצידענטן און קריגערייען: דער פּלאַץ אַרום לאָך פּלעגט דורך די מאָגן־קראַנקע פאַרשמוציקט ווערן. דער סטאַראָסטאַ פּלעגט פאָדערן פון זיי, אַז זיי זאָלן אויפּרוימען. פּלעגן די קראַנקע אַרויפלייגן די שולד איינער אויפן אַנדערן.
— איך טרעף אַריין גלייך אין לאָך אַריין... — פאַרזיכערט איינער.
— אַזאַ בריה זענט איר! — מישט זיך אַריין אַן אַנדער קראַנקער,
— גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ „פּאַכמאַן“...

עס ווערן געלאָזט אין גאַנג נאָך אַנדערע „פּערלדיקע“ רייד אין דער מחלוקת. דער סוף איז, אַז דער סטאַראָסטאַ, מיט דער צושטימונג פון דער מערהייט אין וואַגאָן, פּסקנען פּה אחד, אַז אַלע מאָגן־קראַנקע מוזן קאָלעקטיוו רייניקן די „אובאָרנאַיאַ“. אַלע מוזן זיי זיך איינטיילן לויט אַ ריי און מיטן ספּעציעלן בעזימל דערפילן זייער „חובֿ“... דערביי איז געמאָלדן געוואָרן — אויפן אַדרעס פון די עקשנים — אַז ווער עס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן, וועט בכלל מער נישט צוגעלאָזט ווערן צום לאָך.

דער סטאַראָסטאַ האָט עס דערקלערט און געוואָרנט אין זיין „סטיל“:
— ווער עס וועט נישט פאָלגן, יענער מעג זיך באַצייטנס צוגרייטן פרישע „תחתונים“... געדענקט עס!

קיין גרויסן „נחת“ האָט מען שוין די גאַנצע צייט נישט געהאַט פון די מאָגן־קראַנקע — נישט פון זייער באַשמוצן און נישט פון זייער שפּע־טערדיקן רייניקן: די מיאַזמען זענען געוואָרן די סטאַבילע באַגלייטער אין אונדזער לאַנגן, יסורימפולן וועג...

80
סאָוויעטישע שטעט דורכן פענצטער

אַזוי זענען פאַרבייגעגאַנגען מעת־לעתן גאַנצע.

אונדזער עשאַלאָן שלענגלט זיך דורך יאַראָסלאַוול. מיר פאָרן דורך דעם סאַמע מיטן שטאָט. יאַראָסלאַוול קוקט צו אונדז מיט הויכע פאַבריק־קוימענס. כמעט אַלע רויכערן. אַן אינדוסטריע־צענטער. פון טייל געביידעס — מסתמא מוניציפּאַלע — פלאַטערן רויטע פאָנען, אַ סך רויטע פאָנען. צי ווערן די דאָזיקע פאָנען נישט פאַרשעמט, ווען עס פאָרן פאַרביי אַזעלכע עשאַלאָנען ווי אונדזערע?... צי ווערן זיי נישט נאָך מער רויט — פאַר חרפה?...

אַזוי זענען פאַרבייגעגאַנגען מעת־לעתן גאַנצע. איין טאָג איז געווען אַ קאָפּיע פון אַנדערן. יעדן טאָג די זעלביקע פּלאָגעניש, דער זעלביקער דורשט. אַמאָל האָט מען געשפּירט בלויז הונגער, אַמאָל דורשט און אַמאָל ווידער —ביידע צוזאַמען. אַמאָל האָט מען אויף די סטאַנציעס געשריען: „ברויט!“, אַמאָל — „וואַסער!“ דער צוג פלעגט שטיין ביי סטאַנציעס מיט פּלומפּן, מיט ברונעמער, אָבער קיין וואַסער האָט מען נישט געגעבן. און איבער אַלעמען, תמיד אין דער לופט פון דער „טיעפּלושקאַ“ — די מיאַזמען...

וווהין מען פירט אונדז האָט נאָך אַלץ קיינער נישט געוווּסט. נאָך קאָסטראָמאַ און גאַליטש האָט מען זיך ווידער גענומען צו השערות. זאָגט איינער: „סיביר“, אַ צווייטער: „ביראָבידזשאַן“, אַ דריטער: „סאַכאַלינער אינדזלען“... שפּאַרט מען זיך, קליגלט מען זיך.

— זאָרגט זיך נישט וווהין... — וואַרפט אַריין דער בריסקער, — פאַר אונדז זאָרגט שוין די „נ. ק. וו. ד.“...

הגם מען ווייסט נישט גענוי וווהין מען פירט אונדז, ווייסט מען אָבער לסוף זיכער, אַז אויף צפון. אונדזער עשאַלאָן ציט זיך כסדר אויף צפון־זייט. פאַראַן אין וואַגאָן „אַסטראָנאָמען“, וועלכע דערקענען עס אָן דער זון... און אין דער זעלביקער לאַגע לגבי דער זון געפינען מיר זיך כסדר, אַלע טאָג.

אַז מיר פאָרן אויף צפון איז פאַראַן נאָך אַ סימן: ביינאַכט איז שוין גענוג קאַלט אין וואַגאָן. אמת, ס׳איז דאָך שוין אויגוסט, אָבער אין אונ־

דזערע מקומות זענען נאָך די נעכט וואַרעמערע. ליגן מענטשן בייגאַכט אויף די נאַרעס, קוקן אַרויס דורכן פענצטערל צום קאַלטן טונקעלן הימל, צו די קאַלטע שטערן. ווי לאַנג, טראַכט זיך, וועט מען זיך נאָך אַזוי פּיי־ניקן?... ווי לאַנג?... וועלכער רוח האָט עס אָפּגעטאָן אַזאַ „שפּיצל" מיט לעבעדיקע מענטשן, אַרויסגעריסן זיי פון היימען, פון וואַרעמע בעטן און אַריינגעוואָרפן אין די דאָזיקע קאַלטע און שמוציקע פיִ־וואַגאָנעס? פאַראַן רגעס ווען עס גלייבט זיך גאָרנישט, אַז דאָס זאָל זיין וואָר. אַ בייזער קאָשמאַר איז עס! אַ וויסטער קאָשמאַר! — — —

מיר זענען שוין קרוב צוויי וואָכן אין וועג. פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען אונדז בלויז איין מאָל געגעבן אַ וואַרעמע זופּקע. געווען איז עס ערגעץ אויף אַ קליינער סטאַנציע. אָנשטאָט וואַסער האָט אונדזער סטאַראָסטאַ געבראַכט אַן עמער זופּ. אין וואַגאָן איז עס געווען אַ סענ־סאַציע. אַ קלייניקייט, אַ וואַרעם ביסל געקעכטס!

יעדער האָט באַקומען צו טעפּעלע, מ׳האָט געזופּט פּאַמעלעך, מיט גרויס כוונה... געווען איז עס אַ פּראָסטע זופּ, אין וועלכער עס זענען אַרומ־געשווומען קלייניקע הירזש־שרעטעלעך, אַפילו נישט געשמאַלצן מיט עפּעס... אָבער איטלעכער אין וואַגאָן האָט דערין געפילט אַ גרעסערן תענוג ווי אינעם גאָלדענעם יויך בעת אַ חשובן יום־טוב אין זיין היים... אַזוי אויסגעהונגערט און אַזוי אויסגעפייניקט איז מען געווען אין דער לעכצעניש נאָך אַביסל וואַרעמס!

אין אַ געוויסן פּונקט, אויף אַן אָפענעם שטח, האָט אונדזער לאַנגער עשאַלאָן געמאַכט אַ שאַרפן האַלב־קרייז. אַ היפּשע צייט האָט ער זיך אַזוי געשלענגלט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ריזיקער בויגן, ווי אַ „דוגע" — אַזוי אַז מען האָט געקאָנט זען גלייכצייטיק דורכן פענצטערל ביידע לאָקאָמאָטיוון — פון פאָרנט און פון הינטן. די „סטאַטיסטיקער" פון אונ־דזער וואַגאָן האָבן געהאַט גענוג צייט צו ציילן די וואַגאָנעס.

— 52 וואַגאָנעס! — רופט אויס איין „סטאַטיסטיקער".

— און איך האָב אָפּגעציילט 54! — פאַרריכט אַ צווייטער.

— און אַז מיט אַ וואַגאָן מער, צי מיט אַ וואַגאָן ווייניקער קאָנט איר נישט באַשטיין?... — מישט זיך אַריין אַ דריטער.

— דינגט זיך נישט... עס וועט אייך קיינער נישט אַרויסצאָלן... — קומט אַן אַנדערער מיט זיין זאַג.

דער עולם נעמט זיך חשבונען: מען פאַרקיילעכט די סומע פון וואַ־

גאַנצעס אויף גלייכע פּופּציק. אין יעדן וואַגאָן האָט מען אַריינגעפּאַקט 40 פּאַרשוין. בכן 40 מאָל 50. מיר האָבן אַ קיימאַ־לן 2.000 פּאַרשוין.

— אַ גאַנצע אַרמיי, כ׳לעבן! — רופט אויס „חבר חיים״.

— אַן אַרמיי אַרבעטס־אייזלען... — גיט צו דער בריסקער.

— ווי דען, אויף אַ „לוסטרייזע״ פירט מען אונדז? אַי, וועט מען אַרבעטן! — זאָגט מיין שכן פון לינקס, דער קאַנדיטאָר.

אויף דער דאָזיקער ליניע איז אונדזער עשאַלאָן געקראָכן לאַנגזאַמער. אָפט פלעגט ער זיך פאַרהאַלטן ביי גאַנץ קליינע סטאַנציעס אויף גאַנצע שעהען. — אַפּנים דער וועג איז געווען פאַרשטאָפּט מיט עשאַלאָנען. אויף איינער אַ סטאַנציע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון אַ צווייטן עשאַלאָן. אַ ריזן־עשאַלאָן. אפשר ביי די זעכציק וואַגאָנעס. דאָס מאָל נישט מיט פּוילישע יידן, פּליטים, נאָר מיט סאָוויעטישע בירגער. פון די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פון רוסישן עשאַלאָן האָבן אַרויסגעקוקט צו אונדז אַ מאַסע קעפּ פון פאַרשיידענע טיפּן: רוסן, קירגיזן, טאַטערן, קאַלמיקן מיט ברייטע פּנימער און קליינע אויגעלעך; אוזבעקן מיט בערד; יידן און ווער ווייס וואָס נאָך פאַר אַ פעלקער זענען דאָ געווען פאַרטראַטן...

די אַרעסטאַנטן פון אַנטקעגן האָבן געקוקט צו אונדז מיט נייגער.

— טאָוואַרישטשי! פון וועלכע געגנטן? — קומט אַ פראַגע פון זייערן אַ וואַגאָן.

— פון פּוילן, — ענטפערט ווער פון אונדזערע.

— וועסט שוין ביי אונדז אַרבעטן, ברודערקע... און צו פאַררויכערן איז פאַראַן?

— פון וואַנען? מיר האָבן שוין לאַנג נישט. אפשר ווייסט איר וווהין מען פירט אונדז?

— דער... (דאָ קומט אַ נישט צענזורירט וואָרט) ווייסט זיי...

די „ג. ק. וו. ד.יסטן״ האָבן באַלד די „דיאַלאָגן״ איבערגעריסן.

אין קיראָוו (אַמאָל וויאַטקע) זענען מיר ווידער געשטאַנען נעבן אַן עשאַלאָן מיט פּוילישע יידן.

איז באַלד אַוועק אַ גערייד פון וואַגאָן צו וואַגאָן. אַ סך איז אויפן האַרצן געוואָרן פריילעכער: צרת רבים...

— פון וואַנען, יידן? פון בריסק?

— פון לעמבערג!

— איר ווייסט נישט וווהין?...

— איר זעט דאָך, צו די „ווייסע בערן"...

אַזוי האָבן זיך דורכגערעדט די וואַגאָנעס. מ'האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף באַקאַנטע. אויך איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, צי פאָרן נישט מיט דעם עשאַלאָן יידישע שרייבער?... איך האָב אויסגערעכנט די נעמען פון די אַלע שרייבער, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צוריקצופאָרן און וואָס טיילן זיכער דעם זעלביקן גורל.

— ווו האָט מען זיי אַרעסטירט?

— מסתמא אין ביאַליסטאָק.

— אויב אין ביאַליסטאָק, זענען זיי נישטאָ דאָ. דער עשאַלאָן פירט די אַרעסטירטע פליטים פון לעמבערג און אומגעבונג. אפשר זענען דאָ פאַראַן שרייבער פון לעמבערג. אפשר אין אַנדערע וואַגאָנעס.

די שומרים האָבן אומגעשפּאַצירט אונטן הין און צוריק. און בעת זיי פלעגן זיך אַביסל דערווייטערן פון וואַגאָן, איז אָנגעגאַנגען דער שמועס.

וויאַטקע איז אַמאָל אויך געווען אַ באַקאַנט פאַרשיקונגס־אָרט אין די צאַרישע צייטן. אַהער פלעגט מען פאַרשיקן די אַלע „בונטאָווטששי־קעס" קעגן „צאַר־באַטיושקאַ". וויאַטקע דאַרף געדענקען די גרעסטע רו־סישע רעוואָלוציאָנערן. אין וויאַטקע איז אויך פאַרשיקט געווען לענין. דאָ האָט זיך געשפּונען זיין וויזיע פון אַן אַנדער רוסלאַנד... אָבער צי פון אַ זאַ רוסלאַנד ווי עס איז איצט? ——— —אַ רוסלאַנד מיט תפי־סות און לאַגערן?... מיט מער תפיסות און מיט מער לאַגערן ווי אין די צאַרישע צייטן? ——————————————

וויאַטקע! וויאַטקע! היינט פירן אויס די עובדה פונעם אַמאָליקן צאַר — די באָלשעוויקעס... עס האָבן זיך נאָר געביטן די ראָלן... אַמאָל זענען דאָ געווען פאַרשיקט מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר פריי־הייט; איצט פאַרשיקן אַהער די „באַפרייער" די „באַפרייטע"...

ווי אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו מיינע מחשבות קומט די געגנט, וואָס נאָך קיראָוו.

מיר זעען עס באַשיינפּערלעך:

לאַגערן! לאַגערן! פון צייט צו צייט שטויסט זיך אָן דער בליק אויף לאַגער־פּונקטן. אָט ווייזט זיך אין דער ווייטנס אַ פראַגמענט פון אַ „זאַ־נע" מיט אַ דראָט־פאַרצוימונג; אין עק — אַ וואַך־טורעמל מיט אַ „סטריע־לאָק" — אַ באַוואָפנטער שומר פון „נ. ק. וו. ד.". אָפּגעפאָרן ווייטער אַ

צענדליק קילאָמעטער — ווידער אַזאַ „זאָנע“ ביי אַ ברעג וואַלד, נישט ווייט פונעם באַן־וועג.

היינט פרעגט זיך: וויבאַלד פון אונדזער עשאַלאָן אַפילו קאָן מען עס באַמערקן, טאָ וויפל זשע „זאָנעס“ זענען דאָ פאַרהוילן הינטער דעם גרינעם פאָרהאַנג פון די וועלדער?...

עס שווינדלט אַזש אין קאָפּ ביי דעם געדאַנק...
לאַגערן, לאַגערן!

אין אַ וואַלד ביים ברעג וועג זעען מיר טאַקע, פאַרבייפאָרנדיק, די לאַגערניקעס ביי דער אַרבעט: מ׳האַקט ביימער, מ׳שלעפּט קלעצער, מען לייגט אויף ריזיקע סטאָסן. ביי יעדער גרופּע אַרבעטער־אַרעסטאַנטן שטייען „נ. ק. וו. ד.יסטן“ און היטן זיי. דאָס אויסזען פון די לאַגער־מענטשן איז אַזאַ נעבעכדיקער. אַ סך גייען אין טראַנטעס, אין שמאַטעס. אַרום די „נ. ק. וו. ד.יסטן“ דרייען זיך אום ריזיקע הינט — ראַסאָווע הינט מיט לאַנגע אויערן, וואָס וואַרטן נאָר אַפּנים אויף אַ ווונק, כדי זיך אויף עמיצן אַרויפצוואַרפן.

לאַגערן, לאַגערן! מיר זענען שוין אין דער אָרביטע פון די סאָוויעטישע לאַגערן.

דער „חבר חיים“ קוקט די גאַנצע צייט דורכן פענצטערל מיט אויפגעריסענע אַפּלען. דאָס זעלבע דער בריסקער, דער „פּע־צעק“.

— איר זעט? — רופט זיך אָפּ דער בריסקער, — ווער פון די טור־ריסטן האָט עס געזען? קיין איינציקער נישט! מיר אָבער — מיר זענען די „פּריווילעגירטע“... אונדז ווייזט מען יאָ די לאַגערן... אָט זענען זיי פאַר אונדזערע אויגן...

„חבר חיים“ שווייגט. זיין פּנים איז אויסגעקרימט אין אַ מאָדנער גרימאַסע. קענטיק, ער לעבט עס איבער...

צי זענען טאַקע די אַלע מענטשן, וואָס זיצן אין די „זאָנעס“, וואָס אַרבעטן דאָ אין די וועלדער — צי זענען זיי פאַרברעכער? שווער צו דערקענען אָן מענטשן, וועלכע האָבן יעטוועדן מענטשלעכן אויסזען פאַרלוירן דאָ אין די וועלדער... אַפילו ווען מען זאָל, אַ שטייגער, אָנקוקן ערגעץ אויף דער פריי אַזעלכע פאַרשוינען אין אונדזער איצטיקן „הולך“, אַזעלכע פאַרוואָקסענע און פאַרחזירטע ווי מיר זענען, — צי וואָלט מען זיי נישט אָנגענומען פאַר בראָדיאַגעס, גנבים, גאָרגל־שניידער?... איך

גופא וואָלט איך אַזוי געקאָנט טראַכטן, ווען איך באַגעגן אויף דער גאַס אַזאַ פּאַרשוין אין אַזאַ מצב ווי איך בין אַצינד...

81
די „אסיפה" אין וואַגאָן

ס'איז שוין גוט קאַלט בײַנאַכט. דער אויגוסט רוקט זיך, און עס איז צפון... אַזוי קאַלט, אַז איך קאָן נישט אײַנשלאָפן. עס קלאָגן זיך דערויף נאָך אַנדערע אין וואַגאָן, וועלכע זענען אַרײַנגעפאַלן אין תפיסה אַזוי ווי איך — אָן די זאַכן. אַפילו אָן אַ מאַנטל, אָן אַ צודעק. נאָר אַ קלײנער טייל איז געווען „ווײַטזעעוודיק" און האָט ביים אַרעסט באַלד מיטגעכאַפּט מיט זיך וואָס עס האָט זיך געלאָזט כאַפּן על רגל אחת.

מיר, די „נאַקעטע", רעדן זיך איין טאָג צונויף און מען אימפּראָוויזירט אַ „פאַרזאַמלונג". דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע אַסיפה. קיין „אײַנלאַדונגען" האָט מען נישט נייטיק געהאַט צו שיקן — אַלע ווי איינער זענען געווען אויפן פּלאַץ... קיינער האָט נישט געפעלט... דערפאַר האָט שוין געזאָרגט די „נ. ק. וו. ד."...

דער „חבר חיים" — אויך איינער פון די „נאַקעטע"... — מאַכט אַ דערקלערונג פאַרן וואַגאָן, אַז עס איז „אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם", צוליב וואָס מען מוז אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג...

עס האָבן זיך דערהערט צווישנרופן:

— וואָסי?

— זאָגט וואָס איז אַזוינס געשען?

— איר וועט הערן אויף דער פאַרזאַמלונג...

און ער לייגט פאָר מ'זאָל אויסוויילן אַ פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג. דער דאָזיקער כבוד איז צוגעפאַלן מיר. דאָס איז געווען טאַקע אויף „חבר חיימס" פאָרשלאָג.

אַלע זעצן זיך אויס אויף די נאַרעס און איך עפן די פאַרזאַמלונג. איך „רעפערירט" וועגן דעם צוועק פון דער אסיפה און אַנטוויקל אַ גאַנצע טעאָריע וועגן מענטשלעכער מאָראַל... איך באַמי זיך צו ווירקן מיט מײַנע רייד אויף דער „אוידיטאָריע" און ווענד אָן מײַן גאַנצע „עלאָקווענץ":

— אין אַן עת־צרה דערזעט מען דעם מענטש אָן אַ מאַסקע... נאָר

אין טראַגישע מאָמענטן קאָן מען זען, צי דער מענטש געפינט זיך אויף אַ מאָראַלישער הויך, אָדער ער איז פאַרדאָרבן, געפאַלן, עגאָאיסטיש...

— אויך מיר דאָ אין וואַגאָן, — פיר איך ווייטער אויס, — געפינען זיך אין אַ טראַגישן מאָמענט... איך דאַרף אייך נישט דערקלערן — איר ווייסט עס אַליין. מיר אַלע זענען גלייך הילפלאָז, פאַרשלאָסן אין דאָזיקן שמוציקן קאַסטן... די עת־צרה האָט אונדז דאָ פאַראייניקט אין איין משפּחה...

און נאָכן דאָזיקן אַריינפיר קום איך צום אויספיר, צו דער „מאָ־ראַל", אַז היות ווי אַ טייל מענטשן אין וואַגאָן זענען נאַקעט און בלויז און ביינאַכט פרירן זיי פון קעלט, וואָס עס צעברעכט זיי פיזיש, — קו־מען דעריבער די איניציאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג מיט אַן אַפּעל צו די יעניקע אחים לצרה, וואָס האָבן מיט זיך גענוג מלבושים: זאָלן זיי אויס־באָרגן — נאָר אויף ביינאַכט! — עפּעס פון זייערע זאַכן פאַר די שכנים אין וואַגאָן. זאָלן זיך יענע אַליין אָפּרופן!

באַלד נאָכן ענדיקן האָבן זיך אין וואַגאָן דערהערט שטימען:

— איך — אַ קאָץ!

— איך — אַ טוזשורקע!

— איך — אַ מאַרינאַרקע!

מיין שכן פון רעכטס, דער בריסקער, האָט דער ערשטער אַרויסגע־שלעפּט פון זיין דיקן „פּלעצאַק" אַ מאַנטל און מיר דערלאַנגט:

— נאַט, דעקט זיך צו. איך האָב דאָך אַ קאָץ.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, חבר!

אַ שפּאָגל־נייער מאַנטל איז עס געווען.

אַזוי האָבן געטאָן אַלע אין וואַגאָן, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַן איבעריקן מלבוש, וואָס קאָן דינען אויף ביינאַכט ווי אַ צודעק. אַ סך „נאַקעטע" זענען געהאָלפן געוואָרן.

איצט איז מיר שוין ביינאַכט געווען וואַרעם ווי אין אַן אויער. פון ביידע זייטן האָבן מיך געוואַרעמט די שכנים, וואָס האָבן מיך צוגעדריקט מחמת ענגשאַפט, און פון אויבן האָט מיך געוואַרעמט דער ווינטערדיקער מאַנטל פונעם בריסקער „פּע־צעק".

אין דעם דאָזיקן עמק־הבכא האָט מיך טיף גערירט דאָס גוטסקייט, וואָס שלומערט אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה. מען דאַרף נאָר צו דער דאָזיקער נשמה־טיפעניש געפינען דעם וועג.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך אַפילו געהאַט חלומות: איך האָב געזען מיין וואַרשעווער היים, מיין היים אויף שוויענטאָיערסקע... אָבער די מלאכי־חבלה — די „נ. ק. וו. ד.יסטן"־שומרים — האָבן זיך ערגעץ אויף אַ סטאַנציע צעטאַנצט ווי די שדים אויפן דאַך פון וואַגאָן, זוכנדיק צי זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין לעכער צום אַנטלויפן, און נאָכדעם זענען זיי אַריין, ווי תמיד, אין וואַגאָן אַריין מיט זייער „פּאָוויערקאָ". און דאָס האָט מיר איבערגעריסן מיינע חלומות...

82

אַ ייד שטאַרבט אין טלית...

מיט דעם קראַנקן ייד ביים קראַטן־פענצטערל, דעם אַסטמאַטיקער, האַלט נישט גוט. איך באַקוק אים פון דער ווייטנס — זיין אויסזען געפעלט מיר נישט: אַ געל פּנים, אָן אַ טראָפּן בלוט. ער אָטעמט שווער. עס זעגט ביי אים אינעווייניק ווי מיט אַ טעמפּער זעג. די אויגן אויסגעלאָשענע. ער ליגט שטיל און רעדט נישט.

איך קריך אַראָפּ פון נאַרע און גיי צו צו אים.

— אַ גוט מאָרגן אייך! ווי פילט איר זיך?

ער ענטפערט נישט. ער גיט נאָר אַ בליק אויף מיר און טוט קוים אַ מאַך מיט דער האַנט.

— טוט אייך עפּעס וויי?

— נישט גוט... — מורמלט ער שטיל אַרויס.

— וואָס פילט איר? אַ ווייטיק?

— כ'קאָן נישט אָפּציען דעם אָטעם...

און ווידער שטיל. קיין וואָרט נישט מער.

זיין ברוסט, זע איך, הייבט זיך שווער אַרויף און אַראָפּ.

כ'גיי צו צום סטאַראָסטאַ פון וואַגאָן און בין זיך מיט אים מיישב וואָס מ'קאָן טאָן מיטן דאָזיקן חולה־מסוכן. ווען דער צוג וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, וואָלטן מיר אַליאַרמירט די „נ. ק. וו. ד.", אָבער אין לויף פון עשאַלאָן — ווער וועט אונדז הערן? דאָך הייבן מיר אָן צו קלאַפּן, צו זעצן מיט די פיס אין טיר און אין ווענטל. אָבער עס העלפט נישט. קיינער פון וואַך־טורעמל צווישן די וואַגאָנעס רופט זיך נישט אָפּ.

מעשה־שטן האָבן מיר היינט אַ טאָג אָן וואַסער, כאָטש דער עשאַלאָן איז שוין היינט צוויי מאָל געשטאַנען ביי סטאַנציעס מיט פּלומפּן. אָבער די טעמפּע רשעים האָבן זיך נישט גערעכנט מיט אונדזערע געשרייען: „וואַסער!״ „וואַסער״. ווען מיר האָבן כאָטש אַביסל וואַסער פאַרן חולה־מסוכן!

— יידן, אפשר איז נאָך ביי עמיצן געבליבן אַ טראָפּן וואַסער אין אַ „קרוזשקע״?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ביי אַלעמען זענען די טעפּלעך געווען טרוקן ווי ביין.

— וואָס איז אייך, ר׳ משה? — פרעגט דער סטאַראָסטאַ, כדי נאָר צו זען ווי דער קראַנקער רעאַגירט.

דער חולה טוט צו מיר אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מיר וועלן עפּעס זאָגן. די האַנט פאַלט מאַכטלאָז צוריק אַראָפּ. איך הייב זיך אונטער העכער צו אים:

— איר ווילט עפּעס?

— כ׳בעט אייך... אָט דאָ... מיין טלית... גיט מיר מיין טלית...

און ער האָט אָפּגעהאַקט.

— ווו איז זיין טלית?

— צוקאָפּנס מסתמא.

מיר זענען ביידע אַרויפגעקראָכן אויף זיין נאַרע און פאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן פון הינטער זיין צוקאָפּנס אַ קליין פּעקעלע, אין עפּעס אַ ברוי־דיקער פאַטשיילקע. דעם יידנס גאַנצער „באַגאַזש״... מיר בינדן אויף די פאַטשיילקע און ציען אַרויס פון דאָרט אַ צונויפגעקוועטשטן אַלטן טלית. דאָס איבעריקע לייגן מיר צוריק הינטער זיין צוקאָפּנס.

מיר האָבן דעם טלית אַביסל פאַנאַנדערגענומען און אַנידערגעלייגט האַרט נעבן אים. איין טייל פון טלית איז געלעגן אויף זיין שווער־אָטעמ־דיקן גוף...

דער ייד האָט בעת־מעשה מער נישט געקוקט אויף אונדז. זיינע אויגן זענען געווען ווי פאַרגלייזט. די ברוסט ביי אים האָט זיך נאָך שווערער געהויבן אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ.

— ער געפעלט מיר נישט... — באַמערק איך שטיל דעם סטאַ־ראָסטאַ.

דער סטאַראָסטאַ נעמט ווידער האַקן מיט די פיס אין טיר. עס קומט

אים צו הילף דער „חבר חיים", נאָכדעם קומט צו דער בריסקער און אַנ־דערע יידן. דער וואָגאָן ווערט פאַרטויבט פון דער געקלאַפּעריי.

— גלויבט איר, אַז אין וואָך־טורעמל הערט מען נישט דאָס גע־בראַזג? אַפילו אַ טויטן וואָלט עס אויפגעוועקט!

— זיי מוזן זיכער הערן, אונדזערע שומרים. אָבער וואָס אַרט עס זיי?

אַזוי האָט מען געקלאַפּט, געזעצט מיט די פיס אין טיר און אין ווענטל און אַזוי האָט מען זיך דורכגערעדט וועגן דעם ווערט פון אונדזערע לעבנס אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. דער טאָג האָט זיך דערווייל גערוקט, דער פאַרנאַכט איז שוין געקומען און דער ייד האָט געגוסטט...

פלוצלונג האָט זיך דער „שכיב מרע" פאַרקייכט, שווער פאַרקייכט, — אַזוי אַז ער האָט דעם אָטעם מער נישט געקאָנט צוריקכאַפּן. זיין קאָפּ האָט זיך ביים הוסטן קאָנוולסיוו גענומען וואַרפן. די אויגן זענען גע־וואָרן ווילד פאַנאַנדערגעריסן און ווייס. דאָס מויל האָט זיך אומנאַטירלעך געעפנט, ווי עס וואָלט געוואָלט כאַפּן — לופט! לופט!

נאָך אַ פּאָר קראַמפּן — און דעם יידנס גוף האָט זיך מיטאַמאָל אַ ציי אויס געטאָן גלייך ווי אַ סטרונע. דער קאָפּ איז צוריקגעפאַלן אויף הינטן, די אָפענע אויגן זענען פאַרגליווערט געוואָרן.

מ'איז צוגעגאַנגען נענטער — שטיל. קיין באַוועג, קיין ריר פון קיין אבר. אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך צוגעקוקט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. אַלע זענען געווען ווי פאַרגליווערט.

— ברוך דיין אמת... — רופט ווער אויס מיט אַ געבראָכענער שטים.

מ'האָט דעם טלית, וואָס איז געלעגן טיילווייז אויפן יידנס גוף, אויס־געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט און צוגעדעקט דעם מת ביז איבער זיין קאָפּ.

און עמיץ אין וואַגאָן גיט איבער בלחש, אַז דער ייד האָט אים גע־האַט דערציילט: אין תפיסה, בעת דער רעוויזיע, האָט מען ביי אים צו־גענומען די תפילין. בפרט, אַז ביי די תפילין זענען דאָך פאַראַן רצועות. נעמען זיי דאָך צו אַלע רימענע פאַסקעס. דעם טלית אָבער איז אים גע־לונגען צו ראַטעווען: ער האָט זיך מיט אים אַרומגעוויקלט דעם האַלדז ווי מיט אַ שאַל...

און אַזוי איז דער עלנטער ייד געלעגן איינגעהילט אין זיין טלית — ווי זיין לעצטער ווילן איז געווען...

דער גאַנצער עולם אין וואַגאָן איז אַריבער אויף אַ קעגנאיבערדי־קער נאַרע. דער מת איז געבליבן אַליין. אַלע זענען אַוועק סיי פון דער אויבערשטער, סיי פון דער אונטערשטער נאַרע. מ׳האָט גערעדט אין שטי־לע טענער. אַנדערע כמעט בלחש. אויף אַלע פּנימער איז געלעגן אבלות...

מעשה־שטן האָט זיך דער עשאַלאָן נישט אָפּגעשטעלט. עס איז גע־וואָרן אָוונט, דאַן נאַכט; אָבער קיינער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. אַלע האָבן זיך צונויפגערוקט אויף די קעגנאיבערדיקע נאַרעס אין אַ געדיכטער מענטשן־קופּע. פון אַנטקעגן האָט זיך געווייסלט דער טלית, וואָס האָט צוגעדעקט דעם מת. יענץ ווינקל האָט געשפּאַנט אַלעמענס נערוון, האָט צוגעצויגן אַלעמענס בליקן.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז דער עשאַלאָן שטיין געבליבן. עפּעס אַ קליינע סטאַנציע, אַ ווייסטער העק. אַ קליין וואָקזאַלעכל, געצייל־טע הילצערנע הייזקעס. די „נ. ק. וו. ד.יסטן" האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אויף „פּאָוויערקאַ". דאָס מאָל האָבן מיר אויף זיי געוואַרט, אויסגעקוקט זיי זאָלן שוין קומען.

דער סטאַראָסטאַ האָט זיי געמאָלדן וועגן טויט־פאַל. יענע זענען דערפון נישט נתפּעל געוואָרן. זיי האָבן אַ לייכט געטאָן מיטן עלעקטרישן לעמפּל אויפן טויטן קערפּער און איינער האָט אַ מורמל געטאָן:

— לאַדנאָ...

און זיי זענען צוגעטראָטן צו דער „פּאָוויערקאַ". ביים אַרויסלייענען פון דער רשימה האָט זיך איינער נישט אָפּגערופן — מאָווּשאַ גאָלדמאַן. דאָס איז געווען דער געשטאָרבענער... און ביים ציילן האָט דער „נ. ק. וו. ד.יסט" צום סוף, נאָכן איבערציילן אַלע לעבעדיקע 39, וועלכע זענען אַריבער אויף איין זייט, אַ ווייז געטאָן צום טויטן דאָרט מיטן פינגער:

— סאָראָקאָוואָי... (דער פערציקסטער).

בעתן צוריקשליסן די טיר האָט איינער פון די שומרים אַריינגע־וואָרפן:

— מיר וועלן „אים" באַלד צונעמען.

עס האָט אָבער געדויערט גענוג לאַנג. דער צוג איז דאָ געשטאַנען אַ פּאָר שעה.

לסוף האָט זיך די טיר ווידער אָפּגעריגלט און עס זענען אַריינגעקו־מען אַ פּאָר פּאַרשוין מיט אַ טראָג־בעטל. זיי האָבן אַראָפּגענומען דעם מת אַזוי ווי ער איז געלעגן אַן איינגעהילטער אין טלית, צוזאַמען מיטן

טאָרבעלע שמאַטעס פון הינטער זיין צוקאָפּנס, און האָבן אים אַרויסגע־טראָגן פון וואַגאָן. אַלע זענען געזעסן נאָך מער צונויפגעדריקט אויף די קעגנאיבערדיקע נאַרעס און, פאַרשטאַרטע, מיט צערפולע בליקן אַרויס־באַגלייט דעם בר־מינן...

און דאָס איז געווען — די ל ו י ה — — — — — — — — — — — — —

— ווער וויל זאָגן קדיש? — דערהערט זיך אַ שטים, ווי אַ בת־קול, אין דער פינצטער פון צווישן דער מענטשן־קופּע.

— איך! — האָט זיך אָפּגערופן דער בריסקער.

ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון דעם מענטשן־קנויל, וואָס אויף דער אויבערשטער נאַרע, האָט זיך אַנידערגעשטעלט מיטן פּנים צו דער פאַר־ריגלטער טיר, דורך וואַנען מ׳האָט אָקאָרשט אַרויסגעטראָגן דעם מת, און אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטים:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גאַנצע נאַכט אין וואַגאָן איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. דער חלל איז געווען אָנגעפילט מיט טויט...

83

טיפער אויף צפון

מיר פאָרן אַריין אין אַ געדיכטעניש פון וועלדער. די סטאַנציעס ווערן זעלטענער. דאָ און דאָרט ביים שליאַך — טאַרטאַקן. עס ראַיעט דאָ פון מענטשן, מענטשן מיט העק, מענטשן מיט זעגן, מיט האַמערס. אומע־טום גאַנצענע קופּעס קלעצער. גאַנצענע שורות פון סטאָסן. מענטשן שלעפּן אויף די אַקסלען די קלעצער, פאַרווייז, זאַלבעדריט, זאַלבעפערט.

מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז דאָס זענען לאַגער־מענטשן, אַ סימן: די שומרים, די „נ. ק. וו. ד.יסטן" מיט די ביקסן, וואָס היטן די אַרבעטער. דאָס זענען אַלץ די „איינוווינער" פון די אויסטערלישע „ישובים", וואָס מיר פאָרן פאַרביי פון צייט צו צייט — די „זאָנעס", אַרומגערינגלטע מיט שטעכיקן דראָט און מיט וואַך־טורעמלעך פון אַלע פיר עקן. די דאָ־זיקע „זאָנעס" שניידן זיך אַריין ווי קאָסטנס אין דער געדיכטעניש פון די

וועלדער. פון די „קאַסטנס" קוקן אַרויס לאַנגע הילצערנע געביידעס — פּשוטע באַראַקן, אַפּנים די „היימען" פון אָט די גרויע מענטשן, וואָס ראַיען דאָ און דאָרט ווי מוראַשקעס ביי דער אַרבעט אין די וועלדער.

עס ווייעט אַן אומהיימלעכקייט פון די דאָזיקע ווילדע וועלדער. דאָס זענען נישט קיין וועלדער, וואָס לאָקן, וואָס רייצן מיט זייערע ראָמאַנטי־שע שטעגן־וועגן, וואָס פאַרקלינגען מיט פריילעכע יונגע געלעכטער'ס; וואָס פאַרבאָרגן אין זייער גרינער טיפקייט סודות פון פאַרליבטע; מח־שבות פון מתבודדים־טרוימער... — ניין! נאָר מיט עכאָס פון האַק און זעג זענען אָנגעפילט די וועלדער... דאָס זענען שוין די טייגעס... די וויל־דע טייגעס...

גאָט איינער! וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָ אין דער דאָזיקער פאַר־וואָרפנקייט?...

איין אָוונט בלייבט דער עשאַלאָן שטיין ביי אַ קליינער סטאַנציע. פון דער ווייטנס זעט מען נישט דעם נאָמען אויפן וואָקזאַל. אין אַ קליי־נעם גערטנדל דערנעבן האָט זיך אַן עולם יוגנט משמח געווען. עפּעס מאָד־נע אויסטערלישע געזאַנגען האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן. מ'האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן געזונגען. קיין רו־סיש איז עס זיכער נישט געווען. אומבאַקאַנטע ווערטער און אומבאַקאַנטע ניגונים.

פון אונדזערע פענצטערלעך האָט מען אַפילו געקאָנט באַמערקן ווי מען טאַנצט דאָרט אין גערטנדל. די מוזיק מוז זיין פון אַ האַרמאָשקע. זייער פּרימיטיוו. אַמאָל פלעגט זיך דערהערן פון דאָרט אַ מיידלשער קוויטש, אַ געלעכטער.

און ס'האָט זיך געטראַכט: וואָס פאַר פאָלק איז דאָ? וואָס פאַר אַ מענטשן? צי קאָן מען דאָ לאַכן אין שכנות פון לאַגערן? צי איז דאָ מעג־לעך פרייד? — — —

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען מיר געשטאַנען שוין ביי אַ גרע־סערער סטאַנציע. די לאָקאָמאָטיוון האָבן דאָ געמוזט אָננעמען וואַסער. די לאָקאָמאָטיוון אָבער נישט מיר, די אַרעסטאַנטן... אַן אונדז האָט מען פאַרגעסן... און אַז מיר האָבן דערמאָנט מיט אונדזערע קולות, האָט זיך אונדזער „נאַטשאַלסטוואָ" געמאַכט טויב...

אונדזער וואַגאָן שטייט ביים עק פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג. אַזוי אַז פון אונדזערע פענצטערלעך קאָן מען אַפילו זען די פּאַסאַזשירן פון אַנט־

קעגנדיקן וואַגאָן. געוויינלעך האָט די „נ. ק. וו. ד.״ אַזוי אַראַנזשירט אונ־דזער טראַנספּאָרט, אַז מיר זאָלן זיין וואָס ווייטער פון ציווילע בירגער. היינט טרעפט עס דאָס ערשטע מאָל זינט דעם לאַנגן עטאַפּ־וועג.

אַלע אונדזערע קעפּ באַלאַגערן די קראַטן־פענצטערלעך. אויך פון אַנטקעגן אָבסערווירן אונדז נייגעריקע בליקן פון פּאַסאַזשירן.

— טאָוואַרישטשי! גיט צו פּאַררויכערן! — רופט באַלד אויס ווער פון אונדז.

פון אַנטקעגנדיקן אָפענעם פענצטער רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ פון אַ פּאַסאַזשיר. באַמערקנדיק, אַז אונדזער שומר־„נ. ק. וו. ד.יסט״ האָט זיך אויף אַ רגע דערווייטערט, האָט ער אין דער גיך אַ שליידער געטאָן צו אונדזער פענצטערל אַ צונויפגעוויקלט פּאַפּירל. די אויסגעשטרעקטע הענט פון די אונדזעריקע האָבן עס געכאַפּט. אינעווייניק אינעם פּאַפּירל איז געווען אַביסל מאַכאָרקע פון היימישער פלאַנצונג — „סאַמאָסייקאַ״, מאַכאָרקע אויף 4־5 ציגאַרעטלעך. אין וואַגאָן איז באַלד געוואָרן אַ ריי־סעריי איבער דער חלוקה. דער וואָס האָט דאָס פּאַפּירל געכאַפּט, האָט בדעה געהאַט צו דערקלערן עס פאַר זיין אייגנטום... אָבער דאָס געוויסן פון וואַגאָן האָט עס נישט דערלאָזט און אויף אַלעמענס פאָדערונג האָט יענער געמוזט די מאַכאָרקע איבערגעבן צום אַלגעמיינעם רשות. אַלע האָבן שפּעטער די ציגאַרעטלעך גערויכערט בשותפות. יעדער איינער צו עט־לעכע ציי.

— טאָוואַרישטשי! וווהין פירט מען אונדז? — שיקט ווער אַ פראַ־גע אַנטקעגן.

— איר וועט אין גיכן געוויר ווערן... — קומט אַן ענטפער פון איין פּאַסאַזשיר.

דער דאָזיקער פּאַסאַזשיר האָט זיך תיכף אָפּגעדרייט פון פענצטער: אונדזער שומר מיטן „טייטל״ האָט זיך דערנענטערט צום וואַגאָן.

דער פּאַסאַזשיר־צוג האָט באַלד געריכט. פון אונדזערע פענצטער־לעך האָט מען צו די פּאַסאַזשירן געפאָכעט מחמת דאַנקבאַרקייט מיט די הענט.

אונדזער עולם האָט זיך געקוויקט מיט די ציגאַרעטלעך.

אונדזער עשאַלאָן האָט זיך געשניטן ווייטער אין דער זעלביקער ריכ־טונג — אויף צפון. ווידער אַ טאָג און ווידער אַ נאַכט. אַ קאַלטע אוי־גוסט־נאַכט.

אין באַגינען איז אַרויסגעשוווּמען פון אַנטקעגן אַ שטאָט. אַ גרע־סערע שטאָט.

אונדזער עשאַלאָן בלייבט שטיין.

סטאַנציע ק אַ ט ל אַ ס. איבערן וואָקזאַל פלאַטערט אַ רויטע פאָן. לכבוד וואָס? לכבוד וועמען? זיכער, נישט לכבוד אונדזער אָנקומען...

84

אין האַרץ פון די לאַגערן

קאַטלאַס ליגט אין האַרץ פון די לאַגערן.

דאָ גרוזעוועט מען אונדז אויס. ס׳איז אַ זוניקער פרימאָרגן, מ׳קריכט אַרויס פון די האַלב־פינצטערע „טיעפּלושקעס״ ווי די קאַליקעס, ווי אינ־וואַלידן. אַ סך וואַקלען זיך אויף די פיס. זיך אָפּגעוווינט פון גייען. די ליכטיקייט בלענדט אין די אויגן. שוין לאַנג די זון רעכט נישט אָנגע־קוקט...

מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט וואַגאָנענווייז. יעדער וואַגאָן — פער־ציק מענטשן — האָט געבילדעט אַן אָפּטיילונג, ווי אַן אָטריאַד. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ שורה, ווי אין מיליטערישן מאַרש און אַזוי האָט מען לסוף געריכט פון וואָקזאַל־שטח. עס האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעצויגן אַ לאַנגע, לאַנגע לענטע פון מענטשן — אַ אַרמיי אַ גאַנ־צע. פון ביידע זייטן, לענג־אויס אונדזער צוג — אַ מאַסע „נ. ק. וו. ד.יסטן״. די ביקסן האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט, ווי גרייטע צו לאָזן זיי אין גאַנג. זאָל נאָר עמיץ פון דער גרויער מאַסע וואַגן צו אַנטלויפן. דאָ און דאָרט האָבן מיטגעריטן „נ. ק. וו. ד.״־אָפיצירן און געריסן זיך מיט זייערע קאָמאַנדעס:

— העי דאָרטן, צי זיך!

— העי דאָרטן, ריר זיך!

— קריך נישט אַרויס, דו סטיערוואַ! (קליפּה).

אַ סך פון דער מאַסע זענען אָפּגעשטאַנען צו כאַפּן דעם אָטעם, האָבן פשוט קיין כוח נישט געהאַט צו שלעפּן די פיס. די לאַנגע וואָכן תפיסה און עשאַלאָן האָבן אויסגעזויגן דאָס חיות פון די ביינער. אויסגעצערטע פון הונגער און דורשט, פאַרשמוצטע און צעקנאָדערטע, האָבן די מענטשן

אויסגעזעען ווי אַן אויסטערלישע מחנה מצורעים, וואָס ווערן איזאָלירט פון דער לעבעדיקער וועלט און אַרויסגעפירט צום אומקום, כדי אויסצו־מיידן די אויסשפּרייטונג פון אַ מגפה...

אַזוי, אייגנטלעך, וואָלט געדאַרפט טראַכטן אַ „זייטיקער", אָנקוקנ־דיק די דאָזיקע משונהדיקע מאַסע, וואָס בלויז מיט געציילטע חדשים צו־ריק זענען עס געווען געוויינלעכע מענטשן, ווי אַלע אַנדערע נאָרמאַלע מענטשן — מענטשן, וואָס האָבן טאַטעס און מאַמעס; וואָס האָבן אַ היים און אַ משפחה; פרויען און קינדער... פרייד און לייד...

ווי גיך, ווי שנעל די „ב. ק. וו. ד."־מאַשין קאָן עס נאָרמאַלע מענטשן פאַרוואַנדלען אין אַזעלכע אויסטערלישע, שלימזלדיקע, קריכיקע באַשע־פענישן! — — —

איך קוק זיך נייגעריק אַרום אין מיטן גאַנג. מיינע בליקן בלאָנדזשען רעכטס און לינקס. פון איין זייט, זע איך, שפּרייט זיך אַ שטאָט. אַ שטאָט ווי אַלע רוסישע שטעט. דאָס רוב הילצערנע געביידעס, נידעריקע הייזער. איין־שטאָקיקע, צוויי־שטאָקיקע. אָט ציט זיך אַוועק איין גאַס, אַ צווייטע. מענטשן שטעלן זיך אָפּ פון דער ווייטנס און כאַפּן אַ קוק צו דער קריכיקער לאַנגער מאַסע. אַנדערע גייען שנעל פאַרביי, נישט אַרומקוקנ־דיק זיך אַפילו. אַפּנים שוין געוווינט צו אַזעלכע בילדער...

פון דער אַנדער זייט זע איך אַ גאַנצן קוואַרטאַל פון באַראַקן. אַ סך, אַ סך באַראַקן. לאַנגע הילצערנע, מיט קליינע פענצטער. דאָ און דאָרט דראָט־פאַרצוימונגען.

מיר רוקן זיך דורך הינטער־גאַסן. לינקס, פון דער ווייטנס, זעט זיך אַ גרויסער אַרבעט־פּלאַץ. אַ מאַסע מענטשן צעשאָטן ווי די מוראַשקעס. מ'טראָגט „נאָסילקעס" ערד, שטיינער. מען גראָבט, מען שיט מיט ריד־לען, מען האַקט מיט לאָמען, מיט קירקעס. אינצווישן דרייען זיך אום „ב. ק. וו. ד.יסטן", דיריגירן מיט די מענטשן. עס דערגייען פון דאָרט גראָבע שטימען. קלאָר, דאָס אַרבעטן דאָרט אַרעסטאַנטן, לאַגער־מענטשן. די מענטשן פון די באַראַקן אין די דערבייאיקע „זאָנעס". עס זעט זיך פון דערווייטנס אַ גראָבן. דאָס גראָבט מען דאָרט אַוודאי אַ קאַנאַל. צי איז עס נישט אַמאָל אַ קאַנאַל אָט צו יענעם טייך דאָרט העכער, וואָס בלאַנקט אַנטקעגן דער זון ווי אַ בלויער שפּיגל?

די פּאָרלעך, וואָס טראָגן די „נאָסילקעס", קריכן פּאַמעלעך, איינגע־

בויגן די קעפּ און רוקנס, קוים, קוים וואָס זיי שלעפּן די פיס. דער שווע־רער יאָך שלעפּט זיי אָט־אָט צו דער ערד...

אין דמיון ביי מיר טויכט אויף אַ בילד, וואָס כ'האָב אַמאָל ערגעץ געזען אין אַ קינאָ, צי געלייענט אין אַ בוך: אַ בילד פון דער אַמאָליקער צאַרישער קאַטאָרגע. מיט וואָס איז אַנדערש פון יענער צאַרישער אָט די דאָזיקע ס אָ װ י ע ט י ש ע קאַטאָרגע, וואָס מיינע אויגן זעען איצ־טער? — — —

— קוקט נאָר אָן, — באַמערקט מיר דער בריסקער, — צי וועלן מיר אויך אַזוי מוזן אַרבעטן?...

— כ'מיין, אַז נישט... — ענטפער ווער, — מיר זענען דאָך עפּעס אַנדערש... מיר זענען דאָך „ביעזשענצעס“...

— אַ ייד וויל זיך טרייסטן... — רופט זיך אָפּ אַ דריטער מיט אַ טאָן פון חוזק.

נאָך אַ פּאָר הינטער־שטאָטישע גאַסן — און דער פרימאָרגן־מאַרש אונדזערער ווערט געענדיקט.

— שטיי!

85

אין קאָטלאַסער עטאַפּ־זאָנע

מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ טויער פון אַ ריזיקער „זאָנע“. לאַנגע, הויכע פּאַרקאַנעס, אַרומגעפלאָכטן מיט שטעכיקן דראָט. פון אַלע עקן, ווי אומעטום — וואַך־טורעמלעך, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעקוקט די „נ. ק. וו. ד.“־שומרים. פון הינטערן פּאַרקאַן האָט זיך אַרויסגעזען אַ גאַנצע נעץ פון פּראָסטע הילצערנע געביידעס — די באַראַקן.

דאָס טויער האָט זיך געעפנט און אונדזער צעצויגענע „אַרמיי“ האָט אָנגעהויבן „אַריינמאַרשירן“.

אינעווייניק האָבן זיך די שורות מענטשן פריי צעשאָטן, אויפגע־לייזט.

אויף יענער זייט האָט אונדז באַגעגנט אַן אַנדערער עולם — אויך משלנודיקע, אויך פּוילישע יידן — פּליטים. אַ ריזיקע מחנה, וואָס ראָיעט אויף דעם ברייטן און לאַנגן שטח פון דער „זאָנע“. עס ווייזט זיך באַלד

אַרויס, אַז זיי זענען אַהער אָנגעקומען מיט אַ טאָג פריער. אויך פון ביאַ־ליסטאָק, מיט אַן עשאַלאָן, וואָס איז „פּאַרמירט" געוואָרן אין בריסק.

בעת אונדזער מחנה איז שוין געווען אינעווייניק, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ גוואַלדיקע באַוועגונג, אַ טומל, אַ יאַריד. אַ צעמישעניש. מענטשן זענען אומגעלאָפן ווי צעדולטע. מען האָט זיך געשטויסן איינע אָן די אַנדערע. מ'האָט געזוכט נאָענטע, היימישע, פאַרלוירענע אין דער בהלה פון די אָבלאַוועס און אַרעסטן אין ביאַליסטאָק, אין בריסק, אין גראָדנע, צי ערגעץ אַנדערש.

אַ סך האָבן זיך טאַקע געפונען. מ'האָט זיך אַרומגעכאַפּט, געהאַלדזט און געקושט. די צרות האָבן צעשיידט און די צרות האָבן ווידער צונויפ־געבראַכט...

אויך איך האָב געהאַט אַ סיורפּריז:

צווישן די צעשאָטענע מחנות מענטשן, וואָס האָבן נישט אויפגע־הערט אַרומצוראָיען איבערן גאַנצן שטח פון דער „זאָנע", האָב איך באַ־געגנט אַ ייִנגערן „מאָמענט"־קאָלעגע — דעם זשורנאַליסט ל. לענעמאַן, וואָס איז אָנגעקומען אַהער אויך מיטן בריסקער עשאַלאָן. מיר דערפרייען זיך ביידע, ווי מענטשן פון איין משפּחה, און טיילן זיך מיט די „איינ־דריקן" פון דער „לוסטרייזע"...

מיר קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן און לאַכן טרויעריק.

— קוקט, ווי איר זעט־אויס! — זאָגט מיר לענעמאַן, — ווי באַ־וואַקסן איר זענט!

— און איר... סאַראַ בלאָנד בערדל ביי אייך! מיר זעען אַלע אויס ווי אַלטע יידן, ווי אַלטע בעטלערס...

— זעט, זעט, וויפל גרויע האָר ביי אייך געוואָרן! — ווייזט מיר אָן לענעמאַן.

— דאָס איז מיין ריווח פון די לעצטע וואָכן. — לאַך איך מיט יאַשטשערקעס. — אפשר האָט איר אַ שפּיגעלע? די גאַנצע צייט זיך נישט אָנגעקוקט.

ער דערלאַנגט מיר אַ פּיצל אָפּגעבראָכענעם שפּיגל־גלאָז, וואָס ער האָט זיך דאָ דערוואָרבן ווי אַ טייערן „טראָפּיי"... איך קוק אַריין און — אַ שוידער! איך דערקען זיך אַליין נישט. נישט מיין פּנים... ס'איז גיכער אַ יויזל־פּנים, וואָס קוקט־אַראָפּ פון אַ קרייץ...

— און איר, זע איך, טראָגט אויף זיך אַ מאַנטל... — קוק איך אָן

מיין געפונענעם משפחה־מענטש, — איך בין אַזוי ווי איר זעט מיך... מער פאַרמאָג איך נישט אויף זיך...

— זייער ביטער. דאָ כאַפּט מען שוין ביינאַכט אַ ציטער. דאָ אויפן צפון זענען שוין די נעכט אַזעלכע קאַלטע. אגב איז דאָך שוין דער 17טער אויגוסט. אַפילו ביי אונדז זענען דאָך שוין די נעכט קילע. פאַרוואָס האָט איר גאָרנישט מיטגענומען?

— איר פרעגט נאָך פאַרוואָס? כ׳בין דאָך נישט געגאַנגען פון איי־גענעם ווילן... מ׳האָט דאָך מיך גענומען...

— און איך האָב ביים אַרעסט יאָ באַוויזן עפּעס עס איז מיטצוכאַפּן.

— אַ גליקלעכער מענטש! אַ מענטש אין אַ מאַנטל!

— יאָ, זייער אַ גליקלעכער... — שמייכלט ער איראָניש.

און באַלד כאַפּט ער זיך:

— קודם־כל פאַרכאַפּט אַן אָרט אין באַראַק. שפּעטער וועט אַלץ זיין פאַרנומען.

און ער פירט מיך אַריין אין זיין באַראַק. ער זוכט דאָ־דאָרט — פאַרנומען. ס׳איז קוים געלונגען מיך „אַריינצושטופּן“ ערגעץ אויף אַ נאַרע צווישן אַ פּאָר וואַרשעווער. איך האָב אַפילו נישט געהאַט וואָס אַוועקצולייגן אויפן פּלאַץ — כאָטש אַ קלייניקייט! — כדי צו האָבן די „חזקה“. האָב איך געבעטן די שכנים, זיי זאָלן זיין עדות, אַז דער פּלאַץ איז מיינער.

באַזאָרגט זיך מיטן פּלאַץ, גייען מיר ווידער אַרויס אין דרויסן. איך בין אויסגעהונגערט נאָך לופט, נאָך זון. ס׳איז אַ קילער טאָג, אָבער אַ זו־ניקער. איך צי־אויס מיינע גלידער, איך „לערן זיך“ גיין. אָפּגעוווינט פון באַוועגונגען. איך צי־אויס די הענט רעכטס און לינקס און פאַררייס דעם קאָפּ צום הימל, שלינג דורשטיק די זון, די שטראַלן, צי־אריין דורשטיק די לופט אין די לונגען און קאָן נישט איינשטיין אויף אַן אָרט. עס יאָגט מיך איבער דער „זאָגע“. ווען באַקאַנטע קוקן מיך אָן אין דער רגע, מיין באַוועגן זיך, מיינע העוויות, וואָלטן זיי זיכער געטראַכט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ...

באַקומען שוין אויך ברויט, אַ פּייכטע, שווערע „פּייקע“ — מער וואַסער ווי ברויט. און שפּעטער, צום „אָביעד“ (מיטיק) האָט מען באַקו־מען קליינע טעפּעלעך הירזש. געדיכטע הירזש. אפשר איין גלאָז קוים געווען. עס האָט געקלעקט אויף אַ צאָן, ווי אַ נאַשעריי. אויף דער לופט

האָט זיך דער הונגער ערשט צעשפּילט. מ׳האָט אויך באַקומען „קיפּיאַ־טאָק״ — האָט מען געזופּט דאָס הייסע וואַסער, אָבער דער הונגעריקער מאָגן האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן.

נאָכן „אָביעד״ זיץ איך מיר מיט אַ גאַנץ רעדל הינטער אַ באַראַק. לענעמאַן, אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי, וועלכער איז געפאָרן מיט מיר צוזאַמען פון גראָדנע, אָבער אין אַן אַנדער וואַגאָן; דער שרייבער־פּעדאַגאָג יאַקאָבי פון וואַרשע און אַנדערע.

— נו, ווי איז אייך געגאַנגען אין וועג? — פרעג איך קורלאַנדסקין.

— אַזוי גוט ווי אייך. — ענטפערט ער, — ווי איך זע, האָבן אונדזערע בערדלעך פאַר דער צייט אַ וואַקס־געטאָן... ווען מיר ווייזן זיך אָט אַזוי אין וואַרשע!

— מ׳וואָלט זיך דערשראָקן פאַר אַזעלכע „סטראַשידלעס״...

דער אַביסל איינגעהויקערטער יאַקאָבי איז נאָך מער איינגעקאָרטשעט געוואָרן. ער זיצט אויף דער ערד ווי אַ הויפן שמאַטעס, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ דאַר, געל, פאַרוואַקסן פּנים. ער איז דערשלאָגן און שווייגט על פּי רוב.

— קונצנמאַכער, די „נ. ק. וו. ד.״! — רופט ער אויס. — ווער נאָך וואָלט אַזעלכעס געקאָנט באַווייזן?

אַזוי זיצט מען און מען רעדט, מען דערציילט. אַרום ראַיעט עס פון מענטשן. אַ קלייניקייט, אַזאַ מחנה!ביידע עשאַלאָנען — דער ביאַליסטאָקער און דער בריסקער — האָבן דאָ אויסגעשפּיגן אַ פיר טויזנט מענטשן! בילדן זיך רעדלעך. זיצט מען גרופּעסווייז. אַ סך קאָנען נישט איינזיצן, ווי געיאָגט פון אַ ווילדער משוגעת. קריכן זיי אום, פּלאָנטערן זיך צווישן די ראַיענדיקע אין דעם פאַרמאַכטן קאַסטן — אין דער „זאָנע״.

איין זאַך איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר: דאָ, אין קאָטלאַס, פאַרבלייבן מיר נישט. קאָטלאַס איז נאָר אַן עטאַפּן־לאַגער. פון דאַנען וועט מען אונדז שיקן נאָך ווייטער.

מיר זענען שוין געוויר געוואָרן וועגן דער ראָל פון דער דאָזיקער צפון־שטאָט. קאָטלאַס איז דער צענטראַל־פּונקט פון אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויפן צפון. ס׳איז אַ ריזיקער עטאַפּן־פּונקט. אַלע עשאַלאָנען מיט די אַרעסטאַנטן דערגרייען נאָר ביז קאָטלאַס. דאָ ווערן די אַרעסטאַנטן אויפגענומען אין דעם עטאַפּ־לאַגער, פון וואַנען מען צעשיקט זיי אין פאַרשיידענע ריכטונגען און מיט פאַרשיידענע טראַנספּאָרט־מיטלען:

באַרזשעס (לאַסט־שיפן) איבערן וואַסער, מיט לאַסט־מאַשינעס און — אויב ס'איז נישט אַזוי ווייט — אויך צופוס.

אַהער, הייסט עס, ברענגט מען די צענדליקער טויזנטער און די הונ־דערטער טויזנטער „ליקווידירטע" בירגער פונעם גרויסן און ברייטן רוס־לאַנד און פון דאַנען ווערן זיי צעוואָרפן און פאַרלירן זיך אין די הונדער־טער „לאַג־פונקטן" אין די ווילדע טייגעס.

קאָטלאַס ליגט ביי צוויי טייכן: סעווערנאַיאַ דווינאַ, וואָס פאַלט־אַריין אין ווייסן ים, און די וויטשעגדאַ, וועלכע איז אַן אָפּצווייג פון דער ערשטער און וועלכע שלענגלט זיך אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, העט, העט אין די צפונדיקע טייגעס.

קאָטלאַס איז אויך דער איינציקער אַפּראָוויזאַציע־פּונקט, וואָס באַ־זאָרגט מיט שפּייז אַלע לאַגערן אויפן צפון. דאָ געפינען זיך ריזיקע סקלאַ־דעס, רעזערוון פון כלערליי פּראָדוקטן; מאַגאַזינען פון די ספּעציעל־ביליקע מאַטעריאַלן פאַר „ספּעצאָווקעס" (ספּעציעלע אַרבעט־קליידער), וועלכע ווערן אויסגעאַרבעט דורך די וואַרשטאַטן אין די לאַגערן גופא פאַר דער מיליאָניקער שקלאַפן־באַפעלקערונג אין די צעזייטע און צעשפּריי־טע „זאָנעס".

אַפנים, דער גרעסטער, דער ריזיקסטער אינדוסטריע־קאָמבינאַט אין סאָוויעט־רוסלאַנד!

די דאָזיקע שטאָט גופא איז אויך נישט „באַעוולהט": אויך זי פאַר־מאָגט אַ היפּש ביסל לאַגערן... אַחוץ די פאַרצוימטע „זאָנעס", וואָס מיר האָבן געזען פון דער ווייטנס, גייענדיק פון וואָקזאַל, זעען מיר אַפילו דורך אונדזער „זאָנע", דורך די שטאַכעטן פון פאַרקאַן, פּונקט אַנטקעגן, איין ריזיקן לאַגער, וואָס זעט־אויס ווי אַ פעסטונג: אַ לאַנגער, לאַנגער וואַל, ווי אַ באַרג, פון וועלכן עס קוקן־אַרויס אַ סך, אַ סך קליינע פענצטער־לעך — די „פּאַלאַצן" פון די אַרעסטאַנטן. דער לאַנגער וואַל איז אַרומגע־צוימט מיט דראָט און פון דער ווייטנס זעען מיר אויך איין וואַך־טורעמל: דער בעסטער סימן, אַז קיין פרייע בירגער וווינען דאָרט נישט...

דאָ זענען די לאַגערן בשכנות פון דער שטאָט. אונטער דער נאָז ממש. דאָ „זשענירט" מען זיך לחלוטין נישט פאַר די פרייע בירגער...

זיצן אַזוי די רעדלעך מענטשן און מען רעדט וועגן די „חידושים" פון קאָטלאַס. עס קומט־צו דער און יענער און דערגאַנצט די אַלע נייעסן און אינפאָרמאַציעס. ווער עס האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ „זע־קאַ" (אַ

פאַרשלאָסענעם) פון דער קיך; ווער עס האָט זיך אויסגעפרעגט ביי אַן אַרבעטער פון דער בוכהאַלטעריע — אונדזערע ידיעות וואַקסן און מיר ווערן שוין „קליגער" און „דערפאַרענער". מיר ווייסן שוין, אַז דער דאָזי־קער עטאַפּ־פונקט איז תמיד „באַזעצט". איין פּאַרטיע ווערט אַוועקגע־שיקט און אַ נייע ווערט אויפגענומען. אַזוי כסדר. דאָס הייסט אַז כסדר שטראָמען טויזנטער מענטשן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. עס איז אַ פּערמאַנענטער צופלוס ווי פון אַ ים. כסדר וואַקסט און פאַרמערט זיך דאָס פאָלק פון שקלאַפן אין די ווילדענישן פון וויטן צפון — — — —

וועגן איין זאַך רעדט מען שוין נישט אין די רעדלעך: וועגן די השערות און קלאַנגען, וווּהין מען וועט אונדז פאַרשיקן. מיר זענען שוין אַזוי ווייט פון דער היים — נאָך אַ סך ווייטער פון דעם אָרט, וווּ לענין בכבודו ובעצמו איז אַמאָל געווען פאַרשיקט (וויאַטקע). איז וואָס־זשע איצט דער אונטערשייד וווּהין? שוין אַלצאיינס, מיט טויזנט קילאָמע־טער נעענטער, צי ווייטער...

די שמועסן זענען איצט געגאַנגען אויף איין איינציקער טעמע: צי זענען מיר טאַקע שוין פאַרלוירענע מענטשן און וועלן די היים שוין קיינ־מאָל נישט אָנזען, ווי די רוסן — די צענדליקער און הונדערטער טויזנ־טער, וועלכע ווערן „ליקווידירט"? אָדער מיר זענען אין אַן אַנדער מצב, אין אַ גליקלעכערן? אַז פאַר אונדז איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג?

דאָ האָבן זיך די השערות און מיינונגען געטיילט. געווען אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן. די ערשטע זענען געווען האָפערדיק און האָבן געגלויבט אין אונדזער אויסלייזונג.

— וואָס הייסט! — האָבן זיי געטענהט, — מיר זענען עפּעס אַנ־דערש. מיר זענען נישט קיין סאָוויעטישע בירגער. מיר זענען דאָך „ביע־זשענצעס". פאַר אונדז וועט זיך אָננעמען די גאַנצע וועלט... ס'איז דאָך אַ הימל־שרייענדיקער סקאַנדאַל אַזוי צו האַנדלען מיט „ביעזשענצעס"!...

— האָט איר ביי „זיי" אַן עוולה! — אָפּאָנירן די פּעסימיסטן, די נישט־גלויבערס אין אונדזער אויסלייזונג, — וואָס קאָן מען „זיי" טאָן? איר וועט זיי רופן „קנאַקניסל"... „זיי" ווערן אַ סך נתפעל פון דער וועלט!...

— וואָס הייסט? אַמעריקע האָט נאָך אויך עפּעס צו זאָגן! און ענג־לאַנד! איר מיינט טאַקע, די וועלט איז שוין הפקר?...

— פּש... פּש... פּש... — האָבן איראָניזירט די פּעסימיסטן, —

וואָס־זשע מיינט איר, אַז אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, צי פראַנקרייך וועלן פאַר אונדז „איינרייסן דעם יאַשטשיק"?... און טאָמער אַפילו יאָ, הערן „זיי" די וועלט ווי המן די מגילה... אָט האָבן „זיי" געשלאָסן אַ פאַקט מיטן טייוול אַליין — קעגן די אינטערעסן פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט! — און „זיי" האָבן די גאַנצע וועלט אין טראַק!...

— טאַקע אַ סקאַנדאַל, טאַקע אַ געמיינקייט! — קאָכן זיך די אָפּטימיסטן, — וואַרט, וואַרט, „זיי" וועלן נאָך פאַר דער דאָזיקער נבלה טייער באַצאָלן...

— פש... פש... פש... — חוזקט ווידער איינער פון די סקעפּטיקער, די שוואַרץ־זעער, — גלויבט, גלויבט אין דער וועלט. איידער די „וועלט" וועט אונדז באַפרייען, קאָנען אונדזערע ביינער פאַרפוילט ווערן...

— ווי געפעלט אייך עפּעס דער שוואַרצער נביא? איר מיינט, אַז שוין, עק וועלט... הפקר־פּעטרישקע?...

ביי אַן אַנדער רעדל זע איך דעם „חבר חיים". ער שטייט אַ שווייגעוודיקער און הערט זיך צו צו די שמועסן.

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו אונדזער נייער „אכסניה"?... — פרעג איך אים.

— עס געפעלט מיר זייער גוט... — ענטפערט ער מיט ביטערקייט.

— איר ווייסט, אַזוי ווייט האָט מיין „פאַנטאַזיע" נישט געאַרבעט...

— איר ווייסט שוין וואָס קאַטלאָס איז? איר ווייסט שוין אַלץ?

— איך ווייס, איך ווייס... הלוואי וואָלט איך עס נישט געוווסט...

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו אין זיין ווידוי־טאָן:

— פאַר דעם האָב איך עס געקעמפט... אין תפיסה געזעסן...

איך זע, דער מענטש לעבט נאָך אַלץ איבער זיין ביטערע אַנטוישונג... עס עסט אים, עס טאָטשעט אים אינעווייניק ווי אַ וואָרעם...

אַזוי זענען אָנגעגאַנגען די דיסקוסיעס אין די רעדלעך אין פאַרשיידענע ווינקלען צווישן די באַראַקן.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַ טונקלקייט האָט איינגעהילט די באַראַקן און אַ קילקייט האָט אַדורכגענומען די אויסגעמוטשעטע גופים. ווער עס האָט געהאַט אַ פּלאַץ אין אַ באַראַק, האָט זיך אַהין פאַרקליבן; ווער נישט — האָט זיך איינגעדרייט ווי אַ חיה און געטוליעט זיך צו אַ וואַנט, זוכנדיק אַביסל שוץ פון דער נאַכטיקער קעלט.

86

נישט אויסגעהאַלטן דעם „עקזאַמען"...

צומאָרגנס — ווידער אַ שיינער, זוניקער טאָג. די זון שיקט אירע שטראַלן אויך אין אונדזער פאַרצאַמטער „זאָנע". נאָך אַ נס, וואָס אויך די זון איז נישט געוואָרן פאַרצאַמט הינטער פאַרקאַנעס און שטעכיקע דראָטן.

דער גאַנצער עולם פון די באַראַקן האָט זיך אויסגעשאָטן אויף דרויסן. די שטימונג איז דאָך אַ הייטערע, אַ גרינגערע. פאַרט נישט ווי צווישן יענע דיקע ווייסע מויער־ווענט פון גראָדנער תפיסה. מ׳אָטעמט דאָך דאָ פריי פרישע לופט. מען זעט דאָך אַזאַ בלויען, אַזאַ רחבותדיקן הימל! און דערצו איז מען דאָך צווישן אַזוי פיל היימישע יידן פון די היימישע פוילישע שטעט. איטלעכנס צרות באַהעפטן זיך מיט די צרות פון די אַלע יידן דאָ: עס איז צרות־רבים...

אַרומשפּאַצירנדיק אַהין און צוריק באַמערק איך אין איין ווינקל אַ גרופּע פּאָליאַקן: ליגנדיקע, זיצנדיקע און שטייענדיקע. קלאָר, אַז זיי זע־נען נישט קיין פּליטים אַזוי ווי מיר. איך רעד מיט עמיצן בשכנות פון זיי און הער זייער שמועס. אויך זיי פּאָליטיקירן וועגן גרויסן אומרעכט, וואָס עס איז געשען פוילן און דעם פוילישן פאָלק. זיי דערציילן איינע די אַנ־דערע פּרטים פון זייער אַרעסט: איינעם האָט מען „ליקווידירט", ווייל ער איז אַ „קולאַק", אַ רייכער פּויער; אַ צווייטן — צוליב אַ באַשולדיקונג אין שפּעקולאַציע; אַ דריטן — ווייל ער איז נישט געווען אַזוי „באַגייסטערט" פונעם קאָלכאָז, וואָס מ׳איז געגאַנגען איינפירן אין זיין דאָרף; אַ פערטן — ווייל ער איז אַ גלח. איך הער טאַקע אַלע ווײלע, ווי מען טיטולירט אים — „פּאַניע קסיענדזו!" דער גלח דער־ציילט, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן טאַקע פאַרן קלויסטער, זונטיק אינדערפרי, נאָכן ענדיקן די „משיאַ שוויענטאַ" (הייליקע מעסע). דאָרט האָבן אים ביים טויער פון קלויסטער־פּאַרקאַן באַגעגנט צוויי „נ. ק. וו. ד.יסטן" און אים פאַרבעטן צו זיך. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיין „פּאַראַ־פיע" האָט אים שוין מער פאַר די אויגן נישט געזען...

און אַזוי כסדר. יעדער פּאָליאַק מיט זיין געשיכטע.
איך בין נייגעריק און שיק צו זיי אַ פראַגע:

— צי האָט מען יעדן פון אייך געגעבן עפּעס אַ „סטאַטיאַ“? (פּאַראַגראַף).

עס קומען ענטפערס: וועמען מ׳האָט געגעבן „ק. ר. ד.“ (קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט); וועמען — „פּ. ש.“ — (פּאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש); ווער — אַלס שעדיקער וכדומה.

— און איר אַלע דאָ? — פרעגט מען מיך, מיינענדיק אַלע יידן אַרום.

— מיר אַלע זענען פּליטים. מיר האָבן נישט קיין פּאַראַגראַף... — זאָג איך אַביסל באַרימעריש...

— פּאַניע, דאָס איז איין שוואַרץ יאָר! — רופט־אויס איינער אַ פּאָליאַק, — איר זעט דאָך, אַז מען גיט אונדז דעם זעלבן „קאָמפּאָרט“ און מען פירט אונדז אין זעלביקן „קוראָרט“...

— איר מיינט אַזוי?

— איר וועט שוין זען... — טרייסט מען מיך.

— און איך האָב געמיינט, — רופט זיך אָן אַן אַנדער פּאָליאַק, — אַז מיט אייך, מיט די זשידקעס, וועלן זיי זיך אַנדערש באַגיין... איירע „פּשיאַטשעלעס“ דאָך!... צום סוף זע איך, אַז ביי „זיי“ איז נישטאָ קיין אויסנאַם... בעז זאַזדראָשטשי!... (אָן קנאה), — פאַרענדיקט ער מיט אַ בייזוויליקער שאָדן־פרייד...

— פאַרוואָס גראָד א ו נ ד ז ע ר ע „פּשיאַטשעלעס“? — בלייב איך נישט שולדיק קיין ענטפער דעם בייסיקן פּאָליאַק. — איז דאָך דזשערזשינסקי געווען א יי ע ר ע ר... אַ כשרער פּאָליאַק, אַפילו מיט אַ „סקי“... נו, און דאָמבאַל, און וואַרסקי, און סאָכאַצקי, און לאַנצוצקי, און קאָסטשעווא?...

— איר דערמאָנט אַפילו די פּאָליאַקן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געשיקט אויף יענער וועלט?... — כאַפּט זיך יענער אָן.

— צי נאָר פּאָליאַקן האָבן „זיי“ געשיקט אויף יענער וועלט?... נו, און די יידן טראָצקי און קאַמעניעוו, און זינאָוויעוו, און קאַרל ראַדעק, און נאָך און נאָך?...

— איין טייוול! — רופט אויס דער ערשטער.

און דער גלח גיט־צו מיט אַ בנעימותדיקער שטים:

— די אַנטיקריסטן מאַכן נישט קיין אונטערשייד פון ראַסן... זיי רעספּעקטירן נישט דעם קלויסטער, נישט די „בוזשניצאַ“ (שול)...

און צום ליקווידירן זענען ביי „זיי" אַלע גלייך... איר זעט, פּאַנאָוויע, — מאַכט ער אַ זשעסט מיט דער האַנט צום עולם, — זעט, פּאַנאָוויע, וויפל זשידקעס!...

עס קומען־צו צו מיר לענעמאַן און יאַקאָבי מיט אַ נייס:

— איינער אַ „ביעזשעניעץ" האָט דאָ דורך אַ קיך־אַרבעטער באַקומען אַ נומער „איזוועסטיאַ" און גראַד דאָרט איז פאַראַן אַ נאָטיץ וועגן אונדז, פּליטים. אין דער נאָטיץ זאָגט זיך, אַז אין וואַשינגטאָן האָט מען מצד די יידישע קרייזן אָנגעפרעגט די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע וועגן גורל פון די יידישע פּליטים פון פּוילן. דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר האָט געענטפערט, אַז די פּליטים געפינען זיך אונטער דער שוץ פון דער סאָוויעטישער מאַכט און אַז עס ווערט געזאָרגט פאַר זיי און זייערע משפחות...

— זעט איר שוין! — טריאומפירט לענעמאַן, — די וועלט ווייסט וועגן אונדז און מען שווייגט נישט... מיר זענען דאָך נאָר פּליטים!

— הלוואי! — רוף איך אויס מיט אַ פונק פון האָפענונג.

יאַקאָבי איז וויניקער גלייביק:

— הלוואי זאָל איך בלייבן דער ליגנער... נאָר מיר גלייבט זיך עפּעס נישט... איר זעט דאָך, ווי אמת עס איז דער ענטפער פון סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע: מיר זענען „אונטער דער שוץ פון דער מאַכט און עס ווערט געזאָרגט פאַר אונדז און אונדזערע פאַמיליעס"... אַ שיינע „שוץ" און אַ שיינע „זאָרג"... אַז אַך און וויי! ס'איז דאָך אַ ביטערער חוזק!

— יאָ, אַוודאי זענען „זיי" געמיינע ליגנער. אָבער אַז „זיי" מוזן זיך פאַרענטפערן, איז דאָך אַ סימן, אַז מען האָט אונדז אין זינען...

— הלוואי! מיר וועלן זען פאַרטיקערהייט...

— פאַרגעסט נישט, — עקשנט זיך ווייטער לענעמאַן, — אַז מיר האָבן נישט נישט קיין „ווירזאָקן" (אורטיילן) און נישט קיין פאַראַגראַפן...

— נאַאיוועך מענטש, וואָס איר זענט! — רופט־אויס יאַקאָבי מיט נישט וויניקער עקשנות. — אַפילו אָן „ווירזאָקן" און אָן „פאַראַגראַפן" קאָנען מיר ביי „זיי" אויך נישט לעקן קיין האָניק... איר זעט דאָך, אַז מען באַגייט זיך מיט אונדז ווי מיט די ערגסטע פאַרברעכער, גלייך ווי מיר וואָלטן מענטשן געקוילעט!...

דער קליינוווקסיקער יאַקאָבי האָט זיך געהיצט און זיך אונטערגעהויבן, זשעסטיקולירנדיק משונהדיק מיט די הענט און בליצנדיק

מיט די אויגן. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין נערוון־אַטאַק און כ׳האָב איינפאַך מורא געהאַט פאַר זיין צושטאַנד. כ׳האָב געפּרוווט אָפּציען דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג.

— יאָ, אָבער מיר דאָ קאָנען זיך סיי־ווי נישט העלפן... צו וואָס די רייד?...

יאַקאָבי אָבער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעלאָדן פון זיין אויפרעגונג און צאָרן און האָט ווייטער געשאָטן מיט פונקען פייער:

— אדרבה, זאָגט! פאַראַן דען נאָך אַזאַ ביישפּיל אין דער וועלט, ווו מ׳זאָל זיך אַזוי באַגיין מיט פּליטים — מיט פאַרפאָלגטע, וואָס אַנט־לויפן פון סכנה? אַזאַ מאָראַל האָט נאָר געקאָנט געמאָלט זיין אפשר ביי האָטענטאָטן אָדער ביי דזשינגיס־כאַן...

לענעמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן: אַ סברה, דער לעצטער פּאַסוס האָט אים אָפּגעקילט דעם אָפּטימיזם און געמאַכט אומעטיק.

דער דאָזיקער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי געשעענישן:

איינער פון דער מחנה פּליטים — עפּעס אַ יונגער אימפּולסיווער בחור פון לאָדזש — האָט געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן. פאַרנאַכטלעך איז ער, פלינק ווי אַ קאַץ, אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, — פאַרשטייט זיך, צעריסנדיק זיך דערביי אַן שטעכיקן דראָט די מלבושים — און שוין אויף יענער זייט אָנגעהויבן אַנטלויפן. אָבער דאָס שטענדיק־וואַכע אויג פונעם „סטריעלאָק" אויפן וואַך־טורעמל האָט עס גלייך באַמערקט און עס האָט זיך גלייך דערהערט אַ סעריע אויטאָמאַט־שאָסן. געטראָפן אין פוס פון אַ פּאָר קוילן, איז ער אַנידערגעפאַלן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

קיינער אין דער „זאָנע" האָט אַפילו זיין נאָמען נישט געוווּסט. מען האָט דורכן פּאַרקאַן נאָר געזען ווי „נ. ק. וו. ד.יסטן" האָבן דעם פאַר־וווּנדעטן ערגעץ אָפּגעפירט.

אַ צווייטן פּליט — אַ סטודענט פון וואַרשע — האָט מען אין אָוונט געפונען אַ טויטן ביים פּאַרקאַן: ער האָט זיך מיט עפּעס אַ שאַרפער זאַך איבערגעשניטן די וועגעס פון האַנט...

אַ צעפּיעשטשעטער מסתמא געווען, דער וואַרשעווער בחור, אין זיין היים, „אונטער דער מאַמעס פאַרטוך", האָט ער פון קיין צרות נישט גע־ווּסט און דאָ... אַזאַ האַרטע וואָר... אַזאַ האַרבע „לעקציע"!... נו, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן דעם „עקזאַמען"...

די דאָזיקע פּאַסירונגען האָבן פאַרגרעסערט די געדריקטע שטימונג

אין דער „זאָנע". און אַפילו ביי די מער האָפערדיקע איז דער גלויבן שוואַכער געוואָרן.

87

וויצן, וואָס מאַכן טרויעריק...

דעם דריטן טאָג האָט מען אונדז געפירט אין באָד אַריין. טאַקע אין דער „זאָנע" גופא. מ'האָט זיך געבאָדן פּאַרטיעסווייז. איין פּאַרטיע אַריין אויף אַ צען־פופצן מינוט — די אַנדערע אַרויס. די ענגשאַפט איז געווען אַזאַ גוואַלדיקע, אַז וועגן וואַשן זיך האָט גאָר אינעווייניק קיין רייד נישט געקאָנט זיין... קיין סך וואַסער איז נישט געווען. די פּאַרע האָט נאָר גע־ברענט, גערייצט דאָס פאַרשמוצטע לייב און מיט וואָס צו אָפּפרישן זיך, מיט וואָס צו לעשן דאָס ברענעניש איז נישט געווען. דאָס קאַרגע ביסל וואַסער און די פּאַרע האָבן זיך נאָר געגאָסן אין שמוציקע ריטשקעלעך איבערן אויפגערעגטן לייב.

באַדינט די באָד האָבן אַלטע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך אומגע־דרייט צווישן דעם נאַקעטן עולם. יענע האָבן זיך געוויצלט איבער די „נאָוויטשקי" (די נייע, די „גרינע"):

— וואַש זיך יאָ — וואַש זיך נישט, די לייז וועלן אייך סיי־ווי־סיי אויפפרעסן...

אַן אַנדער אַלטער אַרעסטאַנט פרעגט אַן אונדזעריקן:

— די לייז זענען פון פוילן אָדער אונדזערע, רוסישע?...

— רוסישע, רוסישע, טאָוואַרישטש! עכטע רוסישע!... — ענטפערט מען אים אין זעלבן זשאַנר.

מ'האָט זיי אויסגעפרעגט, די אַרעסטאַנטן, ווי לאַנג זיי זיצן שוין דאָ און זיי האָבן דערציילט: ווער צען, ווער פופצן יאָר...

— אַזוי לאַנג?!

— נישקשה, טאָוואַרישטשי, ביי אונדז אין סאָוויעט־רוסלאַנד וועלן קלעקן יאָרעלעך אויף פאַר אייך... מיר זענען אַ גאַסטפריינדלעך פאָלק...

פון אַזעלכע וויצן האָט זיך קיינעם פון אונדז נישט געגלוסט צו לאַכן... זיי האָבן געשניטן מיטן קאַלטן חלף פון פאַרצווייפלונג...

מיט נישט אָפּגעפרישטע קערפּערס איז מען צוריק אַריין אין די

מלבושים. הגם אַלעמענס זאַכן זענען געגאַנגען אין דער דעזינפעקציע־קאַמער ביי דער באָד; אָבער קיין באַרואיקונג האָבן זיי נישט געבראַכט דעם אויפגערעגטן לייב: אַזוי דורכגענומען זענען שוין געווען די מלבו־שים פון שמוץ אין תפיסה און אויף די נאַרעס אין „ט־עפּליושקאַ". אַפילו נאָך דער באָד האָט מען אין אַלע ווינקעלעך פון דער „זאָנע" געקאָנט זען דאָ און דאָרט מענטשן האַלב־אויסגעטוענע, וועלכע האָבן געלויזט די מלבושים. ס'האָט זיך קיינער נישט זשענירט פאַר קיינעם. אַלע זענען דאָך גלייך געווען געפּלאָגט פון דער דאָזיקער מכה — פּרעהס דריטע מכה...

די גרויסע פּיין פון פאַרלייזיקטקייט האָט פונדעסטוועגן נישט פאַר־טריבן דעם תליה־הומאָר ביי די מענטשן, און מ'האָט זיך אין די רעד־לעך, ביים לויזן זיך, דערלויבט אויף לייכטע ווערטלעך:

— וואָס־וואָס, קיין לייז אין רוסלאַנד פעלן נישט...

— ווען איך וואָלט געווען משה רבינו, וואָלט איך מיט דער דאָזי־קער מכה מכבד געווען דעם מלך פון דער „נ. ק. וו. ד." — כ'מיין טאָקע דעם אָדון בעריע... אפשר וואָלט ער אונדז דאַן אַרויסגעשיקט פון סאָ־וויעטישן מצרים...

— זעט אָבער אויס, אַז איידער עס וועט געשען דער דאָזיקער נס, וועלן די כנים אונדז, די בני ישראל, אויפפרעסן...

אַזוי האָבן זיך געוויצלט די פּוילישע יידן אין דער עטאַפּ־„זאָנע" פון קאָטלאַס — די „קאָנטררעוואָלוציאָנערן", וואָס האָבן זיך דערלויבט אין מיטן „געיעג" אָנצוגרייפן „מלכות"...

אין זעלבן נוסח זענען אויך געגאַנגען די וויצן איבער אונדזער מאָ־גערער באַשפּייזונג: איבערן „קיפּיאַטאָק", איבער דעם קאַרגן טעפּעלע פאַסטנע זופּ און איבער דער „פּייקע" ברויט, וואָס האָט געהאַט אין זיך מער וואַסער ווי מעל. דער הונגער האָט זיך דאָ ביי אַלעמען מוראדיק צע־שפּילט. אַ גאַנצן טאָג אויף דער פרישער לופט, איז דער אַפּעטיט גע־וואַקסן. מ'האָט כסדר געהונגערט! צוצוקויפן עפּעס האָט מען דאָך נישט געקענט: ערשטנס, האָט מען ביי איטלעכן אין תפיסה צוגענומען דאָס געלט; צווייטנס, אַפילו ווען מען וואָלט יאָ געהאַט געלט — זענען דאָך דאָ אַלע פאַרשלאָסענע. שפּעטער האָבן טייל זיך אַן עצה געגעבן מיט זאַכן: ווער עס האָט געהאַט אַן איבעריקן מלבוש, האָט ער פאַרקויפט די אַלטע אַרעסטאַנטן אין דער „זאָנע" — אין דער בוכהאַלטעריע, אין קיך,

צי אין באָד. פאַרקויפט נישט פאַר געלט, נאָר געטוישט אויף ברויט. פאַר אַ העמד האָט מען געקאָנט קריגן צוויי פּייקעס ברויט; פאַר אַ פּאָר הויזן — אַ סך מער. די רוסישע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פאַר אַ פּוילישן מלבוש. כאָטש צו וואָס דאַרפן זיי דאָס דאָ אין לאַגער? נאָכדעם איז עס קלאָר געוואָרן: זיי האַנדלען עס איין נישט פאַר זיך גופא, נאָר פאַר די בריגאַדירן און „נאַטשאַלניקעס" פון לאַגער. איין פּליט, למשל, וואָס האָט געהאַט מיט זיך אַ „געשוואָלענעם" רוקזאַק מיט זאַכן, האָט פאַרקויפט אַן אנצוג פאַר 200 רובל, דריי „פּייקעס" ברויט און פינף שטיקלעך צו־קער. ער האָט זיך דאַן געפילט אין „זאָנע" ווי דער גרעסטער גביר. ווער איז טאַקע געווען צו אים גלייך?...

לענעמאַנען איז געלונגען צו פּאַקן ביי עמיצן אַ זשילעטקע. ס'האָט מיך שטאַרק געחידושט: נאָך אַזעלכענע רעוויזיעס פון דער „נ. ק. וו. ד."?!

— איר ווייסט, — זאָג איך צו לענעמאַנען, — איך הייב שוין אָן צו גלויבן פּונקט ווי די „נ. ק. וו. ד.", אַז ביי יעדן פון אונדז אין רעק־טום געפינט זיך אַ טייוול־מאַשין... דערפאַר טאַקע זוכן זיי עס דאָרט... והא ראיה די זשילעטקעס!...

לענעמאַן קאָנסטרואירט די זשילעטקע אין שפּיץ פון אַ שפּענדל, באַ־נעצט זיך דאָס געזיכט מיט וואַסער און אַריינקוקנדיק אין דעם פּיצל שפּיגל־גלאָז, וואָס ער פאַרמאָגט, „סקראָבעט" ער זיך פּאַמעלעך אָפּ די באַקן. ער קרימט זיך אַלע ווײַלע פון יסורים. זיין בלאָנד בערדל פאַר־שווינדט און ער ווערט יונגער מיט אַ יאָר 20...

דאַן איז ער אויך מיך מכבד מיט דער זשילעטקע און מיטן שפּיגל־גלאָז. דאָס מעסערל איז שוין איצטער נאָך מער טעמפּ און מיינע יסו־רים — גרעסער. עס ראַזירט נישט, נאָר עס צופּט, פליקט יעדעס האָר. איך קריץ מיט די ציין, כאַפּ אַ ווייל דעם אָטעם און צופּ ווייטער. איך צעקאַליעטשע דאָ־דאָרט די הויט. לסוף פאַרענדיק איך די „זעלבסט־עק־זעקוציע". מיין אַלט אויסזען פאַרשווינדט. איך דערזע איצט אַן אויסגע־מאָגערט, אויסגעצערט, בלאַס פּנים, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט...

מיר „פאַראַדירן" מיט אונדזערע אויסגעראַזירטע געזיכטער אי־בער דער „זאָנע" צווישן בלויז זקנים מיט בערד. די וועג־באַקאַנטע דער־קענען אונדז ממש נישט.

אין איין ווינקל, ביי אַ וואַנט פון אַ באַראַק, זיצן אויף דער ערד די צוויי וואַרשעווער יידישע דאָקטוירים, רובינשטיין און לעווענשטיין. זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַ היפשן רעדל פליטים. מיר בלייבן אויך שטיין. ווייזט זיך אַרויס, אַז עמיץ האָט געפּאַקט אין דער בוכהאַלטעריע אַ „פּראַוודאַ" און לייענט עס פון דאָרט אַרויס אויפן קול. ער לייענט צו־ערשט די ידיעות, די „סוואָדקאַ" (קריגס־באַריכט), דאַן די אַרטיקלען. אַלע הערן זיך צו געשפּאַנט.

די „סוואָדקאַ" ברענגט נישט קיין גוטע נייס פון די פראָנטן. דער דייטש גייט אַלץ פאָראויס און די פאַרבינדעטע קאָנען זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן. פראַנקרייך קרעכצט אונטערן דייטשישן שטיוול. ענג־לאַנד לאָזט זיך נישט, אָבער דער באַריכט גיט איבער וועגן שטאַרקע „נאַליאָטן" איבער לאָנדאָן; וועגן אַ סך צעשטערונגען און מענטשלעכע קרבנות. די „סוואָדקאַ" שטרייכט ספּעציעל אונטער: „דער מעכטיקער דייטשישער לופט־פלאָט" און רימט די דייטשישע נצחונות...

דאָ און דאָרט אין די אַרטיקלען ווערן געוואָרפן פראַזן: „די ענגלי־שע אימפּעריאַליסטישע קריגס־העצער"... „די ענגלישע קאָלאָניאַלע פאַר־כאַפּערס"... „די מפּלות פון די אַליאירטע"...

— זעט, זעט, ווי זיי פאָסמאַקעווען זיך אַזוי פון היטלערס נצחו־נות! — רופט ווער אויס פונעם רעדל.

— נו, יאָ, — באַמערקט אַן אַנדערער, — סטאַלין האַלט טריי דעם אָפּמאַך מיט היטלערן גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין „גלויבנס־גענאָסע"...

און אַ דריטער גיט צו:

— די ביידע דיקטאַטורן גייען זיך צונויף אין איין פונקט: אין זייער ברוטאַליטעט...

— רבותי, — מאַכט ווער אויפמערקזאַם, — מיר פאַרפאָרן שוין אַביסל צו ווייט אין פּאָליטיק... עס קאָן אונדז נאָך פאַרשאַטן...

— וואָס האָט איר מורא, מען וועט אייך אַרעסטירן?...

— פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען „ביעזשענצעס". מ'דאַרף אַביסל האַלטן די צונג אונטער די ציין.

— מיר זענען שוין סיי־ווי־סיי „אָפּגעדאַוונטע". — טוט אַן אַנדע־רער אַ מאַך מיט דער האַנט.

און עולם צעקריכט זיך איבער דער „זאָנע".

88

וואָס אַ בעדער דערציילט

אין איינעם אַן אָוונט כאַפּ איך אַ שמועס מיטן עלטערן „באַנ־שטשיק" (בעדער) פון דער „זאָנע". כ'האָב אים געטראָפן זיצנדיק אויף דער שוועל פון באָד און רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, אויפגעדרייט אין ציי־טונגס־פּאַפּיר. אַ פּאָניע אַ זקן, מיט אַ גרויער באָרד. ער ציט־אַריין דור־שטיק דעם רויך און דעלעקטירט זיך: אַפּנים דאָס איינציקע ביסל „עולם־הזה" דאָ...

איך בלייב שטיין נעבן אים.

— פאַרוואָס שלאָפט איר נאָך נישט, דיעדושקאָ (זיידע)?

— עס נעמט נישט קיין שלאָף, סינאָק! (זונדל), — ענטפערט ער גוטמוטיק.

— ווו איז אייער פאַמיליע, דיעדושקאָ? אייער פרוי? קינדער?

— גאָט ווייס זיי... כ'בין שוין לאַנג פון דער היים...

— ווי לאַנג?

— שוין זיבעטער יאָר.

— נו, און זיי שרייבן אייך גאָרנישט?

— אָ, ניין, כ'בין אַן רעכט זיך איבערצושרייבן מיט וועמען...

— וואָס הייסט?

— זייער פשוט. מיין „סטאַטיאַ" איז אַ פאַסקודנע. האָב איך נישט קיין רעכט צו שרייבן בריוו. איז אין שטוב ווייס מען אַפילו נישט צי איך לעב... נישט זיי ווייסן פון מיר און נישט איך פון זיי...

— פון וועלכער שטאָט זענט איר, דיעדושקאָ?

— כ'בין נישט פון קיין שטאָט. כ'בין געבוירן אין דאָרף. הינטער אָריאָל. ביי דער ערד דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט. אַזוי ווי מיין טאַטע. אַזוי ווי מיין זיידע.

און אין אַ ווײַלע אַרום רעדט ער ווייטער:

— ווער ווייס, צי מיין „סטאַרוכאַ" לעבט נאָך. איבערגעלאָזט זי אַ שוואַכע. צו דער אַרבעט האָט זי שוין נישט געטויגט. אַפילו דאָס גערטנדל ביי דער כאַטע איז איר שווער געווען אַרומצוגיין...

— זעץ זיך, סינאָק! — כאַפּט ער זיך אײַנמיטן און רוקט זיך אָפּ

אַביסל, מאַכנדיק פאַר מיר פּלאַץ אויף דער שוועל. — ווּעסט פאַררויכערן?

— אַ גרויסן דאַנק, דיעדושקאַ, שוין טאַקע לאַנג נישט געררויכערט.

ער נעמט־אַרויס אַ טאָרבעלע טיטון מיט אַ שטיקעלע צייטונגס־פּאַ־פּיר און דערלאַנגט מיר. איך דריי־אויף אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכער. דער רויך האָט נישט קיין געהויבענעם טעם. קיין ווילגערוך. אַזאַ מין גראָבע מאַכאָרקע פון קאַרשן־בלעטער מסתמא. עס איז ביטער און עס צופּט אין די לונגען... אָבער גוט כאָטש אַזאַ פּאַפּיראָס.

מיר זענען שוין, הייסט עס, היימישער.

— זאָגט מיר, דיעדושקאַ, פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָט מען אייך צוגענומען פון אייער היים?

— פאַר מיין צו לאַנגער צונג... באַדאַי וואָלט איך געבוירן געוואָרן אַ שטומער...

— וואָס אַזוינס איז געשען?

— זייער פּשוט, כ׳האָב זיך צעווערטלט מיטן „פּרעדסיעדאַטיעל״ (פאָרזיצער) פון קאָלכאָז. איז ער אַוועק און מיך געמסרט אין דער „נ. ק. וו. ד.״.

— האָט איר טאַקע גערעדט, וואָס מ׳טאָר נישט?

— אפשר האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. בין געווען אויפגעבראַכט.

— איבער וואָס איז אַרויסגעקומען דער סכסוך?

— זייער פּשוט, איבער די „טרודאָדני״ (אַרבעטס־טעג). דער „פּרעד־סיעדאַטיעל״ האָט אונדז געיאָגט מיט דער אַרבעט אויפן פעלד, געהייסן אַרבעטן איבער די כוחות, די נשמה פון אונדז אַרויסגעיאָגט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס יאָר באַקומען מיר פון „אוראָזשאַי״ (גערעטעניש) אַ גאַנצן קילאָ ווייץ פאַר אַ „טרודאָדיען״... מיט די לעצטע כוחות געאַרבעט. אַזוי איך, אַזוי מיינע צוויי זין און אַ טאָכטער. נו, אַז עס איז געקומען צום געבן, האָט דער הינטישער זון, דער „פּרעדסיעדאַטיעל״, דערקלערט, אַז מער ווי 200 גראַם פאַר אַ „טרודאָדיען״ איז נישטאָ... נו, האָט עס מיך אויפגעקאָכט ביז גאָר און איך האָב אים אַריינגעזאָגט, דעם הינטישן זון...

— וואָס אַ שטייגער?

— אַז ער איז אַ ליגנער... אַז ער איז אַ הונט... אַז מען באַראַבעוועט די אָרעמע קאָלכאָזניקעס...

— וואָס־זשע האָט יענער געטענהט?

— יענער האָט געטענהט: „גאָסודאַרסטוואָ"... (מלוכה). די „גאָסודאַרסטוואָ" האָט צוגענומען די תבואה און ס'איז מער נישט געבליבן ווי צו 200 גראַם... „אָקים וואַסיליטש, — זאָג איך אים, — די „גאָסודאַר־סטוואָ" קאָן דאָך נישט לאָזן די אַרבעטער הונגערן... אַפילו די „פּאָמיע־שטשיקעס" האָבן דאָך אַזוי נישט באַהאַנדלט די אָנגעדונגענע קנעכט"... נו, נו, איז ער אַוועק, אָט־דער הינטישער זון, צו דער „נ. ק. וו. ד." און מיך פאַרמסרט... ער האָט נאָך דערביי אַ היפּש ביסל צוגעזאַלצן...

— איז מיט וואָס־זשע האָט זיך עס געענדיקט?

— איר זעט דאָך מיט וואָס: איך בין דאָ געוואָרן אַ שטענדיקער תושב פון קאַטלאַס... 15 יאָרעלעך געפּאַקט... זיבן יאָר שוין דאָ אָפּגע־פינצטערט. דאָס רעשט וועל איך זיכער נישט באַווייזן דאָ צו ענדיקן... גאָט וועט מיך פריער אויסלייזן און צונעמען אייף יענער וועלט...

— אָ, דיעדושקאָ, זייט נישט פאַרזאָרגט. איר זענט נאָך נישט אַזוי אַלט...

— דאָ אָבער, ביי דער קאַטאָרגע... ביי די גרויסע אויוונס אונטער די קעסלען... שוין געענדיקט 67... נאָך 8 יאָר וועל איך נישט דערציען...

דער זקן איז אַנטשוויגן געוואָרן ווי אונטער דער שווערקייט פון מחשבות.

— דיעדושקאָ! — פרעג איך אים אין אַ ווײַלע אַרום, — און וואָס טראַכט איר וועגן אונדז? איר ווייסט דאָך מסתמא, מיר זענען „ביע־זשענצעס"... קיין „סראָק" האָבן מיר נישט באַקומען...

— סינאָק! אין סאָוויעטסקי סאָיוז איז נישט ווי אין דער גאַנצער וועלט... איר קומט פון דאָרטן... פון זאַפּאַד (מערב) און מיינט, אַז דאָ איז אַזוי ווי ביי אייך דאָרטן אין פּאָלשאַ... אַ קנאַפּע נפקא מינה וועד איר זענט... „ביעזשענצעס", צי אייגענע... פאַראַן צווישן אונדז אויך „אינאָסטראַנצעס" (פרעמדלענדישע). די „נ. ק. וו. ד." קוקט נישט אַריין אין יחוס... אין דער אָפּשטאַמונג... זי איז צו אַלעמען „גאַסטפריינדלעך"...

איך האָב געהערט און געשוויגן. דעם זקנס רייד האָבן פאַר מיר גע־קלונגען ווי אַ גרויזאַמער פּסק־דין...

דער קלוגער אַלטיטשקער האָט ווייטער גערעדט: די צונג האָט זיך אים ממש פאַנאַנדערגעבונדן.

— און וואָס־זשע מיינסטו, סינאָק? — גייט ער איבער אויף „דו"...

— מיינסט, אַז „ביעזשענצעס" האָבן נישט קיין הענט צו אַרבעטן?... דאָ, סינאָק, דאַרף מען האָבן אַרבעטער... הענט! הענט! ווער עס זאָל נישט זיין! דאָס לאַנד איז גרויס און אַרבעט איז דאָ פאַראַן — אַ ים! דו פרעג מיך. פאַר די זיבן יאָר, וואָס איך בין דאָ, זענען שוין דורך אָט־דער „זאָנע" דורכגעגאַנגען מיליאָנען מענטשן! נישטאָ די וואָך עס זאָלן נישט קומען אַהער אַ פּאָר עשאַלאָנען... יעדע וואָך טוישט זיך עס דאָ. אַז איר וועט היינט־מאָרגן אַוועקגעשיקט ווערן ווייטער, קומען אָן אויף אייער אָרט אַנדערע טויזנטער... אין סאָוויעטסקי סאָיוז דאַרף מען האָבן הענט!...

איך הער — און אַ קעלט גייט מיר ממש דורך דורך די ביינער.

— אָבער, דיעדושקאַ, — בעט איך זיך ביי אים... — מיר זענען דאָך פּאָרט פרעמדע בירגער... פון אַ פרעמד לאַנד... אָן אַ „פּריגאָוואָר" (פּסק־דין)... מ'האָט אונדז דאָך נאָך נישט געמשפּט...

— סינאָק! — רעדט יענער אין גוטמוטיקן טאָן, אָבער פאַר מיר קלינגט עס גרויזאַם, — אַ נפקא־מינה ביי זיי... מיט אַ „פּריגאָוואָר", צי אָן אַ „פּריגאָוואָר"... מיט אַ משפּט, צי אָן אַ משפּט... און דו מיינסט אַז די אַלע מיליאָנען מענטשן אין די לאַגערן זענען טאַקע פאַרברעכער?... יערונדאַ! הענט דאַרף מען האָבן! פּאָניאַל? הענט פון וואַנען דאָס זאָל נישט זיין... זענען איצט אונטערגעקומען „ביעזשענצעס" פון פּאָלשאַ — איז פּאַזשאַלויסטאַ! דאַוואַי ראַבאָטאַט'!... (ס'הייסט: נעם זיך אַרבעטן).

איך האָב שוין נישט געהאַט מער וואָס אים צו פרעגן, דעם זקן. ס'איז פאַר מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. אָט־דער דאָזיקער פּרימיטיוועך רוסישער מוזשיק, דער פאָלקס־מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ביי ערד, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן פּשוט, תמימותדיק און ערלעך; וואָס באַנעמט זאַכן גראָדליניק, אָט אַזוי ווי זיי זענען — ער האָט פאַר מיר ווי אָפּגעדעקט אַ תהום... אין דער רגע האָב איך נישט געהאַט מער קיין שום אילוזיעס...

— צייט צו גיין שלאָפן, — רופט־אויס דער זקן, — מאָרגן באַגינען דאַרף מען שוין ווידער הייצן די באָד. אַ וועלט מיט לייז, סינאָק!... פון אַלע עקן רוסלאַנד פאַרשלעפּט מען זיי אַהער...

— אַ גוטע נאַכט, דיעדושקאַ!

ער הייבט זיך אויף מיט אַ שווערער באַוועגונג, צלמט זיך איבער עטלעכע מאָל און לאָזט זיך גיין הינטער דער באָד, אין ספּעציעלן באַראַק פאַר די אַרבעטער.

איך בין אַריין אין מיין באַראַק, צו די אָנגעפּראָפּטע נאַרעס — צו מיינע „ביעזשענצעס“, וואָס האַלטן זיך פאַר „פּריווילעגירט“...

89
מיט דער ווישעגראַ

אין איינעם אַן אָוונט — נאָכן זעקסטן טאָג אין קאָטלאַס — פירט מען דורך אַ גרויסע „פּאָוויערקאַ“ אין דער גאַנצער „זאָנע“. מען צעטיילט אונדז אין צוויי מחנות: דער ביאַליסטאָקער עשאַלאָן באַזונדער, דער בריסקער באַזונדער. מען שטעלט־אויס דעם עולם פון יעדער מחנה גרופּעסווייז, וואַגאָנענווייז — לויטן זעלבן סדר ווי מיר זענען אַהער אָנגעקומען.

שפּעט בייַנאַכט ווערט די „זאָנע“ געעפנט און מען הייבט אונדז אָן אַרויסלאָזן. אויפן פּלאַץ פאַר דער „זאָנע“ שטעלט מען אונדז אויס ווי סאָלדאַטן, צו פיר אין אַ שורה, און מען הייבט זיך אָן צו רוקן פאָראויס. אַרום און אַרום — אַזוי פיל „נ. ק. וו. ד.יסטן“ — אין די הונדערטער, הונדערטער. זיי רינגלען אונדז אַרום אין אַ קייט און באַוועגן זיך גלייכצייטיק מיט אונדזערע רייען. די ביקסן מיט די שטיקעס אין די הענט, גרייטע צו מאַכן „געברויך“...

אַזוי ציט זיך אויס אונדזער מחנה אַלץ לענגער, לענגער, ווי אַן אומענדלעכע לענטע. מיר קומט אויס צו גיין אינמיטן און איך זע, ווי פון פאָרנט ווערט דער שפּיץ פאַרלוירן אין דער ווייטקייט און פון הינטן ציט זיך עס, ווי אַן אָפּפלוס פון אַ ים.

מיר קריכן פּאַזע דער שטאָט צווישן צעוואָרפענע הייזער און פאַרקאָנעס. מיר קומען־אַרויס אויף אַ פרייען שטח. די מחנה בלייבט דאָ שטיין. זי וואַקסט אַלץ גרעסער פון די צוקומענדיקע רייען. ס׳איז אַ קאַלטע נאַכט. איך כאַפּ אַ גוטן ציטער. נאָך אין דער „זאָנע“ האָט מיר עמיצער געשענקט אַ „נאַרציאַרסקיע“ היטל פאַר מיין נאַקעטן קאָפּ; אָבער דאָס גיט נאָך נישט קיין וואַרעמקייט מיין גוף, וואָס טרייסלט זיך ממש ווי אין קדחת. אַ שכן פון מיין ריי — דאָס איז געווען דער בריסקער — באַמערקט ווי איך טרייסל זיך, ווי עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן — שלעפּט ער אַרויס פון זיין „געשוואָלענעם“ „פּלעצאַק“ אַ קאָץ און דערלאַנגט מיר:

— נאַט, וויקלט זיך איין דערין.

איך דריק דעם בריסקער די האַנט פון דאַנקבאַרקייט. איך בין אַזוי דורכגעקעלטערט, אַז אַפילו דער קאָץ קאָן מיך נישט דערוואַרעמען.

— צו אַלדע טייוול, וואָס שטייט מען דאָ אויף אַן אָרט!

איך דעק זיך איבער מיט דעם קאָץ איבערן קאָפּ, ווי אַ קליינשטעטל־דיקע יידענע מיט אַ פאַטשיילע. און איך טראַכט דערביי: „ווי לעכערלעך מ׳ווערט אין אַזעלכע ביטערע רגעס. אַ קאַריקאַטור ממש.״ ברררר! ווי עס שוידערט מיך!

ס׳איז אַ טונקעלע נאַכט. אַ נאַכט מיט בלויז איינצלנע שטערן. שווער צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז. פון איין זייט, רעכטס, ציטערט אַ נעץ פייערלעך האַרט איבער דער ערד. עס דערגייען פון דאָרט מענטשלעכע שטימען. פון הינטן ליגט די איינגעשלאָפענע שטאָט. אויך פון דאָרטן ווינקען אינעם חושך איינזאַמע פייערן.

— פאָראויס! — דערהערט זיך פלוצלונג אַ קאָמאַנדע.

ווידער הייבט זיך אָן אונדזער מחנה רייענווייז באַוועגן.

— וווהין טרייבט מען אונדז?

— אַ סטאַדע זאָגט מען דען?...

— און פאַרוואָס עפּעס אינמיטן נאַכט?

— בייטאָג קאָן מען נאָך אונדז אָן עין־הרע געבן...

מ׳איז אַזוי אָפּגעגאַנגען נאָך אַ קילאָמעטער לערך. די פייערלעך פון רעכטס האָבן זיך פאַרמערט. מען פירט אונדז אין זייער ריכטונג.

— שטיי!

די ערשטע שורות בלייבן שטיין. אַלץ גייט־צו נענטער, נענטער. די מחנה ווערט ווידער געדיכטער, קאָמפּאַקטער. פון רעכטס, וווּ די פייערלעך, טויכט־אַרויס אַ טייך. אַ ברעג מיט דאַמפּערס און באַרזשעס (לאַסט־שיפן). קוימענס הייבן זיך איבער זיי אין דער לופטן. אויף די דעקן פון די שיפן באַוועגן זיך מענטשן. אויפן ברעג פאָרען זיך אַרבעטער. פון דאַנען האָבן מיר עס פריער געהערט די קולות.

מ׳הייסט ווידער די ערשטע רייען צו ציען זיך ווייטער.

— פּאָטיאַניס! (צי זיך!), — טרייבט מען אונטער פון די זייטן.

דער שפּיץ פון אונדזער צוג ווערט ערגעץ אין דער נידער ביי דעם ברעג פאַרפאַלן. אַז עס דערגייט נאָענט צו מיין ריי, זע איך שוין מיט די אייגענע אויגן: מען „גרוזעוועט״ אונדז אין אַ ריזיקער באַרזשע. מענטשן

קריכן איינציקווייז דורך אַ הענגענדיקער בריק און ווערן פאַרשווונדן אין דער נידער — אין בויך פון אַ טונקעלער באַרזשע.

שעהען לאַנג האָט געדויערט די דאָזיקע „פּאָסאַדקאָ" אין שיף. אַזאַ מחנה!

אַז איך בין לסוף אויך אַראָפּ אונטן, איז שוין אינעווייניק געווען אַ באַוועגונג פון מענטשן — פון די ערשטע רייען. דאָ זענען נישט געווען קיין קאַבינעס, נאָר איין ריזיק־לאַנגער רוים, ווי אין אַ באַראַק נאָר אָן נאַרעס, אָן בענק און אָן טישן. בלויז אַ פּאָדלאָגע. דאָס איז דאָך אַ שיף נישט פאַר מענטשן, נישט פאַר פּאַסאַזשירן, נאָר פאַר משאות. די באַלייכ־טונג אינעווייניק, אין דער גרויסער פּוסטקייט, איז זייער אַ קאַרגע. קליי־נע נאַפט־לעמפּלעך ברענען ווו נישט ווו און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַן אונטערערדישער הייל.

די מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין אַריינגעכאַפּט אינעווייניק, האָבן תיכף פאַרכאַפּט פּלעצער. ס'האָט יעדער פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלע וועלן האָבן מזל צו האָבן אַן אָרט, ווו צו ליגן. אויך דאָ האָט מען געדאַרפט ליגן וואַגאָנעווייז, אין דער זעלבער אָרדענונג ווי ביז אַהער. אונדזער וואַגאָן האָט פאַרכאַפּט אַ ווינקל נישט אַזאַ באַקוועמען. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען אויסצוציען אין דער גאַנצער לענג. און נישט נאָר אונדזער וואַגאָן. אַלע גרופּעס האָבן זיך געמוזט צונויפקוועטשן, צונויפדריקן געדיכטער, ענגער. דער צושטראָם פון די ווייטערדיקע רייען האָט אַלץ מער צונויפגעקוועטשט דעם עולם און צעשטערט דעם „רחבות" פון די ערשטע. די ענגשאַפט האָט מיר דערמאָנט די פּאָדלאָגע פון דער גראָדנער תפיסה...

דער גאַנצער ביאַליסטאָקער עשאַלאָן — לערך 2,000 מענטשן — איז אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין דער ריזיק־לאַנגער באַרזשע. זעט־אויס, אַז דאָס איז אַזאַ עקסטראַ־געבויטע שיף פאַר „מאַסן־געברויך"...

אויבן איבער אונדז האָט זיך געזען אַ גאַרן, נישט קיין קאַיוטעס, נאָר אויך אַן אָפענער רוים, אָפּגעצאַמט נאָר מיט אַ באַריער. דאָרט האָט זיך איינגעאָרדנט די וואַך — די קאָמאַנדע פון דער „נ. ק. וו. ד.". די וואַך איז געשטאַנען האַרט ביי דער באַריער און אַראָפּגעקוקט אונטן, גע־האַלטן אויג אויף אַלץ, וואָס עס טוט זיך אונטן אין דער מענטשן־מאַסע. געגעבן קאָמאַנדעס, דיריגירט, געשריען און זיך געבייזערט.

עמיצער פאַררייסט דעם קאָפּ צו אונדזערע שומרים און פרעגט:

— גראַזשדאַנין! אויף וועלכן טייך זענען מיר?

— וואָס איז דיר דער אונטערשייד? — קומט אַ צולהכעיסדיקער ענטפער פון אויבן.

„גערעכט! — טראַכט איך — דער „נ. ק. וו. ד.יסט" איז טאַקע אין גרונט גערעכט: וואָס איז דעם הינדל דער אונטערשייד, מיט וואָס פאַר אַ פעטס מ׳פרעגלט עס?"...

יענער פרעגער איז אָבער געווען משמעות שטאַרק נייגעריק און אַן עקשן. ער האָט שפּעטער ווידער געפרעגט אין דער הויך:

— אויף וועלכן טייך זענען מיר?

דאָס מאָל האָט זיך שוין געפונען אויבן איינער צווישן די שומרים, וועלכער האָט אַראָפּגעענטפערט:

— מיר פאָרן מיט דער וויטשעגדאַ.

דער גאַנצער עולם האָט זיך שוין ווי עס איז איינגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. מ׳האָט זיך איינגעפּרעסט איינע אין די אַנדערע. ס׳איז געווען בלויז אַ מאַטערניש, אַ פּרעסעניש, ווייל שלאָפן אין דער דאָזיקער ענג־שאַפט איז נישט מעגלעך געווען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען דאָ און דאָרט געהערט קריגערייען און זידלערייען איבער אַ פּאָר צענטימעטער פּלאַץ. אין איין ווינקל איז עס דערגאַנגען צו אַ געשלעג. די „נ. ק. וו. ד." פון אויבן האָט גענומען געוואַלדעווען, מ׳זאָל זיך באַרואיקן.

— עס האָט אייך פאַרשמעקט אין קאַרצער אַריין? — האָבן זיי גע־דראָט.

— טשיקאַווע, — זאָגט מיין שכן דער בריסקער, — ווי זעט דאָ אויס דער קאַרצער, אַז דער „סאַלאָן" גופא איז אַזאַ גיהנום?

באַגינען האָט די שווימענדיקע תפיסה געדרירט.

— וווהין פירט מען אונדז? אין וועלכער ריכטונג?

די „געאָגראַפן" אין דער באַרזשע האָבן געמאַכט חשבון:

— ווען מיר פאָרן מיט דער סעווערנאַיאַ דווינאַ, — זאָגט אייגער,

— וואָלט עס געהייסן, אַז מען פירט אונדז אין דער ריכטונג צום ווייסן ים, צו אַרכאַנגעלסק. וווהין־זשע קאָן אונדז פאַרפירן די וויטשעגדאַ?

— מסתמא צום צפון־פּאָל... — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער.

— לאַכט נישט! — מישט זיך אַריין אַ דריטער, — די וויטשעגדאַ גייט טאַקע אין דער ריכטונג צו דער אַרקטישער געגנט.

— טאַקע צו די ווייסע בערן... — גיט ווער צו.

90
מענטשן פאַרמיאוסן די שיינקייט...

עס גלוסט זיך אַרויסקוקן אויף דרויסן: אָבער אין אונדזער „סאַלאָן" זענען נאָר פאַראַן גאָר הויך קליינינקע קיילעכדיקע שייבלעך. נישטאָ אויף וואָס זיך אַרויפצודראַפּען צו זיי.

דעם דרויסן האָב איך ערשט דערזען, אַרויפגייענדיק צו דער „אוי־באָרנאַיאַ", וואָס געפינט זיך אויבן אויפן דעק. אַהין גייט מען אַרויף אויף אַ שמאָל לייטערל. דער גאַנצער דעק איז שטאַרק באַוואַכט פון דער „נ. ק. וו. ד.". ס'איז פריי נאָר אַ שמאָלער דורכגאַנג צו דער „אובאָר־נאַיאַ".

אָבער עס האָט זיך געלוינט אַרויפגיין. אַ פּיטאָרעסקער פּייזאַזש. וועלדער, וועלדער! דער טייך שלענגלט זיך צווישן גרינס. פון צווישן די וועלדער זע איך אויך אַ פאַרצוימטע „זאָנע"... זעט אויס, אַז אָן דעם גייט עס נישט דאָ אויף צפון...

אָבער אויך דער צפון איז שיין... די נאַטור שיקט אירע שיינקייטן אומעטום. די מענטשן אַליין פאַרמיאוסן אָפּט די שיינקייט... ס'וואָלט דאָ געווען אַ פיינע נסיעה, ווען מען פאָרט נישט אין דער באַרזשע, נאָר אין אַ יאַכט־שיף און אָן שומרים...

פון הינטן, נישט ווייט פון אונדז, פאָרט נאָך אַ צווייטע גרויסע באַרזשע. דאָרט פאָרט אַוודאי דער „בריסקער עשאַלאָן"... מען האָט זיי דאָך אַרויסגענומען פון דער קאָטלאַסער „זאָנע" גלייך מיט אונדז צום „פאַרגרוזעווען".

איך פאַרהאַלט זיך אַביסל לענגער אויפן אויבערשטן דעק. דאָס אויג שלינגט די לאַנדשאַפט; אָבער די שומרים טרייבן צוריק אַראָפּ:

— אַוועק!

די „פּרעקוועניץ" אין דער „אובאָרנאַיאַ" איז כסדר אַ גרויסע, אַן אומאויפהערלעכע: פון איין זייט קומען אַרויף מענטשן כאַטש אויף אַ פּאָר מינוט, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם דרויסן, אַריינאָטעמען אַביסל פרייע לופט. מ'גייט אַרויף אָן נייטיקייט, מיטן תירוץ, אַז מ'דאַרף כלומרשט אין דער „אובאָרנאַיאַ". פאַראַן אָבער אין דער באַרזשע אַ סך מענטשן „לויפערס": די מאָגן־קראַנקע... זיי מוזן אַלע שעה, אַלע האַל־

בע שעה לויפן אַרויף און אַראָפּ. און נישט סתם עפּעס מאָגן־קראַנקע; נאָר עס זענען פאַראַן צווישן זיי אויך אמתדיקע דעזינטעריע־חולאים, וואָס זענען פאַרסמט פון לאַנגן וועג. דער סאַניטאַר אין דער באַרזשע טיילט זיי טאַבלעטן צום מאָגן; אָבער די צאָל „לויפערס" ווערט נישט פאַר־קלענערט, נאָר זי וואַקסט כסדר.

אויך אין דער באַרזשע איז אונדזער באַשפּייזונג געווען פונקט די זעלביקע, וואָס אין עשאַלאָן: פּאַרדאַרט, פאַרשימלט ברויט און טרוקענע, געזאַלצענע פיש, — אַזוי אַז די מענטשן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום וואַ־סער, וואָס איז געשטאַנען אין עטלעכע פעסער. דער מין וואַסער האָט גראד נישט געפעלט — האָט מען געגאָסן אין זיך און געלאָשן דעם דורשט נאָך די פיש. איטלעכער פלעגט אַריינשטעקן אין פאַס זיין נישט־זויבער טעפּעלע, מיט די נישט־זויבערע, לאַנג נישט געוואַשענע פינגער צוזאַמען... און דורך דער דאָזיקער „טבילה" נאָך פאַרמערט די מיקראָבן אינעם וואַסער... הײַנט ווי אַזוי זאָלן זיך נישט פאַרמערן די דעזינטע־ריע־קראַנקע?...

אַ גאַנצן טאָג רוישט אין דער באַרזשע ווי אין אַ מיל. מען שטויסט זיך איינע אָן די אַנדערע. עס קלייבן זיך גרופּקעס, רעדלעך. עס טרעפן זיך באַקאַנטע. איך האָב פאַרלוירן לענעמאַנען פון „בריסקער עשאַלאָן" און געפונען אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי פון גראָדנער אַרעסטאַנטן־צוג. מען רעדט, מען זוכט אַ טרייסט איינער ביים אַנדערן. אין איין ווינקל זע איך דאָ אויך די ביידע וואַרשעווער דאָקטוירים, ד״ר רובינשטיין און ד״ר לע־ווענשטיין.

צו די דאָקטוירים „יאַוועט" זיך חולאים נאָך „פּאַראַדעס" (עצות)... אָבער די דאָקטוירים קאָנען בלויז שטעלן די דיאַגנאָזע... מיט וואָס צו העלפן האָבן זיי נישט... דאָך פעלן זיי נישט קיין פּאַציענטן, וואָס האָבן ליב, אַז אַ דאָקטער טאַפּט זיי דעם פּולס. גלייך ווי פון בלויז באַטאַפּן וואָלט זיי שוין בעסער געוואָרן. דאָס זענען אַזעלכע וואָס ליידן מער פון איינרעדעניש ווי פון אַן אמתער קרענק...

דערביי איז עס צוגעגאַנגען נישט אָן הומאָר: ד״ר לעווענשטיין האָט, למשל, איינעם אַ פּאַציענט, אַ שטאַרק אויסגעשעפּטן, פאַרשריבן אַזאַ דיעטע אויף יעדן טאָג: איין ליטער פּאַסטעריזירטע מילך, 200 גראַם שמאַנט־פּוטער, פיר פרישע אייער, אַ האַלבן קורטשאַק, בוליאָן מיט אַ

געלכל פון אַן איי, רייז־קאַשע, קאַרטאָפל־פּירע, געקאַכטע מערן און קאָמ־פּאָטן. קאָמפּאָטן וואָס מער — בייטאָג און אין אָוונט...

דער דאָקטער האָט דעם דאַזיקן „רעצעפּט" געלייענט בכיוון אויפן קול און עולם אַרום האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס.

איבער דער באַרזשע האָט מען צעטראָגן די נייס:

— דער ד"ר לעווענשטיין פאַרשרייבט די קראַנקע טייערע רעצעפּטן. גייט, יידן, ווער עס האָט אַ קרענק... גייט, פאַרשפּעטיקט נישט...

האָט זיך געפונען נישט איין נאַאיווער, וואָס איז געקומען צו ד"ר לעווענשטיין, אַז ער זאָל אים אויך פאַרשרייבן די זעלבע „רפואות"...

יאָ, אַז די וואָר איז אַזוי טרויעריק, מאַכן זיך יידן אַ רגע פריילעך מיט אַ וויץ...

91

קלאַנגען פון אַ פידל

אין אָוונט, בעת דער עולם איז שוין געלעגן איינגעפּרעסט אויף דער פּאָדלאָגע צום שלאָפן, דערהערן זיך פלוצלונג פון איין ווינקל שטילע טענער פון אַ פידל. קעפּ הייבן זיך אויף און מען פאַרקוקט זיך אין יענער ריכטונג פון וואַנען די קלאַנגען גייען.

דאָס שפּילן איז נישט געווען פון סתם אַ דורכשניטלעכן שפּילער, פון אַ לאַאיקער; נאָר פון אַ פיינעם, רוטינירטן פידלער. די טענער האָבן זיך געגאָסן מיט אַזאַ מעלאַנכאָליע, אַז אַלע זענען געלעגן שטום און פאַר־חידושט.

אַז דאָס שפּילן האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אַ טראָג געטאָן שטי־מען איבער דער באַרזשע:

— ווער איז עס?

— ווער האָט עס געשפּילט?

באַלד איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, אַז דאָס האָט געשפּילט אַ באַקאַנטער פידלער פון וואַרשעווער ראַדיאָ — דער ייד שנעלוואַר, ווע־מען מען האָט ביים אַרעסט נישט געשטערט מיטצונעמען זיין פידל.

— העי, נאָך!

— ביס! ביס!

דער פידלער אין זיין ווייטן ווינקל האָט זיך לכתחילה נישט גע־איילט, האָט זיך געלאָזט בעטן. אָבער אין מיטן דערהערט זיך אַ רוף פון אויבן, פון איבער דער אויבערשטער באַריער — פון „נאַטשאַלסטוואָ״:

— מוזיקאַנט! שפּיל! וועסט באַקומען ברויט...

ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אונדזערע שומרים, די „ג. ק. וו. ד.יסטן״, זענען געוואָרן מיטגעריסן פונעם שפּילן. די גאַנצע באַריער אויבן איז באַשטעלט געוואָרן פון זייער קאָמאַנדע.

דאָ האָט זיך שנעלוואַר נישט געקאָנט לאָזן מער בעטן. די גאַנצע שווימענדיקע תפיסה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצערט־זאַל...

און ס׳האָט אויסגעזען אַביסל מאַקאַבריש: אַ מחנה וואַלגערט זיך ווי מיסט אויף אַ שמוציקער פּאָדלאָגע... פאַרוואָגלטע, צעטראָטענע... האַלב־חושך, שטיקנדיק... אָן לופט און אָן חיות... און דאָ, אין דעם ריזיקן שטאַל — אַזאַ הערלעכע מוזיק!... אָט כישופן די טרעלן פון סאַראַסאַ־טעס „ציגיינערווייזע״ און דער גאַנצער אויסטערלישער „זאַל״ מיט די „האַרן״ אין דער „אויבער־לאָזשע״ ווערן ממש פאַרכאַפּט. ביים ענדיקן צע־דונערט זיך די גאַנצע באַרזשע מיט לאַנגע, הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

די „האַרן״ פון דער הויך האָבן אַראָפּגעוואָרפן פאַרן פידלער אַ גאַנץ ברויטל.

— גיט עס אים! — האָבן זיי אַראָפּגעשריען צו די, וואָס האָבן דאָס ברויטל געכאַפּט.

מ׳האָט שנעלוואַרן אונטערגעטראָגן דעם האָנאָראַר.

— נאָך! העי, מוזיקאַנט! — קומען ווידער אויסרופן פון אויבן.

איבערן „זאַל״ האָבן זיך ווידער צעגאָסן די כישוף־קלאַנגען. דאָס מאָל פון מענדעלסאָנס פידל־קאָנצערט, און ווידער מיטן זעלביקן עפעקט און זעלביקן „אַפּלויז״ סיי אונטן ביי די „קנעכט״, סיי אויבן ביי די „האַרן״...

— נאָך! נאָך!

שנעלוואַר האָט דאַן געגעבן אַ ציקל יידישע מעלאָדיען: ברוכס „כל נדרי״, מאָטיוון פון ענגעל, פון אחרון. מאָטיוון אומעטיקע, מיט יידישן טרויער דורכגעזאַפּט. יידן האָבן אַרויסגעפילט, אַז די דאָזיקע מאָטיוון זענען שנעלוואַרן דעם ייד נאָענט צום האַרצן... בפרט שנעלוואַרן דעם פּליט... אויף נע־ונד... אין דער באַרזשע... און עס האָט טאַקע מער גע־רעדט צו די געבראָכענע הערצער פון די אַלע יידן דאָ... עס האָט די נשמה

אויף שטיקער געריסן... און יידן, וואָס זענען „גרינג אויף טרערן", האָבן זיך בשתיקה די אויגן געווישט...

— שפּיל עפּעס פריילעכערס! עפּעס־וואָס רוסישעס! — קאָמאַנדע־ווען די „האַרן" פון אויבן.

דער סענטימענטאַל־געוואָרענער בריסקער, מיין נאָענטער שכן אויף דער פּאָדלאָגע, באַמערקט מיר:

— על נהרות וויטשעגדאַ שם ישבנו וגם בכינו...

און זיינע אויגן, זע איך, ווערן טאַקע פייכט אויף אַן אמת... טאַקע ווי דאָרט ביי די יידן ביי די טייכן פון בבל...

דער פידלער איז דאַן איבערגעגאַנגען צו יידישע פּאָפּולערע פאָלקס־לידער. דאָ און דאָרט אין ריזיקן „זאַל" האָט מען שטילערהייט מיטגע־זונגען. די לידער זענען געווען הייטערער און אויך דער עולם איז געוואָרן מונטערער, גלייך ווי מ'וואָלט פאַרגעסן בעת־מעשה ווו מען געפינט זיך...

שנעלוואַר האָט אויך יוצא געווען פאַר די „האַרן" און געגעבן אַ פּאָפּורי פון רוסישע ציגיינער־ראָמאַנסן. פאַרענדיקט האָט ער מיט „וואָל־גאַ, וואָלגאַ". אויך דאָס דאָזיקע ליד איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַ סך שטימען.

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער וואָלגאַ און דער ווי־טשעגדאַ? — פרעגט דער בריסקער און ענטפערט: — די וואָלגאַ איז גע־ווען אַ „מאַט' ראָדנאַיאַ" — אַן אייגענע מאַמע — און די וויטשעגדאַ איז אַ שטיפמאַמע, וואָס טראָגט אויף איר בוזים די מענטשן צו קאַ־טאָרגע...

די פידל איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער „זאַל" איז ווידער געוואָרן — באַרזשע... אַ ריזיקער שמוציקער שטאַל. די קנעכט האָבן ווידער גע־פּרוווט איינגורען די קעפּ ווער אויף שמאַטעס, ווער אויף דער אייגענער פויסט. מ'האָט געגאַרט אַביסל שלאָף, אַביסל צו פאַרגעסן זיך...

די דאָזיקע קאָנצערטן האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן אָוונט. בייטאָג האָט שנעלוואַר בשום אופן נישט געוואָלט שפּילן: אַפּנים ביים שיין פון טאָג, ווען ער האָט קלאָר געזען די „גרויע ווירקלעכקייט", האָט ער נישט געהאַט קיין שטימונג צו שפּילן. זיינע פינגער האָבן אים פּשוט נישט גע־דינט... ערשט אין דער טונקלקייט פון אָוונט, בעת אין באַרזשע איז אַלץ געוואָרן פאַרשלייערט, פאַרשאָטנט, נישט־רעאַל — דעמאָלט האָט ער גע־קאָנט אַריין אין „טראַנס"... דעמאָלט האָט ער, שפּילנדיק, אפשר גע־

קאָנט זיך זען ערגעץ אויף אַן עסטראַדע, אין אַ פייערלעכן זאַל, פאַר אַ יום־טובדיקן פובליקום...

איך דערמאָן יענע אויסטערלישע קאָנצערטן נאָך איצט מיט אַ ציטער... וויפל דערהויבנקייט האָט ער געבראַכט און וויפל טרערן האָט ער אַרויסגערופן, אָט דער פידלער אין דער באַרזשע, וואָס איז געשווומען דורך טעג און נעכט איבער דער וויטשעגדאַ, צווישן די צפונדיקע טייגעס, — צו אומזיניקע פלאָגענישן, צו וויסטן עלנט — — — — — — — — — —

די שווימענדיקע תפיסה האָט זיך אַזוי אַלץ ווייטער, דורך טעג און דורך נעכט, געשניטן אין טיפן צפון אַריין.

כ'בין אָפט אין דער הויך — כלומרשט אין דער „אובאַרנאַיאַ" — און זע אַלץ נייע לאַנדשאַפטן. געדיכטע וועלדער, פליינען, ווו נישט ווו שיטערע ישובים, כוטאָרן. אַמאָל שווימען מיר פאַרביי אַ „זאָנע", אַמאָל אַ שטעטל מיט אַ האַפן ביים ברעג. אַמאָל יאָגן מיר אָן אַנגעלאָדענע באַרזשעס מיט פראָדוקטן פאַר די לאַגערן. אַמאָל ווידער פאַרקערט: עס קומען אונדז אַנטקעגן שוין אויסגעליידיקטע שיפן, וועלכע פאָרן שוין מסתמא צוריק קיין קאָטלאַס.

זייער אָפט זעט מען ווי עס שווימען אויפן וואַסער קלעצער מיטן שטראָם. חמרים קלעצער. וועלדער גאַנצע! דאָס איז די פרוכט און די אַרבעט פון די קנעכט אין די לאַגערן, אין די „זאָנעס", וואָס מיר זעען ביים ברעג, און די „זאָנעס", וואָס מיר זעען נישט, ווייל זיי געפינען זיך אין הינטערגרונט פון די וועלדער, ווייטער אַביסל פון דעם ברעג. די קלעצער שווימען אַזוי הפקרדיק, פריי, אַפילו נישט צונויפגעבונדן אין פליטן. אַז זיי דערגרייכן די פונקטן, ווו מען דאַרף זיי, ווו מען וואַרט אויף זיי, — ווערן זיי פאַרהאַלטן און אַרויסגעשלעפט מיט שטריק און מיט האָקעס אויף לאַנגע שטעקנס: אויך דורך אַזעלכע קנעכט אין אַנדערע „זאָנעס"...

אַזוי אַרום איז דער גאַנצער „ספלאַוו" — די מיליאָנען קלעצער, אַרומגעטעסעטע אָדער רויע נאָך אין דער קאָרע — אַ „גרוס" פון קאַטאָרגע... דאָס איז אַ שווימענדיקער „גרוס" אויך פאַר אונדז — די פרייִשע קנעכט.

מיר פאָרן פאַרביי איין טאָג אַ גרעסערן ישוב, וואָס ליגט פיטאָרעסק אין ראַם פון גרינקייט. אונדזער באַרזשע שטעלט זיך אין ערגעץ

נישט אָפּ. קיין וואַסער אָננעמען פאַר די קעסלען איז דאָך נישט נייטיק: מען האָט דאָך דאָס וואַסער פון טייך. ביים האַפן, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, לייען איך אַ גרויסע אָנשריפט: י אַ ר ע נ ס ק. פון דער הויכקייט, ווייטער פון ברעג, סטאַרטשעט איבער דעכער אַ טורעם פון אַ צערקווע. אָבער אָן אַ צלם.

— איר זעט? ווי קומט עס דאָ אַ צערקווע?... — ווונדערט זיך עמי־צער ביי מיין זייט.

— מסתמא אַ זכר לחורבן... — ענטפערט אַ צווייטער, — ווי ביי יידן, להבדיל, דער כותל־מערבי...

וואָס ווייטער מיר פאָרן, אַלץ אָפטער באַגעגענען מיר ביי די ברעג־געס די אַרומגעצאַמטע „זאָנעס“ מיט די באַקאַנטע וואַך־טורעמלעך. דאָס דערמאָנט אונדז אגב כסדר דעם צוועק פון אונדזער נסיעה... מען פירט אונדז, הייסט עס, אין מלכות פון די לאַגערן...

אויפן זיבעטן מעת־לעת האָט אונדזער שווימענדיקע תפיסה אין פריי־מאָרגן געאַנקערט ביים האַפן פון דעם לאַגער־שטעטל א ו ס ט ו י ם.

עס האָט אונדז ביים ברעג מקבל־פּנים געווען אַ גרויסע מחנה פון דער „נ. ק. וו. ד.“.

92

די נייע „אכסניה“ אין אוסטווים

אַ סיורפריז! ביים אויסשטייגן פון דער באַרזשע האָט מען אַלעמען צוריקגעגעבן די קלייניקייטן, וואָס מ׳האָט צוגענומען בעת דער רעוויזיע אין די תפיסות. מיר האָט מען אומגעקערט דעם פּאָרטפעל אַזוי ווי איך האָב אים איבערגעגעבן אין גראָדנער תפיסה אַ פאַרוויקלטן אין פּאַסעק פון די הויזן. אינעווייניק האָב איך אַפילו געפונען שטעקן מיין פאַרקער־פעדער און אַלע פּאַפּירן, וואָס כ׳האָב דאָרט געהאַט. אַ חידוש אויף דער פעדער: מסתמא האָט מען זי פשוט נישט באַמערקט. דעם זייגער און די עטלעכע הונדערט רובל האָב איך נישט באַקומען: דאָס טאָר נישט אַן אַרעסטאַנט באַזיצן.

כ׳האָב זיך זייער דערפרייט מיט מיין פעדער. כ׳האָב זי געצערטלט אין האַנט ווי אַן אַלטן, צוריקגעפונענעם פריינד... ווי אַן אינטימען

פריינד פון מיינע דערהויבנסטע רגעס אין מיין אָפּגעריסענעם לעבן — —

אין אוסטווים, פונקט אַנטקעגן דעם טייך, האָט מען אונדז ער עשאַ־לאָן לאָקירט אין אַ „זאָנע", וואָס איז פול געווען מיט גרויסע הילצערנע באַראַקן. מיר האָבן פאַרנומען אַ פינף באַראַקן. קיין נאַרעס זענען דאָ אויך נישט געווען. אָבער פּאָדלאָגעס זענען דאָ געווען גערוימע, רחבותדי־קע — אַזוי אַז עס האָבן זיך באַלד געבילדעט שורות גופים. יעדער איי־נער האָט זיך געקאָנט אויסציען און אויסגלייכן די גלידער.

נאָך דעם זעלביקן טאָג, מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, איז אויך אָנגע־קומען צו אונדז די צווייטע באַרזשע מיטן „בריסקער עשאַלאָן", וועלכע איז געשווומען הינטער אונדז. ס'איז געווען — ליהודים! ווידער האָבן זיך געטראָפן באַקאַנטע, פריינד. די בריסקער האָבן אויך פאַרנומען עט־לעכע באַראַקן אַזוי ווי מיר, מיט גערוימע „קייזערלעכע" פּאָדלאָגעס. ווי־דער איז געוואָרן אַ באַוועגונג, אַ גייערייַ פון באַראַק צו באַראַק. מען האָט זיך געזוכט. מען האָט זיך איבערגערופן. מען האָט זיך דערציילט איינע די אַנדערע די „נסים" פון דער נסיעה איבערן טייך.

אויך איך געפין מיינע באַקאַנטע. איך זע ווידער לענעמאַנען, יאַ־קאָבין. מען „לופטערט" ווידער די אַלטע טעמע: „ביעזשענצעס". לענע־מאַן איז נאָך אַלץ ביי זיין מיינונג, אַז... „די וועלט וועט נישט שווייגן אַזאַ רציחה"... יאַקאָבי ווידער האָט זיך אויך נישט געענדערט אין זיין שוואַרץ־זעערייַ:

— ווי לאַנג וועט איר נאָך גלויבן — פרעגט ער. — איר זעט דאָך. מיר זענען שוין באַלד אויפן נאָרדפּאָל... ווען מען וואָלט געהאַט בדעה אונדז אין גיכן צו באַפרייען, וואָלט מען אונדז נישט געשיקט צו די „ווייסע בערן"...

מיר שפּאַצירן אום איבער דער „זאָנע". זעט אויס, אַז אויך דאָ איז אַ טראַנזיט־לאַגערפּונקט. אויך דאָ, ווי אין קאָטלאַס, איז אַלץ איינגע־אָרדנט אין גרויסן, אין ריזיקן פאַרנעם — פּאַר באַדינען מאַסן: מאַסן אין די צענדליקער טויזנטער! אָט האָבן מיר פאַרנומען אַ צענדליק באַראַקן — און פאַראַן נאָך אַ סך לייִדיקע באַראַקן. צו וועלכן אַנדערן צוועק אַזעלכע ריזיקע באַראַקן און אַזוי פיל דערצו? ס'איז פאַר אונדז — די „געסט" — געוואָרן באַשייַנפּערלעך, אַז דער „נ. ק. וו. ד."־אַפּאַראַט אָפּערירט דאָ אין דורכשניט נישט מיט קיין קליינע, נישט מיט קיין באַ־שיידענע ציפערן — — —

„קעסט" האָט מען דאָ באַקומען לערך אַזוי ווי אין קאַטלאָס; עס קומט דאָך אַלץ לויט איין שאַבלאָן און פון איין קוואַל. און דאָ איז מען אויך אַזוי געווען הונגעריק ווי דאָרטן...

אין אוסטווים האָט מען זיך לסוף גענומען אַרומקוקן אַרום די קראַנ־קע. אַזוי פיל שוין געווען...

אין איינעם אַ חדר פון אַ ליידיקן באַראַק האָט מען אויפגענומען די חולאים. עס האָבן זיך געשטופּט אַהין מענטשן אין די הונדערטער. די אַמטירנדיקע דאָקטוירים דאָרט זענען געווען טאַקע פון ביאַליסטאָקער עשאַלאָן: ד״ר לעווענשטיין און ד״ר רובינשטיין, וועלכע די מאַכט האָט געהייסן באַדינען די „פּוילישע גראַזשדאַנעס". און אפשר זענען דידאָזיקע דאָקטוירים אַליין געגאַנגען מעלדן דער מאַכט וועגן דער גרויסער צאָל קראַנקע פון לאַנגן וועג. אין „קאַבינעט" איז אויך געווען אַ סאַניטאַר אַ רוס, וואָס האָט געטיילט די קראַנקע באַלד אויפן אָרט די מעדיצינען, לויט דער אָנווייזונג פון די דאָקטוירים.

אין גרעסטן טייל זענען דאָס געווען מאָגן־קראַנקע — מענטשן מיט „פּאָנאָס" (שלשול) אָדער מיט דעזינטעריע. מ׳האָט זיי געגעבן צו עט־לעכע טאַבלעטן יעדערן אָדער טראָפּנס אויסצוטרינקען אויפן אָרט, — און הולך, געגאַנגען. די דאָזיקע חולאים זענען נישט געוואָרן איזאָלירט און האָבן פאַרשפּרייט די קראַנקייט ווייטער... אָן אויסנאַם האָט מען נאָר געמאַכט פאַר אַ צענדליק, וועלכע זענען שוין געווען אַזוי דערשעפּט און אָפּגעצערט פון זייער מחלה, אַז זיי האָבן אַליין נישט געקאָנט גיין אויף די פיס און חברים האָבן זיי געבראַכט צו פירן אונטערן אָרעם. יענע שווער־קראַנקע האָט מען איבערגעשיקט אין אַ באַזונדער באַראַק.

געווען אויך אַ סך קראַנקע מיט אַנדערע מיחושן — מיט האַרץ, לונ־גען, מיט אַלגעמיינער דערשעפּונג. אָבער מיט די דאָזיקע חולאים איז איצט נישט געווען קיין צייט צו „צערעמאָניען" זיך. מ׳האָט זיי געגעבן אויסצוטרינקען טראָפּנס אויף אַביסל וואַסער — און יוצא!

אַחוץ דער „אַמבולאַטאָריע" פאַר קראַנקע האָט אין אַן אַנדער באַ־ראַק, אין אַ קאַנצעלאַריע, געאַרבעט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע. יעדער אַרעסטאַנט האָט געמוזט אַדורכגיין די דאָזיקע קאָנטראָל. דאָ איז גע־זעסן אַן עלטערער דאָקטער מיט אַ זייער סימפּאַטישן אויסזען, מיט אַ פראַנצויזיש בערדל, לענגלעכן פּנים און מילדע אויגן. דער דאָזיקער דאָק־טער האָט געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצן שטויס רשימות מיט די אַלע נעמען

פוןביידע עשאַלאָנען — לויטן אלף־בית. אין משך פון איין טאָג פלעגט ער אויפנעמען עטלעכע הונדערט מענטשן. שנעל שנעל אַ טאַפּ געטאָן דעם אַרעסטאַנט און נאָטירט אין אַ רשימה. דאָס האָט ער פאַרשריבן צו וועלכער קאַטעגאָריע אַרבעטס־פעאיקע יעדער געהערט. געווען דריי קאַטעגאָריעס: ערשטע, צווייטע, דריטע. ערשטע — גאָר געזונטע, צווייטע — שוואַכערע, אָבער אַרבעטס־פעאיקע, צו לייכטערער אַרבעט; דריטע — אינוואַלידן, וואָס טויגן לחלוטין נישט צו פיזישער אַרבעט.

אַז איך בין געווען אויף דער דאָזיקער מעדיצינישער קאָנטראָל האָט מיך דער דאָקטער געפרעגט, צי איך קלאָג זיך אויף עפּעס. איך האָב אים געבעטן לייגן אַכט אויף דאָס האַרץ. ער לייגט צו דאָס טרייבל, פרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך. איך זאָג אים. ער קוקט מיך אָן אויפמערקזאַמער און באַמערקט:

— ווי אַ שרייבער וועט איר האָבן נייע איינדריקן...

איך האָב עס לכתחילה פאַרשטאַנען ווי אַ שפּאַס פון זיין זייט; אָבער פאַרוואָס האָט ער דערביי נישט געטאָן אַפילו קיין שמייכל? נאָר מיט אַן ערנסט געזיכט האָט ער געמאַכט זיין באַמערקונג אין דער רשימה. איך האָב באַמערקט, אַז ער נאָטירט אַ „2" — צווייטע קאַטעגאָריע.

יאָ, זיכער איז זיין באַמערקונג אַן אויסדרוק פון באַדויערונג... עס פּאַסט זיך גיכער פאַר זיין איידעלער באַנעמונג...

— בירגער דאָקטער! ביי וואָס וועט מיר אויסקומען צו אַרבעטן?

— ריזיקיר איך צו פרעגן.

— איר וועט שוין זען אויפן אָרט... באַמיט זיך צו אַרבעטן אין אַ קאַנצעלאַריע...

— ווו איז דאָס אָרט?

— אוכטאַ.

און באַלד דערויף גיט ער שוין אַ רוף אַן אַנדערן פון דער מחנה וואַרטנדיקע הינטער דער טיר:

— דער ווייטערדיקער!

יאָ, צופיל אויפמערקזאַמקייט פאַר איין מענטשן, ווען ער מוז אין משך פון טאָג דערליידיקן עטלעכע הונדערט!

צווייטע קאַטעגאָריע! לייכטערע אַרבעט... טשיקאַווע, ווי וועט עס אויסזען די „לייכטערע אַרבעט"?...

איך דערצייל באַקאַנטע וואָס דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט: אַז מיר פאָרן קיין אוכטאַ.

ווו אוכטאַ? ווען אוכטאַ? קיינער ווייס נישט ווו דאָס איז. ס׳איז אַלנפאַלס נישט אַזאַ געאָגראַפישער פונקט, אַז מ׳זאָל עס געדענקען פון דער שולע...

מ׳פרעגט יאַקאָבין:

— איר דאַרפט דאָך יאָ וויסן. אַ פעדאַגאָג פון אַ שולע.

— הלוואי וואָלטן מיר דאָס אָרט אויך איצט נישט געקענט... — שפּאָסט ער ביטער. — נאָר ס׳שיינט מיר, פאַראַן אַ טייך אַזאַ אין דער פּאָלאַר־געגנט...

מיר וועלן עס שוין אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן...

93

מיר „טאַנצן" אַריין אין קניאַז־פּאָגאָסט

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן פאַרענדיקן די מעדיצינישע קאָנטראָל, — ווידער אין וועג אַריין.

דאָס מאָל פאָרן מיר שוין נישט מיטן וואַסער, נאָר מיט לאַסט־מאַ־שינען. לענג אויס דעם ברעג אַנטקעגן אונדז איז אויסגעשטעלט אַ ריזיק־לאַנגע קייט מאַשינען, וועלכע וואַרטן אונדז אויפצונעמען. צוערשט האָט מען אַרויסגעפירט פון דער „זאָנע" דעם ביאַליסטאָקער עשאַלאָן — אַלץ לויטן סדר פון די וואַגאָנעס. מיר שטייען אויסגעשטעלט אין רייען הארט נעבן דער „זאָנע" אין דערוואַרטונג פון דער „פּאָסאַדקאַ".

עס רינגלט אונדז אַרום אַ קייט „נ. ק. וו. ד.יסטן".

דער בריסקער כאַפּט אַ שמועס מיטן שומר, וואָס שטייט נעבן אונדז. ער פרעגט אים:

— ביז וואַנען וועט מען אונדז נאָך אַזוי פירן? ס׳איז דאָך שוין באַלד עק וועלט...

יענער איז גראָד געווען אַביסל באַרעדעוודיקער, נישט ווי די אַלע אָנגעכמורעטע בייזע „נ. ק. וו. ד."־לייט, און ער ענטפערט, שמייכלענדיק:

— נישקשה, אונדזער לאַנד איז גענוג גרויס...

אַז יענער שמייכלט, ווערט דער בריסקער נאָך מער דרייסטער:

— אָבער וואָס וויל מען פון אונדז? פאַרוואָס קומט עס אונדז, „ביע־זשענצעס"?

— מסתמא האָט איר פאַרדינט... — ענטפערט יענער מיטן זעלבן שמייכעלע.

אין דאָזיקן שמייכל זע איך ציניזם. עס רעגט מיך אויף און עס כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס אַ פראַזע:

— אַזוי באַגייען זיך מיט „ביעזשענצעס" קאָנען נאָר פאַשיסטן...

די דאָזיקע באַמערקונג האָט אין אים צעקאָכט די יוכע. אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ שלעכט פייערל.

— דו ווייסט, זאָגט ער, — פאַר אַזעלכע רייד האָב איך דאָס רעכט דיך צו דערשיסן?

— האַקט אָפּ מיט אים! — וואָרנט מיך דער בריסקער.

און צום שומר ווענדט ער זיך, ווי ווען־לנדיק פאַררייבן דאָס צע־ווערטלען זיך:

— ווּהין ווען מיר פאָרן פון דאַנען, גראַזשדאַנין?

— גענוג צו רעדן! — ענטפערט אָבער יענער נאָך אַלץ אין צאָרן.

מיין שולד: כ'האָב קאַליע געמאַכט זיין גוטן „הומאָר"...

לסוף הייבט זיך אָן די „פּאָסאַדקאַ": מען „גרוזעוועט" אונדז אויף די לאַסט־מאַשינען. דאָס זענען גרויסע פּלאַטפאָרמעס וואָס קאָנען אַרייב־נעמען אַ סך מענטשן. מען זעצט אונדז אויס זייער שפּאַרזאַם אין פּלאַץ: מיט די פיס אונטער זיך, נישט אויסגעצויגן. אַזוי אַז איינער איז צו־נויפגעדריקט מיטן אַנדערן, געדיכט, קאָמפּאַקט. אַזוי פילט מען אָן יעדע פּלאַטפאָרמע — וויפיל נאָר עס לאָזט זיך אַריינקוועטשן. פון אַלע פיר זייטן אויף יעדער מאַשין שטעלן זיך אויס „נ. ק. וו. ד.יסטן" מיט ביקסן.

דער „אָבאָז" פון די דאָזיקע לאַסט־מאַשינען איז זייער צעצויגן — אַזוי אַז פון מיין פּלאַטפאָרמע זע איך נישט דעם אָנהייב, נישט דעם סוף.

די בריסקער זענען נאָך דערווייל אין „זאָנע". מסתמא ווען זיי גיין נאָך אונדז. לענעמאַן און יאַקאָבי קוקן פון יענער זייט פּאַרקאַן דורך די שטאַכעטן און שטעכיקן דראָט און געזעגענען מיך מיט האַנט־באַווע־

גונגען. ווער ווייסט ווו און ווען מיר וועלן זיךווידער צונויפטרעפן... *).

דער שפּיץ פון „אָבאָז" איז שוין אין באַוועגונג. אַלע ווילע הייבן זיך אָן צו ציען די ווייטערדיקע מאַשינען פון הינטן.

מיר פאָרן. דער וועג איז אַ שווערער. נישט קיין שאָסיי, נאָר אַ וויל־דער וועג, געבערגלט און מיט גריבער. די מאַשינען דרייען זיך און טאַנצן אַ משוגענעם טאַנץ. פון דער דאָזיקער טאַנצעניש דרייען זיך ביי אונדז די אינגעווייגן. אַלע ווילע הייבט עס אַזש אונטער אין דער לופטן. די פיס אונטער זיך טוען פיינלעך ווי פון יעדן זעץ אַרויף און אַראָפּ. פון אַזאַ „קאָמפאָרטאַבלע" נסיעה וואָלט זיך אַ טויטער געקאָנט אויפכאַפּן...

עמיצער פּרוּווט זיך אויפצושטעלן, כדי צו פאַרטראָגן לייכטער די טרייסלעניש.

— זעץ זיך! — צעבייזערן זיך מיט באַנומענע קולות די שומרים ביי די עקן פון דער מאַשין.

און איין „פּאַסאַזשיר" רעדט אַרויס זיין טענה:

— אָבער פאַרוואָס לויפן זיי, די מאַשינען, אַזוי ווי די רוחות? ווען זיי פאָרן פּאַמעלעכער, וואָלט דאָך אַזוי נישט געוואָרפן ווי אין קדחת!

— פאַרגעסט נישט — ענטפערט אַ שכן, — אַז מיר זענען נישט די איינציקע. זיי מוזן נאָך מסתמא ליפערן אַנדערע „פּאַסאַזשירן"...

מ'איז אַזוי אָפּגעפאָרן — אָדער „אָפּגעטאַנצט"... — אַ פּאָר שעה בלויז. אַ 60־70 קילאָמעטער סך־הכל; אָבער די קורצע נסיעה איז גענוג געווען, אַז די „פּאַסאַזשירן" זאָלן באַקומען צעקלאַפּטע און צעניזוקטע אברים... אַז מ'איז אַראָפּגעקראָכן פון די מאַשינען, איז מען געווען פאַל־נע קאַליקעס...

די מאַשינען זענען שטיין געבליבן אין אַן אַנדער מקום — ביי איי־נעם פון די לאַגער־„זאַנעס" אין קניאַז־פּאַגאָסט.

דער דאָזיקער לאַגער האָט אינעווייניק פאַרמאָגט אַביסלביימער. די באַראַקן זענען געווען ווי פאַרשלייערט אין גרינס. און עס האָט, אין

---

*) דער שרייבער־פּעדאַגאָג יאַקאָבי האָט זיך אין לאַגער פיזיש צוזאַמענגעבראָכן. נאָך דער אַמנעסטיע איז ער אַוועק קיין סיקטיווקאַר, (הויפּטשטאָט פון קאָמי), ווו ער „אָבלאָנאָ" (אָבלאַסט־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג) האָט אים — דעם באַקאַנטן פּע־דאַגאָג פון וואַרשע — געגעבן אַ פּאָסטן אין אַ שולע אַלס „אָכראַנניק" (שומר)... לאַנג האָט שוין יאַקאָבי דאָרט נישט געלעבט. אַ שטאַרק דערשעפּטער פון לאַגער, איז ער אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן.

פלוג געמאַכט אַן איינדרוק שיער נישט ווי אַ דאַטשע־אָרט... אָבער עס איז גענוג געווען אָנצוקוקן די אָרטיקע „דאַטשניקעס" — די אַרעס־טאַנטן — אין זייערע אַלטע טראַנטעס, די „ספּעצאָווקעס"; די פֿאַר־חושכטע פּנימער זייערע פֿון עבֿודת פּרך, כּדי צו זען, אַז די מענטשן דאָ לעבן נישט אין גרויס תּענוג...

אין קיין באַראַקן לאָקירט מען אונדז דאָ נישט. מיר דרייען זיך אום אין דער גרויסער „זאָנע", ווייזט אויס, נאָר אויף דערווייל. שפּעטער טאָקע ווייזט זיך עס טאַקע אַזוי אַרויס. אַז מען האָט געפֿרעגט אַן עלטסטן פֿון דער „נ. ק. וו. ד." פֿאַרוואָס מען גיט אונדז נישט קיין באַראַקן, האָט ער געענטפֿערט, אַז מיר פֿאָרן נאָך היינט פֿון דאַנען אַוועק.

אָבער קניאַז־פּאָגאָסט מוז איך דערמאָנען צום גוטן: דאָ האָט מען אונדז געפֿירט אין באָד אַריין, געמאַכט אַ דעזינפֿעקציע פֿון די מלבושים און — דער עיקר — איטלעכן אַרויסגעגעבן אַ פּאָר אונטער־וועש. אמת, נישט קיין נייע, פֿאַרלאַטעטע, אָבער ריינע. אין יענעם מאָמענט — ווען די מענטשן האָבן פּשוט געפֿוילט אין זייער שמוץ — איז עס געווען אַ גרויס גוטס. אַ גוטס, וואָס דער האַר ווייזט אַרויס אַמאָל אין גוטער שטימונג צו זיין אָרעמען שקלאַף...

נאָכן באָדן זיך האָט מען פּאָר אונדז צוגעגרייט אַן „אָביעד": „פּיי־קעס" ברויט און אַ „שטשי" (באָרשטש). מ'האָט נישט אויסגעטיילט יעדן איינעם אַ „קרוזשקע", נאָר געגעבן אונדז דעם באָרשטש אין גרויסע בעקנס, אַ בעקן פֿאַר אַכט פּערזאָן. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אויף אַ גרויסן פֿרייען פּלאַץ, אונטערן פֿרייען הימל, אין גרופּעס צו אַכט.

עס איז געקומען לכתּחילה צו סצענעס כּמעט אין יעדער גרופּע. אור־מעטום זענען געווען „כיטרינקע", וואָס האָבן זיך גלייך געכאַפּט שנעל, שנעל שעפּן מיט זייערע לעפֿל פֿונעם בעקן, כּדי אַריינצוכאַפּן וואָס מער אין מויל אַריין... כּדי איבערצויאָגן אַנדערע...

אָבער די דאָזיקע „כיטראַקעס" האָט מען באַלד אָפּגעהאַלטן:

— סטאָפּ! סטאָפּ!

— גיס אויס צוריק דאָס לעפֿל אין בעקן!

און מ'האָט דאָס שעפּן איינגעפֿירט לויט אַזאַ סיסטעם, אַז קיינער זאָל נישט באַעוולהט ווערן. לויט אַ קאָמאַנדע: „ראַז!" האָבן אַלע אַכט געדאַרפֿט גלייכצייטיק אַריינשטעקן די לעפֿלען אין בעקן און אָנשעפּן. אַז אַלע זענען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן ערשטן לעפֿל, איז געגעבן געוואָרן

די צווייטע קאָמאַנדע: „דוואַ!" דאַן האָבן ווידער אַלע אַכט אַריינגע־שטעקט גלייכצייטיק די לעפלען. און אַזוי כסדר, ביז דער בעקן איז געוואָרן ליידיק. אויף אַזאַ אופן זענען נישט געווען קיין „אָפּגעשטאַנענע" און קיין „קלוגינקע"... אַלע האָבן געהאַט צו גלייכע צאָל לעפל און מען האָט זיך נישט געדאַרפט איילן כאַפּ־לאַפּ אין דער מורא צו בלייבן אַן אָפּגענאַרטער... אגב איז דער באָרשטש געווען דאָס מאָל אַ גוט געשמאָל־צענער און דער אויסגעהונגערטער עולם האָט זיך אמתדיק באַלעקט. און צוריקגעשמועסט: פון וואָסער עסן וואָלט מען דאָ נישט געהאַט קיין הנאה — בפרט נאָך פון געקעכטס! — נאָך אַזוי פיל נישט־דערעסענע און נישט־דערטרונקענע טעג און וואָכן?

נאָך דער באָד און נאָכן עסן — דער עיקר, פילנדיק אויפן לייב דאָס ריינע פאָר וועש... — איז דער עולם געווען אין אַ הייטערער שטימונג. עס גייען באַלעבטע שמועסן. מען הערט אַפילו אַ וויץ, אַ געלעכטער.

איך טרעף זיך אין „זאָנע" מיט אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי און רעד צו אים אין לייכטן טאָן:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס קניאַז־פּאָגאָסט? אַבי איר זינדיקט... אַ „מרחץ" מיט הייסער פּאַרע... אַ ריין העמד... אַ פיינער באָרשטש... „מיין ליבכען, וואַס ווילסט דו נאָך מער?"...

— מוחל טובות... — ענטפערט ער, — איך בין גרייט צו פירן דעם אדון בעריע צען מאָל אין „מרחץ"... אין דער רוימישער באָד אין וואַר־שע אויף קראַקאָווסקיע פשעדמיעשטשיע... געבן אים נישט איין העמד, נאָר אַ גאַנצע טוץ נייע העמדער אָן לאַטעס... פירן אים אין בעסטן וואַר־שעווער רעסטאָראַן — אין „אייראָפּייסקי"! — אַבי ער זאָל מיך לאָזן אַהיים!...

אַדוואָקאַט קורלאַנדסקי דערציילט אגב, אַז ער האָט דאָ געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ יידישן אַרעסטאַנט פון דער בוכהאַלטעריע. יענער איז דאָ שוין אַן אַלטער „תושב" און איז באַהאַוונט אין אַלץ. ער האָט געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס דער דאָקטער אין אוסטווים האָט מיר מגלה געווען: אַז מען פירט אונדז קיין אוכטאַ. אוכטא איז טאַקע אַ טייך, ווי יאַקאָבי האָט זיך דערמאָנט, און ביים דאָזיקן טייך געפינט זיך אויך אַ שטעטל מיטן זעלבן נאָמען. אַ חוץ דעם טייך אוכטאַ איז אין דער געגנט פאַראַן נאָך אַ טייך — איזשמאַ, דערפאַר ווערן יענע לאַגערן אָנגערופן: „אוכטאַ־איזשמער לאַגערן".

מיר זענען אויך געוויר געוואָרן, אַז פון דאַנען וועט אונדז ווידער אויסקומען צו פאָרן מיט דער באַן. דאָ איז שוין פאַראַן אַ „וויעטקאַ״ (אָפּצווייג) פון דער צפון־אייזנבאַן אין לאַגערן־געביט („סיעוו־זשעל־דאָר״), וועלכע ווערט געבויט דורך די „זע־קאַ״ (זאַקליוטשאָנניע — פאַר־שלאָסענע). די דאָזיקע אייזנבאַן דאַרף דערגיין ביז די ווייטסטע לאַגער־ראַיאָנען פון צפון — אַרום וואָרקוטאָ און פּעטשאָראָ — דעם טייך, וואָס פאַלט אַריין אין אַרקטישן אָקעאַן.

94

מיר זעען די מענטשן אין יאָך...

די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר ריכ־טיקע. ווייל נאָך דעם זעלביקן פאַרנאַכט פירט מען אונדז אַרויס פון דער „זאָנע״ און מיר קומען צו, נאָך אַ נישט לאַנגן מאַרש, צו אַ קליינער סטאַנציע, וווּ עס וואַרט שוין אויף אונדז אַ זייער לאַנגער עשאַלאָן. דאָס רוב וואַגאָנעס זענען אָפענע. בלויז פלאַטפאָרמעס פאַר משא צווישן יעדע עטלעכע וואַגאָנעס זענען פאַראַן „ווישקעס״ (וואַך־טורעמלעך) פאַר די „נ. ק. וו. ד.״־שומרים.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַן אָפענעם וואַגאָן, טאַקע נעבן אַ וואַך־טורעמל. מ׳איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין ענגשאַפט, צוגעטוליעט איי־נער צום אַנדערן. וועגן אויסציען זיך איז קיין רייד נישט געווען.

דער עשאַלאָן האָט גערירט שפּעט ביינאַכט. אַ שטיק צייט נאָכן „איינגרוזעווען״ דעם גאַנצן עולם. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. אַ סוף־אויגוסט־נאַכט אויפן צפון. די קעלט האָט נישט געלאָזט איינדרימלען. בין איך געזעסן מיט אָפענע אויגן צו דער נאַכט, צום קאַלטן אויסגע־שטערנטן הימל, און געטראַכט וואָס כ׳האָב געטראַכט. ביי די זייטן וועג האָבן וועלדער געפינצטערט. וואָס באַהאַלטן זיי אין זייער פינצטערניש, די וועלדער? מסתמא לאַגערן... פון הימל האָט אַראָפּגעקוקט דער „גרוי־סער בער״ אַזוי רואיק־פינקלדיק, אַזוי גלייכגילטיק־קאַלט, ווי תמיד, ווי אומעטום, גלייך ווי גאָרנישט געווען... גלייך ווי אים וואָלט גאָר קיין נפקא־מינה נישט געווען, וועמען און וווּ ער באַגלייט פון אויבן... ווער וועט עס דערציילן דער וועלט, וואָס מען טוט מיט לעבעדיקע מענטשן?

מענטשן מיט האַרץ און נשמה, אַרויסגעריסענע פֿון היימען, פֿון נאָענטע, אָן אַ „פּאַרוואָס" און אָן אַ „פֿאַרוועןְ"? — — — וווהין און צו וואָס פּירט מען די אַלע מענטשן און וואָס וועט פֿון זיי ווערן אין דער דאָזיקער פֿאַרוואָרפֿנקייט? — — —

איך פֿיבער און עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. פֿאַרוואָס פּייניקט אַזוי די נאַכטיקע קעלט? כאַטש אַביסעלע שלאָף! אַלץ האָט זיך פֿאַרלייגט קעגן אונדז אַלעמען דאָ אין עשאַלאָן... אַלץ וויל אונדז אומברענגען — — —

אין באַגינען איז נאָך קעלטער געוואָרן. דער הימל איז אַלץ בלייכער געוואָרן. די שטערן זענען אומבאַמערקט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. אַ ווינט האָט זיך פֿון ערגעץ אָפּגעריסן און דורכגענומען די ביינער אין די אָפֿענע וואַגאָנעס.

ערשט ווען די זון איז אַרויסגעשווומען פֿון הינטער די וועלדער איז געוואָרן אַביסל וואַרעמער.

דער עשאַלאָן פֿאָרט זייער פּאַוואָליע. מ׳זעט, ס׳איז אַ נייער „טאָר", פֿריש געמאַכט און פֿריש אויפֿגעשאָטן פֿון די זייטן, און מ׳קאָן נישט טרייבן די לאָקאָמאָטיוון מיט פֿיל אימפּעט.

עס האָט זיך שוין געשטעלט דער טאָג פֿון אַרבעט פֿאַר די „זע־קא" פֿון די אַלע אַרומיקע לאַגערן: אונטן אין דער נידער, לענגאויס דער אייזנבאַן, אַרבעט מען שוין ביים „נאַסיפּ". מען שיט־צו ערד, מען גלייכט־אויס די שפּועים, מען שלעפּט „באַסילקעס" שטיינער. מען מייסטרעוועט דאָ אומעטום.

— זוויטאַיציע, ראַדאַצי! (זייט געגריסט, לאַנדסלייט!), — דערהערט זיך פּלוצלונג פֿון אונטן.

— ווער זענט איר, פּאַנאָוויע? — פֿרעגט מען זיי פֿון אונדזער עשאַלאָן.

— יענצי (געפֿאַנגענע), — קומט אַן ענטפֿער.

ס׳ווערט אַ סענסאַציע. מענטשן פֿאַלן־צו צו די ראַנדן פֿון די וואַגאָנעס און מ׳וואַרפֿט מיט פֿראַזן אַרויף און אַראָפּ.

— פֿון וואַנען?

— ווו גענומען געפֿאַנגען?

— הינטער גראָדנע!

— פֿון ביאַליסטאָק!

— פון ראָווגע!

פאַראַן אויך יידן צווישן די געפאַנגענע פוילישע זעלנער און עס טראָגן זיך אויך איבעררופן אין מאַמע־לשון:

— פון וואַנען, יידן?

— פון וואַרשע!

— פון לעמבערג!

— ווי גייט עס אייך, יידן?

— מיר בויען פיתום און רעמסס...

— וווהין פירט אונדזער וועג?

— אין אמתן „גן־עדן"...

די „ב. ק. וו. ד.יסטן" אויף די וואַך־טורעמלעך האָבן זיך געריסן די העלדזער, געבייזערט זיך, פאַרוואָס מען רעדט זיך איבער; אָבער קיינער אין אונדזער עשאַלאָן איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. אַזוי לאַנג ווי אונטן זענען געווען די פוילישע געפאַנגענע, האָבן מיר זיך כסדר איבער־געשריען מיט זיי. דער צוג איז דאָך געגאַנגען פּאַמעלעך, די פוילישע זעלנער אונטן אין אַ זייער לאַנגער שורה, אונדזערע וואַגאָנעס אָפענע — נו, האָבן זיך די שומרים נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן צעשריגענעם עולם. מען האָט כסדר געפאָכעט מיט די הענט און זיך געגריסט:

— וויטאַיציע, ראָדאַצי!

— שלום עליכם, יידן!

— לשנה הבאה בני חורין!...

די פוילישע געפאַנגענע האָבן אַלע געטראָגן זייערע מיליטערישע מונדירן און האָבן געהאַט אַ מענטשלעך אויסזען. בלויז די פנימער זייע־רע זענען געווען פאַרחושכטע, אויסגעמאָגערטע. איין ייד פון אונטן האָט צו אונדז אַרויפגעשריען:

— יידן, וואַרפט־אַראָפּ אַ שטיקל ברויט!...

אַ גוטער סימן, ס'אַראַ „קעסט" זיי האָבן דאָ ביי דער שוועדער קאַ־טאָרגע...

דער עשאַלאָן איז אַריינגעפאָרן אין אַן אַנדער געביט, ווו עס האָבן געאַרבעט רוסן. דאַן איז אונדזער עשאַלאָן איינגעשטילט געוואָרן. דאָ זעט מען שוין פאַרשיידנקאָליריקע און פאַרשיידנטיפּיקע פּנימער: איירָאָפּעאיש־נאָרמאַלע און ברייט־קנאָכיקע, אַזיאַטישע, ווייסע און טונקל־ברוינע. פאָרשטייער פון אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען דאָס גרויסע, ברייטע רוס־

לאַנד. די דאָזיקע מענטשן האָבן געאַרבעט גלייכגילטיק, פּאַוואָליע, מיט זייערע רידלען ביים „באַסיפּ", גלייך ווי זיי וואָלטן שוין שלום געמאַכט מיט זייער ביטערן גורל: אַזוי, הייסט עס, דאַרף עס זיין און אַנדערש קאָן עס נישט זיין... זעלטן־ווער פון די רוסישע אַרעסטאַנטן האָט פאַר־ריסן דעם קאָפּ צו אונדזער עשאַלאָן; פאַר זיי, פאַר די רוסן, איז עס קיין נייעס נישט... ס'איז „טעגלעך ברויט"...

איך קוק זיך צו צו אָט־דעם פאָלק, צו די רוסישע געדולדיקע מענטשן — צו די מענטשן אין יאַך... אָט־די דאָזיקע קנעכט ברענגען עס די „דער־גרייכונגען" צווישן דער ווילדער נאַטור, צווישן די וויסטע וועלדער... אַזוי ווערן עס דורכגעשניטן די טייגעס און אויסגעלייגט די שטאָלענע וועגן... די „סעוור־זשעל־דאָר"... ווייס עס די וועלט? ווייס זי, ווער עס בויט, ווער עס שאַפט אין דעם גרויסן לאַנד, וואָס טונקט זיך כלומרשט אין פרייהייט־פּאַנען? — — —

אַ גאַנצן טאָג האָט מען היינט „פאַרגעסן" אונדז צו געבן שפּייז: נישט קיין ברויט, נישט קיין זופּקע, נישט אַפילו קיין וואַסער, הגם מען איז נישט איינמאָל פאַרבייגעפאָרן ברונעמער מיט פּלומפּן. די זאַטקייט פון קניאַז־פּאָגאָסט איז ביי אַלעמען פאַרשוווּנדן און עס האָט געגנאָגט און געפּלאָגט אַ שאַרפער הונגער.

מענטשן זענען אַרויס פון די כלים און האָבן געשריען צו די וואַך־בודקעס, וואָס דאָ און דאָרט צווישן די וואַגאָנעס:

— ברויט!

— וואַסער!

— וואַסער!

פון די וואַך־בודקעס קומט אַ גרילצנדיק קול:

— שריי נישט, בליאַד'!

— רייסט זיך נישט, מאַלפּעס!

פון איין וואַך־בודקע איז פּלוצלונג געקומען אַ קנאַל אין דער לופטן — אַ וואָרענונג, אַז מען זאָל זיך נישט צופיל פאַרגעסן...

דער עשאַלאָן האָט זיך אַזוי געשלענגלט נישט געאיילט, פּאַוואָליע צווישן די ווילדע וועלדער, דורכגעשניטענע פון לאַגער־„זאָנעס", געקראָכן פּאַמעלעך, ווי צולהכעיס די אַלע שרייערס... ער האָט צייט... די צווי לאָקאָמאָטיוון פון פאָרנט און פון הינטן האָבן געפּרייכט און געסאָפּעט

שווער, שלעפנדיק די לערך 50 וואַגאָנעס מיט פרישע קנעכט פאַר די טייגעס...

אַזוי אַ גאַנצינקן טאָג. די פאַרשמאַכטע נפשות אויף די אָפענע פּלאַטפאָרמעס זענען שוין געזעסן אַפּאַטיש און אויסגעשעפּט פון דער כסדרדיקער טרייסלעניש. אויך דער מוח איז באַפאַלן געוואָרן פון אַזאַ מידקייט, פון אַזאַ פאַרחלשטקייט. איין מחשבה נאָר האָט אויסגעפילט דעם קאָפּ: „כאָטש אַביסעלע שלאָף"...

פאַרנאַכט איז דער עשאַלאָן געבליבן שטיין פאַר אַ קליינער סטאַנציע — פאַר עפּעס אַ בודקע ביי אַ וואַלד.

— קריך אַרויס! — צעטראָגט זיך אַ קאָמאַנדע.

מען האָט זיך „אויסגעגרוזעוועט".

מ'האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ גרויסער „פּאָליאַנע" צווישן אַ וועלדער־ים. דער פאַרחלשטער עולם האָט זיך אויסגעלייגט אויפן גראָז, מידע און אויסגעצערטע פון וועג און פון נאָגנדיקן הונגער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַנאַנדערטיילונג פון די מענטשן אין פאַרשיידענע גרופּן, אַלץ לויט רשימות, לויט אַ צוגעגרייטן פּלאַן. יעדע גרופּע איז באַשטימט פאַר אַן אַנדער לאַגער. איטלעכע גרופּע איז געוואָרן אָפּגעטיילט אויף אַן אַנדער פּלאַץ און אַרומגערינגלט פון אַ באַזונדער שמירה. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרעסערער מחנה פון 600 מענטשן, דאָס רוב יידן, אפשר קוים אַ פופציק פּאָליאַקן.

אונדזער גרופּע ווערט איבערגעפירט אויף יענער זייט סטאַנציע, אויף עפּעס אַ וועג צווישן וועלדער. דאָ דערזעען מיר ווידער אַ שורה לאַסט־מאַשינען.

ווידער „געגרוזעוועט" ווי די גענדז, ווידער אַן ענגשאַפט, מיט די פּיס אונטער זיך — לויטן זעלבן סיסטעם ווי פון אוסטווים ביז קניאַזפּאָגאָסט. אַפּנים, אַז די לאַגערן „קלאַפּן" לויט איין שאַבלאָן...

דער קאַראַוואַן פון מאַשינען לאָזט זיך אין וועג אַריין. דאָ איז שוין דער וועג נישט אַזאַ צעלעכערטער. מסתמא פעלן דאָ נישט קיין הענט צו דער אַרבעט...

לאַנג זענען מיר איצט נישט געפאָרן: אַ קנאַפּע שעה לערך. אין דער טונקלקייט פון אָוונט האָבן געלויכטן גרעלע פייערן. מיר דערנענטערן זיך צו די פייערלעך: ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען נאַפט־טורעמלעך. אומעטום, רעכטס און לינקס, זענען דאָ און דאָרט צעזייט די דאָזיקע טור־

רעמלעך מיט זייערע פייערלעך אין דער נאַכט. דאָ איז אַ נאַפט־געביט.

— ווי רופט מען דאָס אָרט, גראַזשדאַנין? — וואַג איך צו פרעגן דעם שומר, וואָס שטייט הינטער מיר ביים ווענטל פון דער לאַסט־מאַשין.

— אוכטאַ... ווטאָראַי ניעפּטאָפּראָמיסל... (צווייטע נאַפט־אינדוס־טריע), — באַקום איך אַ קורצן ענטפער.

די גרעלע פייערן האָבן זיך געמערט. די מאַשינען האָבן זיך גע־שניטן אין די וועלדער אַריין, און פון אַלע זייטן, איבער דיביימער, האָבן געוווּנקען די פייערן פון די הויכע טורעמלעך. פון פאָרנט, אַנטקעגן אונדז, אין דער ריכטונג, וווהין מיר פאָרן, זענען די פייערן געוואָרן געדיכטער. ס׳האָט אין פלוג געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאָט, אַ שטאָט ביינאַכט פון דער ווייטנס.

די לאַסט־מאַשינען בלייבן לסוף שטיין.

— שוין? פרעג איך ווידער דעם שומר.

— מיר זענען אָנגעקומען.

דער סוף, הייסט עס, פון דער לאַנגער נסיעה. מיר זענען ביים „ציל"...

פון אַזאַ ווייטער נסיעה — און קיין נאָענטע וואַרטן נישט אָפּ... קיינער נישט געקומען מיט אַ קוש, מיט אַ טרער פון פרייד, וואָס גלאַנצט־אַרויס פון אויג...

(סוף פון באַנד איינס)

דאָס פוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראָקע**)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאָס־איירעס 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)
105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאַרעמט מיטן ווינט (**היסטאָרישער ראָמאַן**)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש
(פרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק 1956).
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאָס־איירעס 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאַוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) **פּנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון ביידע זייטן פלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) **בער י. ראָזען** — פּאָרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים ־ ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען...

עס דרוקט זיך און דערשײַנט בקרוב:

יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן

עס גרייט זיך צום דרוק:

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — זכרונות
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צײַטן (ראָמאַן)
פּנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 126

Copyright by
ABRAHAM ZAK, Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 11 de Octubre de 1956, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires

ABRAHAM ZAK

ESCLAVOS FUIMOS...

Tomo I

Obsequio para uso
particular sin val
comercial

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1956